STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10290

MASOES R' HAYIM

Henry Shoskes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר חיים שאַשקעס

☆

מסעות ר׳ חיים

☆

הויפּט-פֿאַרקויף ביי
ציק״אָ — ניו-יאָרק

ארויסגעגעבן דורך צבי יתום
ריא — בראזיל

****

התשי"ז — 1957

אינהאַלט:

ערשטע טייל:

דורך לענדער און קאָנטינענטן

אמעריקאנער קאָנטינענט:

א באזוך ביי די יידן אין קאָסטא־ריקא 17
דער עלטסטער יידישער בית עולם אין דער נייער וועלט 25
א רייזע איבער ווילדע געגנטן אין זיד־אמעריקע 35
א פארוואָגלטער ייד אין קאָלאָמביעס מדבר 43
א באזוך אין פאַלאַץ פון דער אמאָליקער אינקוויזיציע 51
צווישן מאראקאנער יידן אין ווענעזועלא 61
באגעגענישן מיט אינטערעסאנטע יידן אין ווענעזועלא 69
שטורמישע קאריערע פון אונגארישן ייד אין לאטיין־אמעריקע 79
א באזוך ביי יידן אין קאראקאס 85
א שעה מיט יידן וואס לערנען גמרא אין פערו 93
א נאכט ביי א געהיימער סעקטע אין בראזיל 101
ווילנער יידיש מיידל — צירק־טענצערין אין בראזיל 109
ביאליסטאָקער ייד — „שלאנגען־קעניג" אין בראזיל 119
שווארצע פרינצעסן פון אפריקע — פרוי פון יידישן „שלאנגען־קעניג"
אין בראזיל 129
אינדוסטריעס וואס יידן האָבן געבויט אין מעקסיקע 139
ספאָרט־פאלאץ — שטאָלץ פון יידן אין מעקסיקע 145
באזוך ביי יידישע אינדיאנער אין מעקסיקע 153

אפריקאַנער קאָנטינענט

בײַ די ייִדן אין שפּאַניש מאַראָקאָ 161
באַגעגעניש מיט אַ ייִדישן אַנטיקן־זאַמלער אין קאַסאַבלאַנקאַ 169
באַזוך בײַ ייִדן אין טאַנזשיר 177
אויף אַ שמחה אין ליבעריאַ 185
בײַ ייִדן אין ליבעריאַ 193
אין די ווילדעניש פון בעלגישער קאָנגאָ 201
אין אָגאַ כאַן'ס הויפּט שטאָט 209
אַ כּישוף דאָקטאָר אין ניגעריאַ 219
אין די דימענטן־גרובן אין דער בעלגישער קאָנגאָ 229
בײַ ייִדן אין דאַקאַר 237
מיט ייִדן אין איצטיקן עגיפּטן 245
אין רמב"ם'ס שול אין קאַירע 253

מיטל־מזרח

אַ ייִדישער פּאַשאַ אין באַגדאַד 259
שקלאַפן פאַר סאודי־אַראַביע 269
באַגעגענישן מיט ייִדן פון לבנון 277
ציפּערן, אין פּאָליטישן שטורם 291

אינדיע

באַגעגעניש מיט גאַנדי'ס זון 299

אייראָפּע

אײַנדרוקן פון טאָלעדאָ 307

צווייטע טייל:

פון קרעמל ביז די פּיראַמידן

יידישע טראַגעדיעס אין רוסלאַנד וואָס איך קאָן ניט פאַרגעסן 319
מיין באַגעגעניש מיט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש 327
מיינע באַגעגענישן מיט באַפרייטע יידישע שרייבער אין מאָסקווע 337
באַרימטער סאָוועטישער שרייבער וואָס שלאָגט זיך „על חטא" 351
געהיימער פּראָצעס פון יידישע פירער אין מאָסקווע 361
פּרץ מאַרקישס ליד וואָס פאַרדאַמט מאָרד פון ש. מיכאָעלסן 371
יידישע שול אין קאַירא איז איצט א טורמע פאַר עגיפּטישע יידן 379
א באַגעגעניש מיט פירער פון עגיפּטישן יידנטום 387
ווי נאַסער פירט דורך זיין פּלאַן אויסצובאַטן די יידן 397
א באַגעגעניש מיט עגיפּטישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער 405
יידישער שונא־ציון אַטאַקירט אין עגיפּטישער פּרעסע 413

אַרײַנפֿיר

אין משך פון די זיבן חדשים, אויגוסט 1956 — פעברואַר 1957, האָב איך דורכגעמאַכט אַ רייזע אין צוויי לענדער וואָס געפינען זיך אין סאַמע „פּאָקוס" פון דער וועלט-פּאָליטיק און יידישע אינטערעסן.

קיין רוסלאַנד בין איך געפאָרן אָן שום פאָראורטיילן. אדרבה: טיף אין מיין האַרצן האָב איך באַהאַלטן די ליבע און סענטימענטן צום גרויסן לאַנד און מערקווירדיקן פאָלק, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע יוגנט-יאָרן און איינגעזאַפּט אין זיך זיין קולטור, ליטעראַטור און קונסט וואָס דינען מיר נאָך עד היום ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פון וועלכן איך שעפּ אַ טייל פון מיין גייסטיקן שפּייז.

אָבער בעת דער איצטיקער רייזע איבערן ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך פאַר מיינע אויגן נאָך בולטער אַנטפּלעקט די פּאַנאָראַמע פון אַ לעבן אונטער אַן אַבסאָלוטער דיקטאַטור, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ צוים אויף די מיילער און מוחות פון צווייהונדערט מיליאָן מענטשן, — אַ צוים

וואָס איז איצט נאָך ווירקזאַמער ווי אַפילו אין די יאָרן פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט.

אַ גרויסער טעכנישער פּראָגרעס איז דער־גרייכט געוואָרן. אָבער פאַר אונדז, ביי וועלכע די אינדיווידועלע פרייהייט איז די העכסטע טוגנט, קאָן ניט דער ריזיקער מעכאַנישער „ראָבאָט" וועלכער ווערט דיריגירט דורך דער גרופּע זעלבסטהערשער פון קרעמל, — פאַרבייטן דעם נאַטירלעכן דראַנג פון יחיד זיך אויסצולעבן פריי, אָן קייטן אויפן געדאַנק, אָן אַ שלאָס אויפן מויל, אָן שטענדיקן פחד פאַר תפיסות און עק־זעקוציעס אַלס שטראָף פאַר אַנדערש דענקען.

און נאָכמער איז מיר קלאָר געוואָרן בעת דערדאָזיקער רייזע, די טראַגעדיע פון מיין פאָלק — די קרוב דריי מיליאָן יידן וואָס וווינען אין ראַטנפאַרבאַנד — ביי וועלכע מען האָט צו־גערויבט זיין רעכט צו שאַפן און זיך אויסלעבן אין דער יידישער און העברעישער שפּראַך, פאַרבאָטנדיק אים צו באַנוצן זיין אלף־בית — אַ זאַך וואָס אַפילו די צאַרן האָבן ניט געוואַגט גוזר צו זיין.

אויך די פיזישע פאַרניכטונג פון די יידישע שרייבער און קולטור־טוער האָט מיך פאַרפאָלגט בעת מיינע באַגעגענישן מיט דער קליינער גרופּע לעבנסגעבליבענע דיכטער וועלכע זיינען צו־ריקגעקומען פון לאַנגיעריקער תפיסה און ביי וועלכע דער שלאָס הענגט נאָך אַלץ אויפן מויל.

האָב איך דעריבער באַשריבן אויפריכטיק דאָס וואָס כ'האָב געזען; האָב איך דעריבער זיך דערלויבט אויך א הויכן קרעכץ צו טאָן אויפן עלנט פון מיין פאָלק....

די רייזע איז געווען פאַרבונדן מיט געוויסע סכנות, אומפאַרמיידלעכע אין אַ דיקטאַטור־רעזשים, אָבער דאָך קאָן איך זאָגן אַז אין די

ראַמען פון אָנגעצייכנטן „אינטוריסט"-מאַרש-רוט, האָב איך זיך באַוועגט פאַרהעלטענישמעסיק פריי.

* * *

פיל געפערלעכער איז געווען די רייזע מיינע אַלס יידישער זשורנאַליסט איבער עגיפּטן, — דאָס לאַנד פון אַ קליינעם דיקטאַטאָר מיט גרויסע אַפּעטיטן.

דאָ האָב איך געזען דעם פּיין און די ליידן פון מיינע ברידער וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ.

דאָ האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט דער פּראָצעס פון אַ „יציאת-מצרים" אָבער ליידער אָן אַ „משה רבינו" וועלכער זאָל מיט די יידן אָנפירן.

אויך די „עשרה מכות" פאַר די אונטער-דריקער, האָבן זיך דאָסמאָל פאַרשפּעטיקט; אָבער, ווי אונדזער געשיכטע לערנט אונדז, — וועלן זיי אומפאַרמיידלעך פאַלן אויף די קעפּ פון די אַלע פרעה'ס און המנ'ס **„אשר אָכלו את יעקב ונוהו השמו"** (וואָס האָבן יעקבן אויפגעגעסן און זיין היים פאַרוויסטעט).

לאָמיר האָפן אַז אַ צווייטער בוך וועגן אַ נייער רייזע **„פון קרעמל ביז די פּיראַמידן"**, וועט במהרה בימינו, ברענגען פריילעכערע ידיעות וועגן לעבן פון אונדזערע ברידער אין דיזאַזיקע לענ-דער, — ווי די ידיעות וואָס זיינען פאַרצייכנט אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך.

דער מחבר

ערשטע טייל:

דורך לענדער
און
קאָנטינענטן

אמעריקאנער קאָנטינענט

אַ באַזוך ביי די יידן אין קאָסטאַ־ריקאַ

עס איז איינגאַנצן עפּעס מער ווי אַ שעה־פלי פון פּאַנאַמאַ ביז סאַן־כאָזע, די הויפּט שטאָט פון דער רעפּובליק קאָסטאַ־ריקאַ, — אָבער וואָס פאַראַ אונטערשייד אין קלימאַט, באַפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל און קולטור!

סאַן כאָזע ליגט צווישן בערג אויף אַ הויך פון פיר טויזנט פוס און האָט דעריבער אַ שטאַנדהאַפטן, געזונטן קלימאַט, אַ פרילינגס־וועטער דורכן גאַנצן יאָר.

דאָס לאַנד פאַרמאָגט נישט קיין גאַנצן מיליאָן איינוווינער כאָטש זי איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ישראל. אָבער אַזוי ווי אין ישראל איז אויך דאָ די באַפעלקערונג קאָנצענטרירט אין אַ קליינעם טייל לאַנד אויף אַ שטח פון דריי טויזנט פינף הונדערט קוואַדראַט מייל, איבערלאָזנדיק גאַנצע צוואַנציק טויזנט מייל, — אַלאַ נגב, — זייער שיטער באַוווינט. די מענטשן דאָ, פאַרמאָגן אין זייערע אָדערן מער שפּאַניש בלוט, ווי אין יעדער אַנדערע צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליק, און דאָס זעט זיך גלייך אַרויס פון די אָליוו־ווייסע געזיכטער, גלאַנצנדיקע אויגן, שוואַרצע קליידונג, — דורך דער שלאַנקייט פון די מענער און צניעותדיקער שטיפערישקייט פון די פרויען, — דורך די קלויסטערס אין פרומקייט און ווייריך איינגעהילט.

און מיינע יידן געפין איך דאָ, — אַרום טויזנט נפשות. איינגאַנצן מיט איין דור צוריק זענען זיי געקומען פון די שטעט און שטעטלעך אין אַמאָליקן פּוילן, — מערסטנטיילס פון שעדלעצער, לאָמזשער און ביאַליסטאָקער קרייזן. אַ ביסל פון גאַליציע.

שוין איייניקע יאָר בין איך דאָ ניט געוועזן און רעגיסטריר דעריבער מיט אינטערעס די ענדערונג: דער ישוב סטאַביליזירט זיך, ווערט בעלהבתיש סטאַטעטשנע. נישטאָ מער דער איינדרוק פון צופעליקן קליינשטעטלדיקן „אויפגעלאָף”, וועלכן איך האָב דאָ געפונען מיט אַ יאָר צען צוריק. דעמאָלט האָט זיך מיר געדוכט, אַז די יידן האַלטן זייער זיין אין קאָסטאַ־ריקאַ ווי אַ צייטווייליקן איבערנעכטיקן אין איינער פון זייערע „אכסניות”, אַז פונדאַנען וועט מען זיך שנעל אַריבערפּעקלען קיין ניו־יאָרק, קיין ארץ־ישראל.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די געשעפטן גייען נישט שלעכט, אַז מען פאַרדינט לייכט אויף פּרנסה און מען שפּאָרט זאָגאַר אָפּ אַ פּאָר דאָלאַר. האָט יעדער ביי זיך באַשלאָסן, אַז אָט־דאָ בלייבט ער. ביז... די שעה זאָל נישט זיין

אויב אַנטיסעמיטישע וואָלקנס וועלן זיך ווידער זאַמלען אויף די הימלען, — ווי דאָס האָט זיך שוין איי־ניקע מאָל פּאַרלאָפן, ווען אָרטיקע שונאים־קאָנקורענטן האָבן גאַנץ גאָענט געהאַלטן ביים איינפירן גזועצלעכע באַגרענעצונגען קעגן „אויס־לענדער", וואָס ברענגען אימפּאָרטירטע סחורות. און כמעט אַלע יידן האַנדלען דאָך מיט טעקסטיל־אַרטיקלען (שמאַטעס בלע״ז). פלעגט מען „אַפּשרייען" די גזירות, הויפּטזעכלעך מיט דער הילף פון יידישן וועלטקאָנגרעס. און ס'גייט ווייטער אַ גאַנג: אויף דער הויפּט־גאַס, — די אַוועגידאַ סענטראַל, — און אויף די זייטיקע גאַסן אַרום מאַרק און אַרום פּאָסט־אַפּיס נעסטן זיך איינער לעבן צווייטן, די יידישע קראָמען, די יידישע קרעמער. און — די שונאים אויף צעפּיקעניש, — קען מען שוין אָנציילן מער ווי דעם „הונדערטסטן קרעמער אין גאַס", — ווי ס'זינגט זיך אין באַקאַנטן לידל. פאַראַן קראָמען גרויסע, מאָדערנע, רייכע; פאַראַן אויך פּיטשינקע, אָפּגעלאָזענע, אָרעמע. פאַראַן קאָנקורענץ, קנאה־שנאה. פאַראַן מחלוקת אַרום קהל־שע ענינים. אָבער אַז ס'האַלט ביי „גזירה" — פאַראייניקן זיך שנעל אַלע בעלי־בתים, און אויך צו „הזכרת־נשמות" קומען אַלע יידן... אַזוי איז דאָס געווען אין שעדלעץ, לוקאָוו, אָסטראָוועצ און טלוסטע און אַזוי איז דאָס אויך אין נייעם „גלות" קאָסטאַ־ריקאַ.

און איך ווייס דאָס פון אייגענער דערפאַרונג, ווייל דעם לעצטן טאָג פּסח האָב איך פאַרבראַכט אין סאַן־כאָזע, געדאַווענט מיט די יידן אין זייער שול און צוזאַמען מיט זיי דערמאָנט די טאַטעס, די מאַמעס, די שטענדיקע ליבטיקע שאָטנס אויפן בית־עולם פון אונדזער האַ״ץ, — וואָס לויט דער מסורה קומען זיי זיך צוהערן צו דער דירענדער אינטימער תפילה „יזכור אלהים"...

אמת, די נשמות דאַרפן דורכמאַכן אַ לאַנגן וועג פון יענער צעשטערטע „היים פון אונזער וויג" אין מזרח־אייראָפּע ביז דעם רויכנדיקן וואָלקאַן טיראַזו אין קאָסטאַ־ריקאַ, — אָבער ס'האָט זיך זיי געלוינט: זיי האָבן געהערט יידן קרעכצן און וויינען, זיי האָבן געזען די אַלטע חסידישע יאַרמעלקעס אויף די קעפּ פון אייניקע פרומע יידן אין גאַרטלען, אין אַביסל פאַרשמאַלצענע וואָלענע טליתים. און אפשר טאַקע האָבן די יאַרמעלקעס, די גאַרטלען און טליתים געהערט צו די טאַטעס, וועמענס שמות פלאַטערן איצט אַרום צווישן די געדיכטע רייען פון די דאַוונער אין דער הילצערנער שול נישט ווייט פון וואָלקאַנען און פון ביידע אָקעאַנען. און מסתם האָבן זיי אויך נחת געהאַט צו הערן, אַז נישט קוקנדיק אויף די עקזאָטישע ווייטע מרחקים האַלט דער ראש־הקהל שלמה שיפטער (אַמאָל פון שטעטל טלוסטע אין גאַליציע) אַ רעדע, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום ווערט געלייגט דער גרונטשטיין פאַר דער געביידע פון אַ נייעם קהילה־צענטער און אַ שול און כאָטש דער כבוד פון לייגן דעם גרונט־שטיין געהערט אים אַלס הויפּט פון דער קהילה, — זאָגט ער זיך פונדעסטוועגן אָפּ פון דעם, אויב אַן אַנדער מיטגליד פון ישוב וועט פאַרן כבוד געבן אַ צוגעזאָגטע נדבה, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ שיינע פּאָר טויזנט דאָלאַר.

צווישן עולם דאַוונער איז אויך געווען מיין אַלטער גוטער פריינד דר. משה מערקין, — דער פאַרזיצער פון ארגענטינער ליטעראַטן פאַריין און דעלעגאַט פון וועלט־„אָרט״. ווען ס׳פאַרבלאָנדזשעט אין א פאַרוואָרפן לענדל אַזאַ מין אורח, גיט אַ בלאָז מיט יידיש קולטור, מיט אַ לעקציע וועגן י. ל. פרץ, מיט אַ רעדע אויף אַ געטאָ־אויפשטאַנד אָוונט. מיך האָט מען געוואָלט מכבד זיין מיט עפּעס „אפשר נאָך העכער״, מיטן דאַוונען דעם יום־טובדיקן מוסף. האָב איך אָבער מיט „חכמה״ און באַצייטנס זיך ארויסגערוקט פון עסק; דער שטענדיקער בעל־תפילה האָט דעם דאַזיקן „דזשאָב״ געמאַכט מיט מער טאַלאַנט און מיט אַ בעסערער שטימע. איין גוטע מידה האָבן יאָ די קאָסטאַ־ריקער יידן: זיי שטופּן זיך נישט צו דער מזרח־וואַנט. דאָס האָב איך אויסגעפונען, ווען איך האָב דערזען די גרופּע קהילה־פירער און גבירים זיצנדיק אין „מערב״־ווינקל פון דער שול. כאָטש מיך האָט מען יאָ „פאַרנאַרט״ נעבן „ארון קודש״ און געלאָזן אין דער חשובער שכנותשאַפט מיטן יונגן פריינד מיינעם, דעם שוחט און משכיל, צבי זעליקאָוויטש.

און אַ מאָדנעם געפיל האָב איך געהאַט, ווען דער מענטש וואָס איז ארויפגעגאַנגען אויף דער בימה מיך צו באַגריסן איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער געוועזענער מיליטערישער רב אין דער פוילישער ארמיי אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, מיידזשאָר העשל קלעפּפיש, פון די אמתע, פון די וואַרשעווער.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אין פּאַריז שוין בעת דער דייטשער אינוואַזיע, ווען היטלערס האָרדעס האָבן דורכגעבראָכן דעם פראָנט. פיל טויזנטער יונגע לייט — צווישן זיי אויך מיין אייגענער זון — האָבן דאַן געדינט אין די פוילישע דיוויזיעס און טשאַפּלין קלעפּפיש איז געווען פאַר זיי אַ טאַטע און אַ מנהיג. שפּעטער האָט דאָס זיך ווידערהאָלט אין ענגלאַנד, ווען די פאַרוואָגלטע יידיש־פּוילישע סאָלדאַטן האָבן געזוכט און געפונען אַן עצה און אַ טרייסט ביי אַזעלכע אָנערקענטע פירער, וואָס זענען מיט זיי דאַן געווען אין גלות, ווי דר. יצחק שווארצבאַרד, א. זיגעלבוים און דערזעלבער העשל קלעפּפיש.

און מאָדנע געדרייט זענען די וועגן פון דער איצטיקער יידישער ווירקלעכקייט: טשאַפּלין קלעפּפיש איז געקומען פון לאָנדאָן זיך זען מיט זיינער אַ שוועסטער. האָבן די קאָסטאַ־ריקער יידן אויסגעפונען אַז ער מוז שוין בלייבן מיט זיי, אַז סיי די קליינע, סיי די גרויסע קינדער האָבן נישט קיין חינוך און מוזן באַקומען אַ סיסטעמאַטישע יידישע דערציונג און — קלעפּפיש איז געבליבן.

איך האָב אים נאָך דעם זעלבן אָוונט געזען לערנענדיק אין די גערוימע זאַלן פון קלוב מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע פון די העכערע היי־סקול קלאַסן און זיך איבערצייגט, אַז ניט קוקנדיק אויף דער קורצער צייט, וואָס ער איז דאָ איז שוין פיל אויפגעטאָן געוואָרן אין זין פון פאַרשפּרייטן יידישקייט.

פון דעם פּלאַץ, ווו איך שטיי אויף דער בימה און רעד, בין איך נישט נאָר מזכיר די נשמות פון די מענטשן, וואָס זענען אוועק, נאָר אויך פון די שטעט און שטעטלעך, צו וועלכע זיי האָבן געהערט און וועלכע וועלן אויפ־געלעבט אין מיין זכרון, ווען איך קוק אויף געזיכטער פון אָנגעשטרענגטן עולם. „איך זע זיי אַלע פאַר די אויגן דורך אַ שוואַרצן טיול פאַרצויגן״...

אָט איז ה. רייפער פון אָסטראָווצע איינגעוויקלט אין טלית מיט דער עטרה... ער שאָקלט זיך, ווי פאַרגאַנגען אין אַ ווייטן צער: זיין רבי, זיין דביקותדיקע קהילה פון פייערדיקע חסידים איז שוין מער נישטאָ. די איבערגעבליבענע בויען אָן „אָסטראָווצע של מעלה״, — מיטן רבינס גייסט באַהויכט, — אין טאָראָנטאָ, אין ריאָ, אין סאַן־כאָזע. יעדער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ ניצוץ פון יענע באַרגיקע גאַסן, פון יענע קלויזן און איז — מזכיר די נשמות.

און אָט איז מענדל שטיינבערג פון שעדלעץ און די טייטלבוימס, מאַטעס און אברהם, — פון לוקאָוו. מעג זייער לעבן דאָ זיין וואָכעדיק אין געיעג נאָך פּרנסה, — אָבער איצט, ווען מען דערמאָנט יענע „אשר נהרגו״, ושנשרפו, ושנשחטו, — שווימען אַרויס די שאָטנס פון די גוטגלאָסעס, די אַרזשעלס, דער האַרבאַטער חכם מאַלין, די קוויאַטעקס, די באַרנשטיינס און פיל־פיל אַנדערע אין יענע שטעט, אין יענער צייט און אין יענעם דור, — אין לעצטן דור, — וועלכן מיר האָבן דאָרט געקענט און — דערמאָנען און געדענקען.

און טרערן בלישטשען אין די אויגן פון מיין טיכטיקן פריינד נאָך פון די וואַרשעווער צייטן, — לעאָן גיבערשטיין. ער איז דאָך אַליין דורכגעגאַנגען דעם היטלער־גיהנום, זיך געראַטעוועט און בויט ווידער זיין נעסט אין ווייטן קאָסטאַ־ריקאַ, צוזאַמענגעקוועטשט מיט דער דאָזיקער עדה יידן, — ברעקלעך פון אַמאָ־ליקן פּוילן, — אַלס רעזולטאַט פון היסטאָרישן ספּאַזם, וועלכער האָט זיי דאָ איבער די ימים און וואולקאַנען אַריבערגעוואָרפן.

צו דער יום־טוב סעודה גיי איך מיט אַלס אורח מיט דעם טרייען לאַנדסמאַן מיינעם, נ. קאָזיאָל פון ביאַליסטאָק. ער איז נאָך אַלץ דערזעלבער טראַדיציאָנעלער פּועל־צדק, ווי ער וואָלט נאָר וואָס פאַרלאָזן דעם שניידערישן בית־מדרש אין דער אַלטער היים. זיין קראָם און וואַרשטאַט זענען שבת געשלאָסן, זיין פאַמיליע ביזן דריטן דור איינגעשלאָסן, רעדן יידיש, — און זיין אייניקל לערנט אין אַ ניו־יאָרקער באַרימטער ישיבה. אַ בוים וואַקסט אין סאַן־כאָזע, — אַ ביאַליסטאָ־קער בוים איבערגעפלאַנצט אין צענטראַל אַמעריקע, און זיינע צווייגן, בלעטער, פּירות האָבן נאָך אַלץ דעם זעלבן אויסזען און געשמאַק, ווי די ביימער נעבן „שטאָט־זייגער״ אין מיין אַלטער היים. וואונדערט זיך נישט דעריבער, וואָס דורך די פיש, די צימעס, די כרעמזלעך און קנײדלעך באַווייזן זיך שאָטנס פון די יום־טובדיקע טישן אין טאַטע־מאַמעס שטוב.

* * *

דאָרטן אונטן, ווו עס ענדיקן זיך די ציכטיקע הויפּט־גאַסן, ווייט הינטער דער אָפּערא־הויז, די מאָדערנע געשעפטן און האָטעלן, — שטייט אין א ווינקל אַן איין־שטאָקיקע געביידע אָן באַלקאָנען און אָן קאָלאָנעס, מיט פענצטער איבער־ן טראָטואַר, — א באַשיידענע הויז, וועלכע פּאַסט פאַר א מיטל־פאַרמעג־לעכן בעל־הבתישן קרעמער.

דאָרט וווינט און האָט זיינע אָפיסעס דער פּרעזידענט פון דער קאָסטאַ־ריקער רעפּובליק.

בעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין קאָסטאַ־ריקאַ האָב איך וויזיטירט די פּרעזידענטן פּיקאַדאָ (איצט אין גלות אין ניקאַראַגואַ) און אָטיליאָ אולאַטע (ווידער געוואָרן א זשורנאַליסט).

איצט זיצט אין באַשיידענעם פּאַלאַץ דאָן כאָזע פיגערעז, א ליבעראַל און א ציון־פריינט. אין זיינע לעקציעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין די פאַריייניקטע שטאַטן האָט ער זיך געטיילט מיט פיל טויזנטער צוהערער וועגן זיינע איינ־דרוקן בעת די רייזעס אין ארץ ישראל און אַראַבישע לענדער.

און עס איז גוט צו האָבן אַט אַזא פּרעזידענט אין א לאַנד, ווו נישט איינ־מאָל האָט די ערד געציטערט אונטער די פיס און די ווולקאַנען האָבן מיט פייער געשפּריצט... איך מיין ביידע זאַכן טאַקע פאַקטיש און סימבאָליש. ווי שוין דערמאָנט, איז דער יידישער ישוב בעת די פריערדיקע רעזשימען נישט איינמאָל געשטאַנען אונטער געפאַרן.

איצט האָבן די אַנטיסעמיטן ניט קיין גוט פעלד פאַר זייער אַרבעט, — מוזן זיי רואיק זיצן. און אויך די יידן ברוך־השם זיצן איצט רואיק.

גראָד הערשט די טעג, אַן אָנגעשטרענגטע באַציונג צווישן דעם פּרעזידענט גענעראַל סאַמאָזאַ פון ניקאַראַגואַ און דער שכנות׳דיקער קאָסטאַ־ריקאַ: סאַמאָזאַ באַשולדיקט זיין שכן, אַז פון דאַנען שיקט מען מערדער און געוואָרער אים צו טויטן און זיין רעזשים צו פאַרניכטן. ס׳ווייזט טאַקע אויס, אַז אויף די רעוואָל־ווערן און ביקסן, וועלכע מען האָט געפונען ביי די געכאַפּטע אויפשטענדלער אין ניקאַראַגואַ, זיינען געווען שטעמפּלען פון קאָסטאַ־ריקער געשעפטן.

זיץ איך אין באַשיידענעם קאַבינעט פון רעפּובליק פּרעזידענט כאָזע פיגע־רעז (אַלץ מוז זיין באַשיידן אין א מלוכה, וועמענס בודזשעט באַטרעפט אפילו נישט קיין דרייסיק מיליאָן דאָלאַר א יאָר), און שמועס מיט דעם יונגן און פּראָפעסאָריש־אויסזעענדיקן מלוכה־הויפּט וועגן די באַציונגען מיט ניקאַראַגואַ. הער איך פאָלגנדע אינטערעסאַנטע מיינונג:

„מיין שכן דער דיקטאַטאָר קען נישט פאַרשטיין, אַז אין א פרייער מלוכה, ווי אונדזערע קענען מיר נישט אַרעסטירן יעדן, וואָס קריטיקירט א פּרעזידענט.

אויב מען מעג מיך אַליין עפנטלעך זידלען, פאַרוואָס זאָל איך הייסן ארעסטירן די יעניקע, וואָס אַטאַקירן מיין שכן, דעם ניקאַראַגוער פּרעזידענט? און רעוואָל־ווערן ווערן אויך פאַרקויפט אין אונדזערע קראָמען און דער פאַרקויפער ווייס דאָך נישט, ווו זיי ווערן אָוועקגעפירט. מיר ווילן אַ רואיקע אַטמאָספער ביי אונדזער שכן אָבער צוליב דעם קען איך דאָך נישט פאַרוואַנדלען מיין אייגן לאַנד אין אַ דיקטאַטור"...

„איך וועגד אָן אַלע מיינע כוחות, אַז דאָס ביסל יידן אין מיין לאַנד זאָלן זיך אַנטוויקלען אין אַ פּראָספּערירנדער געמיינדע.

קאָסטאַ־ריקא איז זייער קליין, — קיין סך נייע יידישע אימיגראַנטן האָבן דאָ נישט קיין פּלאַץ פאַר זיך. נישט לאַנג האָב איך באַקומען אַ ווענדונג פון אַ יידי־שער אָרגאַניזאַציע (געמיינט: די „פריילאַנד־ליגע" ח. ש.) איך זאָל באַטראַכטן זייער פּראָיעקט וועגן אַ קאָמפּאַקטן יידישן טעריטאָריעלן ישוב אין אַ געוויסן טייל פון אונדזער לאַנד. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין גענוי באַקאַנט מיט די ישראל־פּראָבלעמען און אויך מיט דער אַלוועלטלעך־יידישע לאַגע.

„נו, זאָגט אַליין: איז דער פאַראַן אַ פּלאַץ אין קליינעם מאָנאָליט־קאַטוילישן קאָסטאַ־ריקא פאַר אַ פרעמד שפּראַכיקן, פרעמד־ראַסיקן טעריטאָריאַלן נייעם ישוב? איך דערוואַרט די מיינונג וועגן דאָזיקן פאָרשלאָג פון די פירער פון דער יידישער קהילה אין קאָסטאַ־ריקא, ווען איך האָב איבערגעגעבן אַלע איינצל־הייטן, וואָס זענען מיר פאָרגעשטעלט געוואָרן".

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב צוליבן שטאַנדפּונקט פון יידישער לאָיאַלי־טעט, מיין מיינונג וועגן אַ טעריטאָריע אין קאָסטאַ־ריקא ניט ארויסגעזאָגט פּערזענלעך צום פּרעזידענט; זאָל ער בעסער באַקומען די תשובה פון קהילה.

שפּעטער, האָבן מיר די געמיינדע פירער מיטגעטיילט, אַז וועגן דער דאָזי־קער העכסט „קיצלדיקער" פּראָבלעם געפינען זיי זיך אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די העכסטע אינסטאַנצן פון וועלט־יידנטום, — האַלט איך דעריבער פאַר פּריי־צייטיק די דאָזיקע „נייע טעריטאָריעלע פּראָבע" צו דעבאַטירן אין דער עפנט־לעכקייט.

יאָ, איך האָב דאָס־מאָל געהאַט נחת צו זען, ווי דער יונגער ישוב אין קאָסטאַ־ריקא שפּרייט פאַנאַנדער זיינע פליגל, צו זען אין די הענט פון אַרטיקן אַרכיטעקט, אברהם מעלצער, דעם אַמביציעזן פּלאַן פון אויפבויען נייע געביי־דעם פון אַ סינאַגאָגע, אַ ספּאָרט־פּלאַץ, אַ שולע אין איינער פון די שענסטע געגנטן פון סאַן־כאָזע. כ'בין אויך געווען אויף דער קהילה־זיצונג ווו די דאָזיקע פּלענער ווערן פאַרווירקלעכט.

אַ בוים וואַקסט אין אַ קליין לענדעלע אין צענטראַל־אַמעריקע, אַ יידיש בוים אין שאָטן פון די וואולקאַנען טיראַזו און טורריאַלבאַ, דאָרט ווו עס גייען אויס די לעצטע ווילדע אינדיאַנער די טאַלאַמאַנקאַס און בריבים.

דער עלטסטער יידישער בית עולם
אין דער נייער וועלט

ווען די שטיינער, די מצבות אויף אַן אַלטן בית עולם וואָלטן געקאָנט רעדן, וואָלטן זיי דערציילט פאַרכאַפּנדע געשיכטעלעך, שטוינענדע מעשהלעך פון אַמאָל...

דוכט זיך אַ קאַלטער אָפּגעריבענער שטיין מיטן רעזיגנאַציע ווונטש פון אייביקער רו, אויסגעקריצט אין די אותיות תנצב"ה; דוכט זיך אַ פּראָזאַישער נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן מאַן אָדער פרוי, באַגראָבן אונטער דעם שטיין מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אָבער לייענט דעם אויפשריפט, לייענט די קריצונגען אויף די שכנות'דיקע שטיינער, וועט זיך עפענען פאַר אייך אַן אַלטער געשיכטע־בוך. אַזוי לעבעדיק און שפּאַנענד, ווי אַ מאָדערנער ראָמאַן.

דאָס שפּאַציר איך איצט צווישן די מצבות אויף דעם עלטסטן יידישן בית־עולם אין די אַמעריקעס, צווישן די מער ווי צוויי טויזנט קברים מיט אויפשריפטן אין פּאָרטוגעזיש, העברעיש, האָלענדיש, שפּאַניש און ענגליש, דאָס איז דער באַרימטער „בית־החיים" אויפן אינדזל קוראַסאַאָ, אין די האָלענדישע וועסט־אינדיעס.

איך בין שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל מיט אַ באַזוך. דעם ערשטן מאָל האָב איך באַוווּנדערט די באַוועגונג פון די מענטשן איבער די מאָלערישע שמאָלע געסלעך פון ווילמסטאַד, (די הויפּט־שטאָט פון אינדזל קוראַסאַאָ), די שפּיציק־דאַכיקע הייזלעך, וועלכע זיינען אַזוי לעבעדיקערהייט דאָ אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון ווייטן אַמסטערדאַם, דעם מיטלאַלטערלעכן שלאָס, ווו איך האָב דאָ באַזוכט דעם גאָווערנאָר, דעם פאָרשטייער פון דער קעניגין ווילהעלמינא, דעם פּאָנטאָן־בריק, וועלכער רוקט זיך אָפּ יעדע פּאָר שעה אונטער די אומעטיקע קלאַנגען פון אַ טרומפּייט, כדי דורכצולאָזן שיפן...

אָבער בעת'ן איצטיקן באַזוך הויב איך אָן מיין עקסקורסיע פון אַ שפּאַציר דורך די מצבות, באַגלייט דורכ'ן ראַביי ישורון קאָרדאָזא, וואָס איז דאָך אַליין דער לעבעדיקער אור־אייניקל פון יענע יידן, וועלכע זיינען געלאָפן פון אַלערליי אינקוויזיציעס כדי צו געפינען אַ שוץ אונטער דער ליבעראַלער הערשאַפט פון דער האָלענדישער קרוין.

איך טרעף דעם ראַביי ישורון קאָרדאָזא צוזאַמען מיט זיין רביצן, ביים צוזאַמענלייגן אַ פּעקל מיט קליידער און שפּייז פאַר זייער עלטסטער טאָכטער,

וועלכע איז א לערערין ערגעץ אין ישראל. דאָס דאָזיקע מיידל איז אינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט און שוין איז זי באַלאָדן מיט שווערע דאגות, ווי אַן אַלטע מאַמע: עס פעלן אויס אין איר שולע טישן, בענקלעך, בלייפעדערס, העפטן. זי דאַרף באַזאָרגן קינדער פון תימן, מאַראָקאָ, רומעניען און פוילן. די קליינע „מאַמעלע״, וועלכע איז נאָך אַליין א קינד און נאָר וואָס זיך אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמעס שוים אין וויטן קוראַסאַאָ, נעמט אויף זיך דעם יאָך פון אירע אויפגאַבן זייער ערנסט; זי טעלעגראַפירט דעם טאַטן ער זאָל מאָביליזירן די נויטיקע געלט־מיטלען צווישן די יידן פון אינדזל, כדי זי, די יונגע אמבאַסאַדאָרשע־לערערין, זאָל קענען ווי עס איז איינאָרדנען איר אויף שנעל צונויפגעקלאַפּטע שולע אין נייעם קיבוץ.

דאָס געלט ווערט ארויסגעשיקט גראַד דעם טאָג ווען איך בין דער גאַסט פון די קאַרדאָזאָס; א פּעקל מיט קליידער, עסן און שפּילצייג ווערט צונויפגעלייגט בעת איך באַזוך זייער היים. מיט וויפל וואַרעמקייט, פּיעטעט און ליבשאַפט ווערן אריינגעלייגט די אזוי פּראָזאישע קעגנשטאַנדן, וועלכע דאַרפן דאָס גרינגער מאַכן די ארבעט פון דער קוראַסאַאָ׳ער טאָכטער אויף די ברעגעס פון ירדן! און אזוי ציט זיך דער פאָדעם...

★ ★

★

אין גאַנצן א צוויי מייל פון שטאָט ליגט דער אַלטער בית עולם, איינגעפּרעסט צווישן מעכטיקן באַזיץ פון דער שעל אויל קאָמפּאַני, וועלכע אָטעמט מיט דינאַמישער עקספּאַנסיע. די אויל־קאָמפּאַניע נויטיקט זיך אין באָדן און ציט זיך ווי א הונגעריקער אָקטאָפּוס מיט זיינע אויסגעקרימטע לאַנגע פינגער אריינצוכאַפּן וואָס מער שטח, צו איינשלינגען די פעלדער ארום, די פּויערישע הייזלעך. דוכט זיך אז די גיריקע פינגער קלאַפּן שוין אין די טויערן פון אַלטן בית־עולם....

דערציילט מיר ראַביי קאַרדאָזאָ:

„די אויל־געזעלשאַפט לייגט פאָר סומען, וועלכע דערגרייכן מיליאָנען, אבי מיר זאָלן זיי אָפּטרעטן שטיקער פון „בית־החיים״... אָבער מיר זאָגן זיך קאַטעגאָריש אָפּ. דאָס וואָלט געווען וואַנדאַליזם, ווען מיר פאַרשוועכן אָט די הייליקע שטיקל געשיכטע פון אינדזל, ווען מיר עפענען די קברים, כדי צו מאַכן אָרט פאַרן אָנגריף פון דער אינדוסטריע. עס דוכט זיך מיר, אז א יאָמער וואָלט זיך דערהערט פון אונטער די מצבות, ווען מיר פּרובירן זיי רירן פון אָרט, אז בלוט וואָלט פון דאָרט געטריפט, ווען מיר באַאומרויקן די ביינער. מיליאָנען לייגט מען אונדז פאָר! וואָס איז זייער ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם דאָזיקן רומפולן בוך פון מענטשלעכער און יידישער געשיכטע, וועלכע שפּיגלט זיך אָפּ אין די שטיינער פון עלטסטן יידישן בית־הקברות אין דעם אמעריקאַנער וועלט־טייל?״

און איך פארשטיי אזוי גוט די געפילן פון רב קאַרדאָזאָ, וועלכער איז פאַרליבט אין די אַלטערטימלעכקייטן פון דעם דאָזיקן מוזיי.

אַט צו די דאָזיקע רויקע ברעגעס זיינען צוגעשוווּמען אין 1499 קאָלאָמבו־ס׳עס חברים, דער שפּאַניער אָזשעדאַ און דער איטאַליענער אַמעריקאָ וועספּוטשי און אַנטדעקט דעם אינדזל. אַמעריקאָס נאָמען איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כישופדיקן סימבאָל „אַמעריקע״, וועלכער רעדט אַזוי פיל צו אונדז אַלעמען, אָבער דאָ אויפן באָדן פון בית־החיים, האָט דער שטאָלצער, אַמביציעזער איטאַ־ליענער געאָגראַף, געשטעלט זיינע ערשטע שריט אויפן ניי־אַנטדעקטן קאָנטי־נענט.

שפּעטער, אַ גאַנצער יאָרהונדערט פון קאַמפּן אַרום דעם אינדזל, וועלכער איז געוואָרן אַ צענטער פון שקלאַפן־האַנדל און קאָנטראַבאַנד־שמוגל פון מערדער און פיראַטן אין דער נייער וועלט.

און אַז די האָלענדישע רעגירונג האָט דעם אינדזל איבערגענומען און געוואָלט אים פאַרוואַנדלען אין אַ פרידלעכן ישוב, האָט מען דאָ געשיקט צוועלף יידישע פאַמיליעס אונטער דער אָנפירונג פון פּאָרטוגעזישן יידן דזשאָאַ אילאַאַ, ער זאָל דאָ גרינדן די ערשטע אַגריקולטורעלע קאָלאָניע. דאָס איז געווען אין 1650, דאָס הייסט, פּונקט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. מיט צוויי יאָר שפּע־טער קומט די צווייטע גרופּע יידן אונטער דער אָנפירונג פון יוסף דע פאָנסעקאַ.

אין 1654 הייבן דאָ אָן קומען די אנוסים פון בראַזיל: די בלוטיקע אינק־וויזיציע איז דאָרט אָנגעקומען פון פּאָרטוגאַל און זיך גענומען ברענען אויף אירע פייערן די אייניקלעך פון אירע אַמאָליקע קרבנות אין ליסאַבאָן. זיי זיינען געלאָפן זיך ראַטעווען אונטערן שוץ פון דער האָלענדישער טאָלעראַנץ. זיינען זיי געשוווּמען אויף קליינע שיפלעך פון פערנאַמבוקאָ, בראַזיל, קיין קוראַסאַאָ אויפן קאַריבעישן ים.

ווען איך בין געווען מיט יאָרן צוריק אין פערנאַמבוקאָ, האָב איך שוין געטראָפן אַ נייעם ישוב פון רוסישע און פּוילישע יידן; עטלעכע אָפּגעקראָכענע מצבות ערגעץ ווו אין אַ ווינקל פון קריסטלעכן בית־עולם דערציילן וועגן די מאַקאַראָס און די דע־וועלאַסינאַס, וועלכע זיינען געווען די פּרנסים פון דער־אַמאָל בליענדיקער קהילה אין בראַזיל, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אין די אינקוויזיציע־פלאַמען.

די אייניקע געראַטעוועטע פאַמיליעס אין קוראַסאַאָ האָבן זיך צעבליט און געלאָזן וואָרצלען אויפן נייעם באָדן. אַנדערע זיינען געלאָפן נאָך ווייטער און דערגרייכט אַ שטעטל ניו אַמסטערדאַם, וועמענס גאָווערנאַדאָר האָט זיי קוים אַריינגעלאָזן אין זיין תפיסה... און ניו אַמסטערדאַם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ניו יאָרק און האָט ביסל יידן, אין תפיסה פאַרשפּאַרטע, האָבן געבילדעט

דעם גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט, דעם מיליאָניקן מאַנהעטן, בראָנקס און ברוקלין.

און אַז איך בין געשטאַנען אַמאָל נעבן די אָפּגעריבענע שטיינער־מצבות אין בראַזיליאַנער פערנאַמבוקאָ, האָב איך זיי אָפּגעגעבן אַ גרוס פון צאַפּל־דיקן ניו־יאָרק, וווּ זייערע אור־אייניקלעך האָבן זיך צעבליט און פאַנאַנדער־געוואַקסן.

און אַז איך בין איצט געשטאַנען נעבן דעם שטיין פון יהודית דאַ פאָנסע־קאַ אויפן בית עולם אין קוראַסאַאָ, וועלכע איז דאָ מיט קנאַפּע 300 יאָר צוריק באַגראָבן געוואָרן אַלס דער ערשטער יידישער מת אויפן אינדזל, האָב איך גע־קאָנט איר דערציילן אַז מיט הונדערט יאָר שפּעטער איז איר אור־אייניקל יעקב לאָפּעז דאַ פאָנסעקאַ געוואָרן הויפּט־רב אויפן זעלבן אינדזל און רוט איצט ניט ווייט פון זיין באָבען אין דער זעלבער אַלטער ערד און אַז אפילו איצט, מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער, איז איינער פון אירע אור־אייניקלעך, נאָך גבאי אין דער זעלבער שול „מקוה ישראל״, וועלכע די ערשטע פּיאָנערן האָבן געהאָל־פן גרינדן.

און זעט, דאָ ליגן די ערשטע מאַדוראַס, די פּאָרטוגעזישע אנוסים, וואָס זיינען געלאָפן פון דער אינקוויזיציע. און טאַקע היינט האָב איך באַזוכט די באַנק פון די מאַדוראַס (זיי זיינען אויך איצט די רייכסטע און חשובסטע יידן אויפן אינדזל). ווו דער הויפּט פון דער פאַמיליע ציט נאָך אַלץ דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער פאַרגאַנגענהייט.

און וואָס זאָל איך דערציילן יענער גרופּע חשובע יידן, וועלכע ליגן שוין אין זייערע קברים באַלד צוויי הונדערט און פופציק יאָר, יענע מנדבים, וואָס האָבן געגעבן געלט אויף צו בויען די ניו יאָרקער עלטסטע שול „שארית־יעקב״ (היינט „שארית ישראל״) און צו דער קהילה „נפוצי ישראל״ אין ניופּאָרט, ראָ־וד איילאַנד? אויטאָמאַטיש שעפּטשען מיינע ליפּן: „פון אייערע זילבערנע פּלאַרי־נען, וואָס איר האָט אַמאָל מנדב געווען פאַר די יידן אין ניו־יאָרק און ניופּאָרט זיינען גייסטיקע רייכטימער אויסגעוואַקסן, וואָס זיינען מער ווערט ווי דימענטן און פּערלען, האָבן זיך קהילות פונאַנדערגעבליט, וועלכע זיינען אַ שטאָלץ פאַר דער יידישער וועלט״.

און אָט איז די גרופּע מצבות אונטער וועלכע עס ליגן אין אייביקן רו די ערשטע גבאים פון דער סינאַגאָגע „מקוה ישראל״, וועלכע איז דורך זיי געגרינ־דעט געוואָרן אין 1732 און איז נאָך ביז היינטיקן טאָג דער בית־תפילה פאַר די יידן אין קוראַסאַאָ. די מאַסיווע געביידע פון רויטן ציגל מיטן אויפשריפט איבע־רן טונקל־דעמבענעם אריינגאַנגס־טויער: „בשנת יפת אלהים ליפת וישכון באהלי שם לפ״ק״, דאָס יאָר הייסט דאָס איז ה׳ תפ״ו (1732).

דער „פּלאָר" איז אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק (אַ סימבאָל, דאָס יידן האָבן געהאַט דעם משכן אין זאַמדיקן מדבר). די אכצן ספרי תורות אין היכל, אָנגעטאָן אין רייכע קרוינען און מענטעלעך. אייניקע פון זיי זיינען נאָך עלטער פון דעם בית־תפילה אליין און זיינען מיטגעבראַכט געוואָרן פון האָלאַנד און פון בראַזיל דורך די ערשטע איינוווינער אויפן אינדזל.

פינף ספרים זיינען געוויקלט אויף שטאַנגען פון ריינעם זילבער און זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון פּערנאַמבוקאָ אין בראַזיל, ווען די אנוסים זיינען געלאָפן פון דער אינקוויזיציע.

איצטער פאַרשטיי איך דעם מאמר: „הכל תלוי במזל, אפילו ספר־תורה שבהיכל" (אַלץ דאַרף האָבן מזל אפילו אַ ספר־תורה אין טעמפּל). די ספרי־תורות אין קוראַסאַאָ האָבן געהאַט דעם מזל, אַז נאָך הונדערטער יאָרן ווערן זיי נאָך אַלץ גענוצט צו עבודת־הבורא: מען דאַוונט דאָך אין דער זעלבער שול יעדן שבת און יום־טוב. דער רב קאַרדאָזאַ לערנט מיט די קינדער חומש און תנ"ך, בעת אַ שמחה ווערט די שול רייך אילומינירט און די אַלטע ספרי־תורות גלאַנצן אַרויס מיט זייער אימפּאָנירנדער פּראַכט און באַשיינען די שמחות אלס הויפּט־מחותנים.

ווי אַנדערש איז געווען דער מזל פון די ספרי־תורות, וואָס די נאַציישע באַרבאַרן און זייערע מיטהעלפער האָבן אַריינבאַקומען אין זייער באַזיץ אין די פאַרניכטעטע שטעט פון פּוילן און ליטע: קאָשן און בייטלעך פון יריעות, שיך פון פּאַרמעט מיט תורה־פּסוקים זיינען שוין גאָרניט קיין זעלטענע דערשיינונג אין יענע אויסגעליידיקטע פון יידן ישובים, וווּ קנעכט האָבן געירשנט אונדזערע הייליקייטן...

אויך מצבות דאַרפן האָבן מזל: מיט אַנדערע ברוקירט מען גאַסן, מען בויט הייזער פון שאַנד, ווי דאָס איז פּאָרגעקומען פאַר אונדזערע אויגן אין איצטיקער אייראָפּע. און אויך דער גורל פון אַ בית־הקברות איז ניט אומעטום דער זעלבער: דאָ אין קוראַסאַאָ וויל מען אים ניט פאַרקויפן פאַר מיליאָנען אלס רעליקוויע און אין אַנדערע לענדער ווערט ער איבערגעגעבן מיט אַ מה־יפית שמייכל צו אַן איינפלוסרייכן גוי...

און אָט זע איך פאַר זיך אַן אַנדער „גרימאַסע" פון דער געשיכטע: אין לימאַ, פּערו, ווו די אינקוויזיציע האָט אומברחמנותדיק פאַרניכטעט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק די אַלע אנוסים, וואָס האָבן זיך דאָרט געראַטעוועט פון שפּאַניען, איז מיט אַכציק יאָר צוריק אַנטשטאַנען אַ קליינער ישוב פון עלזאַסער יידן און כאָטש עס איז נאָך וואַרעם געווען דאָס אַש פון לעצטן „שייטער־הויפן" אויף וועלכע מען האָט געברענט (אין 1806) די געהיימע שטאָלצע יידן פון שפּאַנישן אָפּשטאַם, האָבן דאָס די נייע אימיגראַנטן פון עלזאַס ניט

פאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשאַצט. זיי האָבן פאַר ביליקע פּעזאָס פאַרשאַכערט און פאַרשוועכט די מאַרטירער געשיכטע פון זייער׳ע שפּאַנישע פאָרגענגער, וועלכע זיינען אין פייער געשפּרונגען מיטן „שמע ישראל״. די עלזאַסער האָט קיינער ניט געסטראַשעט מיט אינקוויזיציע. זיי האָבן זיך געשמדט, חתונה געהאַט מיט אָרטיקע פרויען און זיך גענצלעך אַסימילירט. געבליבן איז נאָר אַ בית־עולם, און אויף זיין אַריינגאַנגס־טויער זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון די עלזאַסער איינוואַנדערער, וואָס האָבן אים געעפנט: קיין איינער פון זייערע קינדער איז ניט געבליבן ביים יידנטום...

עס איז נאָך אַ נס, וואָס נאָכן ערשטן קריג זיינען געקומען אַנדערע יידן, פון בעסאַראַביע און פּוילן, יידן מיט טראַדיציע פון דער היים, האַרעפּאַשנע יידן, וועלכע האָבן געלערנט חומש מיט רש״י און צוזאַמען מיטן פעדלער־פּעקל אויף די פּלייצעס האָבן זיי אויך געטראָגן שווערן פאַלקסטימלעכן יאָך פון יידישקייט.

די דאָזיקע פּאָר טויזנט יידן האָבן שוין אויפגעבויט אַ נייעם יידישן ישוב אין פּערו, דעם דריטן אין איר געשיכטע, און האָפנטלעך וועלן פון די דאָזיקע טייערע ברידער בלייבן ניט נאָר טויט אויפשריפטן ביים אַריינגאַנג, צו אַ בית־עולם...

* *

*

איך האָב אויפגעשריבן די ווערטער וועגן דעם, אַז קיין ייד איז ניט געבליבן פון די, וואָס האָבן געגרינדעט דעם עלזאַסער בית עולם אין פּערו: אַלע האָבן זיך אַסימילירט און אויסגעשמדט, און אַ מאָדנער געדאַנק האָט אומרואיק אַ בליץ געטאָן אין מיין קאָפּ:

„וויפיל יידן וואָלטן היינט געווען אויף דער וועלט, ווען מען וואָלט זיי אומגעשטערט זיך געלאָזט פאַרמערן אָן חורבנות, קרייץ־צוגן, פּאָגראָמען און קרעמאַטאָריומס?״

אַ טשיקאַווע פראַגע ניט אמת? און ווער קאָן אויף איר ענטפערן אַזוי קלאָר, ווי אונזער „שר של סטאַטיסטיק״ יעקב לעשטשינסקי? און אין אַ מינוט אַרום זיינען מיר שוין פאַרבונדן דורכן טעלעפאָן און די יונגע שטימע פון אַלטן לערער רעדט:

„אויב די סטאַטיסטיק פון די קוואַלן איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, האָבן מיר בעת די מדבר וואַנדערונגען פון מצרים קיין ארץ ישראל פאַרמאָגט אַרום זעקס הונדערט טויזנט יידן (שישים ריבו)״.

„אַרטור רופּין נעמט אָן, אַז בעת דעם צווייטן חורבן זיינען אויף דער וועלט געווען פינף מיליאָן יידן (אין ישראל, מצרים, בבל א. א. וו.). אָבער

דער דאָזיקער ציפער איז לויט מיין מיינונג ניט גענוי באַגרינדעט (די „וואָנקען" פון יוסף פלאַוויוס און אַנדערע היסטאָריקער זיינען נאָך ניט גענוגנד).

„אויב מיר זאָלן רעכענען דעם נאָרמאַלן צוּוואוקס און אַנטוויקלונג פון א פאָלק אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פון שטח און היגיענע, וואָלטן מיר היינט געדאַרפט האָבן אויף דער וועלט א ביליאָן יידן, ד. ה. מער ווי פּערציק פּראָצענט פון גאַנצן מענשן מין...

„פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נאָר א שפּיל פון סטאַטיסטיק און ברענגט צו אַן אַבסורד: ביז 150 יאָר צוריק זיינען אויף דער גאַנצער וועלט געוועזן קוים אַנדערהאַלבן ביליאָן מענטשן און היינט האָבן מיר כמעט דאָפּלט, דאָס הייסט, אַז אין די דאָזיקע לעצטע יאָרן זיינען צוגעקומען אַזוי פיל מענטשן, ווי פון אדם הראשונס צייטן ביז מיט 150 יאָר צוריק... די סיבות זיינען פאַרשטענד־לעכע. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו היילן קראַנקהייטן, צו ראַטן עופּלעך פון טויט דורך היגיענישע באַדינגונגען צו לעבן געזונטער... עס איז קלאָר, אַז די זעלבע סיבות, וואָס האָבן געטויט ביליאָנען מענטשלעכע באַשעפענישן איידער נאָך זיי האָבן אָנגעהויבן צו לעבן האָט אויך געהאַט א שליטה אויף יידן... די מורא פון אַנטיסעמיטן אָבער, אַז עס וועט פולשטענדיק מקוים ווערן די ברכה „פּרו, ורבו ומלאו את הארץ" (פּרוכפּערט און מערט זיך און פילט אויס די ערד) און א ביליאָן יידן וואָלטן געוועזן אויף דער וועלט, ווען נאָר מען זאָל זיי לאָזן, איז א היפש ביסל איבערגעטריבן. נאָך מער איז דאָס ריכטיק בנוגע יידן אין געמישטע הייראַטן: דער געלערנטער טייל האָבער באַוויזט, אַז חתונות צווישן יידן און ניט יידן ברענגען זייער ווייניק קינדער (וועגן די סיבות וועלן מיר איצט ניט רעדן)"...

איך דאַנק האַרציק אונזער אַלטן סטאַטיסטישן גדול, אגב דערמאָן איך אים, דאָס בעת זיינס א באַנקעט אין וואַרשע מיט פופצן יאָר צוריק האָב איך אים, לעשטשינסקין, אָנגערופן אין א רעדע דעם אַממערסטן באַגנבעטן יידישן געלערנטן, ווייל אַלע באַנוצן זיך מיט זיינע ציפערן און פאַרגעסן דערמאָנען די קוועלע. איצט האָב איך די עוולה טיילווייז פאַריכט. (אגב: „האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם").

און איצט פאַרשטיי איך אויך אַביסל דעם סוד פון דער פאַרשווונדענער עלזאַסער קהילה אין לימא, פּערו: די גרינדער אירע האָבן מסתם ווייניק אַכט געלייגט אויף די געמישטע חתונות פון זייערע קינדער. די פּרוכט פון זיי איז — א פאַרשוואונדענער ישוב.

אָבער איך האָב ניט ביי וועמען צו פרעגן: די שטיינער אויפן בית־עולם אין לימא שווייגן:

ווען מצבות וואָלטן געקענט רעדן...

א רייזע איבער ווילדע געגנטן
אין זיד־אַמעריקע

איך האָב זיך ווידער געמוזט אויפהויבן איבער די וואָלקנס, פאַרלאָזן דעם הייסן ניו יאָרק און פליען דאָרטן וווּ דער אויבערשטער איז משנה עתים ומחליף את הזמנים, ד.ה. וווּ איבער נאַכט בייט זיך דער קלימאַט. אַנשטאָט זומער איז ווינטער, און אַנשטאָט ווינטער איז זומער. דערצו מוז מען איבערשניידן די ליניע פון עקוואַטאָר, וואָס איך טו ברוך השם אייניקע מאָל אַ יאָר און דעריבער האָב איך אין די לעצטע צוועלף חדשים געהאַט פינף ווינטערס און פינף זומערס, וואָס לאו כל אדם זוכה...

אַמאָליקע יאָרן פלעג איך צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן זיך לאָזן מכבד זיין דורך די פלי־אָפיצירן מיט אַ גלאָז שאַמפּאַניער, כדי צו „פייערן" דאָס איבערשטייגן די עקוואַטאָר־ליניע. ווען מען פאָרט אויף אַ שיף, ווערט דער דאָזיקער מאָמענט ספּעציעל באַצייכנט: מען מאַכט יענע נאַכט אַ מאַסקן־באַל, מען באַגיסט די פּאַסאַזשירן מיט וואַסער און אַנדערע וואַרפט מען אפילו אַריין אין שיף־באַסיין. אויסער דעם באַקומט יעדער רייזנדער, צי אויף אַ שיף צי אויף אַן עראָפּלאַן, אַ ספּעציעלן דיפּלאָם.

אָט־די דאָזיקע „ביזנעס" האָט מיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו אַמוזירן. דאָס מאָל האָב איך אפילו געבעטן מען זאָל מיך ניט אויפוועקן אויסצוטרינקען דאָס גלאָז שאַמפּאַניער. ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען אַ בעט צום שלאָפן און איך האָב זיך פאַרמאַכט אין מיין „פולמאַן"־אָפּטיילונג (יאָ, ס'איז שוין דאָ אַזעלכעס אין די מאָדערנע עראָפּלאַנען) און אַ מידער פון דער אַרבעט אין די הייסע שווערע יולי־וואָכן אין ניו יאָרק בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן אין מיאַמי און מען האָט מיך קוים אויפגעוועקט מיט ניין שעה שפּעטער, ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים לאַנדן אין לימאַ, פּערו. אויף אַזאַ אופן האָב איך „פאַרשלאָפן" דעם פלי איבער די קאַריבייען, דאָס אָפּשטעלן זיך אין פּאַנאַמאַ, דאָס „הוידען" זיך איבער קאָלאָמביאַ און עקוואַדאָר. איך האָב נאָר געהערט עפּעס אַ פריילעכן טומל פון די אַמעריקאַנער טוריסטן ווי זיי האָבן געמאַכט „לחיים" ווען מען איז געפלויגן איבער די שפּיציקע עקוואַדאָר־בערג. איך האָב נאָר ענגער געמאַכט דעם פּאַס, מיט וועלכן איך בין געווען צוגעבונדן צום בעט, כדי ניט אַראָפּצופאַלן ווען די לופט־שיף טאַנצט אַרויף און אַראָפּ אין די הימלען.

* * *

און אַט איז לימאַ. ס׳איז ווינטער און ס׳איז קאַלט. פרויען זענען אַרויס באַגעגענען זייערע פריינט אין פוטערנע מאַנטלען... איך האָב איבערגעלאָזן די ניו יאָרקער אין העמדער מיט קורצע אַרבל און באַגעגנט די פּערואַנער אין ווינטערדיקע אויבער־מאַנטלען.

ס׳איז פאַרטאָג און די זון רייסט זיך קוים מיט שוועריקייטן אַרויס פון די ווייטע אַנדן־בערג, וועלכע זענען איבער צוואַנציק טויזנט פוס הויך.

איצטער דאַרפן מיר אָנהויבן אַ פלי אָן אָפּשטעל, דעם לענגסטן פלי־שטח איבער דער יבשה וואָס דויערט נאָכאַנאַנד צוועלף שעה און ווערט פאַרעכנט פאַר דעם מערקווירדיקסטן איבערן גאַנצן ערד־קויל.

אונדזער בראַניף פלי־מאַשין רופט זיך „דער זיגער פון די הימלען". זי פליט איבער די העכסטע בערג פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט און דורך אַזעלכע ווילדע שטחים, וואָס מיט אַ דור פריער האָט גאָר קיין מענטשלעך אויג נאָך ניט אָנגעקוקט. מיר הויבן זיך אויף אויפן פּאַסיפיק, — מיר וועלן לאַנדן אויפן אַטלאַנטיק. דאָס איז דריטהאַלבן טויזנט מייל און צוועלף שעה פלי, אָבער גאַרניט ווייט פונדאַנען, אין פּאַנאַמאַ האָב איך נאָך היינטיקע נאַכט דעם וועג צווישן דיביידע אָקעאַנען דורכגעמאַכט אין פינף מינוט, ווייל דער שטח צווישן ביידע איז דאָרטן נאָר פערציק מייל.

כדי מען זאָל גאַנצערהייט דערפליען דורך דעם אומזיכערן, הויכן און ווילדן דזשאַנגל פילט מען אָן דעם „בויך" פון אונדזער ריזיקן עראָפּלאַן מיט 5,500 גאַלאָן בענזין און צוזאַמען מיטן אויל וועגט די „משקה" גאַנצע צוועלף טאָן, ד. ה. אַזוי פיל וויפל איר דאַרפט האָבן פאַר אייער קאַר גאַזאָלין, אין גאַנצע פיר יאָר, ווען איר טרייבט 300 מייל אַ וואָך.

אָפּגעפליגן צוויי שעה פון לימאַ געפינען מיר זיך צווישן די שנייען פון די צוויי העכסטע בערג אין די אַמעריקאַס (איבער 20 טויזנט פוס הויך), סאַלימאַנאַ און קאָראָפּונאַ. דאָ אייגנטלעך פלעגט מען נאָך מיט אייניקע יאָר צוריק געבן די פּאַסאַזשירן גומענע רעדלעך מיט זויערשטאָף, ווייל די לופט איז שיטער און ס׳איז שווער צו אָטעמען. אָבער אונדזער „זיגער פון די הימלען" איז הערמעטיש פאַרמאַכט, אַזוי אַז מיר אָטעמען נאָך מיט דער לופט, וועלכע מיר האָבן „מיטגענומען" פון דער ערד, אָבער זי ווערט אָפּגעפרישט דורך ספּעציעלע קאָמפּרעסאָר־מאַשינען.

כדי דעם דאָזיקן פלי צו פאַרוואַנדלען אין אַן עקסקורסיע, פון וועלכער מען קאָן עפּעס לערנען, לאָזן מיר זיך אַפּט אַראָפּ נידעריק און קוקן אָן פון דער נאָענט דורך דער קלאָרער, בלוי־דורזיכטיקער לופט די מערקווירדיקייטן, וועלכע אַנטדעקן זיך פאַר אונדז, ווי אין אַ גראַנדיעזן נאַטור־מוזיי.

אַט זענען די רואינען פון פּאַטשאַקמאַק, די אור־אַלטע שטאָט פון אינקאַ־פּאָלק. דער פּיראַמידאַלער „טעמפּל פון דער זון‟, פון דער לבנה, די מײלן־לאַנגע רואינען פון אַן אַמאָל גרויסער שטאָט, פון אַ ציוויליזאַציע וועלכע די ווייסע האָבן אומגעבראַכט. מ'אַנטדעקט צווישן די דאָזיקע רואינען אַזעלכע פיין געשטריקטע לייוונט, וואָס מען קען נאָך היינט ניט נאָכמאַכן (דריי הונ־דערט פעדים אין איין אינטש); און אַ בית עולם מיט הונדערטער באַלזאַמירטע מומיעס דורך די בעמישע מיטלען פון אַלטן מצרים, וועלכע האָבן אויף אַ מיסטעריעזן אופן זיך איבערגעוואָרפן אין די דאָזיקע פרעמדע ווייטן טויזנטער יאָרן פאַר קאָלאָמבוסן.

שניי־בערג ווי אַ וואַנט קנוילן זיך פאַר אונדז. הויבן מיר זיך ווידער אויף גאָר הויך, און כאָטש מיר פליען איבער זיי, דאַכט זיך אַלץ אויס אַז אונדזערע פליגלען בארירן די שנייען און מיר קאָנען זיך, חלילה, אָן זיי פאַרטשעפּען, אַזוי קלאָר און דורכזיכטיק איז די לופט, דורך וועלכער צענדליקער מײל ווייט קוקן אויס ווי מען וואָלט זיי געקאָנט דערלאַנגען מיט דער האַנט.

די פּאַסאַזשירן לויפן פון איין פענסטער צום צווייטן, מאַכן פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס, שרייען־אויס ענטוזיאַסטיש ווען אַ נאַטור־פענאָמען אַנטדעקט זיך פּלוצלינג.

און אָט זענען די דריי מעכטיקע בערג — דער קוואַל פון אינדישע אוראַלטע לעגענדעס און לידער. זיי זענען אַרום צוואַנציק טויזנט פוס הויך (כמעט טאָפּלט ווי די „יונגפרוי‟ אין דער שווייץ) און אַ וווּנדערבאַר מעשׂהלע איז אויס־געשפּונען געוואָרן אַרום זיי:

צוויי ריזן־חתנים, טשאַקאַני און פּיטשו־פּיטשו, שדכנען זיך צו דער צאַרטער אינדיען־מיידל מיטסו, וועלכע איז באַגאָסן מיט זונענשיין צווישן זיי. מיטסו, ניט קוקנדיק אויף אירע גאָלדענע זונען־קרויזן, איז מיט שניי באַדעקט, איז קאַלט צו אירע פאַרערער, ביי וועלכע צוליב דער הייסער ליבע צעגייען די שניי־קרויזן אויף זייערע קעפּ. אָבער מיטסו בלייבט געוויינלעך קאַלט און פאַרפרוירן און קוקט זיך ניט אום אויף די הייסע בליקן פון אירע פאַרליבטע שכנים. ווערן זיי אומעטיק, ווערן זיי לאַנגזאַם מיט אייז פאַרדעקט און מיט שניי באַשאָטן, ווי אַלטע בחורים אַנטוישטע און פאַרוועלקטע, און גראָד דאַן ווערן מיטסוס שנייען צעגאַנגען. באַווייזט זיך אַ פייער פון איר האַרץ (זי איז אַ וווּלקאַן) און זי גאַרט נאָך ליבע... אָבער אירע שכנים זענען איצט אַלט, קאַלט פאַרפרוירן... און אַזוי גייט דאָס שוין אָן פון אומפאַרגעסלעכע צייטן.

גראָד היינט פלאַמט מיטסו; ס'קנוילן הייסע צוקן פון איר אָפענער ברוסט. מיר זעען דאָס ווען מיר פליען איבער איר. אָבער מיר קאָנען גאָרניט העלפן. די אייביקע טראַגעדיע פון אַ קאַפּריזנער פרוי וואָס בלייבט טויב צו די רופן פון אירע פאַרערער, ווען זיי זיינען נאָך יונג און ווילדיק און גרייט...

און שוין — מיר זענען דורכגעפּלויגן און די דריי לעגענדאַרע בערג שאַטענען זיך פון הונדערטער מיילן ווייט און מיר קומען אריין אין א תוהו־ובוהו געביט, ווו א גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט מיליאָנען יאָרן צוריק.

די געשיכטע ליגט פאַר אייך ווי אין אָפן בוך און מען דאַרף נאָר קאָנען לייענען. ווי ווייט דאָס אויג קאָן כאַפּן אויף הונדערטער מיילן ארום ליגן צעשמעטערטע בערג, ווי א ווילדער גיגאַנט וואָלט זיי צעהאַקט מיט א ריזיקן שטעקן. הויפנס שטיינער ליגן צעשליידערט, יעדער אַזוי גרויס ווי די גרעסטע געביידע, געבויט דורך מענטשנס האַנט. פעלזן צעבראָכענע, ווי איינצלנע ציינער אין א זקנס מויל, סטאַרטשען ארויס פון זאַמד. און צווישן זיי בלישטשעט פּלוצלינג ארויס א גרין וואַסער, און אויף אייניקע גאָר שאַרפע און הויכע פעלזן שניי....

קיין שום אַטאָמישע באָמבע וואָלט אַזא חורבן ניט געקאָנט אָנמאַכן אויף אַזא אומגעהויערן שטח ווי דער דאָזיקער איינצעלנער ערד־ציטער, וועלכער האָט א שאָקל געטאָן דעם באָדן אונטער אונדז.

און איצט פליען מיר איבער העכסטן וואַסער־פּונקט אויפן ערדקוגל, איבער דער אַזוירע טיטיקאַקאַ — אַן אומפאַרשטענדלעכע איבערבלייבעניש פון אַן אַמאָליקן אָקעאַן, וועלכער איז אַנטלאָפן פון גאָטס צאָרן, ווען בערג האָבן געטאַנצט ווי אינדן און טאָלן האָבן געעפנט זייערע מיילער און פאַרשלונגען וואַסערן.

איצט זענען מיר איבער לאַ־פּאַז, די הויפּט־שטאָט פון באָליוויאַ, דער אַזוי גערופענער „דאַך פון דער וועלט". די שטאָט איז פּערצן טויזנט פוס איבער דער ים־פלאַך און מען זאָגט, אַז די מענטשן דאָרטן פעלט לופט צו אָטעמען ניט נאָר ווייל ס׳איז הויך, נאָר ווייל ס׳איז אויך פּאָליטיש־שטיקנד.... נאָר דאָס פילט מען ניט און מען ווייס ניט אין די ליכטיקע הימלשע הויכן, אין וועלכע מיר שוועבן.

עס באַווייזט זיך דער צוקער־קאָפּ פון שניי־באַדעקטן סאַיאַמאַ. די פּאַנאָראַמע דאָ דערמאָנט דעם בארימטן יאַפּאַנישן ווולקאַן פודזשיאַמאַ, וועלכן איר אַלע קענט פון די בילדער.

און אונדזער פּילאָט נעמט און דרייט גאָר אויס שאַרף די פליגלען פון עראָפּלאַן איבער דער סאַמער עפענונג פון ווולקאַן און מיר קאָנען קלאָר זען ווי די נאַטור קאָכט איר „געקעכץ" פון לאַווע, פייער און רויך, ווי געדיכט בלווילעכער שוועבל שלענגלט זיך פון ברייט צעעפנטן מויל.

דער עראָפּלאַן קומט צו נאָענט צום אָפענעם מויל פון באַרג און ביי אונדז אַלעמען פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. מען איז שוין מוחל דעם פּילאָט די „טובה" מיטן אויסבויגן די מאַשין. אָבער שפּעטער א ווײַלע, ווען מיר גלייכן

זיך אוים, בלייבט דער אומפארגעסלעכער איינדרוק פון אריינקוקן אין סודות־דיקן בויך פון דער מאמע־ערד.

מיר לאָזן זיך אראָפּ גאָר נידעריק איבער זאמדיקע בערגלעך, ווו אמאָל און אפילו נאָך איצט זענען מענטשלעכע ישובים געווען. ליימענע הייזלעך — זיי שטייען שוין דאָ פיל הונדערטער יאָרן, דאָרט האָבן נאָך די אינקאס געוווינט און איצט לעבן דאָ זייערע יורשים.

א הארטע ראסע זענען זיי געווען און אזוי זענען אויך געבליבן זייערע נאָכפאָלגער. מען רעגירט איבער זיך אליין דעמאָקראטיש דורך א דאָרף פארזאמלונג (א מין אלט־רוסישע „וויעטשע״), וואָס קלויבט אוים דעם עלטסטן. ניטאָ קיין אָרעמע און קיין רייכע; אלע זענען זיי די אייגנטימער פון דער ערד און פון די סטאַדעס שטאָלצע, לאנג־האלדזיקע און איינציקארטיקע לאמאס. און ווידעראמאָל א בלויער וואסער אויף דער הויך פון איבער צוועלף טויזנט פוס אַרום וואסער, זעט איר דורך אייערע פארגרעסער גלעזער, שפּאַצירן ראָזע־געוויקסיקע פויגלען־פלאמינגאָס. פאר נאטור פאָרשער איז נאָך ביז איצט א סוד, ווי אזוי זענען זיי איבערגעפלויגן די העכסטע בערג פון דער וועלט און געלאנדעט אַרום אָט־דעם וואסער. אָדער אפשר איז אָן אמאָליק באפעדערט פאָרל, א טאטע־מאמע, געבליבן דאָ פון יענע צייטן איידער דער קאטאקליזם, דער ארכעאָ־לאָגישער הורבן, האָט די ערד דאָ א „קנייטש״ געטאָן און אין טאָלן און בערג פארוואנדלט?

נאָך פיל שעהן פליען ווערט די ערד פלאך. גרינע פעלדער באווייזן זיך. די אומגעהויערע שטחים פון בראזיליאנער שטאט מאטאָ גראָסאָ („גרויסער וואלד״), וועלכער איז מער ווי א האלבן מיליאָן קוואדראט מייל גרוים, אָבער איז באוווינט נאָר פון דריי הונדערט טויזנט אינדיאנער און א פּאָר הונדערט אייראָפּעער, וועלכע באזיצן דאָ די גרעסטע בהמות־פארמס אין דער וועלט.

אָבער די מערהייט אינדיאנער אין מאטאָ גראָסאָ זענען נאָך ווילד, גייען אַרום נאַקעט, שיסן מיט פייל און בויגן. קיין ווייסע טאָרן זיך צו זיי ניט דערנעענטערן. אָפיציעל האָט נאָך קאָלומבוס זיי „ניט אנטדעקט״.

און שוין אין פארנאכטיקן זונען־פארגאנג גיט א בליץ די איבערנאטירלעכע שיינקייט פון ריאָ־דע־זשאנייראָ, די קאָמבינאציע פון נאטור־דימענט מיט מענטשלעכער טעכנישער שאפונג.

דער אטלאנטיק ליגט אויסגעשפּרייט צווישן א ראַם פון כישופדיקע בערג און עלעקטרישע גירלאנדעס.

אַ פֿאַרוואָגלטער ייד אין קאָלאָמביעס מדבר

דעם 20־טן יאַנואַר פון היינטיקן יאָר וועל איך געדענקען ווי דעם טאָג ווען די היץ האָט דערגרייכט 110 גראַד אין דער וויסטעניש פון קאָלאָמביע. זינט מיין לעצטן וויזיט אין קאַלקוטאַ, אינדיע, איז מיר נישט אויסגעקומען צו ליידן אַזויפיל פון דער ברענענדיקער זון און פון דורשט.

באַגלייטענדיק דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, גענעראַל, ראָכאַס פּינילאַ, מיט זיינע מיניסטאָרן און גענעראַלן איז יעדע מינוט געווען פון פריער אויס־גערעכנט. מ׳האָט זיך געמוזט באַוועגן לויט אַ פּלאַן: מען מוז שטיין אַמאָל אַ גאַנצע שעה אונטער דער ברענענדיקער זון, כדי אויסצוהערן אַ רעדע פון פּרעזידענט און די תשובות פון די לאָקאַלע רעגירער.

ווען מיר פליען אין אַן עראָפּלאַן פון פּונקט צו פּונקט איז נאָך צו דער־ליידן, כאָטש דער מיליטערישער עראָפּלאַן דערמאָנט אויך די טרייסלענדיקע „דראָנגאָווע פור” פון די ליטווישע שטעטלעך. אָבער מיר לאַנדן אייניקע מאָל אַ טאָג אינמיטן אַ מדבר, ווו באַראַקן, באַצירט מיט פאָנען באַגריסן אונדזער אָנקום, — צוזאַמען מיט הונדערטער קאָלאָמביאַנער אויף פערד, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון די בערג און פון די ווייטע וועלדער, כדי זיך טרעפן פּנים אל פּנים מיט זייער פּרעזידענט.

אין איינעם אַזאַ פּונקט, יאָפּאַל, האָבן מיר בייגעוווינט אַ דראַמאַטישע סצענע: דער מעכטיקער פירער פון די אויפשטענדלער, גוואַדעלופּע סאַלצעדאָ, אַ פול־בלוטיקער אינדיאַנער, — איז ארויס פון זיין באַהעלטעניש איבערצוגעבן זיין ביקס דעם פּרעזידענט.

סאַלצעדאָ׳ס געזיכט איז רויטלעך־בראָנז און זיינע האָר זענען געפלאָכטן אין צעפּ. שוואַרצע וואָנצעס הענגען איבער אַ וואַמפּירמויל. ער פאַרנייגט זיך טיף פאַרן פּרעזידענט, — אָבער אַזוי ווי כ׳שטיי זייער נאָנט, — זע איך קלאָר ווי די שוואַרצע אויגן שפּריצן נאָך אַלץ מיט תייזר איז הייזקיים. — דער קאָרק בויגט זיך טאַקע, אָבער די שנאה, ווייזט אויס, איז נישט געבראָכן.

דער קאַפּיטאַן, וואָס באַגלייט אונזער גרופּע פון אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן, — דערציילט אונז, אַז גוואַדעלופּע סאַלצעדאָ האָט די לעצטע יאָרן פאַרברענט אַ רייע דערפער און געקוילעט הונדערטער מענטשן. איצט איז ער אַרומגערינגלט.

ער דריקט אויס מיט ווערטער זיין חרטה פאַר די שלעכטע מעשים און בעט מען זאָל אים באַשטראָפן אויף אַ ספּעציעלן אופן: די רעגירונג זאָל אים איבערגעבן די אויפגאַבע צוריק אויפבויען די חרובע ישובים; ער מיט זיינע אָנהענגער נעמען זיך דאָס אונטער.

ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע באַדינגונגען זענען שוין פון פריער אויסגעאַרבעט געוואָרן, ווייל דער פּרעזידענט איז מסכים און סאַלצעדאָ קריגט אַפילו צוריק זיין ביקס.

כ׳זע אויך ווי דער גענעראַל, — דער קאָמאַנדיר פון ראַיאָן, פּרוביוט אויספּרעגן זיין געוועזענעם קעגנער, טייטלענדיק מיט די פינגער אויף די בערג און וועלדער ארום. דער אינדיאַנער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין״. אונדזער קאַפּיטאַן דערקלערט אונדז, אַז דער אויפשטאַנדספירער זאָגט זיך אָפּ אַריינצולאָזן די אַרמיי־אָפּטיילונגען דאָרטן, וו ס׳געפינען זיך נאָך באַנדיטן־נעסטן; ער זאָגט, אַז ער וועט שוין די נעסטן אַליין אויסראַמען, ווייזט אויס, אַז מען טרויט אים, ווייל כּידוע איז איצט דער גאַנצער ראַיאָן אַרומגערינגלט מיט טרייע סאָלדאַטן און פּאָליציי־שיפן וואַכן אויפן טייך.

ענדלעך איז די צערעמאָניע געענדיקט און מיר באַקומען אַלע קאַלטע געטראַנקען: אַ מין שטאַרקן, מילך־ווייסן ביר, געקאָכט פון רייז. ס׳דערמאָנט אין טעם פון דעם מאַקעדאָנישן „בוזא״ געטראַנק. מיר ווערן כּמעט שיכור.

פאַרנאַכט קומען מיר אָן אין שטעטל פּועבלאָ אויף דער ווענעזועלאַנער גרעניץ. דאָ ווערן מיר שוין באַגעגנט, נישט נאָר פון אַ קאָלאָמביאַנער מיליטערישער אָפּטיילונג, נאָר אויך פון אַ גרופּע ווענעזועלאַנער אָפיצירן אין פּאַראַדנע ווייסע מונדירן.

זיי פּירן מיט זיך אַלס מתנה פאַרן פּרעזידענט צוויי יונגע געפלעקטע יאַגוארן (טיגערן) און אַ „בינען פּרעסער״, די זעלטענע חיה וואָס פאַרמאָגט אַ נאָז ביז דריי פוס לאַנג. ווען די גרופּע אַמעריקאַנער רינגלט ארום די סצענע פון איבערגעבן די חיות, פּלאָנטערט זיך דער „בינען־פּרעסער״ מיט זיין לאַנגער נאָז צווישן אונדזערע פיס און מיר שעמען זיך מודה צו זיין, אַז מיר האָבן אַ ביסל מורא. באָב קענעדי, דער פאָרשטייער פון „שיקאַגאָ סאָן״, באַמערקט וויציק: „דער „בינען־פּרעסער״ איז כּסתּם אַ ציימונגס־מענטש: ער רוקט זיין לאַנגע נאָז ווו מען דאַרף נישט״.

אַז די נאַכט פאַלט צו, בעט דער פּרעזידענט די גרופּע שרייבער, זיי זאָלן מיט אים צוזאַמען עסן ביי איין טיש, וועלכן מען האָט געשטעלט צווישן ביימער און באַלויכטן מיט פאַקעלן. דער פּרעזידענט וויגט זיך אין אַ האַמאַק, מיר אַלע זיצן אין וויג־שטולן; דינער מיט גרויסע פעבער יאָגן פון אונדז אוועק די מאָסקיטן. אַנדערע דינער טיילן פונאַנדער קאַלטן, פראַנצויזישן שאַמפּיין און גאַנצע

געבראָטענע שעפּסן; יעדער באַקומט אַ לאַנג מעסער, — לאַנג ווי אַ שווערד, מיט וועלכן מען שניידט אָפּ אַ שטיק פֿלייש און מען עסט דאָס מיט די הענט. פֿאַר די, וואָס קאָנען דאָס נישט מיטמאַכן טיילט מען ביסקוויטן אין בלעכענע פּושקעס.

דער פּרעזידענט דערציילט אונדז וועגן זיין מדינה און וועגן אירע נישט אויסגעשעפּטע רייכטימער, וועגן די אומענדלעכע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פֿאַר יעדן וואָס וויל קומען זיך באַזעצן אלס פֿאַרמער. ער וואָלט באַקומען עטלעכע הונדערט העקטאַר אומזיסטע ערד, בהמות און די נויטיקע געביידעס. נאַטירלעכע רייכטימער זיינען דאָ בנמצא. איצט איז נאָך אַזוי וויסט און לער; דערווייל לעבן דאָ „שכנים" אָפּגעזונדערטע צווישן זיך מיט דריי טעג גאַנג, — אָבער זעט וואָס ס'איז שוין אויפגעטאָן געוואָרן, און מיר דערוואַרטן נאָך פֿיל גרעסערע אויפטועס אין דאָזיקן דערוואַכענדן מדבר.

איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו דערציילן דעם פּרעזידענט און דערביי אויך די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן וועגן דעם, וואָס די קרוב צען טויזנט יידן אין קאָלאָמביע האָבן אין משך פֿון איין דור אויפגעטאָן אין הינזיכט פֿון אויפבויען אירע אינדוסטריעס און איר האַנדל, — וועגן די טעקסטיל, פּלאַסטיק, טאַבאַק, פֿאַרבן, מעטאַל און אַנדערע פֿאַבריקן, וואָס יידישע פּליטים האָבן דאָ עטאַבלירט. וועגן מאָדערנע געביידעס, געשעפֿטן וועלכע האָבן די שטעט באַצירט, וועגן זייער איבערגעבנקייט צו קאָלאָמביע.

דער פּרעזידענט איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אויסשליסלעך אַ גענעראַל און מיט פּאָליטיק זיך ניט פֿאַרנומען. ער באַשטעטיקט, אַז ער האָט פֿיל געהערט וועגן דער יידישער איניציאַטיוו אין זיין לאַנד, אויך וועגן דעם, אַז פֿיל פֿון זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו באַדייטנדע פֿאַרמעגנס. ער האַלט, אַז ס'איז נאָך פֿאַראַן גענוג אָרט קאָלאָמביאַ פֿאַר נייע מענטשן מיט אידייען און פֿאַרנעם (דער דאָזיקער געשפּרעך, וועלכן ס'האָט אויך בייגעוווינט דער אַזוי סימפּאַטישער קאָלאָמביאַנער אויסערן מיניסטער סעניאָר עוואַריסטאָ סורדיס, — האָט מיר שפּעטער פֿיל געהאָלפֿן בייקומען די ביז־איצטיקע שוועריקייטן מיט וויזאַס פֿאַר יידן קיין קלאָמביאַ).

מיר אַלע באַקומען ערטער צו שלאָפֿן אין אַ נישט־פֿאַרענדיקטער קאַזאַרמע, אין וועלכער ס'זיינען אויסגעשטעלט האַרטע סאָלדאַטסקע בעטלעך. קיין גלעזערנע פֿענצטער פֿאַרמאָגט נאָך נישט די געביידע; קיין קאָלדרעס זיך צוצודעקן דאַרף מען אויך נישט, צוליב דער היץ. אינמיטן דער קאַזאַרמע שטייען עמערס מיט וואַסער און שיסלען, אין וועלכע מיר וועלן זיך אַביסל אָפּשווענקען. אַ טיפּיש־רוסישע קאַזאַרמע פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט. אָבער מער ווי איין נאַכט וועט דאָך דאָס נישט דויערן. די דאָזיקע נאַכט, נאָך אַ שווערן טאָג פֿון מאַטערן זיך, — בין איך געשמאַק געשלאָפֿן; אַזוי אויך די אַנדערע. בייטאָג רעדט מען

אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, — ביינאַכט אין אַזאַ קאַזאַרמע „כראַפּעט" מען אויף פאַרשיידענע טענער.

★ ★

★

אויף מאָרגן פאַרטאָג, ווען כ'גיי אַרויס אויף דער פרישער לופט, — פאַר־האַלט מיך אַ יונגער מאַן, וועלכער הויבט אָן אין אַ שלעכטן שפּאַניש און גייט אַריבער אויף אַ גוטן דייטש:

„געהערט, אַז איר זענט אַן אַמעריקאַנער יידישער שרייבער, — וויל איך זיך פאַרשטעלן: כ'בין אַ טשעכישער ייד, — אַרמאַנד שאַפּירא, כ'וווין מיט מיין פרוי אין שטעטל אַרום דעם מיליטערישן פאָרט יאַפּאַל. כ'בין דער פאַר־שטייער פון דעם „בייערישן ביר", וואָס מען פאַבריצירט אין דער געגנט. פאַר־וואָגלט געוואָרן דאָ שוין נאָך דער מלחמה, דירעקט פון פּראַג. מיין פרוי האָט קרובים אין באָגאָטאַ, האָט מען אונדז דאָ אַראָפּגעבראַכט. מאַטעריעל לעבט זיך גוט, אָבער די בענקעניש נאָך אַ יידישער סביבה איז שרעקליך. אַ יינגעלע וואַקסט אונטער, וועל איך אים נאָך היינטיקס יאָר ברענגען אין דער יידישער שולע אין באָגאָטאַ, — איינע פון די בעסטע אין לאַנד. מיר אַליין וועלן זיך אויך דאָרט אַריבערטראָגן, ווייל מער קיין יידן זיינען אין דער גאַנצער געגנט ניטאָ. די באַפעלקערונג אַרום באַציט זיך צו אונדז זייער גוט, כאָטש זיי ווייסן אַז מיר זיינען יידן, אָבער פאָרט איז די איינזאַמקייט אומדערטרעגלעך".

מיר שפּרייזן צוזאַמען מיטן נאָר וואָס אָפּגעפונענעם יידן אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון אויף דער גרענעץ צווישן קאָלאָמביאַ און ווענעזועלאַ. נישט נאָר זיינען מיר דאָ ניי, — נאָר דער מענטשן־מין בכלל דרייט זיך אַרום אין דאָזי־קן בראשית־לאַנד אינגאַנצן אפשר אַ טויזנט יאָר. אפילו אינדיאַנער זענען דאָ אַריינגעדרונגען נאָר אייניקע הונדערט יאָר פאַר קאָלאָמבוסן.

פּאַקטיש איז 450 יאָר, זינט אויף דער דאָזיקער ערד האָבן געשטעלט זייערע פיס די ערשטע „ווייסע" מענטשן. אונדזער עקספּעדיציע באַצוועקט, אַז די ציוויליזירטע־וועלט זאָל וויסן, אַז אין צענטער פון ערד־קויל זיינען נאָך דאָ גרויסע שטחים — „בתול געגנטן", ווו די ווילדע חיות אין אורוואַלד לאָזן זיך גלעטן פון מענטשנס האַנט, ווייל זיי באַזיצן נאָך נישט די אַטאַוויסטישע שרעק פאַר דער דאָזיקער צוויפיסיקער „חיה" וועמענס הענט זיינען פעאיק זיי צו טויטן מיט פיילן אָדער קוילן.

נאָך אַ דריי־טאָגיקן פליען און וואַנדערן ברענגט אונדז דער עראָפּלאַן צו־ריק צו דער באַרגיקער הויפּטשטאָט פון קאָלאָמביאַ, באָגאָטאַ. די שטאָט איז פאַרשטעקט אין וואָלקנס. ס'איז דאָ קיל און טומלדיק. נאָך דעם אור־וואַלד און מדבר האָט זיך פאַרבענקט נאָך מענטשן, — נאָך אַ וואַרעמער באָד און עלעקט־רישן ליכט.

ס׳איז געווען פּרייטיק פאַרנאַכט, ווען כ׳בין אָנגעקומען אין מיין האָטעל צוזאַמען מיט די קאָלעגן פון די אַמעריקאַנער צייטונגען. יענע האָבן זיך געגרייט צו גיין צו דער אָפּעראַ־פאָרשטעלונג, צו וועלכער מיר אַלע זיינען איינגעלאַדן געווארן. אָבער מיך האָט עפּעס פּלוצלינג אַ צי געטאָן צו „מקבל־שבת" זיין מיט יידן.

די ברידער צעלניק, איינער, דער אַרויסגעבער פון דער שפּאַניש־יידישער צייטונג דאָ, און דער צווייטער, דער אייגנטימער פון אַ גרויס ביר־געשעפט, פירן מיך צום „בית־המדרש". און ווען מיר עפענען די טיר און דערזעען ווי אַ פּאָר מנינים זיצן אַרום טיש, און אַ רבנישער ייד אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, — אַ רב פון וועמענס פּנים און שוואַרצע באָרד ס׳שיינען אַראָפּ יאָרן פון גייסט און „שבת", — רעדט וועגן דער סדרה פון דער וואָך, — דערפיל איך פּלוצלינג אַזוי שאַרף דעם קאָנטראַסט פון דער פרעמדער ווילדערניש אין וועלכער כ׳האָב פאַרבראַכט די לעצטע דריי טעג און דעם גייסטיקן פּאַלאַץ, ווו אייניקע צענדליק יידן באַגעגענען איצט די „מלכה שבת". איך דערפיל פּלוצלינג דעם שטאָלצן אמת פון „אתה בחרתנו".

און ווען מען שטעלט זיך מקבל שבת זיין, קלינגען מיר אָפּ מאָדנע רעאַליסטיש־רופנד די ווערטער: „רב לך שבת בעמק הבכא" — („גענוג שוין פאַר דיר צו זיצן אין טאָל פון פאַרטיליקונג"). זינגען מיט דאָס ביסל יידן, וועלכע האָבן גענוג גבורה צו פאַרלאָזן זייערע געשעפטן און אַרויפציען אויף זיך די הייליקע שבתדיקע הויט.

* *

*

אביסל נחת האָב איך אויך געהאַט אויף דער זיצונג פון פאָרמירטן קהילה־ראַט אין באָגאָטאַ אונטערן פאָרזיץ פון יעקב אווערבוך.

אווערבוך, דער אינטעליגענטער סוחר מיט אַ וויטן בליק אויף קהילה־ענינים, וויל דורכאויס, אַז יעדער ייד אין באָגאָטאַ (אַרום פינף טויזנט יידן אין צאָל) זאָל געהערן צו דער געמיינדע, אַז אַלע ענינים וואָס האָבן אַ פאַרבינדונג מיט יידיש לעבן זאָלן דורך דער קהילה קאָנטראָלירט ווערן. ער פּלאַנעווועט אויך צו בויען אַ פּרעכטיקע סינאַגאָגע, אָנשטאָט די צייטווייליקע „משכנות" אין וועלכער יידישקייט שטייט דערווייל איין.

אבער ווען כ׳האָב געזען אויף דער קהילה זיצונג די יונגע מיטגלידער, די אַקאַדעמישע אינטעליגענץ, וואָס איז שוין דאָ אויסגעוואַקסן, — האָב איך אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מיט זייער הילף (כ׳מיין דאָ די דאָקטוירים לעדערמאַן, קלאַר און הימציק), ווי אויך מיט דער הילף פון די עלטסטע מיטגלידער, ווי לובעלטשיק, ביבלאָוויטש, פינקעלמאַן, ריינעס און אַנדערע, וועט אפשר באָגאָטאַ פאַרנעמען דעם פאַרדינטן אָרט צווישן די ניי־פאָרמירטע יידישע קהילות אין לאַטיין־אַמעריקע.

אַ באַזוך אין פּאַלאַץ פון דער
אַמאָליקער אינקוויזיציע

כ'האָב די קאָלאָניאַל־ראָמאַנטישע שטאָט קאַרטאַגענאַ באַזוכט צום ערש־טן מאָל.

און ס'איז געווען אַ שטאַרקע איבערלעבעניש פֿאַר מיר, ווי שטענדיק, ווען כ'געפֿין אַ ביסל פֿאַרוואָגלטע יידן אין שאָטן פֿון אַלע קירכן־גלאָקן, פֿאַר־שימלטע שטיינערנע ווענט און אינקוויזיציע מכשירים, וועלכע שמעקן מיט רויך, און גאָט־לעסטערונג.

געקומען צופֿליען בין איך קיין קאַראַטאַגענאַ פֿון אויבן, פֿון די פֿאַררעגנטע, פֿאַרכמורעטע בערג, אויף וועלכע באָגאָטאַ, די הויפּט־שטאָט פֿון קאָלאָמביאַ, איז צעוואָרפֿן.

צו הויך איז באָגאָטאַ און אָפּטמאָל פֿעלט מיר דאָרט אויס אָטעם, אַמאָל צוליב דער שיטער־ער לופֿט פֿון דער נאַטור און אַמאָל צוליב לופֿט וואָס בייזע מענטשן שאַפֿן...

און ס'איז געווען גוט דעריבער, אין קנאַפּע צוויי שעה ווידער צו דערזען דעם דורכזיכטיקן ים־שפּיגל און די פֿאַרגייענדע זון, וואָס וואַרעמט נאָך און לאַשטשעט.

געדאַרפֿט האָב איך פֿאַרפֿאָרן אין לוקסוס־האָטעל קאַריבעאַ ביים ים, דאָרט ווו טוריסטן וווינען, אָבער אַריינגעפֿאָרן בין איך גאָר אויפֿן אַלטן מאַרק, אין אַ האָטעל אָן גרויסע באַקוועמלעכקייטן, אָבער דערפֿאַר געפֿינט ער זיך אין צענ־טער פֿון אַנטיק־שטאָט, ווו די געביידעס מיט פֿאַרקראַטעטע פֿענסטער דערציילן געשיכטעלעך, מעשיות פֿון אַמאָל.

דער בעל הבית פֿון מיין האָטעל איז אַן אַלטער דייטשער ייד, וועלכער באַמיט זיך פֿאַרמאַסקירן זיין יידישקייט דורכדעם וואָס די „לאָבי" פֿון האָטעל איז באַהאָנגען מיט קאָלירטע „הייליקע" בילדער, וועלכע ווייזן ווי מען האָט געמאַטערט דעם „אויסלייזער". אָבער דער מאַסקאַראַד העלפֿט ניט: די מענטשן אין גאַס רופֿן דעם האָטעל „דער יידישער", כדי אונטערשיידן פֿון די אַנדערע ניט־יידישע.

ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, ווו דער האָטעל שטייט, זע איך פערד־און־וועגענער און דעם אַלט־מאַדישן „איזוואָשטשיק" אויף דער קעלניע. זע איך געביידעס, שמאָלע, הויכע מיט הענגענדע באַלקאָנדלעך, ווי אַמאָל אין שפּאַניע; דערזע איך אויך אַ געלע־קלויסטער־טיפּ געביידע מיט לייבן און אינקרוסטאַ־ציעס מיט לאַטייניש׳ע אויפשריפטן, וועלכע קומען מיר פאַר באַקאַנט. איך לייען איבער דאָס וואָרט „מיזערעקאָרדיאַ" (רחמנות). פרעג איך מיך מיין בעל־הבית:

„וואָס פאַר אַ בנין איז דאָס?" ענטפערט ער:

„דאָס איז דער פּאַלאַץ פון דער אינקוויזיציע, איינע פון קאַרטאַגענאַס מערקווירדיקייטן".

איך האָב דאָס טאַקע חושד געווען, ווייל דער אויפשריפט „רחמנות" האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל פון מיין זכרון געפּאָרט מיט דעם אַלטן אינקוויזיציע־לאָזונג.

דער בעל־הבית אָבער גיט־צו:

„כ׳בין שוין דאָ זעכצן יאָר אַ שכן און קיינמאָל דעם אינקוויזיציע־פּאַלאַץ ניט באַזוכט... זיי זעען אונדז דאָרטן ניט גערן"..

קען איך זיך אָבער ניט איינהאַלטן און גיב אַ זאָג:

„אָבער ביי אייך אין האָטעל־לאָבי האָט דאָך די אינקוויזיציע געוויס גע־זיגט: קיינער נויט דאָך ניט אין מאָדערנעם קאָלאָמביאַ אויפהענגען קריסטלעכע בילדער אין אַ יידיש הויז"....

קווענקלט זיך דער אַלטער:

„דאָס איז דאָך אָבער צוליב געשעפט"...

גלייך פּאַרטאָג, ווען די ערשטע קירכן־גלאָקן פון דער קאַטעדראַ האָבן זיך אומעטיק צעזונגען, בין איך אריין אין אינקוויזיציע־פּאַלאַץ. אַן אָרעם־געקליידעטע יונגע קאָלאָמביאַנערן וואַשט די שטיינער פון אינערלעכן הויף. זי איז די טאָכטער פון וועכטער. פאַר אייניקע „סענטאַוואָס" ווערט זי מיין „פירערן", און כ׳מוז זאָגן, אַז זי האָט געוווּסט ווי אַזוי און וואָס מיר צו ווייזן.

„אָט אין די פאַרקראַטעטע קאַזעמאַטן זיינען זיי געלעגן די „אינקרעדולאָס" (די ניט גלויביקע), לאַנג דאָרט געלעגן ביז זיי האָבן זיך מודה געווען. און אָט דער צעריסענער, גראָבער שטריק אויפן קרוק, וואָס איז אריינגעהאַקט אין סופיט, פלעגט אויפהויבן דעם קערפּער פון זינדיקן און אַזוי איז ער געהאַנגען ביז ער האָט ווידער אָנערקענט דעם אמת׳ן גאָט"...

יאָ דער שטריק און דער קרוק זענען עדות! און זיי שטעקן שוין דאָ פון יאָר 1612 ווען דער „הייליקער טריבונאַל" האָט אָנגעהויבן זיינע סעסיעס אין קאַרטאַגענאַ. געדויערט האָט דאָס ביזן יאָר 1816, ווען די קאָלאָמביאַנער

אויפשטענדלער האָבן אַרויסגעיאָגט די שפּאַניער און דערקלערט זיך אַלס זעלבסט־שטענדיק.

דערנאָך גייען מיר צווישן די פאַרשימלטע רואינעס פון אַן אײנערלעכן גאָרטן מיט באַלקאָנען, וואָס האַלטן זיך אויף שפּינוועבס, מיט טיף־אײַנגעגראָבענע אין דער ערד געפענגעניש־צעלן, מיט אַ לאַנגן טונעל, וואָס ציט זיך מײַלן ווײַט, העט־העט צום דאָמיניקאַנער קלויסטער, אויסער די שטאָט־ווענט.

דאָס וועכטער־מיידל רעדט מיטן אומשולד פון איר אײַנגעבאָרענעם פּאַנאַטיזם וועגן די פאַרפוילטע ביינער פון די „אומגלויביקע", וואָס מען געפינט נאָך איצט אין די צעלן, וועגן די וווּנדערבאַרע פּראָצעסיעס, וואָס פלעגן באַגלייטן דאָס פאַרברענען, אַזוי ווי די אַלטע „פּאַטערס" פון פּאַלאַץ האָבן נאָך דערציילט אירע זיידעס.

★ ★

★

און אַט אין דער דאָזיקער שטאָט אַרומגערינגלט מיט אַ מיטלאַלטערלעכן מויער, וווינען אַרום צוואַנציק יידישע פאַמיליעס, אַן אויפגעלאָף פון אייראָפּעיִשע גלותן.

זייער אַנערקענטער ראש־הקהל איז פיליפּע גרינבערג פון פּערו (אַלט־רומעניע). זיין מאַנופאַקטור־געשעפט איז אויף דער שמאָלער הויפּט־גאַס צונויפגעשטיקט מיט נאָך אַזעלכע יידישע און ניט יידישע קראָמען. שטופּן זיך דאָ אַמעריקאַנער און אַנדערע טוריסטן, וועמענס שיפן פאַרהאַלטן זיך אויף אַ טאָג, כדי צו זען די מערקווירדיקייטן פון קאַרטאַגענאַ. קויפט מען קאָלירטע שמאַטעס, צאַצקעס, געשטאָפּטע חיות.

קיין גביר איז פיליפּע ניט, אָבער אין מיינע אויגן איז ער איינער פון די רייכסטע אין מעשים קאָלאָמביאַנער יידן. אין ציטערדיקע אָבער קרעפטיקע הענט האַלט ער צוזאַמען דאָס ביסל אחינו־בני־ישראל, וועלכע זענען דאָ פאַרוואָגלט.

אַ קליין בית־מדרש'ל, ציוניזם, אַ ניו־יאָרקער יידישע צייטונג, — דאָס זיינען די פעדים וואָס בינדן זיי מיט דער אויסערלעכער וועלט און פיליפּע איז דאָס דער אַדרעס פאַרן ציוניסטישן משולח און פאַרן דעקאָראַטיוון רב מיט דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, וואָס פאַרט אין נאָמען פון אַ ישיבה.

דריי פיינע קינדער דערציוגן. די טאָכטער איז איצט די קאַנדידאַטן אויף שיינהייטס־מלכה אין קאַטוילישן קאַרטאַגענאַ. אַ באַשיידענע, צניעותדיקע שיינהייט. ביי מיר האָט זי שוין דעם קאָנקורס געוווּנען. דעם זונדל האָט דער טאַטע נאָר וואָס צוגעגרייט צו בר־מצווה און כאָטש ער בריקעוועט זיך אַביסל, וויקלט ער אים נאָך אַלץ די הענט אין תפילין.

פיליפע דערציילט מיר וועגן עפּעס אַ הויכן גלח דאָ, וואָס רעדט העברעאיש און איז דער ממונה אויפן אינקוויזיציע־פּאַלאַץ. וויל איך אים זען. ס'איז אָבער ניט אַזוי לייכט אין אַ שטאָט, וווּ יעדער צענטער דורכגייער שיינט צו זיין אַ גלח.

באַשליסן מיר גיין צום אַרציבישאָף קירכע און דאָרט זיך דערוויסן. פירן מיך דאָרט די קינדער פון פיליפּע און אַ ייד, וועלכער איז נאַר־וואָס אַריין צו אים אין קראָם.

אפשר צוליב דעם וואָס דער ייד טראָגט אַ העמד אָן אַ קראַוואַט און צע־קנייטשטע הויזן, אָדער צוליב דעם וואָס אויפן גאַנצן פּנים זיינעם ליגט אַ מאָדנער קנייטש פון צער, —האָב איך אים לכתחילה אָנגענומען פאַר אַן אָרעמאַן.

אָבער אָט שטעלט ער זיך מיר פאָר:

„איך הייס יהודה־צבי מאָשקאָוויטש. אַמאָל געוווינט אין אונגאַרישן שטע־טל אָרשעווע (היינט טשעכן). אַ, ניין, קוקט ניט אויף מיין צעקנייטשטן הילוך; מיר לעבט זיך דאָ גאַנץ פיין: כ'פאַרמאָג אַ האָטעל און צוויי אייגענע הייזער, אָבער דאָך לעב איך ניט. איך בין גאָר אַ בר־מינן! געהאַט אַמאָל אַ ווייב, פינף קינדער, איז אַלץ אַוועק מיט היטלערס רויכן.... מיין טאַטע ר' בנימין איז געווען דער אָרשעווער גביר. דער רבי ר' יואליש פלעגט ניט אָנ־הויבן „קבלת־שבת" איידער מיין טאַטע איז אַריינגעקומען. און ווייסט איר ווער ר' יואליש איז, דאָס איז דאָך דער סאַטמאַרער רבי, דער הייליקער רבי אונדזערער, היינט אין ניו־יאָרק. כ'געדענק ווי אַלס קינד פלעג איך אים זען דאַווענען מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ אויף דער ערד ניט געווען. זענען מיר אַלע אָנגעשטעקט געוואָרן מיט זיין דביקות. ווען איך האָב געמוזט אויסוואַנדערן, האָבן מיך נאָך אַלץ דעם סאַטמאַרערס אויגן פאַרפאָלגט. דעם ערשטן יאָר דאָ בין איך אין אַ יאַרמולקע געשלאָפן, טרוקן ברויט מיט שוואַרצע קאַווע געגעסן; געליטן יסורים צוליב פרומקייט און כשרות. יאָ, איצט ליג איך שוין טיף אין דער בלאָטע, אין די מ"ט שערי טומאה. אַליין, אָן אַ ווייב, אָן אַ קינד! איר זעט אָט די אינדיאַנערינס מיט די לאַנגע, גראָבע ציגאַרן אין מויל? דאָס זיינען די שטענדיקע באַגלייטערינס פון ניט אין איינזאַמען יידן דאָ... אָבער, געוואַלד, עס בענקט זיך נאָך עטוואָס העכערס ווי געלט, ווי הייזער! ווען איך ריר אייך אָן, דוכט זיך מיר, אַז עס שטראַלן אַרויס פון אייך יענע טייערע יידן, וועלכע איר טרעפט אויף אייער וועג, און אויך יענער גרויסער רבי, דער סאַטמאַרער, מיט וועמען איר וווינט דאָך אין איין שטאָט..."

צווישן די קנייטשן אונטער די פאַרלאָשענע אויגן פון פאַרוואָגלטן חסיד קייקלט זיך אַ טרער..

דערווייל זיינען מיר שוין אויפן באַלקאָן פון אַרציבישאָפ'ס פּאַלאַץ. אונדזער גרופּע וויל אַריינגיין אין אָפיס און פרעגן אויפן גלח. קומט אָבער אָן אונדז

אנטקעגן א הויכער, שלאַנקער גייסטלעכער מיט א פּנים פון אַן אַלט־רוימישן סענאַטאָר.

פיליפּעס טאָכטער רוימט מיר שנעל אַריין:

„דאָס איז דער אַרציבישאָף פון קאַרטאַגענאַ!”

קיין ברירה ניטאָ, מוז מען שוין פרעגן אים אַליין. מיר פאַרנייגן זיך פאַרן „פּרינץ פון דער קירכע”. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס מיר קושן ניט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט מאַכט קלאָר פאַר אים, דאָס מיר זיינען ניט קיין קאַטאָ־ליקן. אָבער אָט גיט ער א שמייכל און זאָגט, דאָס ער דערקענט דאָס מיידל פון די צייטונגס־פאָטאָגראַפיעס. „צי איז זי ניט סעניאָריטאַ גרינבערג, די שיינהייט־קעניגין־קאַנדידאַטין?”

דאַן פרעג איך זיין עמינענץ (ער הייסט דר. כאָזע לאָפּעז אומאַניאַ), צי קען ער אונדז אָנווייזן ווו מיר קענען געפינען דעם העברעאיש־רעדנדיקן גלח?

לויט די סמנים, וואָס אונדזער באַגלייטער גיט אָן (ער איז זייער דיק, זייער קליין א. א. וו.) ווייס שוין דער אַרציבישאָף וועמען מיר מיינען. ער לאַכט זיך פאַנאַנדער:

„איר מיינט געווים דעם פּרעלאַט מאָנסיניאָר רופינאָ אָטשאָאַ. איך וועל אים באַלד אַרויסשיקן צו אייך. ער עסט ביי מיר. אָבער העברעאיש קען ער ניט רעדן. ווייזט אויס, אַז די יידן דאָ זענען אויך ניט קיין גרויסע מבינים אויף זייער הייליקער שפּראַך”.

אין א קורצער ווייַלע שפּעטער קומט צו אונז מאָנסיניאָר אָטשאָאַ. ער איז טאַקע פעט, אָבער רירעוודיק, לעבעדיק און גרייט צו דיסקוטירן אַלץ אין דער וועלט.

נאָך די ערשטע שפּאַנישע פראַזן, גיי איך אַריבער אויף העברעאיש:

„אמרו לי כי אתה מדבר עברית” (מען האָט מיר געזאָגט, דאָס איר רעדט העברעאיש).

„בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ, והארץ היתה תהו ובהו”...

סטאָפּ! מער גייט דאָס ניט. ער פאַרהאַלט זיך ביים „תהו ובוהו” און דאָ ענדיקט זיך דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער רעזערוו.

געפּלאַצט די לעגענדע פון העברעאיש־רעדנדיקן גלח צווישן די קאַר־טאַגענער יידן...

אָבער וועגן דער אינקוויזיציע ווייסט דער גלח פיל צו דערציילן. ער האָט אַלץ אויסגעפאָרשט! עס איז א בלבול אויף שפּאַניע, אַז זי האָט דאָס געשאַפן, די אינקוויזיציע־געריכטן. דאָס האָבן געטאָן א סך פריער די רוימער, די פראַנצויזן.

טאָרקוועמאַדאַ? די הייליקע איזאַבעלאַ? האָט מען דאָך געמוזט ראַטעווען דעם גלויבן פון די מורען (מאַכמעדאַנער), און „ענטשולדיק מיר פון דער שטאַרקער דאָן יידישער ווירקונג. יאָ, מען האָט מסתם באַנוצט אַביסל דראַסטישע מיטלען, ווי אַלע מלוכות, וועלכע מוזן באַפעסטיקן זייער עקזיסטענץ..."

„קומט, פאָטערל, וועט איר אונדז טאָקע ווייזן דעם פּאַלאַץ פון דער אינקוויזיציע. איר זענט דאָך דער אמתער עקספּערט".

און מאָנסיניאָר אָטשאָאַ לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און מיר שלעפּן זי ווי אַ „פּראָצעסיע" איבער די שמאָלע קאָלאָניאַלע גאַסן, ווו די פאַרקראַטעטע מיטלאַלטערלעכע הייזער האָבן אַמאָל געזען די אמתע אויטאָ־דע־פע פּראָצעסיעס.

אויפן וועג פאַראייניקט זיך צו אונדז ר' שמואל זילבערבערג, פון ניו־יאָרק, אַ ייד מיט אַ באָרד און אין אַ רבנישן קאַפּעלוש. ער איז דאָ געקומען אויף אַ פּאָר שעה צוליב געשעפט. ער איז אונדזערער אַ לייענער און ווייס אז ס'איז ניט געפערלעך מיטצוגיין מיט מיר, אויב אפילו אַ קיילעכדיקער, פעטער גלח גייט פאָרויס....

איך כאַפּ זיך דערווייל אַריין אויף אַ פּאָר מינוט אין קראָם פון יידן לייב יעגער, וועלכער פאַרקויפט אויסגעשטאָפּטע קראָקאָדילן, פאַרטריקנטע טשערעפּאַכעס און אַנדערע חיהשע פאַרזעענישן, נאָך וועלכע איך יאָג זיך שטענדיק אין מיינע ווייטע וואַנדערונגען.

אָבער לייב יעגער דערפרייט זיך מער מיט מיר אַלס שרייבער ווי אַלס קונה. ער שטאַמט פון אישדען (לעבן בעלז), אין בעסאַראַביע. שוין באַלד דרייסיק יאָר דאָ. ער דערציילט:

„און איר פאַרשטייט אַליין: קיין יידישע טעכטער זיינען ניט געווען דאָ, לעבט מען מיט אַ היגער... דריי קינדער האָב איך מיט איר. און די אינגלעך, אַ קלאָג צו מיר, זיינען נאָך אַלץ ניט גע'מל'ט... איך גיי אַריין ימים־נוראים אין שול, אָבער דאָס הארץ זאָגט מיר דאָס איך געהער ניט דאָרטן.. איך חלום אַמאָל, דאָס צוזאַמען מיט מיינע קינדער, מיט מיין ווייב, וועלן מיר אַלע זיך ראַטעווען קיין ישראל. מיין ווייב איז גראָד אַ גוטע, זי וועט זיך מגייר זיין. די קינדער וועט מען מל'ען און איך וועל לעבן ווי אַ ייד, ווי דאָרט אַמאָל אין בעלז.."

איך גיב אים צו מוט. עפּעס קלעמט מיר אַזוי דאָס האַרץ אויפן דאָזיקן פאַרבלאָנדזשעטן ברודער, ווען ס'גייט ניט אין ניט זיין גוטע פּרנסה, ניט זיין ניט־יידישע פאַמיליע־לעבן. איך פיל: ער מיינט ערנסט, ער וועט זיך ראַטעווען קיין ישראל.

* * *

און אָט איז אונדזער „פּראָצעסיע" אָנגעקומען אין אינקוויזיציע־הויף. מיר פאָטאָגראַפירן זיך צוזאַמען מיטן גלח און מיטן יידן אין רבנישן קאַפּעלוש.

עס דוכט זיך, אז הינטער די קראטעס, ווו אונדזערע מארטירער האבן מיט יארהונדערטן צוריק אין אנגסטן געווארט אויף פארברענט צו ווערן, לאכט זיך פאנאנדער א שד, וועמען די געשיכטע האט פארגעסן מיטצונעמען...

ווי אנדערשט וואלט דאס אויסגעזען דאן, ווען דער „הייליקער טריבונאל" איז דא געזעסן?... מיר וואלטן אלע געטראגן די קליידונג פון די זינדיקע: דאס שפיציקע היטל, דעם פארטוך און דעם שטעקן („קאראזא, סאמבעניטא, וועלא"), און דער גלח, אפשר דער זעלבער מאנסיניאר, וואלט אונדז געפירט צום „פייער וואס ראטעוועט די נשמה".. גלאקן וואלטן געקלונגען, א שורה מאסקירטע גלחים וואלט תפילות געזונגען... ווי גוט עס איז צו וויסן, דאס עס געהערט שוין אלץ צו דער פארגאנגענהייט! און אפשר האב איך אויך דא א טעות? די פארם האט זיך געביטן, די אינקוויזיציעס עקזיסטירן נאך אלץ...

★ ★

★

איך זעגן זיך מיט דער קליינער פארוואגלטער עדה. דער אמאליקער סאטמארער חסיד האלט מיך נערוועז ביי די הענט, אזוי ווי ער וואלט געוואלט איינהאלטן דעם קשר, וואס פארבינדט אים דורך מיר מיט דער גרויסער לע־בעדיקער יידישער וועלט.

צווישן מאַראָקאַנער ייִדן אין ווענעזועלאַ

במעט פלוצלינג האב איך געמוזט אפפליען קיין ווענעזועלא, קאלאמביא, אזוי, אז די דאזיקע שורות ווערן געשריבן אין קאראקאס.

א נס, וואס כ׳האב תמיד מיין פאס און וויזעס גרייט. כ׳האב נאך באוויזן צו טעלעפאנירן מיין רעדאקטאר, אז אויב ער דארף מיך האבן זאל ער זיך באמיען נאכפליען מיט דער שנעלקייט פון 350 מייל א שעה. און כ׳האב אויך ארייגעכאפט א ברכה פון מיין פריינט הרב דר. יחזקאל לאנדאו, וועמען כ׳האב צופעליק באגעגנט, ווען איך בין שוין געלאפן מיט מיינע „קלומיקלעך". ער, דער אור־אור אייניקל פון „נודע ביהודה", האט פאר איינוועגס געוואלט אליין פארדינען, און אויך מיר פארשאפן א „מצווה" האט ער מיר געגעבן א דאלאר און געבעטן דאס איבערגעבן דעם ערשטן יידישן ארימאן אין ווענעזועלא.

„רבי", זאג איך, „לויט מיינע בעסטע אינפארמאציעס פון פריערדיקע רייזעס זענען דאך, ברוך השם, קיין יידישע ארימעליים נישטא אין ווענעזועלא.

— דאן, — זאגט הרב לאנדאו, — גיט איבער די נדבה א ניט־יידן, כמה שנאמר, — ווייל סאיז פאראן א בפירוש׳ע משנה: „מפרנסים עניי עכו״ם מפני דרכי שלום" (מען שפייזט ארימעליים פון די „ניט־יידן" צוליב שלום וועגן).

(איך פארכאפ די פיש פאר דער נעץ און דערצייל אייך, אז דער דאלאר איז נאך אלץ ביי מיר אין קעשענע, כאטש כ׳בין שוין אין קאראקאס דעם דריטן טאג. פאראן דא ארעמעלייט, האבן זיי זיך אבער אלע פארשטעלט פאר גבירים, „מפני דרכי קרעדיט" וועגן).

יא, און דער פלי אליין? נאך מיט אייניקע יאר צוריק פלעגט מען קיין ווענעזועלא פליען במעט צוויי טעג, — געדארפט נעכטיקן אין פארטא־ריקא. היינט פליט מען בלויז זיבן שעה און אז איר דרימלט אביסל צו און ענדיקט לייענען די צייטונגען, — זענט איר שוין אין זוניקן הייסן לא־גואריא, וואס איז דער פלי־ארייגאנג צו קאראקאס.

אן אנגענעמע איבערראשונג דערווארט מיך בעתן רעווידירן דעם פאסא־פארט: דער באאמטער פרעגט שוין ניט מער מיין רעליגיע. איר דארפט וויסן, אז נאר מיט א פאר יאר צוריק האט די רעליגיע דעצידירט, צי מען זאל אריינ־

געלאָזן ווערן אין ווענעזועלא, אפילו ווען איר האָט שוין אַ וויזע. אין די אָפיציעלע פאָרשריפטן איז געווען אַ פאַראַגראַף, וועלכער האָט פאַרבאָטן דעם אַריינפאָר פון יידן (מיט איניקע יאָר צוריק — אפילו נאַטוראַליזירטע אַמעריקאַנער) אין דאָזיקן לאַנד.

איך אַליין פלעג זיך פיל מאָל בייזערן, וואָס כאָטש מיין וויזע האָט געהאַט דעם צושריפט „דע קאָרטעזיא, — אַ מין דיפּלאָמאַטישע העפליכקייטס גאַסט איינלאַדונג, — איז דאָך די ערשטע פראַגע פון באַאַמטן געווען: „רעליגיע?” בין איך דעריבער געבליבן צופרידן, וואָס אויך ווענעזועלא, אין איר שטאַרקן אימפּעט-לויף צו פּראָגרעס, האָט נאָרוואָס אָנגעווירן איר אַנטיסעמיטישע „געלע-לאַטע”.

צי הייסט דאָס, אַז יידן קריגן פריי וויזעס קיין ווענעזועלא, ווי שפּאַניער אָדער איטאַליענער, מיט וועלכע ס׳קומען דאָ אָן אָנגעפּילטע שיפן? ניין, ווייט פון דעם! פּרובירט אַריינגיין צו יעדן ווענעזועלער קאָנסול, — אפילו אין ניו־יאָרק, — וועט איר זיך איבערצייגן. אָבער די באַגרענעצונגען, — פון אַ ריין קאָנסולאַרן און ביוראָקראַטישן כאַראַקטער רירן אָן ניט נאָר יידן.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע פריערדיקע באַגרענעצונגען, ווינען איצט אין ווענעזועלא אַרום צען טויזנט יידן (צווישן פינף מיליאָן קאַטוילישע איינוווינער), פון וועלכע אַכט טויזנט לעבן, — און פּרנסה פעלט ניט, — אין קאַראַקאַס אַליין.

יענע „פּאַפּירעלעך”, די טרויעריקע „אַנוסים”-צייכנישן, וואָס האָבן זיי געבראַכט אַהער, און וואָס וועלן שוין אויף אייביק בלייבן אַ שאַנד-פלעק פון דער אַזוי גערופענער „קריסטלעכער ציוויליזאַציע”, זיינען לכתחילה באַטראַכט געוואָרן אַלס ווערטלאָזע „אשר-יצר” דאָקומענטן, וועלכע האָבן אונדזערע ברידער געדאַרפט העלפן ראַטעווען פון היטלערס גאַז-אויוונס... און יידן זיינען געבליבן, אַלע ביז איינעם (ניט ווי אין בראַזיל, וווּ אין די זעלביקע אומשטענדן האָבן איניקע הונדערט פוילישע און דייטשע יידן, לכתחילה „אַנוסים”, — געלאָזט שטעקן די „פּאַפּירלעך” אין קעשענע און טאַקע „אויסגעביטן דאָס רענדל”).

והא ראיה, — זעט נאָר, וואָס כ׳האָב באַוויזן אין צוויי טעג:

פּרייטיק צו נאַכטס האָב איך געדאַוונט אין דער שול פון די מאַראָקאַנער יידן. ווען כ׳האָב זיך בייטאָג געזען מיט דר. בענטאַטאַ, אַ באַרימטן אַדוואָקאַט, און סעניאָר טערועלא, אַ ניט-וויניקער באַרימטן פילפּאַכיקן מיליאָנער, — האָבן זיי מיר געבעטן כ׳זאָל דערציילן דער אַרטיקער קליינער אָבער זייער איינפלוסרייכער קהילה פון מאַראָקאַנער יידן, — די איינדרוקן, וואָס כ׳האָב געהאַט בעת מיינע לעצטע רייזעס דורך די אַראַבישע לענדער. אַלע זענען זיי דאָך געקומען במשך פון די לעצטע פערציק יאָר פון שפּאַנישן און פראַנצוי־

זישן מאראָקאָ, און טיילווייז אויך פון מצרים און סיריען, אַלע האָבן זיי הינטער זיך אַ קייט פון דורות, וואָס האָבן צוזאַמענגעלעבט יאָרהונדערטער מיט די אַראַבער און אַראַביש איז נאָך ביז איצט זייער מוטער שפּראַך, ווילן זיי וויסן, פרעגן זיי קשיות, — איבערהויפּט טאַקע, וואָס וועט זיין דער תכלית מיט די פון זייערע ברידער, וואָס לעבן נאָך אין די „מעללאַס" (געטאָס) פון מאַראָקע און טוניס.

ווען איך גיי אַריין אין דער פּראָוויזאָרישער שול (די נייע שול ווערט איצט געבויט) אין וועלכער אַרום הונדערט אַפריקאַנער און אַזיאַטישע יידן, וואָס וווינען אין קאַראַקאַס, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט „מקבל שבת" זיין, — גיט אויף מיר אַ בלאָז מיט דער ווייטער עקזאָטיק פון טעטואַן (שפּאַניש מאַראָקאָ), פון וואַנען ס׳רוב מתפּללים שטאַמען.

די גלעזערנע הענגלייכטער, די לאַנגע בענק ביי די ווענט, וואָס ציען זיך פון דער „בימה" ביזן אָן־פּרוכתדיקן ארון־קודש. די דריידלדיקע ניגונים שלענגלען זיך, ווי אַראַבעסקעס און דערמאָנען (להבדיל) מעטשעטן און מועדזי־נען. און די געזיכטער פון די מתפּללים אַליין, — אַלע טאַקע אייראָפּעיש געקליידטע, — אָבער טיף־אָריענטאַלע, אַזוי, אַז איר דאַרפט גאָרניט אָנשטרענגען אייער פאַנטאַזיע, כדי צו זען אויף זיי די קליידער, וועלכע זיי האָבן געטראָגן אין דער יוגנט: שוואַרצע אָדער רויטע פעזן און קאָלירטע כאַלאַטן.

ס׳זיצן דאָ אויף די בענק איי ניקע פּילפּאַכיקע מיליאָנערן אין דאָלאַרן, וואָס קאָנטראָלירן באַנקן און טראַנספּאָרט; אַ פּאָר פּראָפעסיאָנאַלן, — און צו מיין פאַרגעניגן — אויך אַ מנין יונגע ייִנגלעך, וואָס דאַווענען פרום און זינגען „לכה דודי" אויסנווייניק מיט דער אַראַבישער „הברה". קיין רב האָבן ניט די היגע מאַראָקאַנער, אָבער דעם בעל־תפילה, — ס׳זאָל נאָך אַלץ בלייבן אין קינפטיקן דור, דאָ, אַ זכר פון דער אַמאָליקער מאַראָקאַנער יידישקייט.

נאָך דער תפילה רעד איך צו זיי אין פראַנצויזיש, די שפּראַך וועלכע זיי אַלע פאַרשטייען. און עס איז פאַר מיר געווען לייכט צו אָנצינדן די געפילן, ווייל כ׳האָב גלייך אָנגעהויבן מיט זכרונות וועגן זייען געבורטסשטאָט טעטואַן, וועגן דעם אַלטן רב ר׳ יצחק חלפון, — דעם אומפאַרגעסלעכן מנהיג זייערן מיטן „הערצל באָרד", אין וועמענס הויז כ׳האָב פאַרבראַכט אַ שבת מיט יאָרן צוריק, און געפילט האָב איך, אַז די דאָזיקע אַלע יידן, וועלכע האַלטן זיך נאָך אַלץ אַביסל פאַרפרעמדט פון זייערע אשכנז׳ישע ברידער, — אפילו פון די שליחים, וואָס קומען פון ישראל, — זיינען אויפגעפלאַמט געוואָרן, ווען דער גרוס האָט זיך אָנגעהויבן פון יענע ראָמאַנטישע יאָרן און גאַסן אין טעטואַן, אָדער פעז, אָדער סעאוטאַ, ווו זייער וויג איז געשטאַנען...

* *

*

און נאָכן עסן אין דער גאַסטפרייַנטלעכער הויז פון די שניידערמאַנס גייט מען צוזאַמען אויפן „עונג־שבת" אין דער מאָנומענטאַלער געביידע פון דער יידישער שול.

איך האָב געזען דעם דאָזיקן פראַכטפולן בנין, ווען מען האָט אים נאָך געבויט. איצט ברענט ער מיט זיינע הונדערטער פענצטער אויפן באַרג, פון וועלכן ס'צעשפרייט זיך די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע פון קאַראַקאַס, אַרומגערינגלט מיט די נאַכט־שאָטנס פון בערג. און ס'איז גוט צו זען, ווי די קריסטאַליזירטע ענערגיע פון די נעכטיקע פּעדלערס, די „טראַמפּן" מיט פעקלעך סחורה אויף די פּלייצעס, וואָס האָבן געשפּרייזט דורך די פאַרפּעסטעטע „דזשאָנגלס", — האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אָט דער ריזיקער געביידע פון דערציאונג און קולטור, וועלכע זעט אויס ווי אַן אוניווערסיטעט פונדערווייטנס.

דער זאַל איז אויסגעפילט. ביים פּרעזידיום־טיש זיצן די אָנפירער פון דער קהילה צוזאַמען מיט די געסט פון ישוב. דר. ב. בבלי, דער פעאיקער דירעקטאָר פון דער ביאַליק־שול אין בוענאָס־איירעס, דער זינגער סידאָר בעלאַרסקי (וועלכער איז דאָ נאָכאַמאָל געקומען אויף קאָנצערטן, נאָכדעם ווי די אָרטיקע יידן האָבן „געלעקט די פינגער" פון זיין דאַווענען אַלס חזן די לעצטע ימים נוראים) און מיין ווייניקייט.

כ'ווייס, אַז 350 יידישע קינדער לערנען אין דער דאָזיקער שול, אָבער בעת כ'האָב אין מיין באַגריסונגס־רעדע געלויבט דעם פּראַכט פון דער שול, — האָבן אַ גרופּע „הסתדרות־חברים", מיט אויסרופן, געבראַכט צום אויסדרוק זייער אומצופרידנקייט מיט דער סיסטעם אין דער שול, וווּ מען לערנט ווייניק אמתע יידישקייט און איבערהויפּט טאַקע יידיש ווייסן.

אין מיינע באַגעגענישן מיט די פירער פון אָרטיקן ישוב האָב איך דערהערט יענע טענער פון קנאה, פון שנאה, וועלכע פאַר'סמ'ען פּשוט די קעגנזייטיקע באַציונגען אין די דאָזיקע יונגע קהילות.

אָט דאָ דאַכט זיך, מיט אייניקע יאָר צוריק, — האָט מיך אין אַ שפּעטן אָוונט געבראַכט קלמן ליובאָווסקי, — דער ענערגישער און רייכער כלל־טוער און אינדוסטריאַל, צו דער זעלבער שול־געביידע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין בויען. מיט פאַרדינטן שטאָלץ האָט ער מיך געפירט איבער די „רושטאָוואַניעס" און נאָך ניט פאַרענדיקטע זאַלן פון מאָנומענטאַלן בנין. כ'האָב געזען אין אים דעם פונדאַמענט און קרוין פון זיין פערזענלעכער אַמביציע. און איצט, ווען אַלץ פינקלט אַרום פון מאַרמאָר, גלאָז און ליכט, — איז ליובאָווסקי נישטאָ אויפן „עונג־שבת", — צעווערטלט זיך מיט אַנדערע מנהיגים. און ניטאָ איז אויך חיים זיגעלבוים; מען זעט ניט דעם יונגן און דינאַמישן רב ר' מאיר שאַפּיראָ, וועלכער בויט מיט אומגעוויינלעכן ענטוזיאַזם אַ רעליגיעזע קהילה ממש פון גאָרניט.

און, פארשטייט זיך, גיי איך מיטן הר"ב שאפּיראָ צום דאַוונען שבת פרי אין דער נייער, נאָך ניט איינגאַנצן פאַרטיקער גרויסער שול.

כ'מוז מודה זיין: איך אַליין האָב מיט איייניקע יאָר צוריק ניט געגלויבט, אַז אין „וועלטלעכן", כמעט רעליגיעלאָזן יידישן ישוב דאָ, זאָל זיך איינגעבן אויפבויען ניט נאָר אָט די דאָזיקע אָרטאָדאָקסישע שול אינמיטן פון איינעם פון די שענסטע שטאָט־פּלעצער, ארומגערינגלט מיט הויכע גרינע בערג, — נאָר אַז אין דער שול זאָל מען שוין דאַוונען שבת אַזש צוויי מנינים, ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים. אָבער אָט זעט איר דאָך: אַנשטאָט די פּאָלנדיקע ווענט אין יענער איצט חרובער אייראָפּע, וואַקסט אויף אין פרעמדן ווענעזועלא א מקום־קדוש אויף פעסטע מאַרמאָרנע סלופּעס, וועלכע האַלטן אונטער א נייעם קופּאָל איבער א יונג־שפּראָצנדיקער יידישער רעליגיעזער קהילה.

א סך מוט, אַמביציע און געלט־מיטלען האָט זיך צו דעם געפאָדערט, — באַזונדער איך טאָקע דעם דאָזיקן רב מאיר שאַפּיראָ, וואָס האָט פּשוט א מלחמה געפירט, — און פירט נאָך אַלץ אָן, — קעגן א גרויסער צאָל מעכטיקע קעגנער, וואָס דולדן ניט זיינע מעטאָדן און שטרעבונגען. אָבער ער האָט דאָך געזיגט: ווי א „יש מאין" שטייט אויף צום לעבן אַן אַלטער יידישער שטייגער מיט א בית־מדרש, מיט א שוחט, מיט א כשרער יאַטקע... ועוד ידו נטויה.

באגעגענישן מיט אינטערעסאנטע
יידן אין ווענעזועלא

איך בין אין משך פון יאָר 1955 צוויי מאָל אַריבערגעגאַנגען די גרעניצן פון ווענעזועלאַ, — אָבער ווי אַנדערש האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט פון די צוויי קעגנזעצלעכע זייטן פון דער רעפּובליק! אין יאַנואַר בין איך אַלס אַ גאַסט פון קאָלאָמביאַ'ס פּרעזידענט גענעראַל ראָכאַס פּינילאַ, אַרויף אויף דער שכנות'־דיקער ווענעזועלער ערד פון קאָלאָמביאַנער מדבר. עס איז געווען אַ בילד פון „בראשית", פון דער צייט ווען אונדזער איצטיקע וועלט האָט זיך געגרייט אויפצונעמען די נייע צווייפיסיקע חיה: דעם מענטש. דער אורוואַלד האָט נישט דורכגעלאָזן קיין ליכט־שטראַלן; די געפלעקטע טיגער־ענלעכע באַוווינער פון דער זומפּיקער וויסטעניש, האָבן נישט קיין מורא פאַר מענטשן, וועלכע זיינען זיי גענצלעך אומבאַקאַנט.

איבערן לעגענדאַרן טייך אָרינאָקאַ שווימען כמעט אינגאַנצן נאַקעט, אינדיאַ־נער אין שיפלעך אויסגעדלופּעט פון גיגאַנטישע פּאַלמען־ביימער. דערנערן זיך מיט די פּרוכטן פון אורוואַלד, מיט די פיש און „טשערעפּאַכעס" (טוירטעלס) פון טייך.

און וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט שטעלט מיט זיך פאָר דער דעמאָלטדיקער אַריינפאָר קיין ווענעזועלאַ דורך דער „הינטער טיר" מיט מיין איצטיקן אָנקומען אין זעלבן לאַנד דורכן „פּאַראַדנעם" איינגאַנג, דורכן לופט פּאָרט קיין קאַראַקאַס.

עס איז אַזוי ווי מען זאָל זיך אויפכאַפּן פון אַ שלאָף, וואָס האָט געדויערט פון די צייטן פון מתושלח ביז איינשטיינס עפּאָכע.

איייניקע מיילן־לאַנגע טונעלן מיט צאַרטן נעאָן־ליכט באַגאָסן, מיט ווייסן מאַרמור־קאַכל „געקעכעלט", מיט שפּיגל־אַספּאַלט געפלאַסטערט, שניידן דורך דעם „בויך" פון ריזיקן באַרג, אויף וועמענס שפּיץ קאַראַקאַס שטייט. אין פופצן מינוט איז מען שוין איצט ביי די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט אַנשטאָט די שעה, וואָס האָט גענומען די רייזע אָט אָקאָרשט מיט אַ יאָר צוריק.

און די אויטאָ־שאָפער־ן נעמען נאָך איצט דעמזעלבן פּרייז, ווי דאַן, ווען די רייזע אין באמת שווער געווען פאַרן אויטאָ: די פופצן מינוט שטרעקע

קאָסט אַרום צען דאָלאַר פון אַ קאַר. און אויב איר זענט אַ „גרינער״ און ווייסט ניט, דאָס מען קען פאָרן בשותּפות, ברײט אײך דער פּרייז מיט זיין אומגעווינלעכקייט.

אָבער דאָס האָט אויך אַ דערציערישע באַדייטונג: איר קריגט דעם ערשטן גרוס פון די לעבנס־באַדינגונגען אין קאַראַקאַס, וווּ אַן „אָרימאַן״ איז דער, וואָס פאַרדינט ניט קיין גאַנצע דריי הונדערט דאָלאַר אַ חודש און אַן אימיגראַנט־פאַמיליע פון פיר פּערזאָן מוז האָבן לכל הפּחות הונדערט דאָלאַר אַ וואָך, כּדי ווי עס איז זיך דורכצושלאָגן. (אין בראַזיל איז דער מינימום 40 דאָלאַר; אין אַרגענטינע דרייסיק דאָלאַר; אין טשילי דרייסיק און אין ניו יאָרק ניט מער ווי פופציק פאַר אַן אַנטשפּרעכנדער אימיגראַנטן־משפּחה).

אָבער איך האָב בעת מיין איצטיקן אָנקומען ניט געדאַרפט נעמען קיין אויטאָ, ווייל גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר מיר, בין איך צו מיין האָטעל דערפאָרן אין אַ נייאינקן, ווייס־ראָזן, פּריוואַטן אויטאָמאָביל געטריבן דורך אַ שאָפער. אָבער אויסער מיר איז אין זעלבן אויטאָמאָביל געזעסן אויך דער אייגנטימער און אים טאַקע וויל איך פאַר אייך פאָרשטעלן. ער טראָגט אַן עכט פּוילישן נאָמען אָבער מדרכי־שלום וועגן, וועל איך אים ענדערן אויף וואָראָנאָווסקי. נאָך אין ערעפּלאַן, וואָס האָט מיך געטראָגן פון באַראַנקילאַ קיין קאַראַקאַס, האָב איך געזען, ווי אַ דיקלעכער, גלאַטיק־גבירישער אויסזעענדיקער הער קוקט מיך שאַרף אָן, אָבער די גאַנצע צייט האָט ער צו מיר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אויך מיר איז ער פאָרגעקומען אַביסל באַקאַנטלעך, נאָר, ווייל איך באַגעגן אויף מיינע וועגן אַזוי פיל מענטשן, האָט זיך ביי מיר אַביסל צוגעטעמפּט דער „טביעת־עין״ — (אָדער אפשר איז עס דעריבער, ווייל כ׳בין ניט קיין „תּלמיד חכם״, צו וועמען די אייגנשאַפט פון אַ שאַרפן אויג האָבן אונדזערע חכמים צוגעשריבן). אָבער ווען דער פּאַספּאָרטן־באַאַמטער אויפן גרעניץ האָט אויסגערופן מיין נאָמען איז דער דאָזיקער הער האַסטיק צו מיר צוגעגאַנגען:

„אַזוי טאַקע, זענט איר דער וואָס איך האָב געמיינט! געדענקט איר, אַז מיט ניין יאָר צוריק האָב איך אייך באַזוכט אין אַ פּאַריזער האָטעל און געפרעגט אייך אַ הארבע עצה?״.

„אָ, יאָ, עפּעס דערמאָן איך זיך... איר האָט אָבער דאַן גאַנץ אַנדערש אויסגעזען...״

„כ׳מיין אַזוי! נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען פון די געטאָס, פון די אַרבעטס־לאַגערן... איר זענט דאַן געוועזן אויף אַ רייזע איבער אייראָפּע און מען האָט מיר געראָטן איך זאָל זיך צו אייך ווענדן נאָך אַן עצה: איך און מיין צווייטע פרוי האָבן אַדאָפּטירט אין פּוילן אַ יתומהלע, אַ קינד פון קרובים, וועלכע זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. דאָס מיידעלע איז אַלט געווען דאַן צוועלף

יאָר, אָבער אַ העלפט פון אירע ווייניקע יאָרן האָט זי פאַרבראַכט אין אַ פּויליש־קאַטוילישן קלויסטער ווו מען האָט זי באַהאַלטן. דאָרטן האָבן איר די נאָנעס דערצויגן ניט נאָר אין אַ שטרענג קאַטוילישן גייסט, נאָר אויך אין אַ ווילדער שנאה און פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס איז יידיש. לכתחילה, האָט זיך דאָס קינד דערפרייט וואָס מיר האָבן איר אַרויסגענומען פון פאַרמאַכטן קלויסטער, אָבער איצט, ווען זי איז מיט אונדז, שטעלט זי פאַר אַ זייער שווערן פּראָבלעם: זי איז פאַנאַטיש־פרום; זי האַלט אין איין בעטן לויטן קלויסטער־נוסח און אין איין שימפן און אָפּלאַכן פון יידן. זי וויל צוריק... נו, ס'איז דאָך קלאָר אַז מיר וועלן זי צוריק נישט שיקן צו די נאָנעס אין פּוילן. איז וואָס טוט מען?"

איך געדענק, אַז איך האָב אים דאַן געעצהט, אַז דאָס מיידעלע מוז גלייך איבערגעגעבן ווערן אין אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישן און פרומען יידישן אַנשטאַלט. איך האָב אים אַפילו געגעבן אַ בריוו צו דער פּערזאָן, וואָס האָט מיט דעם אַנשטאַלט פאַרוואַלטעט.

און וואָראָנאָווסקי דערציילט מיר איצט:

„די אָרטאָדאָקסישע „קוראַציע" האָט וווּנדערבאַר געהאָלפן. דאָס מיידעלע איז אַ טייערע יידישע טאָכטער: זי איז אין קאָלעדזש אין ניו יאָרק און פיל נענטער צום יידנטום, ווי איך בין".

„וואָס איז אייער באַשעפטיקונג"?

ער גיט מיר אַ וויזיט־קאַרטע, פון וועלכער ס'איז צו זען, אַז ער איז אַ פּרעזידענט פון אַ ניי־מאַשין קאָמפּאַני אין קאָלאָמביאַ און ווענעזועלאַ. ער וווינט שוין זיבן יאָר אין קאַראַקאַס, אויסגעבויט זיך אַ שיין הויז, און ער לאַדט מיך איין אין זיין אויטאָמאָביל... אויפן וועג פרעג איך אים, צי ער קען דעם רב, צי קען ער די אָדער יענע חשובע מיטגלידער פון דער קהילה? צי געהערט ער צו יידישע געזעלשאַפטן, אָדער איז ער אַ מיטגליד פון דער סינאַגאָגע?

ניין, ער קען זיי קיינעם נישט און וויל זיי נישט קענען! אויף דער שוועל פון אַ סינאַגאָגע איז ער שוין ניט איבערגעטראָטן פיל יאָרן... ער איז צעקריגט מיטן יידישן גאָט!...

גיב איך זיך שאַרף אַ רוק אָפּ פון אים:

„אַזוי, מסתם האָט איר זיך דאָ גאָר געשמדט; איר ווייסט, איך האָב שוין חרטה, וואָס איך בין אַריין אין אייער אויטאָמאָביל"...

גיט זיך וואָראָנאָווסקי אַ כאַפּ, ווי אָפּגעבריט:

„ניין, איך בין ניט געשמדט! איך גלויב נאָר ניט אין גאָט... איר פאַרשטייט, ווען פאַר מיינע אויגן האָט אַ דייטשער מערדער געטויט מיין זעקס־יאָריקן זונעלע, דערשאָסן מיין יונגע, שיינע פרוי און דער הימל האָט געשוויגן, גלויב איך ניט מער, וויל איך ניט זיין אַ טייל פון די דאַוונער"...

אַ געפיל פון רחמנות האָט פאַרביטן מיין כעס: כ׳האָב דאָ אָנגערירט אַ נאָך ניט פאַרהיילטע ווונד, הלוואי זאָל מען צו אַזאַ נסיון, ווי מיין מיטרייזנדער, ניט קומען.

„אָבער איך זע דאָך, איר זענט ווידער אויפגעבויט, האָט אַ פאַמיליע".

„יאָ, אַ טעכטערל איז געבאָרן געוואָרן, דאַנקען גאָט..."

„דאַנקען, — וועמען?.."

וואָראָנאָווסקי כאַפּט זיך און פאַרריכט:

„נו, אַזוי רעדט זיך דאָך. וועמען זאָל מען דאַנקען, ווען אַזאַ גליק ווי אַ קינד איז אין מיין נייער פאַמיליע געבאָרן געוואָרן... איבערהויפּט, ווען איך זאָל אייך דערציילן מיט וואָס פאַר אַ ניסים איך האָב זיך געראַטעוועט, ווי אַזוי איך בין געקומען נאָך די אַלע יאָרן צו געלט, צו הויכער פּאָזיציע, וועט איר אַליין איינזען, וואָס פאַראַן גרויסן גאָט מיר פאַרמאָגן!"

„וועמען פאַרמאָגן מיר?"

„איך זע, איר טשעפּעט זיך גאָר צו ווערטער... מיין גאָט איז ניט קיין ייד מיט באָרד און פּאות, אָבער חסדים גרויסע ווערן דאָך מיט אונדז געטאָן..."

„נו, אויב אַזוי, זענען מיר צו עפּעס געקומען... אָבער אַזאַ ייד ווי איר טאָרט זיך ניט אָפּטיילן פון כלל־ישראל און זיך פאַרמויערן אין דער היגער, פּויליש־רעדנדיקער גרופּקע פון געוועזענע „פּאַנעס" און „פּאַניענקעס". עפּעס קומט איר אַ חוב „יענעם", מיט וועלכן איר זענט כלומרשט צעקריגט, אָבער דאָך הערט איר ניט אויף צו בענטשן די האַנט וואָס פירט אייך...

די קאַר שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ מאָדערנער ווילאַ, פון וועלכער ס׳לויפן אַרויס אַ יונגע פרוי און אַ קליין מיידעלע, כדי צו באַגעגענען דעם מענטשן, וועלכער האָט אין זיין נייעם גלגול נאָך אַלץ קיין תיקון נישט געפונען.

* * *

איך בין אָנוועזנד אויף אַ „פּאַרטי" אין לוקסוס־האָטעל טאַמאַנאַקאַ (אַ צימערל קאָסט מינימום פופצן דאָלאַר אַ נאַכט).

עס ציט מיך אָבער צו אַ צווייטער „פּאַרטי", אין הויז פון פריינט מאַקס פריילין, ווו ס׳ווערט היינט געבאָרן די ערשטע יידישע צייט־שריפט אין ווענעזועלאַ. און כאָטש כ׳בין מיד פון שנעלן בייטן די הויכקייטן אויף טאָלן, און פון טאָלן ווידער אויף בערג, אַנטשולדיק איך זיך פאַר מיינע גאַסט־געבער און איל זיך צו דער שטוב, ווו די געשעעניש דאַרף פאָרקומען.

אין אַ לאַנד, ווו מענטשן זענען שנעל רייך געוואָרן, ווו דער „יצר הרע" פון וואָס גיכער אַריינכאַפּן אַ ביסל גאָלד צעפרעסט מענטשלעכע כאַראַקטערן, ווי קאַנסער, איז אַזאַ געשעעניש ווירקלעך אומגעוויינלעך. און ס׳האָט געלוינט בייצווויין די שמחה פון געבורט פון געדרוקטע יידישן וואָרט אין קאַראַקאַס.

אין גרויסן סאַלאָן זענען זיי אַלע געווען: די קוואַטערס, די סנדקאות, די טאַטעס און מאַמעס פון יידיש.

פיל פון זיי געדענק איך נאָך פון מיינע רייזעס איבער די שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. אַנדערע דאָ זיינען אַוועק, זיך באַהאַלטן אין פּאַלאַצלעך און פּאַרקראַטעטע פּאַבריקן, ווי יענער פריינט מיינער דער „פאָלקס־מענש", וואָס האָט זיך אין אַ געלט־יאָגער פּאַרוואַנדלט און פּאַרשעמט זיינע אייגענע אַזעלכע שיינע יונגע־זכרונות. אָבער פיל זיינען געבליבן. זיי געפינען זיך אָט אין דעם צימער און רעדן זיך אַראָפּ פון הארצן: דער מאַסיווער מיגעל טשענסטאָכאָווסקי, די אידעאַליסטן פון יידיש, ש. זאַבלודאָוויטש, פריילעך, שפּאַנקאַ און טשאַרלס שניידערמאַן. דער „וואַנדערנדיקער אַמבאַסאַדאָר" פון אונזער פאָלקס־שפּראַך שמעון גובערעק, וועלכער האָט קאָלאָמביאַ געעפנט פאַרן יידישן שרייבער און בוך און איצט רייסט ער אָפּ צייט פון זיינע געשעפטן אין ווענעזועלאַ, כדי צו אָנשטעקן מיט זיין ענטוזיאַזם אויך דעם דאָזיקן ישוב. דער קאָנסול פון ישראל, דער פאָלקסטימלעכער עזריאל זונעשיין, באַשיינט די שמחה און באַהויבט איר מיטן טוי פון דער יונגער מלכות־דיקייט. און נאָך פיל טייערע האָרעפּאַשנע יידן פון אַמאָל, ניט פאַרבלענדטע פון היגן „גאָלדפיבער".

איינס־צוויי, און אַ באַדייטנדע סומע איז געשאַפן געוואָרן, כדי די צייט־שריפט זאָל קאָנען עקזיסטירן. אַ „קינד" איז געבאָרן געוואָרן אין ווענעזועלאַ, אַ צייטשריפט, וואָס וועט רעדן יידיש און אפשר ברענגען צו דעם, דאָס ווען עמיצער פון אונז וועט דאָרט קומען אויף אַ באַזוך אין אַ צען יאָר אַרום, וועט ער ווידער דערהערן אַ יידיש ליד, אַ יידיש וואָרט אויף שמחות און געפינען יידישע ביכער אין די הייזער פון דעם צווייטן דור.

* * *

און וואָס קאַראַקאַס ווערט גרעסער און טומלדיקער פיל איך זיך אַלץ מער איינזאַמער און אומעטיקער, ניט קוקנדיק אויפן אָנגעלאָף פון מענטשן און געשעענישן האָב איך ליב אין אַזעלכע אָוונטן צו זיין אין אַ שטוב, ווו איך דאַרף נישט רעדן, איבערציינגן און אַמוזירן. קומט דאַן דער לאַנדסמאַן קלמן לובאָווסקי און נעמט מיך אין זיין שטוב ערגעץ אין אַ ווייטער פּאַרשטאָט.

דאָ זיינען פאַראַן זאַלן און קאָלונעס און ברייטע טעראַסעס און שווערע קאַנדעלאַברעס. אָבער מיר ביידע פילן, אַז דאָס איז גאָר איבעריק. אין צוויי באַקוועמע פאָטעלן זעצט מען זיך אַריין און לובאָווסקי דערציילט. ער דערמאָנט מיר זיין געבורטס־שטאָט סלאָנים פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין ישיבה און איך — אין רעאַל־גימנאַזיע.

עס לעבן אויף יענע יאָרן אין ענגע געסלעך, איז איינשטאָקיקע נידעריקע שטיבלעך, ווען ביים ליכט פון נאַפט־לעמפּלעך האָבן זיך יונגע שוואַלבן געלע־

רנט און אויך גע׳חלומ׳ט אַדלערס צו ווערן. איך הער זיינע געשיכטעס פון די לעצטע דריי צענדליק יאָרן, ווי ס׳האָבן זיך געמאַטערט די ערשטע יידישע איינוווינער אין על־סאַלוואַדאָר, ווי מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן אינמיטן אַ אַ טראָפּישער נאַכט אויפן גרענעץ פון האָנדוראַס; ווי מען האָט זיך געשלעפּט מיט ווייב און קינדערלעך אויף קליינע שיפלעך נאָך „גליקן״ אין פּערו; ווי מען האָט געוווינט און געפּעדלט מיט אַלץ וואָס לאָזט זיך. אַ חושכ׳דיק לעבן פון „יאָרצייטן״ און „ימים נוראים״.

פיל זיינען צעריבן געוואָרן אויף שטויב, — אָבער פיל זיינען אויך מי־ליאָנערן געוואָרן און וווינען אין אַזעלכע „פּאַלאַצלעך״ ווי ער, לובאָווסקי, וווינט. אָבער יענע קאָנען נישט אַזוי שיין דערציילן און יענע וואָלט איך נישט געקאָנט אַזוי געדולדיק שעהנ׳וויַיז אויסהערן, ווי אָט דעם דאָזיקן גרויסן אינדוסטריע־לער בייטאָג און פּאַלקטימלעכן סלאָנימער „יאַט״ אין די טראָפּישע נעכט.

און נאָך אַ הויז קען איך אין קאַראַקאַס, ווו כ׳געפין אַן אָפּרו אין אַ ציי־מער, צווישן די ווענט מיט גמרות און ספרים פון הייליקער ליטעראַטור. אינמיטן די שאָטנדיקע גרינע בוימער און בונטע בלומען שטייט אַ קליינע, בלוווייסלעכע געביידע מיטן פילזאָגנדיקן נאָמען „התקוה״. דאָ וווינט דער קאַראַקאַסער רב רבי מאיר שאַפּיראָ.

אויפן וואַנט הענגט אַ גרופּן־בילד פון רבנים און רביים מיט דעקאָראַטי־ווע בערד, אין אונגאַריש־נאַציאָנאַלע קאַפּעלושן און קאַפּאָטעס, עס וואָלט געווען אַ פּראַכט־פולע טעמע פאַר רעמבראַנדט׳ן, וועלכער וואָלט אַרויסגעבראַכט אין פאַרבן דעם פייער פון די אויגן און די עקשנות פון די געזיכטער. דאָ איז פאַרגליווערט אין פאָטאָגראַפיע די באַרימטע משפּחה פון הרב שאַפּיראָ מיט נעמען און טיטולן, וועלכע זענען באַוווסט פון בודאַפּעסט ביז ניו־יאָרק.

נו, איינער פון דער גרופּע איז טאַקע מיין גאַסט־געבער ר׳ מאיר. זיין באָרד איז אמת נישט גרעסער ווי אַ „קמץ״, אָבער זיין עקשנות און קעמפנדיקער בליץ אין די אויגן איז דערזעלבער ווי ביי זיינע אבות מיטן פּאַטריאַרכאַלן אויסזען.

ער איז נישט פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך אַרויסשטופּן, באַזונגן; נישט פון די רבנים אויף וועלכע עס פּאַרן „רייטנדיק״ די שטאָט־בעלי־בתים. האָט ער דאָ אַ ים מיט קעגנער, אָבער אויך אַ גוט אָרגאַניזירטע קהילה מיט נאָכ־פאָלגער. איך קען נישט און וויל נישט אַריינגיין אינמיטן דעם דאָזיקן אַזוי טראַדיציאָנעל־שטעטלדיקן רבנים־קאַמף, מיט וועלכן ס׳זיינען רייך די זייטן פון דער יידישער געשיכטע דורך אַלע אונדזערע וואַנדערונגען. אָבער איין זאַך מוז איך פעסטשטעלן: דער אדרעס פון יעדן יידן, וואָס איז אין אַ צרה, אָדער וואָס נויטיקט זיך אין אַן עצה איז דאָס הויז מיטן נאָמען „התקוה״.

און ווען איך האָב געדאַרפט דורכבּרעכן אַ וואַנט און באַקומען וויזעס פאַר יידן, איז אויך מיין אַדרעס און מיין האָפענונג געווען „התקוה״.

„רחמנא ליבא בעי״ (גאָט באַדאַרף אַ האַרץ) און הרב מאיר שאַפּיראָ עפנט עס נישט נאָר פאַר פריינט, נאָר אויך פאַר קעגנער, ווען זיי זענען אין אַ נויט.

אַ „יידיש האַרץ״, — דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך זוך אויף מיינע וואַנדער־וועגן.

שטורמישע קאַריערע פון אונגאַרישן ייד אין לאַטיין־אַמעריקע

אין דער איצטיקער רייזע מיינער, איבער צענטראַל און זיד־אַמעריקע, האָב איך ווידער באַגעגנט מענטשן און געשעענישן, וועלכע זיינען ווערט מען זאָל זיי פאַרפיקסירן אויפן פּאַפּיר. אָבער קיינער פון זיי רעגט ניט אויף אַזוי פיל מיין פאַנטאַזיע, ווי לייטענאַנט־קוירנעל לאַשלאָ פּאַטאַקי, דער אונגאַרישער ייד וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין „גלות" ניקאַראַגוּאַ.

איך האָב שוין אַמאָל באַשריבן די רייזע, וואָס איך האָב געמאַכט מיטן דאָזיקן „סאָלדאַט פון אַוואַנטורע" אין די האַלב־ווילדע טיפענישן פון ניקאַראַגוּאַ, אונדזער באַגעגעניש מיט אַ פּרימיטיוון אינדישן שבט, צווישן וועלכן דער באַרימטער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער גענעראַל גאַריבאַלדי, האָט אַ געוויסע צייט געלעבט.

צווישן מיין דעמאָלטיקן באַזוך און איצטיקן איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וועלכע האָט אויפגעטרייסלט אַ וועלט: דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק אין פּאַנאַמאַ איז אין מערץ 1955 דערשאָסן געוואָרן בעת אַ פערד־געיעג און מיין „העלד" פּאַטאַקי וועלכער האָט זיך גראָד דאָרט געפונען, איז אַרעסטירט געוואָרן (צוזאַמען מיט אַ צופעליקן אַמעריקאַנער יידן) אַלס פאַרדעכטיקטער אין מאָרד.

מילא, איצט ווייסן מיר שוין דעם גליקלעכן עפּילאָג פון דער טראַגעדיע: ניט די ביידע יידן זיינען געווען די מערדער, נאָר דוקא דער שטעל־פאַרטרעטער פון פּרעזידענט אַליין, וועלכער איז טאַקע גלייך נאָכן מאָרד געוואָרן פּרעזידענט און אַלס אַזעלכן האָט מען אים אַרעסטירט אין זיין פּאַלאַץ. אַ פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציע פון אַ שונד־ראָמאַן געשיכטע, וועלכע די ווירקלעכקייט האָט איבערגעשטיגן.

אָבער לאַשלאָ פּאַטאַקי איז דערווייל געזעסן אַרעסטירט אַ שיינע פּאָר וואָכן. און וואָלטער ווינטשעל האָט אין זיין סענסאַציאָנעלן ראַדיאָ־באַריכט געמאָלדן:

„איך קען מיטטיילן אייך עקסקלוזיוו, אַז דער מערדער פון פּאַנאַמער פּרעזידענט זיצט פעסט אַרעסטירט און ער איז ניט קיין אַנדערער ווי דער ניקאַראַגוּער אַוואַנטוריסט פּאַטאַקי..."

עס האָט געפעלט אַ האָר, מען זאָל מיין „העלד" גלאַט אַפּראַמען פון וועג נאָך איידער אַ געריכט איז פאָרגעקומען — דאָס האָט דאָך געלוינט די אמתע מערדער, וואָס האָבן שוין דאַן אָנגעפירט מיט דער רעפּובליק.

אין יענע שווערע טעג האָבן די באַזוכן אין תפיסה פון הרב נתן וויטקין, דער גייסטיקער פירער פון אַמעריקאַנער מיליטערישן צענטער אין דער פּאַנאַמער קאַנאַל־זאָנע, — פיל געהאָלפן, אַז דער גייסט פון מיין בראַוון קוירנעל פּאַטאַקי זאָל זיך ניט איינברעכן.

יוען ער איז באַפרייט געוואָרן — און זיין פּלאַץ אין דער זעלבער תפיסה־קאַמער האָט פאַרנומען דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, — איז ער אַוועק צוריק קיין מאַנאַגואַ, די הויפּט־שטאָט פון זיין קליין לאַנד.

דאָרט טרעף איך אים אין אַ מאַנופאַקטור געשעפט פון זיינע עלטערן, ווו ער איז איצט אַן אַקטיווער מיטבאַטייליקטער.

עס ווילט זיך פשוט לאַכן: דער אומגעצוימטער קאַביקער אַוואַנטוריסט, דער געוועזענער טייוול־סאָלדאַט פון פראַנצויזישן פרעמדן לעגיאָן און העלדישער שטורמער פון די אַראַבישע פּאָזיציעס אין גליל, — פאַרקויפט גאָר שניט־סחורה אויפן מעטער צו די טונקל־הויטיקע „סעניאָריטאַס" אין ניקאַראַגואַ, וועמענס באָבעס האָבן נאָך איבערהויפּט פון קליידער כמעט ניט געוווּסט.

אָבער ווען איך גיב אַ קוק אויף די האַלב־ליידיקע פּאָליצעס אַרום מיר און איך דערמאָן זיך, ווי פול זיי זיינען געווען אין די יאָרן, ווען טאַטע־מאַמע אַליין האָבן געפירט די קראָם, פאַרשטיי איך אַז קוירנעל פּאַטאַקי באַטראַכט די שניטקראָם אַלס זיין פּערזענלעכן שונא און פאַרניכטעט זי דעריבער, ווי ער האָט עס געטאָן בשעתו מיט די אַראַבער...

אַ הויכער, אַ ברייט־ביינקער און צעשטראָלטער, לויפט ער מיר אַנטקעגן, ווען ער דערזעט מיך אַריינגיין אין קראָם. נאָר אָט פאַרשעמט ער זיך, וואָס איך טרעף אים ביי אַזאַ „באַלעבאַטישער" סביבה און באַשעפטיקונג.

„גיין, ניט דאָ וועלן מיר רעדן! זאָל דאָס אַלץ ברענען מיט אַ פייער! קומט צו מיר אין שטוב, וועל איך אייך ווייזן מיין נייעם מעדאַל, דער „קרייץ פון ערן־לעגיאָן" וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט מיר געשענקט פאַר העלדישקייט. מסתמא האָט איר שוין געהערט פון דעם?"

„יאָ שוין געהערט, און איך גראַטוליר אייך! אָבער איז בעסער אָנצוהענגען אויפן ברוסט דאָס שנירל פון „לעגיאָן", ווי האָבן אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז דעם שנור פון אַ פּאַנאַמער תליה".

„כאַ־כאַ־כאַ", צעלאַכט ער זיך מיט אַ ברוסטיקער שטימע, „כ׳בין טאַקע געווען אַ סך נענטער צו דער תליה, ווי צום מעדאַל. אָבער וואָס זאָגט איר

צו דער שווייצעריי: מיך חושד זיין אין דערמאָרדן דעם פּאַנאַמער פּרעזידענט! ער איז דאָך געווען אַ פריינט פון אונזער ניקאַראַגוער פּרעזידענט גענעראַל סאַמאָזאַ. וואָלט איר געגלויבט, אַז איך זאָל אים קענען דערמאָרדן?״

עפּעס שטאַמל איך אַנשטאָט צו געבן אַ דירעקטע תשובה. איך ווייס דאָך, אַז מיין שטורמישער „פּרעמדער לעגיאָניסט״ איז ניט קיין מפּיל־קינד און אויך ניט קיין ווענעטאַריער. ער האָט דאָך מיר אַמאָל אַליין דערציילט, אַז ווען מען האָט באַדאַרפט און ווען מען האָט געהייסן, האָט ער זיך גאָר ניט אַזוי דעליקאַט געצאַצקעט מיט שונאים...

אַזוי ווי ענטפערנדיק אויף מיינע געדאַנקען, שיסט פּאַטאַקי ווידער אַרויס:

„פאַרשטייט זיך, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַן אַנדער פּרעזידענט — און איר ווייסט וועמען איך מיין — וואָלט איך אים איינס־און־צוויי פּאַרטיק געמאַכט. זאָל מען מיך נאָר שיקן... אָבער איך זאָל גיין מאָרדן אַ פּרעזידענט פון אונדזער פריינטלעכן שכן פּאַנאַמאַ?״

איך האָב אים געמוזט פאַרזיכערן, אַז אַזאַ ווילדער חשד, אַז ער זאָל טאָן עפּעס שלעכטס אַ פּרעזידענט פון פּאַנאַמע איז מיר גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן.

און אָט זיינען מיר שוין ביי אים אין שטוב, ווו רעוואָלווערן, מעסערס און מעדאַלן פאַרנעמען דעם גרעסטן פּלאַץ אויף די ווענט און אין די גלעזערנע שאַפעס.

ספּעציעל שטאָלץ, — און מיט רעכט, איז ער אויף דער פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר שפּיליעט צו זיין ברוסט דעם „קרייץ פון ערן־לעגיאָן״.

„שונאים אויף צעפּיקעניש! זיי האָבן דאָך דאָ געשריגן, — אָט די אַלע זאַטע קליינשטעטלדיקע קרעמערלעך, אַז איך האָב מיינע זיבעצן מעדאַלן געקויפט ערגעץ אויף אַן אָריענטאַלישן מאַרק. קומט די פראַנצויזישע רעפּובליק און שמייסט זיי אין פּנים אָט מיט דעם העכסטן כבוד־מעדאַל. איך האָב מיינע אויסצייכענונגען פאַרדינט אין עריטרעאַ, אין ליביאַ, ביי על אַלאַמען, אין סיריע און לבנון. מיט פּאַרטיזאַנען, מיטן פרעמדן לעגיאָן און מיט גענעראַל דע־גאָל. איך האָב מיין הויכן אָפיצירן־טיטל פאַרדינט אין דער יונגער הגנה־אַרמיי, ווען איך האָב געשטורעמט תרשיש און די שטעט פון אויבערשטן גליל און ווען איך בין געווען אייניקע חדשים דער קאָמאַנדאַנט פון נצרת.

„יאָ, און שפּעטער אַלס מיליטערישער ראַטגעבער פון קאָסטאַ־ריקער עקס־פּרעזידענט טעאָדאָראָ פּיקאַדאָ... איר געדענקט דאָך זיין פאַראַיאָריקן קאַמף קעגן איצטיקן פּרעזידענט פיגורעז? פּיקאַדאָ האָט פאַרשפּילט... אָבער ווען ער געווינט, — אַ באַי! וואָלט איך שוין מער אין אַ שניט־קראָם נישט געשטאַנען״.

איך פאַראינטערעסיר זיך מיט אַ קאָלעקציע פון שטיינערנע געטער און אוראַלטע כּלים.

„יאָ, — שרייט אויס פּאַטאַקי, — גאָר פאַרגעסן אייך צו דערציילן. איך האָב דאָך גאָר נישט לאַנג אַנטדעקט אויף דעם אַטלאַנטיק־ברעג פון ניקאַראַגואַ, — אין האַרץ פון וויסטן דזשאַנגל, — רואינען פון אַן אַמאָליקער קולטור־רעלער שטאָט, געפונען דאָרטן אַן אַמפּיטעאַטער, געטער, אַרטיסטיש פון שטיין אויסגעשניטן. די דאָזיקע זוכענישן נאָך אַרכעאָלאָגישע אַנטיקן זענען דאָך אַ רעזולטאַט פון מאָנאַטן־לאַנג לעבן צווישן דיווילדע אינדיאַנער שבטים, די סומאָס און די מאָסקיטאָס, צו וועלכע קיין ווייסער מענטש האָט נאָך ביז איצטער נישט קיין צוטריט.

די רואינען, וואָס כ׳האָב אַנטדעקט האָט מען אָנגערופן „סיודאַד בלאַנקאַ״ — די ווייסע שטאָט. מ׳גלויבט אַז זי איז אַמאָל געווען באַוווינט פון דער מאַיאַ־ראַסע, וועלכע האָט אַמאָל געלעבט נאָר צווישן מעקסיקאָ און האָנדוראַס.

ס׳ווערט צוגעגרייט אַן עקספּעדיציע אויסצופאָרשן די דאָזיקע אַנטדעקונג מיינע״...

„איך האָב געהערט אַז איר האָט חתונה געהאַט?״

„אַ האָ, — מיינע „גוטע פריינט״ האָבן אייך שוין מסתם דערציילט, אַז כ׳האָב חתונה געהאַט מיט אַ גויה. ס׳איז טאַקע אמת. זי איז אַ הויך קולטורעלע פרוי, אַ דאָקטאָרין. זי וועט באַלד האָבן אַ קינד. דאָס קינד אָבער וועל איך פאַר קיין ייד נישט מאַכן, צופיל זיך אָנגעליטן פון קנאה־שנאה פון מיינע אייגענע ברידער.

„כאָטש פון דער אַנדערער זייט ווער ווייס, ווער ווייס?״...

עפּעס ברעכט זיך אין ביז איצט זעלבסטזיכערן קול פון מיין מיט־שפּרעכער. אויף זיין בלאָנד־האָריק־אָפענער ברוסט באַמבלט זיך אַ גאָלדענער מגן דוד. אין דעם מאָמענט דוכט זיך מיר, אַז דער זעקס־קאַנטיקער סימבאָל מישט זיך אַריין אין אונדזער געשפּרעך. אַזוי ווי צוהערנדיק־זיך צו מיינע „טעלעפּאַטישע סיגנאַלן״, — נעמט קוירנעל פּאַטאַקי אַריין אין זיין האַנט דאָס קייטעלע מיטן מגן־דוד.

„איר זעט, — געקעמפּט האָב איך אייגנטליך נאָר פאַר דעם, און גלויבט מיר, ווען דער גרויסער גלאָק אין ישראל וועט ווידער אַ רוף טאָן, וועל איך זיין צווישן די ערשטע, וואָס וועלן דאָרט לויפן. און ווידעראַמאָל וועלן אין מיינע הענט אַ בלישטשע טאָן אָט די רעוואָלווערן, — די עדות פון על־אַלאַמיין און ת״רשיש... צי גלויבט איר מיר?...

אָ, יאָ, — דאָס מאָל גלויב איך אים... מער ווי זיין אָנזאָג פון שנאה צו יידן, מער ווי זיין ניוראָטישער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון זיין פאָלק, — ציט אים דאָך דער רוף פון ישראל, ווען און אויב די שעה וועט קומען...

אַ באַזוך ביי יידן אין קאַראַקאַס

בעת מיין איצטיקער רייזע קיין קאראקאס, די הויפּט־שטאָט פון ווענע־זועלא, האָב איך זיך באַנוצט מיטן נייעם טונעל, וואָס איז אַ קונסט־שטיק פון אַרכיטעקטור.

נאָך מיט אַ יאָר צוריק, נאָכן אָנקומען מיטן עראָפּלאַן קיין לאַגוואַירא — דער אַריינפאָר־פּונקט קיין ווענעזועלאַ — פלעגט מען דאַרפן זיך אויפהויבן מיטן אויטאָמאָביל אויף משופּעדיקע בערג און זיך דרייען אַרום זיי אַלץ העכער און העכער, ביז מען האָט זיך „אַרויפגעדראַפּעט" קיין קאַראַקאַס. מער ווי פיר הונדערט „הקפות" — אַרומרינגלונגען — ווי דער וועג אַרום אַ „קאָרקענציער" — האָט מען געמוזט מאַכן. דערביי האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ פּאַנאָראַמע פון נאַטירלעכער שיינקייט, וועלכע דער רייזנדער וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן: דער ים, ווי אַ שפּיגל, איז געזונקען אַלץ טיפער און טיפער; די זון, ווי אַ ריזיקער גאָלדענער טעלער, איינגעפּאַסט אין בלויע הימלען, איז געלאָפן אַנט־קעגן (און אויב איר זענט געפאָרן ביינאַכט, האָט די לבנה אויסגעפירט די דאָזיקע פּאָעטישע פונקציע...); נאַקעטע פעלזן האָבן זיך געטוישט מיט פאַרבלומטע ווילדע גערטענער, און שטאָלצע אייקאַליפּטוס־ביימער, ווי סאָלדאַטן, האָבן אַזוי ווי מאַרשירט אַנטקעגן אויטאָמאָביל. פלעגט פאַרבלייבן אין זכרון אַ נאַטור־וויזיע ענלעך אויף חיפה, אויף נעאַפּאָל, אויף ריאָ־דע־זשאַנייראָ. און דאָס האָט געדויערט כמעט צוויי שעה צייט.

איז אָבער געקומען דער מאָדערנער מענטש, דער מעכאַנישער, דער ציוויליזירטער, דער פּראָזאַאישער און באַשלאָסן צו גראָבן אַ טונעל, בעסער געזאָגט: אַ ריי טונעלן, וועלכע זאָלן דורכלעכערן די בערג און פאַרקירצן דעם וועג צווישן לופט־האַפן און קאַראַקאַס.

פאָר איך שוין איצט איינגאַנצן צוואַנציק מינוט אָנשטאָט צוויי שעה, געפינען זיך אָן אַנטקעגן מיר טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן, אָנשטאָט דער זון אָדער דער לבנה. באַלייכטן זיי בלענד־ווייסע מאַרמאָר־ווענט פון אומענדלעכע קאָרידאָרן, אָנשטאָט די בערג מיט בלומען און מיט ביימער. זעט מען שוין נישט מער דעם ים־שפּיגל און די רויטע דעכער פון די ליליפּוטן־הייזער אין אָפּגרונט, וווּ די שטאָט לאַ־גוואַירא ליגט.

אוועקגעהרגעט דעם אַנבליק פון דער גאָט־געבענטשטער נאַטור פאַרן פּרייז פון „קפיצת הדרך״.

באַטש דער וועג דויערט אינגאַנצן צוואַנציק מינוט, צאָלט איר פאַר דער טעקסי דעם זעלבן פּרייז וואָס אַמאָל: גאַנצע צען אַמעריקאַנער דאָלאַר. אויב איר וועט נעמען אין באַטראַכט, אַז דער צופאַר אין לימאַ אָדער מעקסיקאַ אויף אַזאַ מין שטרעקע קאָסט נאָר אַ דאָלאַר, וועט איר באַקומען אַ שטיקל באַגריף וועגן יקרות, וואָס הערשט אין דאַזיקן „בום־לאַנד״ ווענעזועלאַ. דאָ איז אַ דאָלאַר — בלאָטע! פאַר אַ נאַכט אין אַ מיטל־קלאַס האָטעל צאָלט איר אויך צען דאָלאַר, בעת אין אַ שענערן האָטעל איז פּערו אָדער מעקסיקאַ צאָלט איר נישט מער ווי פיר־פינף דאָלאַר. אַזוי איז מיטן עסן. אָבער אַזוי איז אויך מיט די פאַרדינסטן: זיי זענען די העכסטע אויף אונדזער קאָנטינענט. דער וועג צו רייכקייט איז שטאַרק פאַרקירצט דורך דער שפע פון נאַטירלעכע אוצרות, וואָס האָבן זיך אין משך פון היינטיקן יאָרהונדערט אַנטדעקט איינע נאָך די אַנדערע אין דאַזיקן געבענטשטן לאַנד. די אוצרות זענען פאָלגנדע: פּעטראָלעום, וואָס פאַרפלייצט פּשוט מיט פאָנטאַנען די וואַסערן פון לעיק מאַראַקאַאיבאָ, נישט אויסגעשעפּטע גאָלד און מינעראַל־אוצרות, אומענדלעכע אורוועלדער מיטן טייערסטן האָלץ, קאַווע און קאַקאָאָ, וועלכע הויבן זיך ערשט אָן צו אַנטוויקלען. איז דען אַ ווונדער, וואָס אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט ביליאָנען דאָלאַרן, אַריינצודרינגען, אויפבויען, ווייטער אַנטדעקן, עקספּלואַטירן און בויען?! די שכנטע בראַזיל האָט פאַרשפּאַרט דעם וועג פאַרן דאַזיקן קאַפּיטאַל, — ווערט זי עקאָנאָמיש דערשטיקט. ווענעזועלאַ, אָבער, האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די טירן — אָטעמט זי פריי.

זעט איר טאַקע דעם רעוואָלוציאָנערן ריס גלייך ביים אַריינפאָר אין קאַראַקאַס. איר דערקענט נישט די שטאָט. אַראָפּגעריסן געוואָרן זענען די שמאָלע קאָלאָניאַלע גאַסן, און אָנשטאָט זיי זענען אויסגעוואַקסן ברייטע עוועניוס, מיט אולטראַ־מאָדערנע ריזיקע הייזער פון גלאָז, איינגעפאַסט אין פאַרביקע מעטאַלענע ראַמען. עפּעס אַזעלכעס זעט מען נישט אפילו אין ניו יאָרק. איר טאַפּט אָן באַשיימפּערלעך דעם גאָלד־מבול, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אַקציע־געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן זיך געקענט דערלויבן גראָד דאָ אויסבויען די דאַזיקע אַרכיטעקטור־צאַצקעס. אַז איר פאָרט דורך די פאַרשטעט, ווו די פאַרמעגלעכע בירגער וווינען, און זעט די פּאַלאַצלעך, איינגעטונקען אין גערטנער פון מאַנגאָס און אָלעאַנדרעס, ווי די פּאַרקנס זענען אַרומגערינגלט מיט אָרכידייען און רויזן, ווי די שווים־באַסינען בלויען אין פאַרביקע מאַרמאָר־בעטן, — פאַרשטייט איר, אַז די מענטשן דאָ — די רייכע, פאַרשטייט זיך, — ווייסן ווי צו געניסן פון זייערע געווינסן און פון דעם אייביקן פרילינג, וואָס די נאַטור האָט געשענקט דער דאַזיקער באַרגיקער שטאָט.

אמת, נאָר פינף פּראָצענט פון די פינף מיליאָן ווענעזועלאַנער קאָנען זיך דערלויבן אויף לוקסוס; פאַר די איבעריקע איז נאָך נישטאָ קיין מילך פאַר די קינדער, און אַ העלפט פון זיי שטאַרבן נאָך אַלץ אין דעם ערשטן יאָר נאָך זייער געבורט; אַז איך גיי אַריין אין אַ פּאָלקס־קאַפע, זע איך ווי הונדערטער פאָדערן רייז־שפייזן פאַר צוואַנציק סענט אַ געריכט, בעת אין מיין האָטעל, אַנטקעגן איבער, קאָסט די זעלבע שפייז גאַנצע צוויי דאָלער. ווייס איך אַלע תשובות. אָבער איך ווייס אויך, אַז דווקא דער איצטיקער רעזשים פון קוירנעל כימענעז האָט אַרויפגעריטן אויף גאָר אַ הויכן שטאַפּל פון עקאָנאָמישן פּראָגרעס, מיטפירנדיק אויך די ברייטע פאָלקס־מאַסן אויף בעסערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אפילו די „קרישקעלעך" פון די רייכע טישן זענען דאָ אויך פעטער און מערער אין צאָל, ווי אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

די אכט טויזנט יידן אין דאָזיקן לאַנד קאָנען זיך נישט קלאָגן נישט אויפן רעזשים און נישט אויף זייער פרנסה. עס איז שווער געווען אַריינצודרינגען אין ווענעזועלאַ אַלס יידן, אָבער ווען מען איז שוין אינעווייניק אין לאַנד, זענען אבסאָלוט קיין באַגרעניצונגען נישטאָ.

אפילו די פאַר טויזנט יידן, וואָס זענען אָנגעקומען שוין נאָכן קריג, האָבן זיך אויך גוט אַרויפגעאַרבעט. זיי זענען, גלויב איך, יענע יידן, וועלכע איך האָב זיי באַגעגנט אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, אָדער זיי געזען זיך וואַלגערן אין די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע, זוכנדיק נייע היימען.

אָבער אָט זיץ איך צווישן אַ גרופּע פּוילישע לאַנדסלייט פון לובלין, פון קאַזשימיעזש, פון כעלם און פון ביאַלע, פון גאַליציע און פון אוקראַינע.

מיר זענען אַ זונטיק אויפן ברעג פון ים, ווו אַלע זענען זיי אַראָפּגעפאָרן אין אייגענע אויטאָמאָבילן. מען זאַמלט זיך אַרום מיר אין אַ קרייז. מען וויל הערן אַ גרוס פון אַנדערע יידן. מען לייענט נאָך יידישע צייטשריפטן פון ניו יאָרק און ביכער פון דער גאַרער וועלט. זיי זענען נאָך אַלץ אונדזערע וואַרעמע פריינט און לייענער, ווי אַמאָל פון וואַרשעווער „היינט" און „מאָמענט".

צווישן זיי און דעם ישוב, וואָס איז דאָ געקומען מיט אַ דור פריער, שטייט נאָך אַלץ אַ וואַנט: יענע האָבן זיך בעסער אַרויפגעאַרבעט, האָבן שוין קינדער אויסגעשטודירטע אין די היגע אוניווערסיטעטן. יענע גיבן טאַקע פיל פאַר ישראל, אָבער ווערן אַלץ מער פאַרפרעמדט פון יידישן לעבן אין די „תפוצות". אגב, איז דאָ פאַראַן אַ שטענדיקע „קנאה־שנאה":

„קוק אים נאָר אָן! נאָר־וואָס געקומען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן פון נאַצישן לאַגער, און איצט פאָרט „דאָס" אין אַ קאַדילאַק און וווינט אין אַן אייגענער ווילע"... אָבער קנאה־שנאה, שלעכטע מידה, איז אויך צווישן עלטערן ישוב דאָ — און גלויבט מיר, איך בין געווען אין מיליאָנערישע הייזער פון היימישע

יידן און געפונען דאָרטן אזא „שפע״ פון ערגעניש און פון צרות, אז איך וואָלט נישט געוואָלט מיט זיי זיך בייטן.

מיין פריינט קלמן לובאָווסקי, אין וועמענס פאבריק איך זיץ גראָד, דערציילט מיר אַ מעשה פון זיינע צרות, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאנגען גאָר לעצטנס צוליב אַ מסירה, אז מען קאָן מיט זיי אויספילן פינף אַקטן פון אַ שעקספיר־טראַגעדיע. ארום אונדז רוישן די רעדער פון ריזיקע מאַשינען. ס׳ווערן פון זיי אויסגעוועבט סוועטערס, זאָקן, וועש, מיט וועלכע ס׳קליידן זיך צענדליקער טויזנטער ווענעזועלאַנער. דער דאָזיקער סלאָנימער ייד, וועלכע רופט זיך אליין „עם הארץ״, כאָטש די „גירסא־דינקותא״ פון אלטן חדר מאַכט אים פאר אַ „למדן״ אין פארגלייך מיט אַ ניו־יאָרקער אַלרייטניק, האָט דאָ ווונדער באוויזן אין משך פון די לעצטע 25 יאָר: אויפגעבויט אַ גרויסע אינדוסטריע, געהאָלפן מיטבויען די יידישע שול, געוואָרן דער גרעסטער נדבן פאר ישראל־פאָנדן. און דאָ פלוצלינג ווערט ער ארעסטירט, מאַלטראַטירט, שיער נישט רואינירט, זיין געזונט איז צעבראָכן — די שמחה מיט די דערגרייכונגען האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. נישטאָ איבערהויפט קיין פרייד אין זיינע מידע אויגן. „אין שמחה במעונו״... און ער איז נישט דער איינציקער: זיי זיינען דוכט זיך, דאָ געקומען אַלע אָרעמעלייט און דערגרייכט אַן אומגעהויערע שטופע פון מאַטעריעלן דערפאָלג. אָבער אָט בין איך ביי אַ צווייטן פריינט: די זעלבע מעשה! די „שטאָט״ איז אין כעס אויף אים, פרעסט אים ממש אויף מיט רכילות און שנאה. ער ברענט אויף דער „שטאָט״ און זאָגט מיר, אז ער וועט נאָך באווייזן וואָס ער קאָן. ער איז אויפן וועג צו מאַכן זיינע מיליאָנען, אָנשטאָט די פארלוירענע. ווען ער איז געוואָרן אַ „יורד״ און געמוזט פארקויפן אזש זיבעצן הייזער, כדי צו ראַטעווען זיין גוטן נאָמען, האָט אַ שטאָט מיט שונאים געטאַנצט דעם בעטלער־טאַנץ פון „דיבוק״ ארום זיין מפלה. וועט ער דעריבער זיך „נוקם״ זיין ביים מאַכן איצטער אַ נייעם, נאָך גרעסערן פארמעגן. גראָד האָב איך זייער גערן דעם דאָזיקן „אָרעמען מיליאָנער״. ער איז אַ לייענער פון יידישע ציטונגען, פון יידישער ליטעראַטור. שוין גאָרנישט קיין „עם־הארץ״, נאָר אַ האַרציקער וואַרשעווער פאָלקס־מענטש. און דאָך ווערט ער פארכליניעט פון דעם דאָזיקן געוועט־לויף מיטן טייוול און פארגעסט דערוויייל, אז „טוב שם משמן טוב״, אז ס׳וועט אים לייכטער זיין אויפצובויען אַ גוטן נאָמען, ווי דעריאָגן דעם מיראַזש פון מיליאָנען, וואָס האָט נאָך קיינעם נישט געגעבן קיין רואיקייט און קיין גליק.

אָבער אין אָוונט גיט ווידער אַ לויכט אויף אַ פריידיק פייערל אין קאַראַקאַס: איך בין אָנוועזנד ביי דער דערעפענונג פון אַ נייעם „ציוניסטישן קלוב״. ס׳איז פאָרגעקומען אַ שמחה, וועלכע ס׳האָבן באַגריסט יונג און אַלט אשכנזים און ספרדים. אין די נייע פיין־דעקאָרירטע סאַלאָנען האָט אויך גע־ווימלט פון יוגנט, וואָס איז געוועזן אַ באַזונדער נחת־רוח פאר מיר. און איבער דעם אַלעמען האָט געשוועבט דער אזוי־באַשיידענער און אזוי טיכטיקער

שאפער פון דער אינסטיטוציע, דער דר. קנאָללשערפּ, א טיפּ פון אן אמאָליקן ציוניסטישן משכיל. ער איז אויך דער אָרטיקער קאָרעספּאָנדענט פון ניו־יאָרקער „איוואָ״.

★ ★
★

וועגן מיין פריינט דאָן אַלבערטאָ קאָהען, האָב איך נאָך געשריבן מיט צען יאָר צוריק, ווען כ׳האָב זיך מיט אים באקענט אין זיין הויז אין באראנקילאָ (קאָלאָמביא).

אויף זיין שבתדיקן טיש האָבן געפינקלט ליכט, אויף וועלכע ס׳האָט דאָן א ברכה געמאכט זיין פרוי רות, א גוטע און בארימטע שיינהייט פון האָנדוראס.

די קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין פּרינסטאָן אוניווערזיטעט, אָבער אויך אין יידישקייט.

איצט נאָך צען יאָר, טרעף איך אים שוין אין קאראקאס, ווענעזועלאַ, ווו ער האָט זיך איבערגעטראָגן צוליב זיינע געשעפטן.

אליין געבוירן אין מצרים, וועמענס מוטער־שפּראַך איז אראביש און שפּאניש, ציט ער אָבער ווייטער דעם פאָדעם פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט אין זיינע נייע היימען. און זעט נאָר ווי די פאמיליע־געשיכטע ווידערהאָלט זיך מערקווירדיק: זיין זון, דער פּריסטאָן־גראַדואירטער, באקענט זיך מיט א קובאנער קריסטלעכער שיינהייט. זי איז זיך מגיר און טראָגט שוין א מזוזהלע אויפן האלז; לערנט יידישע דינים און מנהגים פון איר שוויגער, וועלכע איז דאָך אויך געווען א גרטע...

זי ווערט א יידין נישט נאָר פאָרמעל: צוזאמען מיט איר שוויגער רות פאָרט מען אין א לוקסוס־קאר צום שוחט מיט א פּאָר הינער, וועלכע ווערן געשאָכטן אויף „כשר״. דאָס טוט איצט דערוויילע נאָר א קליינער פּראָצענט פון די אַלט־איינגעזעסענע יידן, אָבער די דאָן אַלבערטאָ־פאמיליע פון מצרים פארשעמט נישט די אַלטע תורה.

מיט אַלע פארבן פון זוניקער העלקייט האָט געשיינט יענער אָוונט מיט די צוויי גרטעס אין געבענטשטן הויז פון מיין אַלטן פריינט.

אַ שעה מיט ייִדן וואָס לערנען גמרא אין פּערו

כ'בין אין כעס אויף פּערו, סיי אויף דער פון די צייטן פון איר בלוטיקן דעראָבערער, גענעראל פּיזאַררא און זיינע אינקוויזיציע־פייערן (אין 16־טן יאָרהונדערט), און סיי אויף דער היינטיקער מאָדערנער פּערו, רעגירט דורכן פּרעזידענט גענעראל אַדריאַ.

אָבער כ'האָב ליב צו קומען אהער אויף אַ קורצן וויזיט און זיך צו טרעפן מיט דער וווּנדערבאַרער יידישער קהילה, דער קליינער גוט־אָרגאַניזירטער, וועלכע איז ביי מיר פאַררעכנט אַלס איינע פון די אָנגענעמסטע און בעסטע אין די לענדער פון אונדזער פאַרשפּרייטונג.

ווען איך פלי אַריבער דעם עקוואַטאָר, לעבן דער עקוואַטאָר הויפּטשטאָט קיטאָ, איז נאַכט. אויפן צעשטערנטן הימל באַמערק איך דאָס מאָל אַ דערשיינונג, וועלכע כ'האָב שטענדיק דורכגעלאָזן בעת מיינע פּילמאַליקע, פריערדיקע דורכרייזעס, די צוויי העלפטן פון אונדזער ערד־קוגל: אָט איז דאָך דער לבנה־סערפּ געווען אויף רעכטס (ווי ס'איז אין ניו יאָרק, תל אביב אָדער פּאַריז) און אָט אין צען מינוט שפּעטער האָט ער „געביטן" זיין פּאָזיציע אויף לינקס (ווי ס'איז אין בוענאָס־איירעס, יאָהאַנעסבורג אָדער מעלבורן). — אַ סימן, מיר זיינען שוין אין דער צווייטער העלפט פון דער מאַמע־ערד. אויך די „פּאָפּולערע" שטערןקאָנסטעלאַציעס בייטן זייערע פּאָזיציעס: די „גרויסע בעריכע", די „קליינע בעריכע", ס'באַווייזט זיך די שפּאָגל־נייע גרופּע שטערן, וואָס מען רופט דער „דרום־צלם", וועלכן מען זעט נישט אין אונזער האַלב־פּלאַנעט. ס'איז אַ לעקציע פון קאָסמאָגראַפיע דורך די פענסטער פון עראָפּלאַן, ווען אויבן בייטן בלומרשט זייערע פּאָזיציעס די הימל־קערפּער און אונטן שפּרייט זיך אויס די פּאַנאָראַמע פון די עקוואַדאָרער בערג, געוויקלט אין וואָלקנס מיט שניי־זילבערנע קרוינען, און עטוואָס שפּעטער די הייסע ים־שטאָט גוואַיאַקיל אין ראַמען פון עלעקטרישע לאָמפּן און פון טיף־בלויען פּאַסיפיק.

ס'טראָגט זיך אַ קליין פינטעלע — אַן עראָפּלאַן, צווישן אָט דער גראַנדיעזער נאַטור „פאַנטאַזיע". אַ קליין מענטשעלע קוקט אַרויס פון אַ פענסטערל און וויל שירה־זינגען צום גרויסן אומבאַוווּסטן, אַזאַ ווייטן און אַזאַ נאָענטן, וועלכער באַוועגט עם אַזוי קונציק דעם מיסטעריעזן מעכאַניזם פון קאָסמאָס, נישט

פאַרגעסנדיק דערביי אפילו דעם פּינטל מיטן אויג פון איינעם פון זיינע באַשעפענישן.

*　　*
*

און אַט איז לימאַ — די הויפּטשטאָט פון פּערו, מיט איר קאָלאָ‎ניאַלן גלאַנץ, מיט אירע באַגילדעטע קירכן און קלויסטערס, מיט די שטאָלצע איבער־בלייבענישן פון דעם אַמאָליקן אינקאַ־אימפּעריום, מיט די פאַרביסענע בליקן פון אירע היינטיקע הערשער.

איך פאַרפאָר אין האָטעל באָליוואַר. דאָס שמאָלע געסל, ווו ס׳געפינט זיך דער אַריינגאַנג, האָט נאָך אין אונדזער דור געטראָגן דעם געשמאַקן נאָמען „מאַטאַ כודיאָס״, וואָס באַדייט אין שפּאַנישער איבערזעצונג „טויט די יידן״! פאַראַן אַ פּלאַץ, וואָס הייסט נאָך היינט: „פּלאַץ פון דער אינקוויזיציע״. פאַראַן אויך אַ גאַס וואָס רופט זיך נאָך איצט „קאַיע קעמאַדאַ״ (די גאַס ווו מען ברענט).

כ׳האָב שוין אַמאָל באַזוכט און באַשריבן די אינקוויזיציע־קעלערן, די געביידעס, ווו דער „הייליקער טריבונאַל״ האָט געמשפּט די „זינדיקע״, די איבער־בלייבענישן פון אַמאָליקע יידישע פאַמיליעס, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די פייערן פון דער אינקוויזיציע (דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי געברענט נאָך אין אָנהויב פון נייצנטן יאָר־הונדערט).

כ׳האָב באַוווּנדערט אין הויז פון מיין פריינט ר׳ משה האַללע, אַ זילבער־סוחר און קאָלעקטאָר פון אַלטערטימלעכקייטן — די כסות, רינגען, די קמיעות, וואָס זיינען עדות פון יענע דורות, וועלכע זיינען אָדער אונטערגעגאַנגען אין פייער פון „קידוש השם״ אָדער אויסגעגאַנגען אין שמד און אַסימילאַציע.

און דאָס האָט נישט געהאָלפן. וואָס פאַר אַ „שאָדן־פרייד״ אונדזערער אַ ייד האָט דאָס אַליין, ווען ער באַזוכט די דאָזיקע קליינע קהילה פון אַרום דריי טויזנט נפשות, וועלכע איז ווידער אויפגעבויט געוואָרן אויף אַמאָליקע אינ־קוויזיציע אַש.

קיין נייע יידן לאָזט נישט מער די רעגירונג אַריין. די דאָזיקע וויזע־באַגרענעצונג ווערט אויסגעאיבט מיט אַ רשעות, וועלכע פּאַסט זיך פאַר די צייטן פון בלוטיקן קאָנקיסטאַדאָר פּיזאַרראָ. די איצטיקע הערשער ווילן נישט נאַטור־ראַליזירן קיין יידן, וועלכע לעבן שוין דורות און זיינען פאַרוואָרצלט דאָ אין לאַנד. אַזאַ יידישער פאַרלאַנג מוז גיין דירעקט צום פּרעזידענט, און דער דיקטאַ־טאָר־גענעראַל וויל נישט, זאָגט אָפּ ברוטאַל. געווען אַ פאַל, ווען ער האָט אָפּגעזאָגט אַ פאַרלאַנג פון נאַטוראַליזירן אַ ייד, וועלכן ער אַליין האָט פאַררעכנט צו זיינע פּערזענלעכע פריינט. דער דאָזיקער ווונטש איז צוגעשטעלטע געוואָרן דורכן אויס־סערן־מיניסטער פּערזענלעך, אָבער דער הערשער האָט דעם ווונטש אָפּגעוואָרפן.

ווען כ׳שרייב „דער הערשער״, ווייס איך אליין ניט, אויף געוויס, צי אין פערו הערשט דער גענעראל (דער פרעזידענט) אדער דער קארדינאל. אין מערסטנטייל לאטיין־אמעריקאנער לענדער זיינען קאטוילישע מאדערנע אינקוויזיטארן נישט מער אין דער מאדע, אבער אין פערו האלטן זיי זיך נאך.

און דאך... שבת אין דער פרי לערגט מען און מען דאוונט אין דריי בתי־מדרשים. כ׳האב באזוכט צוויי פון זיי — און טאקע הנאה געהאט פון דעם אויפבלי פון רעליגיעזער יידישקייט אין משך פון די לעצטע יארן.

דער רב־הכולל, ר׳ אברהם משה ברענער (אמאל אין שטעטעלע קאפיצינעץ, לעבן קאוועל), איז אויך דער שוחט און דער מוהל. ארום הונדערט יידישע פאמיליעס היטן אפ כשרות אין זייערע הייזער. אלע יידן זיינען מל זייערע קינדער. געמישטע חתונות קומען פאר אלץ זעלטענער. קינדער פון היגע בעלי־בתים ווערן אלץ אפטער געשיקט אין די ישיבות פון די פאראייניקטע שטאטן. אין דער צווייטער שול זיצן יידן ארום א טיש און לערנען גמרא. אויך יונגעלייט צווישן זיי.

נישט ווייט פון דעם פלאץ געפינט זיך די אינקוויזיציע־ביבליאטעק, ווו מען קען נאך איצט זען געשריבענע מיט דער האנט גמראס וועלכע מען האט אנטדעקט ביי די מאראנען, און פאר דעם זיי געברענט אויפן שייטער־הויפן — און זעט, איניקע הונדערט יאר שפעטער זיצן נאך אלץ לעבעדיקע יידן אין דער זעלבער שטאט און לערנען ווידער פון געדרוקטע גמראס.

דערמאנט מיר ר׳ אברהם שפירא־קליין (אמאל פון ליסקא) דעם „סדר אליהו זוטא״, פרק י״ד: „אין ישראל נגאלים לא מתוך הצער ולא מתוך השעבוד ולא מתוך הטלטול... אלא מתוך עשרה בני־אדם שהם יושבים זה אצל זה וכל אחד ואחד מהם קורא ושונה עם חברו וקולו נשמע״... (יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן נישט צוליב זייער צער און נישט צוליב זייער קנעכטשאפט, ווי אויך נישט צוליב זייערע וואנדערונגען... אבער ספעציעל צוליב דעם וואס ס׳וועלן זיך נאך געפינען צען מענטשן, וועלכע זיצן איינער לעבן אנדערן און לערנען אויפן קול...).

איר זעט, מיר זיינען נאענט צו אמתער גאולה: אט זיצן דאך אין וויטן פערו, אין שכנות פון פלעצער געבריט אויפן אש פון דער אינקוויזיציע, מער ווי צען יידן און זיינען זיך מפלפל אין תורה.

אפילו פאר מיר איז דאס געווען אן איבערראשונג!

* *

*

אין אוונט האט מיך מיין אלטער פריינט און באוווסטער נדבן־אינדוסטריעלער מארקאס פערעלמאן געבראכט אין יידישן קלוב.

דאָרט לערנט מען, אמת, נישט קיין תורה, אָבער כ׳טרעף דאָרט מאָדערנע ייִדן, ליטעראַריש־באַלעזענע, וואָס פּאָלגן נאָך פּיבעריש אַלץ וואָס קומט פאָר אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט.

אַרום אונדזער טיש זעצן זיך אוים: ראָבערטאָ פעלדמאַן, דער רעדאַק־טאָר פון שפּאַניש־יידישן צייטשריפט „נאָסאָטראָס״, און דער משכיל־שרייבער הערש צוויליך, קאָרעספּאָנדענט פון „איווא״, און מיכאל ראַדזינסקי, דער פּי־רער פון פּועלי ציון (איינער פון די גרעסטע צדקה־געבער), וועלכער שטאַמט פון אַ יהוסדיקער פאַמיליע אין סימאַטיטש, לעבן ביאַליסטאָק; שלמה לאַנדסמאַן, דער פּרעזידענט פון יידישן קלוב, אַ מענטש מיט אַ ים איניציאַטיוו און איבער־געגעבנקייט צום יידישן קיבוץ; גרשון ווידאַווסקי, אליין אַ לאָדזשער, פּנחס דעאו־על, פון אָשמענער יחוס, און ר׳ שמואל סילמאַן (אייניקל פון אָסטראָווצער רב, ר׳ מאיר־יחיאל זצ״ל).

דערציילט ראָבערטאָ פעלדמאַן, וועלכער איז שוין מער ווי דרייסיק יאָר אין פּערו: „מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָט לימאַ געהאַט אַ גאַסט, דעם פּראָפ. בן־ציון פון מאַדריד. די דעמאָלט קליינע קהילה יידן איז אים געקומען הערן. די לעקציע איז פאָרגעקומען אין זאַל פון דער פייערלעכער־קאַמאַנדע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער אַמאָליקער געביידע פון דער אינקוויזי־ציע. דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט שפּאַניש. די צוהערער, דעמאָלט אַלע „גרינע״, האָבן קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. האָט זיך אויפגעהויבן בן־ציונ׳ס פרוי, אַ רו־סיש־געבוירענע, און גערעדט צו זיי אין יידיש. איר רעדע וועגן ציוניזם האָט אַלעמען עלעקטריזירט. נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט האָבן זיך אַלע פאַר־זאַמלטע אויפגעהויבן און געזונגען די „התקוה״. דער שפּאַנישער פּראָפ. בן־ציון האָט זיך צעוויינט: „דערלעבט צו הערן די קלאַנגען פון „התקוה״ אין דעם אַמאָליקן הויז פון דער אינקוויזיציע — איז דאָס נישט קיין נקמה פון דער געשיכטע?״...

און פריינט הירש צוויליך דערמאָנט זיך פון אַן אַנדערע פאַרלעזונג — דאָס מאָל אין כעלם. די דאָרטיקע רעוויזיאָניסטן האָבן איינגעלאַדן אויף אַ פאַרלעזונג דעם גרויסן וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין וואַרשע. אָבער די מיטגלידער פון אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן נישט געוואָלט לאָזן „פאַרלעצן״ דעם שיינעם נאָמען פון כעלם, אין פאַל פון דערפאָלג פון אַזאַ אונטערנעמונג. האָבן זיי געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע, ווו ס׳האָט דעמאָלט גראָד געוווינט יוסף אָפּאַטאָשו, און געפּועלט ביי אים ער זאָל האַלטן אַ לעקציע דעם זעלבן אָוונט וואָס זשאַבאָטינסקי.

מילא, ס׳איז געווען אַ דערפאָלג אויף ביידע פאַרלעזונגען, אָבער דער דאָזי־קער „כעלעמער אינצידענט״ מוז ביי יעדן פון אונדז אַרויסרופן אַ שטילן קרע־כץ: „נישטאָ שוין זשאַבאָטינסקי, נישטאָ אויך אָפּאַטאָשו — און אויך זיינען די טייערע כעלעמער יידן אָפּגעמעקט פון דער ערד...״ נישטאָ...

* * *

א באמת אינטערעסאַנטן גאַסט האָב איך געהאַט אין מיין האָטעל — דאָס איז געווען דער גראַף דזשאָרדזש פּאָטאָצקי, דער געוועזענער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן פאַרן קריג און די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה. כ'האָב געוווּסט, אַז ער וווינט איצט אין לימאַ, דער גליקלעכער מאַן פון אַ פּערואַנער פרוי, פון גרעסטן יחוס און רייכטום, האָב איך אים טעלעפאָנירט, ווייל מיר קענען זיך שוין לאַנגע יאָרן, נאָך פון פּוילן. דאָס איז דער זעלבער גראַף פּאָטאָצקי, צו וועמען ס'האָט געהערט די שטאָט לאַנצוט (לעבן פּשעוואָרסק), אין גאַליציע, און גאָר אַמאָל די גיטער אין אוקראַניע און אין ווייס־רוסלאַנד.

דאָס לעצטע מאָל האָבן יידן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געהערט פון אים, ווען ער איז, אין 1940, געקומען באַגריסן אין וואַשינגטאָן די קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער אומפאַרגעסלעכער סטיפען וויז האָט אים וואַרעם באַגריסט. כ'געדענק נאָך די פאָלגנדע שטעלע אין פּאָטאָצקיס רעדע:

„מיינע אָבות, די פּאָטאָצקיס, האָבן שטענדיק געלעבט נאָענט מיט יידן; געבויט פאַר זיי סינאַגאָגעס אין אונדזערע שטעטלעך און געפירט מיט זיי געשעפטן... געקריגט זיך פאַר זייערע רעכט מיט די קריסטלעכע קאָנקורענטן און אַפילו מיט דער קירכע"...

היסטאָריש איז דאָס טאַקע אמת צום גרעסטן טייל, כאָטש אויך אין פּוילן איז נישט אַלץ, וואָס די פּאָטאָצקיס האָבן געטאָן, געווען „גוט פאַר יידן".

אַלענפאַלס איז זייער שיין פון גראַף פּאָטאָצקיס זייט צו באַזוכן אַן אַלטן יידישן פריינט אין זיין האָטעל. מען דאַרף וויסן, דאָס ער איז נאָך איצט אויך נישט נאָר אַ גרויסער ערד־באַזיצער (זיין פרוי'ס „לאַטיפונדיעס" פון קאַווע און טיי), נאָר איז נאָך אַלץ דער פאָרשטייער פון רוימישן פּאַפּסט אַלס „פירשט פון די ריטערס פון מאַלטע־אָרדן" — יענע מיטלאַלטערלעכע קעמפער פאַרן קריסטנטום, פון וועלכע סיי מיר, סיי די מוסולמענער האָבן בלוטיק געליטן. געלויבט דעם אויבערשטן, וואָס פון יענע צייטן איז מער ניט געבליבן ווי דער פּאַראַדנער מונדיר: אַ הוט מיט פעדערן, אַ שוואַרצע פּעלערינע, מיט אַ שרעקעדן „צלם", און אַ שווערד, וואָס איז נאָך אַלץ באַשטימט פאַר דעם אויסקעמפן דעם נוצרים קבר.

אַ וויטיקלעכע בענקשאַפט האָט זיך געשלענגלט בעת אונדזער געשפּרעך: ביי אים — נאָך זיין פּאַלאַץ אין לאַנצוט; ביי מיר — נאָך מיינע דאָרטיקע יידן. דער פּאַלאַץ איז איצט אַ מוזיי, אָבער קיין יידן דאָרטן קאָן מען שוין אַפילו אין מוזיי נישט אָנקוקן.

און מיין גאַסט האָט מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע: דער אַלטער גראַף ראָמאַן פּאָטאָצקי איז איצט אין אַ מושב־זקנים אין קראָקע, אָבער

זיין זון, דער יונגער גראַף וואַלענטין, איז איצט אַ באַרימטער ספּאָרטלער אין פּוילן און געהערט אפילו צו דער קאָמוניסטישער יוגנט...

אָט דאָס זעט איר איז ווידער די נקמה פון דער געשיכטע: דער יורש פון אַריסטאָקראַטישן שטאַם איז אַוועק צום שונא — און אויף דעם קלאָגט דער פּירשט־ריטער פון וואַטיקאַן...

ס'כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס: „אָבער וואָס פאַר אַ צופאַל, אַז אַנדער גראַף פון אייער משפחה, מיט דעם זעלבן נאָמען וואַלענטין פּאָטאָצקי, איז דאָך באַוווּסט אַלס דער באַרימטער „גר־צדק" פון ווילנע, ווו ער איז פאַרברענט געוואָרן פּינקטליך מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק".

מיין גאַסט באַמערקט מיט אַ טרויעריקן שמייכל: „אונדזער פאַמיליע האָט שטענדיק געהאַלטן די מעשה פון „גר־צדק" פאַר אַ לעגענדע אָבער אין דעם פאַל איז ליידער, דער יונגער גראַף וואַלענטין אַ ווירקלעכער קאָמוניסט... הלוואי וואָלט דאָס געווען פאַרקערט!".

אַ נאַכט ביי אַ געהיימער סעקטע
אין בראַזיל

צענדליקער געהיימע רעליגיעזע סעקטעס זענען פארשטעקט צווישן די פאלדן פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום ריאָ־דע־זשאַניירא — דאָרט, ווו אין הייזלעך פון בלאַטיקן ליים נעסטלט זיך די אָרעמקייט, דער הונגער, די קראַנק־הייטן פון דער געמישטער ראַסע, וואָס הייסט בראַזיליאַנער פאָלקס־מענטש, וועלכער איז אַזוי אַנדערש פון דעם העכערן קלאַס בראַזיליאַנער, וואָס גרויסט זיך מיט זיין פּאָרטוגעזיש־קייזערליכן יחוס.

די מאָלערישע בערג בילדן אַזוי אַ וואַנט, וואָס לאָזט נישט אַז די קאָכיקע שטאָט ריאָ זאָל זיך צעוואַקסן טיפער, אַז די מאָדערנע הייזער, עלעקטרישע ליכט און דער אויטאָמאָביל זאָלן אַריינדרינגען אין דזשאַנגל אַריין, וואָס דרימלט סודות׳דיק ביי די גרענעצן פון דער ריזיקער הויפּטשטאָט. די גראַניטענע פעלזן פאַרצאַמען דעם וועג פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן און נויטן אים פונאַנדערצובויען די שטאָט נאָר אין דער ברייט, ניט אין דער טיף אַרום דעם קאָלירפולן ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. און די בערג מיט די פאַנטאַסטישע קאָנטורן באָדן זיך אין גאָלד־גרינע פאַרבן, וואָס רינגלען אַרום ווי אַ ראַם דעם גיגאַנטישן ים־שפּיגל. צוזאַמען מיט דער אייגנאַרטיקער אַרכיטעקטור פון ריאָ און אירע פאַרשטעטט בילדעט זיך אויס יענע פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע געפורעמט בשותפות פון נאַטור און מענטש, וואָס הייסט „דער מאָדערנער וועלט־וווּנדער ריאָ־דע־זשאַניירא".

און אַזוי ווי צוליב קאָנטראַסט זענען דוקא דאָ, אין די קנייטשן פון די בערג־פּאַנאָראַמעס, פאַרשטעלט די צענדליקער טויזנטער קליינע־הייזלעך, ווו דער טאָלעראַנטער געמיש פון דער ווייס־געל־שוואַרצער קאַריאָקאַ ראַסע (אַזוי הייסט דער איינוווינער פון ריאָ) פינצטערט אָפּ זיינע יאָרן אין שטאָט פון אַזאַ בלענדיקן ליכט פון שיינקייט און נאַטור־רייכקייט.

אָבער ער איז גוטמוטיק, דער קאַריאָקאַ, געדולדיק מיט זיין בינטל צרות, איז לייכטזיניק און טאַנצענדיק, זעט ניט דעם קאָליר פון דער הויט פון זיין שכן, און אויב ער איז ווייס, פירט ער דאָך אַ ראָמאַן מיט דער טאָכטער פון נעגער אָדער כינעזער. שוין דורות־לאַנג מישן זיי זיך, אָן פאָראורטיילן, צוזאַמען און ביי יעדער געלעגנהייט טאַנצט מען. מען איז לייכט אין וואָג, אין באַוועגונג און אויך די פיס באַוועגן זיך ריטמיש, ווען אפילו מען טראָגט ציגל צו אַ

געביידע אָדער אַן עמער וואַסער אויפן קאָפּ. האָט זיך דערפון אויסגעבילדעט יענער „קאַריאָקא־טאַנץ״, וועלכער ווי די רומבא, ווי די סאַמבאַ, האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אין די הייזער אין די סאַלאָנען און נאַכט־לאָקאַלן פון דער גאַרער וועלט.

זע איך אָפטמאָל פון באַלקאָן פון מיין האָטעל, וועמענס לוקסוס־געביידע איז אויסגעהאַקט און אַריינגעקוועטשט און איינעם פון די בערג, וואָס הענגען איבער דעם שפּילנדיקן באַדע־ביטש פון קאָפּאַקאַבאַנאַ, זע איך ווי פון די בערג־שפּאַלטן, פון די קליינע הייזלעך, שיטן זיך אַרויס טאַנצענדיקע בראַזיליאַנער, האַלב־נאַקעט מיט פּויקן און פייפלעך, שפּרינגען עלאַסטיש פון שטיין־צו־שטיין און טאַנצן אַריין מיט קוויטש און געזאַנג אין יום־טובדיק באַפּוצטן עולם אויף דער רייכער פּלאַזשע, וואָס קומט דאָ פון אַלע עקן שטאָט און וועלט זיך באָדן, געניסן, אַמוזירן.

און כאָטש זיי זענען אָרים, אפשר הונגעריק און פרעמד, טאַנצן זיי דורך זייער וועג דורך די רייען פון זאַטע און רייכע, ווי בעלי־בתים וואָלטן זיי דאָ געווען. יעדער גליד באַוועגט זיך אין אַ ריטם — אַלע צוזאַמען זענען זיי ווי אַ באַלעט אויסגעשטודירט און אויסגעמושטירט דורך די פאַרבאָרגענע כוחות פון ירושה און טראַדיציע, וואָס ציען זייערע פעדים פון עלטער־זיידעס היימען העט־העט אין וויטן אַפריקע, אָדער אין נענטערן אַנדאַלוזיע אָדער גאָר אין אַ פאַרחלומטן דאָרף פון יאַפּאַן. עס דרימלען די נשמות פון בראַזיליאַנער פאָלקס־געמיש, די ניט אויסגעשוימטע אינסטינקטן פון אַנדערע רעליגיעס, ניט נאָר פון דער הערשענדער קאַטוילישער — צו וועלכער זיי געהערן. עס כאַפּן זיך אויף אין אונטערבאַוווּסטזיין די חלומות פון יענע צייטן, ווען טאַטעס און מאַמעס האָבן געטאַנצט אַרום אַ גאָלדענעם בודא — אָדער אַרום איינעם פון די שלאַנגען פון ראַמאַיאַנאַעפּאָס; אָדער זיך געלאָזט דערפירן ביז קאָנוווּלסיעס אין אַ פּויקן־קאַראַהאָד אַרום אַ הילצערנעם געטש ביי די טייכן אין קאָנגאָ.

האָבן זיך אויסגעבילדעט דעריבער אין בראַזיל צענדליקער געהיימע סעק־טעס, וווּ ס׳קומט צום אויסדרוק אָט יענע אינסטינקטיווע בענקעניש נאָך אַ רעלי־גיעזן עקסטאַז, וואָס שלאָפט אין די בלוטן און פאָדערט אַ תיקון. אַזעלכע סעק־טעס טראָגן דעם אַלגעמיינעם נאָמען מאַקומבאַ־ריטואַל, זיינען פאַרשידן אין זייערע צערעמאָניעס און טראַדיציעס; עס געהערן צו די סעקטעס מייסטנס די אַרבעטנדיקע שיכטן, אָבער זיי ווערן אָנגעפירט דורך ראַפינירטע „כהנים״, פון וועלכע אַנדערע זיינען גלויביקע און נאָך מער זיינען שאַרלאַטאַנעס.

די בראַזיליאַנער פּאָליציי האָט פאַרבאָטן די מאַקומבאַ־סעקטעס צוליב דעם, וואָס אין דער מערהייט פון זיי ווערן פּראַקטיצירט ניט־דערלויבטע היילונגס־סיס־טעמען קעגן פאַרשידענע קראַנקהייטן און אין אַנדערע דערגייט אויך צו סעקסו־עלע אָרגיעס.

צוזאמען מיט מיינע פריינט דעם ישראל־געזאנדטן אין בראזיל גענעראל דוד שאלתיאל און זיין שארמאנטע פרוי יהודית, האט זיך מיר איינגעגעבן צוגע־לאזן צו ווערן אלס צושויער צו א מאקומבא־צערעמאניע אין ריא.

עס איז ניט אנגעקומען אזוי לייכט. מען האט געמוזט באנוצן די „פראָ־טעקציע" פון איינעם א מאדנעם „כאראקטער", וועלכער פארדינט א גאנץ באַ־זונדער קאפיטל כדי באשריבן צו ווערן. אבער דאס וואלט מיר אנגעקומען זייער שווער, ווייל שארל עפשטיין, אזוי הייסט אונדזער „פראטעקציע", רינגלט זיך ארום מיט אזוי פיל געהיימניספולקייט, אז ס'איז שווער אין אים אריינצודרינ־גען ווי אין „מאקומבא־ריטואל".

די ליבע פרוי יהודית שאלתיאל איז מיר מתרה, אז שארל עפשטיין שטאמט פון פראנצויזיש־געשמדטע יידן, אויב נישט אליין טאקע א משומד און אז ער דרייט זיך צווישן די דיפלאמאטישע און רעגירונגס־קרייזן אין ריא, און כאטש ער האלט זיך פאר א פריינט פון ישראלס מיניסטער, איז ער אבער ניט קיין פריינט פון א פשוטן יידן; אז אין זיין אנוועזנהייט איז בעסער ניט צו באַרירן קיין יידישע פראבלעמען. ער טוט דאך אונדז א טובה, לאמיר אים לאזן מיט יידישקייט.

אבער ווען צו אונדז אין אויטא איז אריינגעגאנגען א משונהדיק־שטאלצע באשעפעניש מיט א קליינעם קאפעלושל אלא „מנשה סקולניק" אויף א קוואד־ראט־קאפ, און גלייך געמעלדעט אז כאטש ער רעדט ענגליש, בעט ער אונדז אבער רעדן נאר פראנצויזיש, ווייל דאס איז די איינציקע שפראך פאר אריסטאָ־קראטן, האט זיך אין מיר גלייך אויפגעוועקט א פראטעסט. איך האב פיינט משומדים, האב פיינט אריסטאקראטן און פארטראג דעם סקולניק־קאפעלושל נאר אויפן קאפ פון יענעם פעיקן קאמיקער. האב איך טאקע און דווקא אין פראנצויזיש זיך געווענדעט צום גאסט: „צי זענט איר ניט אמאל א קרוב פון שוחט עפשטיין אין שטעטל ריא באמבא אין עקוואדאר? — אין ריא באמבא, דארפט איר וויסן, איז ניט נאר ניטא קיין שוחט, נאר בכלל ניטא קיין ייד מיטן נאמען עפשטיין, נאר דער יצר־הרע פון דערקוטשען, האט אפילו גובר געווען דעם שטומען פארוורף אין די אויגן פון דיביידע שאלתיאלס.

אבער דאס מענטשל אין קאפעלוש ענטפערט: „די לעצטע שוחטים אין אונדזער פאמיליע זיינען שוין געשטארבן אין די צייטן פון נאפאלעאן דעם דריטן אבער איך בין אויף אייך ניט אין כעס, ווייל אונדזער רעליגיע הייסט אונדז־מוחל זיין אפילו שונאים"...

„זענט איר דאך, הייסט עס, נאך אלץ א גוטער ייד, ווייל אויך אונדז לערנט די תורה מחילה און סליחה, און ווי אייך איז באוווסט, פאסטן מיר אפילו צו־ליב דעם א גאנצן יום־כיפור"...

דער דיאלאָג אין פראנצויזיש איז געענדיקט. שאַרל עפּשטיין בלאָזט זיך אָן, און דעם גאנצן אָוונט וועגדט ער זיך שוין ניט צו מיר. אלס נקמה פאַר־שוועך איך זיין געזעלשאַפט דורך דעם, וואָס איך רעד העברעאיש צום מיניסטער און זיין פרוי.

★ ★
★

דאָס קאַפּעלושל גייט פאָרויס, פירט אונדז דורך שמאָלע טרעפּ און מיר ווערן באַגעגנט דורך אַ „כהן" אין אַ ווייסן כאַלאַט. ער איז שוין פון פאָרויס איינ־פאָרמירט, אַז מיר קומען און מען פירט אונדז דעריבער אריין אין זאל, וווּ עס דאַרף זיך באַלד אָנהויבן דער ריטואַל; מען זעצט אונדז אויס אויף דער ערש־טער באַנק גלייך אַנטקעגן דער מאַרמאָרנער גרופּע פון הייליקע מיט מלאכים, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַ מישמאַש פון קריסטלעכקייט מיט געצנדינעריי, איבערהויפּט ווייל די פיגור אין פראָנט איז אַ מוטער־נאַקעטע־פרוי.

דער „כהן" אין ווייסן כאַלאַט דערקלערט אונדז אין פּאָרטוגעזיש (אים איז דער משומד מוחל זיין „פלעבישע שפראַך") אַז היינט וועט מען היילן קראַנקע דורך אַרויסיאָגן פון זיי גייסטער מיט טאַנץ און געזאַנג און אַז איינציקע פון די קראַנקע וועלן אויך אָנגענומען ווערן אַלס מיטגלידער אין דער מאַקומבאַ־ברודערשאַפט, ווייל בעת די פריערדיקע סעאַנסן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס פון גלויבן.

דערווייל זעצן זיך אויס אויף די בענק הינטער אונדז אייניקע צענדליקער בראַזיליאַנער אָרעם געקליידט. מען לאָזט זיי אריין לויט די נומערן, וואָס זיי האַלטן אין די הענט און לויט די זעלבע נומערן וועט מען זיי אַרויסרופן אויף דער שמאָלער אַרענע, פון וועלכער מיר זיינען אָפּגעטיילט מיט אַ הילצערנעם באַריער.

אָט דערהערט זיך דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק: „בום־טאַם... בום־טאַם", טעמפּ דראָענדיק. ערגעץ־ווו צעקלינגען זיך גלעקלעך. עס ווערט פינצטער. ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן כאַפּ איך זיך ביי דער קעשענע, וווּ עס ליגט מיין פּאַספּאָרט און די פּאָר „טולער". אָן זיי בין איך אין אַ פרעמד לאַנד קיין פּעני ניט ווערט... אויך גענעראַל שאַלטיאַל הויבט זיך אָן באַוועגן אומרואיק. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך געפילט מער זיכער אין באַלאַגערטן ירושלים ווי אין פינסטערן מאַקומ־באַ־טעמפּל, וווּ מען וועט באַלד אַרויסיאָגן בייזע גייסטער.

אָבער שאַרל עפּשטיין באַרואיקט אונדז אין אַ פּליסטערדיקן פראַנצויזיש. ער דערקלערט אויך שטילערהייט אַלע פאַזן פון קולט. עס ווערט ליכטיקער. אַ קייט פון מיידלעך אין ווייסן מיט געפלאָכטענע הענט גליטשט זיך אריין אויף דער אַרענע.

„דאָס זײַנען די מלאכים".

נאָך זײ מאַרשירן אַרײַן זעקס מענער מיט טורבאַנען אויף די קעפּ. דאָס זײַנען כּהנים. און נאָכהער „קײַקלט" זיך אַרײַן אַ דיקער נפש, װעלכער װיגט זיך אויף זײַנע היפּטן. דאָס איז דער „מלאך" גבריאל (קלאָר װי דער טאָג!).

די מײדלעך זינגען עפּעס אַ פרעמדן פאַר מיר קירך־געבעט און מיט זײ זינגט דער גאַנצער עולם.

דערנאָך טײלט אויס דער „מלאך גבריאל" דיקע לאַנגע ציגאַרן סײ צו די מײדלעך און סײ צו די מענער.

אין אײניקע מינוטן אַרום צעטראָגט זיך אַ קיצלדיקער רויך, — אַ געמיש פון טאַבאַק מיט װײַרױך, מיט אָפּיום.

עס בײַסט אין די נאָזלעכער. עס דרײט זיך זיסלעך דער קאָפּ. עס שלעפערט שױן אַפילו (איך טאָפּ װײַטער די קעשענע, װוּ עס ליגט מײַן „אוצר"...)

אָבער פּלוצים דערהערט זיך אַ העפטיקער קלאַפּ פון פּויק. יעדער „כּהן" כאַפּט אַ „מלאך" און הױבט זיך אָן צו דרײען מיט איר, קלאַפּן־דערבײַ אײַבערן פּלײצע. זײ נעמען זיך אַרום. זײ טײלן זיך אָפּ און דרײען זיך שױן באַזונדער. אָט האַלט אַ „מלאך" אין צאַפּלען זיך אין קאָנװולסיעס, װי אַן עפּילעפּטיקער; דערנענטערט זיך צו דעם „מלאך" אַ „כּהן" און הױבט אָן דרײען מיט דער האַנט, דאָס צאַפּלען הערט אויף און דאָס מײדל־מלאך הױבט זיך אויף לײַכט און לאַכנדיק פון דער ערד.

„געקומען די רפואה. דער שד איז אַרױס!" הער איך מיר די דערקלערונג. און איצט קומט די רײע פאַר די פּאַציענטן, װאָס זײַנען געקומען דאָ מיט „נומערלאַך" הײלן זײערע חולאתן.

צו מײַן גרױס פאַרװוּנדערונג געפינט זיך צװישן זײ אַ יידישע באַלעבאַטישע פרױ, װעלכע איך קען נאָך פון פריער, אָבער װעלכע איז געזעסן הינטער אונדז און האָט מיך דעריבער ניט באַמערקט. איך פאַרשטעק זיך אין װינקל פון באַנק הינטערן סלופּ, כדי ניט שטערן איר צערעמאָניע.

מען נעמט איר אַרײַן אין קאַראַהאָד צװישן די מלאכים און „כּהנים". מען גיט איר פאַררױכערן אַ ציגאַר. מען קלאַפּט איר איבער דער פּלײצע. נאָכהער זינגען די „מלאכים" אַ „שלאָף־ליד", מיט די װערטער־קלאַנגען „לו־לו, בײַ"... און פּלוצים פאַלט זי אום. דער כּהן כאַפּט נאָך איר קאָפּ, כדי זי זאָל זיך ניט צעקלאַפּן. איבער איר שטײט אַ „מלאך" און שלוקערצט. דאָס יידישע װײַבל (זי איז אַ פאַרמעגלעכע פרױ, געבױרן אין פּױלן, געלעבט אין בעלגיע) הױבט אויך אָן צו שלוקערצן. װידער קלאַפּט דער פּויק: דאָס װײַבל הױבט זיך אָן צו צאַפּלען. דאָס פּנים איז צעקרימט, דאָס קלײד אין אומאָרדענונג. אַ שום באַװײַזט זיך אויף

אירע ליפּן. די הענט מאַכן די זעלבע ווילדע באַוועגונגען, וואָס דער „מלאך״, וועלכער שטייט צוקאָפּנס.

דער „כהן״ דערנענטערט זיך. ער באַוועגט לאַנגזאַם מיט דער האַנט און די פרוי הויבט זיך אויף. זי עפנט ברייט די אויגן. איר פּנים שיינט ווי נאָך אַ גוטן, לאַנגן שלאָף. זי זאָגט אַרויס ווי ניט גלויבנדיק זיך אַליין, אין אַ שלעכטן פּאָרטוגעזיש: „אָ, גאָט, די ווייטיקן זיינען אַוועק, איך קאָן ווידער באַוועגן מיט מיין רעכטער האַנט און רעכטן פוס״, דערנאָך צעוויינט זי זיך. די „מלאכים״ זינ־גען. די פרוי גייט צוריק צו איר פּלאַץ. אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן גייט אַרויס אינמיטן זאַל. זי איז עטוואָס געליימט.

ווען ניט די יידישע פרוי, וועלכע איך האָב געקענט, וואָלט איך געמיינט אַז מען שפּילט דאָ אָפּ עפּעס אַ טעאַטער־שטיק פאַר הויכגעשטעלטע געסט. אָבער יענע פרוי איז טאַקע געקומען זיך היילן פון אַ ווייטיק און פון אַ קליינעם פּאַראַליז אין קערפּער. צי דער עפעקט, וועלכן מען האָט אונדז דאָ געוויזן, וועט לאַנג אָנהאַלטן — ווייס איך ניט, אָבער עפּעס איז דאָ יאָ געשען! אַלנפאַלס, ווי שוין דערמאָנט, ניט די מעדיצינישע קרייזן, ניט די פּאָליציי, האַלטן פון אַזעלכע רפואות.

עס איז שוין שפּעט, און מיר פאָרן אַהיים דורך די פּאַרדרייטע בערג־פּאַסן. פון איין זייט פירט דער וועג צום סודות־דזשאָנגל, וווּ נאָך איצט לעבן געצנדי־נער און ווילדע חיות. די אַנדערע זייט פון וועג פירט אונדז צו דעם ליכט־באַגאָסענעם ריאָ, וווּ דער מאָדערנער קאָמפאָרט איז דער לעצטער אויסדרוק פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע.

אינמיטן, אונטערן צודעק פון מיסטעריע און פון נאַכט, הוליעט דער מאַקומבאַ־קולט, דער פּראָדוקט פון אומוויסנקייט, אָרעמקייט און געהיימע, נאָך ניט אויסגעפאָרשטע כחות.

ווילנער יידיש מיידל — צירק־
טענצערין אין בראַזיל

דער דירעקטאָר פֿון איינעם פֿון די גרעסטע האָטעלן אין ריאָ דע זשאַנייראָ, ניקאָלאַ גליצענשטיין, אַ שוועסטער־קינד פֿון באַרימטן פֿאַרשטאָרבענעם סקולפּ־טאָר מיט דעם זעלבן נאָמען, באַגעגנט מיך אין אַ פֿרימאָרגן ביים אַרויסגיין פֿון עלעוויִיטאָר:

„איך האָב פֿאַר אייך אַ פּראָבלעם מיט אַן אינטערעסאַנטן צוגאָב דערצו. דאָס פּראָבלעם איז די מאַמע, דער אינטערעסאַנטער צולייג — די טאָכטער"...

ווייס איך דאָך, אַז דאָן ניקאָלאַ איז אַ לץ, ווייל איך מיך וואָס שנעלער אַרויסכאַפּן פֿון האָטעל, כדי ניט דאַרפֿן אויסהערן אַ לעבנס־געשיכטע אין דריי אַקטן און צוועלף בילדער. אָבער ער פֿאַרהאַלט מיך אויף אַן ערנסט:

„הערט", זאָגט ער, „אַן איבערבלייבעניש פֿון אַ יחוסדיקער ווילנער יידישער פֿאַמיליע ראַנגלט זיך אין שרעקלעכער נויט און אפשר אויך בזיון. לאָמיר צוזאַמען עפּעס טאָן, כדי זיי צו ראַטעווען".

פֿאַר אַזאַ פֿאַל האָב איך שוין צייט.

דערציילט ער מיר, אַז דאָ אין האָטעל האַלט ער אַן געלט שוין אַ היפּשע פֿאָר וואָכן די פֿרוי דאָראָטי חלום און איר טאָכטער. לענגער טאָר ער דאָס ניט טאָן, ווייל ער איז דאָך ניט דער אייגנטימער פֿון געשעפֿט. אָבער ער מיינט, אַז אַלס פֿאָרשטייער פֿון „האַיאַס" קאָן איך עפּעס העלפֿן אין דער דאָזיקער לאַגע.

— „די פֿאַמיליע חלום?" פֿרעג איך. איך געדענק דעם נאָמען פֿון מיינע באַזוכן אין דער אַמאָליקער ווילנע. ווער האָט זיי דען ניט געקענט? געווען דאָרט אַ דאָקטאָר, אַן אינזשעניער... ,

— „יאָ, דאָס זיינען זיי טאַקע. די פֿרוי און טאָכטער פֿון אינזשעניער משה חלום. זיי זיצן אָט דאָרט, אין וואַרט־זאַל, ווייסנדיק פֿון פֿריער, אַז איך וועל אייך פֿאַרהאַלטן און וועגן זיי רעדן".

„אויב אַזוי, באַקענט מיך מיט זיי".

ווען מיר דערנענטערן זיך צו די צוויי פֿרויען, וואָס זיצן אין ווינקל פֿון האָל, הויבט זיך גלייך אויף די יינגערע, אַ שלאַנקע, בלאָנדע, פֿעסטגעבויטע פֿרוי. ס'פּרובירט זיך אויך אויפֿהויבן די עלטערע, קענטיק איר מוטער, זי שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שטעקן, מאַכט אַ באַוועגונג פֿאָרויס, אָבער בלייבט אָנמעכטיק זיצן אויף איר שטול. דאָס פּנים בלאַס ווי פּאַפּיר, ווי צעקנייטשט פּאַפּיר. דאָס

אַנטוועכע — מער ווי באַשיידן. זי אַנטשולדיקט זיך אין דייטש, וואָס אירע קראַנקע פיס נויטן זי צו בלייבן זיצן.

פאַרשטייט זיך, כ׳באַרויק זי גלייך וועגן דער פולשטענדיקער אומנויטיקייט פון „עטיקעט״ און זעץ זיך לעבן זיי.

איך הויב אָן גלייך פון דעם, אַז איך וויים, אַז די פאַמיליע חלום האָט געהערט צו די סאָלידסטע און באַוווּסטסטע אין דער אַמאָליקער ווילנע, און אַז איך גלויב אַז מיר זיינען אַלע מחויב עפּעס צו טאָן פאַר זיי אין דער שווערע לאַגע. ווי קומען זיי קיין ריאָ?

ווייזט זיך אַרויס, אַז די טאָכטער איז שוין אייניקע יאָר אין בראַזיל און די מוטער איז דאָ געקומען פון ווין, ווו זי האָט געלעבט נאָכדעם ווי איר מאַן, אינזשעניער משה חלום און איינציקער זון זיינען אומגעקומען אין ווילנער געטאָ.

כל זמן די טאָכטער האָט פאַרדינט האָבן זיי ווי עס איז דורכגעהאַלטן. אָבער איצט, אַז די טאָכטער האָט פאַרלוירן איר פּרנסה, זיינען זיי פּשוט אָן ברויט.

„וואָס איז געווען אייער באַשעפטיקונג? פרעג איך די יונגע דאַמע.

„איך בין די אַלע יאָרן אין בראַזיל געווען אַ צירק־אַטלעטין, געקעמפט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער טרופּע אַלס „רעסלערין״. מיך האָט מען באַשטימט צו זיין „די רוסין קאַטיאַ״. געווען דאָרט אַנדערע „פעלקער״־פרויען, וואָס האָבן „געקעמפט״ אַלס ענגלענדערינס, דייטשקעס, אַמעריקאַנערינס, פראַנצויזקעס. די דאָזיקע טרופּע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין ווין דורך אַ שפּאַנישן „טאָרעאַדאָר״ (אָקסן־פעכטער), וואָס האָט פאַרלוירן אַ האַנט אויף דער אַרענע און ניט געקענט מער פאָכן מיט דער שווערד.

„דאָס איז געווען גלייך נאָכן סוף פון דער מלחמה, און אַ פאָרשלאָג צו רייזן אין די ווייטע לענדער איז געווען אַ פאַנטאַסטישער חלום אפילו פאַר איינער, וואָס איר נאָמען איז חלום״...

מיר רעדן פויליש. אָבער די לעצטע פראַזע האָט זי געזאָגט אין אַ געבראָ־כענעם יידיש.

מיר שמייכלען אַלע אויף דעם געלונגענעם קאַלאַמבור.

„די מאַמען האָב איך געמוזט איבערלאָזן אין ווין ביז איך וועל זיין בכוח זי אַריבערצוברענגען צו מיר... אָבער דערווייל האָב איך זיך אַריינגעדרייט אין אַזאַ אומגעווינלעכן קאַראַהאָד, פון וואַנדערונגען און געשעענישן, אַז עס האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן באַזעצן זיך אויף איין אָרט מיט דער מוטער. און איצט איז עס געקומען: אונדזער טרופּע איז זיך צעפאַלן און מ׳מוז ווידער אָנהויבן פון אָנהויב״.

איך באַשליס איבערצוריידן דערווייל דעם שמועס און באַשטעל זיי ביידע צו קומען צו אונדז אין אָפיס ווו נאָכן דערליידיקן געוויסע פאָרמאַליטעטן וועט איר מוטער, אַלס נאָר־וואָס אָנגעקומענע אימיגראַנטין קאָנען באַקומען גענוג

געלט אויף א ווינונג אויף צו לעבן ביז די טאָכטער וועט זי קענען אויסהאַלטן אויף איר אייגענעם חשבון.

אויך פאַר דער טאָכטער, וועלכע קען שוין פּאָרטוגעזיש און ענגליש, וועט מען מסתם געפינען א באַשעפטיקונג.

און אַט דורך דעם פּעריאָד פון איינאָרדענען די דאָזיקע צוויי פרויען האָט זיך פאַר מיר פאַנאַנדערגעוויקלט די געשיכטע פון א צעבראָכענער יידישער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך געקלאַמערט ביי די פרענזן פון לעבן.

דער אינזשעניער משה חלום האָט שטודירט אין בערלין און פאַרבראַכט דאָרט די יאָרן גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יאָר 1920 באַגעגנט ער זיך מיט דער דייטשקע דאָראָטי, וועלכע איז גראָד אין דעם יאָר געוואָרן אויסגעוויילט אַלס די שיינהייטס־קעניגין פון דייטשלאַנד.

די צעבראָכענע אַלטיטשקע, הייסט עס, איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיק א יונגע פרוי, אין אירע בעסטע מיטעלע יאָרן... און זעט ווי די הויט איז צעקנייטשט, ווי די האָר זיינען ווייס, ווי די הענט ציטערן און מיט די פיס רירט זי קוים, ווייל זיי זיינען געשוואָלן. אַט זיינען זיי די אַלע רעזולטאַטן פון מאַסיוון האַמער פון צרות, וואָס האָבן זי אַזוי צעשמעטערט.

און משה חלום האָט זיך פאַרליבט אין דער דאָזיקער דייטשקע, וואָס האָט געשטאַמט פון א באַרימטער יונקער־פאַמיליע, וועלכע זיינען געוואָרן יורדים נאָך קייזער ווילהעלמס מפּלה.

אָבער א ווילנער מיוחס וועט דאָך ניט אַראָפּברענגען צום טאַטן קיין „ירושלים דליטא" א בערלינער שיקסע. האָט זי זיך מגייר געווען, חתונה געהאַט „כדת משה וישראל" און געווען צו אים די אַלע יאָרן א געטריי ווייב און אַן איבער־געגעבענע מאַמע פון זייערע ביידע קינדער. ימים נוראים פלעגט זי גיין אין שול, שבת — ליכט צינדן; יום כפּור — פאַסטן. זי האָט אָפּגעהיט איר נייע רעליגיע בעסער ווי א סך רייכע יידישע טעכטער פון איר סביבה.

אָבער, אַז די נאַצים זיינען געקומען האָט מען זיי אַלע פאַרשפּאַרט אין געטאָ. זי האָט זיך געקענט ראַטעווען דורך דערקלערן, אַז זי איז א ריינע אַריערין.

„אָבער", גיט זי צו אביסל באַשיידן און שעמעוודיק, „ווען איך בין געגאַנגען אַלס א ווייב צו מיין מאַן קיין ווילנע, האָב איך ווידערהאָלט ווי די ביבלישע רות: וווּ דו וועסט גיין, וועל איך גיין; וווּ דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט איז מיין גאָט, אָבער ליידער, ליידער האָב איך ניט געקענט פאָרווירקלעכן רות'ס ווייטערדיקן צוזאָג, ווי עס שטייט אין דער ביבל: וווּ דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן און דאָרט וועל

איך באַגראָבן ווערן... ווייל, ווו און ווען, אפשר ווייסט איר, איז מיין מאַן געשטאָרבן און ווו איז ער באַגראָבן געוואָרן? און ווו זייַנען די אַשן פון זיי בײדן, פון מיין מאַן און מיין פּרעכטיקן יונגן זון, וועלכער איז געוואַקסן ווי אַ דעמבּ? ווו איז ער, מיין טייערינקער? די באַרבאַרן פון מיין אייגן פאָלק האָבן זיי אין אַ נאַכט צוגענומען און פון דאַן אָן איז זייער געביין פאַרלוירן געגאַנגען. מיך מיט מיין טאָכטער האָט מען פאַרדראַכנט פאַר אַריערינס, געלאָזט לעבן, אָבער דאָך גענומען אויף שווערער אַרבעט אין אַ וואָפן־פאַבריק לעבן בערלין. איך בין שנעל קראַנק געוואָרן און מיין טאָכטער לילי, וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען אַ „רעבעל״, האָט זיך איינגעשניטן די אָדערן פון די הענט, כדי זי זאָל ניט העלפן דער נאַציִשער מלחמה־מאַשין. האָט זי געדינט אַלס דינסטמיידל אין פאַרשיידענע הייזער ביז די באַפרייאונג איז געקומען. נו, און ווייטער וועט אייך שוין לילי אַליין דערציילן״.

די בלאָנדע אַטלעטין, מיט דער אַ ביסל דיקלעכער שטימע, וואָס פּאַסט זיך גאָרניט צו אירע טיפע בלויע אויגן און דער נאַטירלעכער ראָזקייט פון איר געזיכט, זעצט שוין פאַר ווייטער:

„ווי קום איך צו ווערן אַן אַטלעטין? איך האָב שטודירט שוועדישע גימנאַסטיק און אויסגעאַרבעט די מוסקולן צו אַט דער איצטיקער מדרגה. און ווען איך האָב געלייענט אין די צייטונגען, אַז אַ „רעסלער״־טרופּע ווערט פאַרמירט, האָב איך זיך גלייך געווענדט צו דאַן קאַרלאָס׳ן, וועלכער האָט מיך אַנגאַזשירט. אָבער איין באַדינג האָב איך געמוזט אָננעמען: איך האָב ניט קיין רעכט צו זיגן אָן דער צושטימונג פון מיין באַס קאַרלאָס. ער אַליין דאַרף באַשטימען פאַר יעדן קאַמף ווער עס דאַרף „ליגן״: „פראַנקרייך״, „אַמעריקע״, „דייטשלאַנד״, אָדער „רוסלאַנד״. איך האָב נאַטירלעך געוווּסט, אַז אַ ריי „פאַרמעסטן״ ווערן „פּיק־סירט״ אין פאָרויס, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערן אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן. אַזוי ווי איך בין דאָך געווען „קאַטיאַ, די רוסישע״, האָב איך זיך געמוזט אָפטער „לייגן״ ווי אַלע מיינע חברטעס. ס׳האָט גאָרניט אויסגעמאַכט וואָס איך בין געווען שטאַרקער פון זיי. איך, „רוסלאַנד״, האָב ניט געטאָרט זיגן אין דעם גרעסטן טייל פאַלן. סיידן מיר זייַנען אַרויסגעטראָטן אין די גרויסע בראַזיליאַנער שטעט, וואָס האָבן אַן אַרבעטער־באַפעלקערונג, ס׳רוב לינק־געשטימטע. דאָרט פלעג איך אָוועקלייגן די „אַמע־ריקאַנערין״, וועלכע איז אויך געווען אַ ווינער יידישע יתומה, — און דער צירק האָט טריאומפירט.

שוועדע יאָרן זייַנען דאָס געווען, אַט דאָס שלעפּן זיך איבער בראַזיליאַ־נער פּראָווינץ־שטעט, ספּעציעל, ווען מיר זייַנען געפאָרן די לאַנגע, לאַנגע צוויי טויזנט מייליקע שטרעקע מיטן דאַמפּער אויפן טייך אַמאַזאָן. אונזערע פאָר־שטעלונגען זייַנען געגעבן געוואָרן טאַקע אויף דער שיף גופא, דאָס זייַנען מיר

דעמאָלט געווען די טרופּע פון די לעגענדאַרע „אַמאַזאָנקעס", די יורשטעם פון יענע אַמאָליקע העלדישע פרויען, וואָס האָבן אויסגעקוילעט זייערע אייגענע און פרעמדע מענער און געוואָרפן אַ שרעק אפילו אויף די ווילדע אינדיאַנער. און רעדנדיק וועגן מענער און וועגן ווילדע, מוז איך אייך זאָגן, אַז מיר פּלעגט אויסקומען מערער מאָל מלחמה צו האַלטן קעגן דער ווילדקייט פון מענער, שיכורע בעסטיעס, וועלכע מיין „בלאָנדקייט" פלעגט משוגע מאַכן. אין אַזאַ פאַל האָב איך געהאַט רעכט זיי ניט נאָר אָוועקצולייגן, נאָר אויך „אָנצובויקערן" די ביינער. איר דאַרפט וויסן, אַז מען איז אַזוי אויסגעאיבט געוואָרן אין מוסקול־בויגזאַמקייט, אַז איך בין בכוח צו נעמען אַ געזונטן מאַנספּאַרשוין ביי די הענט, אַריבערוואַרפן אים איבערן קאָפּ און אַ שליידער טאָן אַ האַלב־לעבע־דיקן אויף דער ערד.

„ניין, האָט קיין מורא ניט. איך מיין דאָ יענע „דזשענטל־לייט", וואָס האָבן געמיינט, אַז מען מעג גראָב אָנגרייפן אַזאַ מיידל ווי איך, וועלכע איז דאָך ניט מער ווי אַ צירק־אַטלעטין...

„פאַר מיר איז די לאַנגע רייזע איבער דעם גרעסטן און שענסטן טייך פון דער וועלט, דעם אַמאַזאָן, געווען, אַזוי פול מיט אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן און איבערלעבענישן, אָנהויבנדיק פון טראָפּישן בעלעם ווו ס'פלעגן אַרויפגיין די רייכע געסט, אָנגעלאָדן מיט רויע טייערע שטיינער, מיט פּעק קראָקאָדיל־פעלן, מיט אויסטערלישע האַלץ־שניצערייען אויף עקספּאָרט, — פלעגט זיך אויף דער שיף אויסבילדן אַ פריילעכע געזעלשאַפט, צוזאַמען איז מען אַראָפּ אויף די אינדזלען, וועמעס ברעגן זיינען באַלאַגערט פון גלאַנציקע אַליגאַטאָרן, ריזיקע באַוועגלעכע באַשעפענישן, וואָס עפענען אַזוי ברייט די מיילער, גרייט אונז איינצושלינגען.

„מיר פלעגן געבן פאָרשטעלונגען אין אַזעלכע שטעט ווי מאַנאַאָס און איקיטאָס. ווו אין די פאָרשטעט קומען אַריין יאַגוואַרן פון דזשאָנגל. אינגאַנצן עטלעכע מייל פון די דאָזיקע קליינע ציוויליזירטע צענטערס לעבן ווילדע אינדיאַנער, מיט שרעקענדע באַפאַרבטע געזיכטער, וואָס שיסן נאָך איצטער פון פאַרצייטיקע אָנגעצויגענע בויגנס מיט פאַר־סם'טע פיילן. מיר זיינען זיך אַלע צעלאָפן פון דער צירק־אַרענע אין מאַנאַאָס, ווען אַ קאָנקורענט פון צירק־אייגנטימער האָט אַריינגעפירט בעת דער פאָרשטעלונג אַזאַ גרופּע פרימיטיווע און צעווילדעוועטע אינדיאַנער און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פּלאַץ, ווו מיר, די מיידלעך־אַטלעטן האָבן זיך אויסגעשטעלט צום „רעסלינג־קאָנקורס"...

„אַ שווערע יאָרן פול מיט דערנידערונגען און סכנות זיינען דאָס געווען. איך קאָן זאָגן, אַז איך האָב געגעסן ברויט באַשמירט מיט טרערן...

„און דאָ, גאָרניט לאַנג, איידער די טרופּע איז זיך צעפאַלן, האָב איך דורכגעמאַכט אַ גאָר שווערן פאַל. דאָס איז שוין געווען אין ריאָ. אונזער גרופּע

פרויען־„רעסלערס״ איז געוואָרן זייער פּאָפּולער, ספּעציעל אַ דאַנק די פאַרביקע בילדער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אילוסטרירטן מאַגאַזין „קרוזיירא״ און אפילו אין דער טעגלעכער פּרעסע.

„איינמאָל, נאָך אַ פאָרשטעלונג, האָט אונדזער באָס, דאָן קאַרלאָס, אַריינגע־פירט צו מיר עפּעס אַ פאָרנעמען ענגליש־רעדנדן דזשענטעלמאַן מיט זיין יונגער טאָכטער. דער הער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס מיטגליד פון אַ דיפּלאָ־מאַטישער מיסיע דאָ. ער האָט מיר צוגעזאָגט גוט צו באַצאָלן אויב איך וועל אויסלערנען זיין טאָכטער די אַטלעטיק־קונסט פון „רעסלען״. זי האָט זיך, האָט ער געזאָגט, אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז אירע מוסקולן און פיזישע שטאַרקייט גיבן איר אַלע שאַנסן צו ווערן אַ טשעמפּיאָן...

„איך פּערזענלעך האָב געהאַט ספקות גלייך ביים ערשטן בליק. זי איז געווען מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון מיר. איר ברוסט־קאַסטן און מוסקולן זיינען אויך ניט געווען גענוג אַנטוויקלט. אָבער מען האָט מיר צוגעזאָגט אַרום צוויי „קאָנטאָס״ (דרייסיק דאָלאַר) פאַר אַ וואָך טרענירונג און פינף קאָנטאָס (75 דאָלאַר) אויב איך וועל זיך לאָזן לייגן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָן קאַרלאָס האָט באַקומען אַ גוטע מטבע פאַר צולאָזן דאָס מיידל צום טורניר מיט אונז: ס׳האָט געזאָלט הייסן, אַז די „פאַרבן״ פון יענעם ענגליש־רעדנדיקן דיפּלאָמאַט באַזיגן מיך, „קאַטיאַ די רוסישע״, גוט. פאַרוואָס ניט? סיי־ווי פלעגן מיר דאָס דאָך מאַכן מיט אונדזערע אייגענע „פּאַטערינס״. דערווייל האָב איך געהאַט אייניקע וואָכן אַ פיינעם צוגאָב צו מיין פּרנסה, געהאַט אויך די דיפּלאָמאַטישע שטוב, ווו אַריינצוגיין, ווו צו פאַרברענגען. איך האָב אויך פאַרבעסערט מיין ענגליש. דער דיפּלאָמאַט און זיין ווייב פלעגן בייזיין ביי די „קאַמפן״ צווישן מיר און זיין טאָכטער און צוגעבן איר מוט.

„אָבער איך האָב לאַנג געמוזט קנעלן מיט איר זי זאָל כאָטש אויסלערנען זיך דעם טריק ווי אַזוי צו פאַרדרייען מיינע הענט אויף הינטן און „אונטערזעצן״ מיינע זייטן אַזוי, אַז דער גאַנצער צירק זאָל גלויבן, אַז איך מוז פאַלן. ענדלעך האָט זיך אונז אַלעמען געדוכט, אַז איך האָב זי אויסגעלערנט. זי וועט האָבן דעם זיג, און איך — די אַזוי נויטיקע פאַר דאָלאַר.

„און מען האָט אַנאָנסירט, אַז די „מיס עקס״, די פאָרשטייערין פון דער ענגליש־שפּרעכנדער גרויסמאַכט, וועט קעמפן קעגן דער „רוסין קאַטיאַ״.

ווי שטענדיק איז דער צירק געווען פול. פריער האָט „מיס בראַזיל״ אָוועקגע־לייגט „מיס אַרגענטינע״. דערנאָך האָט זיך „מיס דייטשלאַנד״ אויסגעצויגן פאַר „מיס שפּאַניע״. און איצט איז געקומען מיין ריי.

„אָבער די פריערדיקע פאַרלעך זיינען געווען אמת׳ע אַטלעטינס. זיי האָבן געוווסט אַלע „שטיק״ און „טריקס״ און דאָס פּובליקום האָט טאַקע געזען אַן „אמתן פייט״.

„מיין קעגנערין אין איר „באַד־קאָסטיום” האָט גלייך אויסגעזען ווי אַ קאַריקאַטור פון אַן אַטלעטין. און צו דעם האָט זי זיך, ווייזט אויס, פאַרליבט, געהאַלטן מיך שוואַך אין אירע אָרעמס, געקעמפט ניט איבער־צייגנדיק, און דער ציר האָט אומגעדולדיק, געשריען און געליאַרעמט איך זאָל זי וואָס פריער אוועקלייגן. אָבער דאָס האָב איך דאָך ניט געקאָנט טאָן. דאָן קאַרלאָס האָט געקראָגן באַצאָלט. איך האָב נאָך געדאַרפט קריגן די קרוזייראָס און דער גאַנצער „פּאָליטישער פּרעסטיזש” פון מיין קעגנערינס „פאַרבן” איז דאָך געשטאַנען אין קאָן... איך האָב געשעפּטשעט צו איר וואָס זי דאַרף טאָן, אָבער זי האָט ניט געפאָלגט און געטאָן פונקט פאַרקערט. בקיצור, מיר איז נמאס געוואָרן דער דאָזיקער „קאַמף”. איך האָב זיך אויסגעגליטשעט און אַוועקגעלייגט...

„מילא, דער ציר איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שטורעמדיקן ים פון פּראָטעסט. מען האָט געוואָרפן אויף אונדז קאַפּעלושן און פלעשלעך. מען האָט געשריען „פיקס”. הינטער די קוליסען אָבער האָט זיך אָפּגעשפּילט דער אמתער ”פינאַל”. דאָן קאַרלאָס האָט זיך געכאַפּט מיך שלאָגן, דער דיפּלאָמאַט און זיין ווייב האָבן געשריען, אַז איך האָב דאָס אַלץ אומישנע געמאַכט, כדי צו פאַרשעמען זיין לאַנד. און זיין טאָכטער האָט גלאַט היסטעריש „געהעשעט”. מיינע דאָלאַרן האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט באַקומען, און מען האָט מיך נאָך פון ציר אויך אַרויסגעוואָרפן איידער דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט.

„דאָס ווייטערדיקע ווייסט איר שוין אַליין”.

די פאַרוואָגלטע טאָכטער פון דער אַמאָל יחוסדיקער הלוס־פאַמיליע אין ווילנע אַרבעט שוין איצט אַלס פאַרקויפערין פון אַקוואַמאַרין און אַנדערע בראַזיליאַנישע פאַרבן־שטיינער אין איינעם פון די האַנט שטערן געשעפטן אין ריאָ.

אָבער גיט נאָר אַ טראַכט וועגן די גורלדיקע וועגן פון די צעשמעטערטע שפּענדלעך, וואָס דער בלוטיקער שטורם־ווינט פון אונדזער לעצטן חורבן האָט פאַנאַדערגעיאָגט איבער דער גאַרער וועלט.

ביאַליסטאָקער ייד - „שלאַנגן-קעניג"
אין בראזיל

זעקס מייל פון דער קאָכיקער בראַזיליאַנער שטאָט סאַן־פּאולאָ געפינט זיך א מערקווירדיקייט, וואָס איז באַרימט אין דער וועלט: דאָס איז די גרעסטע שלאַנגען־קאָלעקציע אויפן ערד־קוגל באַוווּסט אונטערן נאָמען שלאַנגן־אינסטיטוט (בוטאַנטאַן).

איך פלעג שטענדיק זיין אַזוי באַשעפטיקט אויף מיינע קורצע וויזיטן אין סאַן־פּאולאָ, אז איך האָב ניט באַוויזן צו מאַכן א באַזוך אין דעם דאָזיקן שלאַנגען־ווינקל.

דאָס מאָל אָבער האָב איך באַשלאָסן אַזאַ וויזיט צו מאַכן און אין איינעם א פרימאָרגן האָב איך פאַרגעלייגט קאָלעגין חיענע יאַפּע, מיט־אַרבעטערין פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", זי זאָל מיך באַגלייטן אויף מיין וויזיט אין מערקווירדיקן אינסטיטוט.

זי האָט מסכים געווען, ניט אַזוי ווי מיין גוטער פריינט, א באַרימטער ניו יאָרקער „עקזעקוטיוו", וועלכער האָט גראַד דאַן אויך געוויילט אין סאַן־פּאולאָ.

„וואָס"? האָט ער אויסגעשריען, „איר ווילט מיר ווייזן א נעסט פון שלאַנגען? אָ, איך האָב זיי גענוג אין מיין ניו יאָרקער אָפיס און אין אונדזערע אָפּטיילונגען אַרום דער וועלט... זיי פּויזען אַרום מיר, זיי קריכן, זיי בייסן, זיי פאַרסמען די לופט. איצט, אַז איך בין דאָ געקומען אויף א קורצער „וואַקעישן", זאָל איך נאָך זוכן א באַגעגעניש מיט א נייער קאָלעקציע?"

און ער האָט זיך גאָרניט געוויצלט, דער דאָזיקער „עקזעקוטיוו". ער האָט געמיינט־ערנסט.

אָבער חיענע יאַפּע האָט אַזעלכע פאָראורטיילן ניט געהאַט. זי האָט באַלד אָנגענומען מיין איינלאַדונג.

אגב, איז דאָס ניט געווען די ערשטע, געמיינזאַמע רייזע אונדזערע. מיט זעכצן יאָר צוריק האָבן מיר אין אַן אויטאָמאָביל געמאַכט די רייזע איבער די לבנון־בערג קיין דמשק, זיך געקוויקט מיט די שנייען וואָס האָבן זילבערדיק געלויכטן אויפן וועג צום חרמון־שפּיץ, זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון דער לבנה, וואָס האָט זיך געטויכט צווישן וואָלקנס, אין די תנ"ך־בערג, וועלכע זיינען אַזוי עלעגיש־באַזונגען געוואָרן אין „שיר־השירים".

דעמאָלט האָבן יידן נאָך ניט מורא געהאַט צו רייזן אין אַן איינזאַמען אויטאָמאָביל צווישן לבנון און סיריע, און אויך אין דמשקער האָטעל „אָמאַיאַד״ זיינען מיר געווען אָנגעלייגטע געסט. ס׳איז אַ שאָד נאָר, וואָס כ׳האָב דאַן ניט געקענט אויספועלן קיין וויזע ביים איראַקער קאָנסול פאַר היינע יאָפען.

„ניין, האָט ער געזאָגט. פרויען, אַפילו מיט אַמעריקאַנער פּעסער, קאָנען אין אונדזער לאַנד ניט אַריינקומען״.

איך האָב דעריבער מיין ווייטע רייזע קיין באַגדאַד און טעהעראַן פאַרגעזעצט אַליין, איבערלאָזנדיק מיין קאָלעגין אין דער שטילער זיכערקייט פון דמשקער האָטעל.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט איז דאָס געווען מיט מיין רייזע איבער דעם זעלבן וועג מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, ווען צוזאַמען מיט מיין פרוי זיינען מיר שוין אויסגעשטעלט געווען אויף די גרעסטע לעבנס־געפאַרן און די שלאַנגען פון פּאָליציי און פון שנאה האָבן אָנגעפילט אַלע וועגן.

גליקלעכערווייז זיינען מיר איצט ניט אין אַראַביע, נאָר אין בראַזיל, כאָטש אויך דאָ האָט פּאָליציי קאָנטראָלירט אונדזערע פּעסער, ווי נאָר מיר האָבן פאַרלאָזט די שטאַט־גרענעצן. ס׳האָט טאַקע אויסגעזען ניט פאַרשטענדלעך.

אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער הויפּט־געביידע פון בוטאַנטאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד היינט, צוליב עפּעס אַ יום טוב, איז דער שלאַנגען מוזיי געשלאָסן. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט באַנוגענען מיט אָנקוקן די עטלעכע אָפענע ברונימער מיט געפלעקטע, גרויסע שוואַרצע קאָברעס, וואָס האָבן זיך געוויקלט אין אומענדלעכע רינגען און געקוקט אויף אונדז מיט טויזנטער אויגן.

מיט אַ וואָך שפּעטער, אָבער, איז געקומען אַ גאַסט, אַ פּראָפעסאָר פון בעמיע פון וויצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות, וועלכער האָט געבעטן איך זאָל אים מיטנעמען באַזוכן די שלאַנגען, ווייל אים אינטערעסירט דער דאָזיקער מערקווירדיקער אינסטיטוט פון פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט, אַזוי צו זאָגן.

אָ, דאָס מאָל האָב איך אָנגעקוקט די צאָלרייכע ברונעמער, ווו די שלאַנגען לעבן, מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. מיט מיר איז דאָך געגאַנגען אַ ספּעציאַליסט, וועלכער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסע רעטונג פאַר דער מענטשהייט ס׳איז די דאָזיקע זאַמלונג פון בויך־קריכנדיקע־באַשעפענישן. אָט די אַלע קאָבראַס, טאַראַנטולאַס, סקאָרפּיאָנען, אָט די רויט־באַפאַרבטע פערגאַלאַ, וואָס גלאַנצט מיט איר פייכטער הויט ווי שוימיקער בורגונדן־וויין, שפּריצט אַרויס פון איר מויל אַ פליסיקייט וועלכע ווערט שנעל געזאַמלט אין אַ טעפּעלע און אוועקגעטראָגן דורך אַ געשולטן דינער אין דער געביידע, ווו די לאַבאָראַטאָריעס געפינען זיך. שפּעטער ווערט דאָס אַריינגעשפּריצט אינעם בלוט פון פערד און אייזלען, וואָס געפינען

זיך אין די אַנטיסעפּטיש־ריינע שטאַלן אַרום דעם מוזיי. פון בלוט ווערט שפּעטער אויסגעאַרבעט דער סערום, וועלכער ווערט פאַנאַנדערגעשיקט איבערן לאַנד און איבער דער וועלט, כדי צו ראַטעווען די אַלע, וואָס ווערן געביסן פון גיפּטיקע שלאַנגען.

אין אַ צווייטן ברונעם ווערט „געמעלקט" דער סם פון אַ ריזיקער קאָברא. מען וועט דאָס באַנוצן נאָכן איינשפּריצן אין אַ פערד, כדי צו ראַטעווען פון דיפטעריע, פּאָקן און לעצטנס, אויך פון דער געפערלעכער פּאָליאָ־קראַנקהייט.

איר זעט דאָ באַשיינפּערלעך ווי „מעז יצא מתוק", ווי ביטערער סם ווערט אין „זיסע" רפואות פאַרוואַנדלט.

און ווען מיר ענדיקן שוין אונדזער שפּאַציר איבער די גרינע לאָנקעס, ווו די גיפטיקע שלאַנגען „ווינען" אין זייערע ברונימער אויף דער אָפענער לופט, דערהערן מיר פּלוצים ווילדע קולות, וואָס דערטראָגן זיך פון אונטן, ווו די הויפּט־געביידע פון מוזיי געפינט זיך.

מיר זעען ווי האַלב־נאַקעטע „נעיטיווס" לויפן זיך פאַנאַנדער אין אַלע ריכטונגען. מיר הערן אויך אַ דונערדיקע, כאָרכעלדיקע שטימע פון עפּעס אַ פּאַרשוין, וועלכער שרייט די ווערטער „קאַלמאַ! קאַלמאַ!" (רואיק, זאָל זיין רואיק!). אַ ביסל נענטער דערזעען מיר אַ „טראָק", אָנגעלאָדן מיט קאַסטנס. איין קאַסטן ליגט אַ צעבראָכענער אויף דער ערד און פון אים קריכן אַרויס שלאַנגען, העסלעכע באַשעפעניש... אָט הויבט אויף איינע פון זיי איר באַוויגלטן קאָפּ, גלייכט אויס איר אויבערשטן טייל, ווי אַ שטעקן, און קוקט, דוכט זיך, אין אונדזער ריכטונג. מיר גיבן זיך אַ דריי אויס אויף צוריק און ווילן שוין אויך לויפן, אָבער דאָ דערהערן מיר די פריערדיקע כאָרכלדיקע שטימע אויסשרייענדיק אין ענגליש, מיט אַ שווערן אַקצענט:

„ניין, ניין, אַנטלויפט ניט. האָט ניט קיין מורא. די דאָזיקע שלאַנגען זיינען ניט קיין גיפטיקע!"

מיין באַגלייטער אָריענטירט זיך תיכף אין דער לאַגע און זאָגט מיר, אַז מיר קאָנען רואיק צוגיין צום צעבראָכענעם קאַסטן, ווייל אַזעלכע שלאַנגען זיינען ניט געפערלעך.

איצט איז שוין צייט זיך צו באַקענען מיטן צעוואָקסענעם, דיקן שרייענדיקן בעל־דבר, אָנגעטאָן און אַ ווייסן לייוונטענעם אָנצוג, און אַ ברייטן, שטרויענעם אינדיאַנער הוט, וועלכן ער נעמט העפלעך אַראָפּ, ווען מיר דערנענטערן זיך. ער אָטעמט שווער. זיין פּנים איז אַפּאָפּלעקסיש־רויט פון אויפרעגונג, פון שטערן גיסט זיך שוויים און ער מורמלט אין פּאָרטוגעזיש:

„קע קאַלאָר, קע מאַלדיטאָ קאַלאָר!" (וואָס פאַר אַ שרעקלעכע היץ!).

מיר זעען אַז ער האַלט אין האַנט צוויי שלאַנגען און זיין פוס דריקט צו צו דער ערד דעם קאָפּ פון אַ דריטער, כדי זי זאָל ניט קאָנען אַנטרונען ווערן. צוויי אַנדערע שלאַנגען פּויזען זיך אויפן גראָז אין פאַרשיידענע ריכטונגען. די אַנטלאָפענע דינער זיינען צוריקגעקומען ווען זיי האָבן געהערט, אַז דאָס האָט זיך צעבראָכן אַ קאַסטן מיט ניט־גיפטיקע „בויך־קריכער", און זיי כאַפּן מיט די הענט די גרויע, גליטשיקע באַשעפענישן. אַ ברענטענער זאַק ווערט אַרויפגעוואָרפן אויפן צעבראָכענעם קאַסטן, כדי ניט צו לאָזן די איבעריקע „סחורה" אַרויסקריכן אויף דער פריי.

דער פּאַרשוין וועלכער איז, ווייזט אויס, דער אייגנטימער פון דער אייגנאַרטיקער „וואַרע", פרעגט אונדז:

„פאַלאַ פּאָרטוגעז?" (צי רעדט איר פּאָרטוגעזיש?).

ווען מיר ענטפערן, אַז ניין גייט ער אַריבער אויף זיין כאַראַקטעריסטישן ענגליש און שטעלט זיך פאָר:

„דאָן פּעדראָ קורעאַ, עקספּאָרטער און אימפּאָרטער פון חיות".

זאָגן מיר אים ווער מיר זיינען. שרייט ער אויס אין אַ גוטן יידיש:

„אוי, אַ בראָך צו מיר. דוכט זיך, איר זענט יידן!"

שמייכלען מיר און איך ענטפער:

„דער בראָך איז נאָך ניט געענדיקט. ניט נאָר יידן זיינען מיר, נאָר, דאַכט זיך, אויך לאַנדסלייט, אויב איר זענט דאָס דער קורעאַ, וועגן וועלכן איך האָב געהערט אין ריאָ אַלס דעם „קעניג פון חיות" — זיינען מיר ביידע ביאַליסטאָקער".

דער שוועדער פּאַרשוין שפּרינגט אַזש אונטער פון איבעראַשונג:

„אוי, אַ בראָך צו מיינע יאָרן! זעט נאָר סאַראַ נסים ס'טרעפן זיך דאָס אַלץ אויף דער וועלט! באַשערט אַז שלאַנגען זאָלן אונדז צוזאַמענברענגען. איז קומט אָט דאָ, אין רעסטאָראַן, וועלן מיר כאָטש נעמען אַ גלעזל משקה! נישקשה, די שלאַנגען וועט שוין די נכפּה ניט כאַפּן און מיינע עבדים זיינען ניט קראַנק אויסצולאָדן די קאַסטנס אָן מיר; כאָטש די הענט מעג זיי אָפּנעמען. איר האָט דאָך געזען ווי זיי אַרבעטן! געקאָנט, חלילה, צעברעכן אַ קאַסטן מיט די גיפטיקע טאַראַנטולאַס, וואָלטן מיר שוין אַלע צוזאַמען איצט ניט געשטאַנען דאָ".

מיין באַגלייטער, דער רחובות־פּראָפעסאָר, וועלכער איז אַ געבוירענער אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, אָבסערווירט מיט אַ שמייכל די דאָזיקע מאָדנע באַגעגעניש פון די צוויי לאַנדסלייט. כאָטש ער קען אַ ביסל יידיש, פאַרשטייט ער אָבער ניט די בלומיקע שפּראַך, מיט וועלכער ס'באַנוצט זיך איצט דער שוועדער לייביקער דאָן פּעדראָ. אָבער אויך ער גייט גערן מיט אונדז אין רעסטאָראַן אויפן בערגל, ווו מיר פאַרנעמען אַ טישל אין אַ ווינקל און באַשטעלן די שוימיקע „אַגוואַ טאָניקאַ", אַ געלער געטראַנק, וועלכער שמעקט מיט כינין און האָט אַ טעם פון קאַלטן קלעפּיקן האָניק.

„אזוי גאָר, ווייסט איר שוין ווער איך בין? מסתם האָט מען אייך אויך געזאָגט, אז איך בין א שמדניק, א הפקרניק, וויל פון קיין יידן ניט וויסן, האָדעווע ממזרים און — קראָקאָדילן?"

„אָ, ניין, לאַנדסמאַן מיינער. איך ווייס נאָר אויף אזוי פיל אז איר זענט אַן אינטערנאַציאָנאַלער חיות־הענדלער, אז איר זענט דאָ געקומען מיט יאָרן צוריק פון צענטראַל־אַפריקע און פון דאָרט געבראַכט א שווארצע פרוי... און — המ.. איר זענט ניט קיין גוטער ייד..."

„אָ, זעט איר! אז פארקרימט זאָלן זייערע מיילער ווערן, טאַטע זיסער! פריער, ווען איך האָב געוווינט א קורצע צייט אין א שטאָט אין צפון־בראַזיל, האָט מען מיר מיין לעבן פארביטערט, ניט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט מיר, אָפּגעלאַכט מיינע קינדער.. איצט, ווען איך וווין שוין אין סאַן פּאולער פּראָווינץ, זיך דערוואָרבן א וועלט־קליענטעלע, שטעל צו אַבעזיאַנעס („מאַנקים") קיין ניו יאָרק און טאָקיאָ, בייט אוים קראָקאָדילן אויף לייבן, פּאַפּוגייען אויף פלאַמינגאָ, איצט וויל איך מיט זיי גאָרניט האָבן צו טאָן. יאָ, איך פייוול דער קאַטערינשטשיק פייף טאַקע אויף דער וועלט, א בראָך אויף איר קאָפּ!"

עה, עה, קלער איך, פאַרזינדיקט מיט אָט דעם פּאַרשוין. ווי זאָגט די וועלט: מיט וואָס איינער האַנדלט, דאָס שלעפּט זיך אים נאָך! זיין געשעפט זיינען ווילדע חיות — און ער אַליין איז פארווילדעוועט געוואָרן.

אָבער דאָן פּעדראָ אינטערעסירט מיך. באַגוין איך די זעלבע מעטאָדע, וואָס ער מיט חיות. איך נעם אים איין מיט א גלעט. קיין פינגער וועט ער מיר ניט אָפּבייסן.

„ווו האָט איר געוווינט אין ביאַליסטאָק און ווען האָט איר די שטאָט פאַרלאָזט?"

„אַלץ הייסט געוווינט... מיין מאַמע, א יונגע אלמנה מיט פינף פּיצלעך קינדער האָט זיך מיט אונדז געשטיקט אין בוידים־שטיבל אויף „פּיאַסקעס". דאָרט האָב איך אלס קינד געהאַט מיין טויבן־שלאַג. דאָרט טאַקע בין איך געוואָרן א פויגל־הענדלער. געהאָדעוועט א טויב פאַר א גילדן און פארקויפט פאַר א „פערטעלע" (25 קאָפּיקעס). שפּעטער בין איך מיטגעגאַנגען מיט א האַלב־בליגדן קאַטערינשטשיק. ער האָט געשלעפּט די באַנדורע און איך האָב געלערנט דעם פּאַפּוגיי ארויסציען מזל־צעטלעך פאַר א קאָפּיקע א שטיק. די מאַמע פלעגט מיך שיקן אין תלמוד תורה, אָבער מיין קאָפּ איז געלעגן אין טויבן־שלאַג און מיטן פּאַפּוגיי. קאָן איך קוים דאַווענען. יאָ, איך האָב נאָך באַוויזן צו גיין מיט אַלע באָרוועסע תלמוד־תורה ייִנגלעך אויף דער לויה פון שטאָט־פירער ר' יחיאל בערוואָלדקאָווסקי און זינגען פסוקים תהילים..."

„זענט איר דאָך שוין, הייסט עס, א ייד פון א יאָר זעכציק..."

„יאָ, אויב איר האַלט מיך פאַר א ייד, בין איך שוין איבער זעכציק יאָר אַלט. אָבער, א בראָך צו מיינע שונאים, וואָס דען בין איך, אויב ניט קיין ייד? און אַז מען האָט שוואַרצע קדישים, איז וואָס? אַט אַזוי האָב איך געלעבט און אַזוי וועל איך שוין שטאַרבן און קומען, מסתם, צו קבר־ישראל אויבעט. זאָל איך נאָר א פייף טאָן, וועלן זיי קומען די חברהליים, און אָפּנעמען א שיינע פאַר „קרוזייראָס" קבורה־געלט. נשקשה, פאַראַן פון וואַנען צו נעמען. זיי קומען ווען זיי דערשמעקן ממתקים. און איר, לאַנדסמאַן, איר זענט מסתם נאָך קיין גבירישע לוויות ניט נאָכגעגאַנגען א באַרוועסער און מיט קיין פּאַפּוגיי געווים זיך ניט ארומגעשלעפּט?"

„איר האָט א טעות. אינגלווייז פלעג איך יאָ ליב האָבן זיך נאָכשלעפּן נאָך א לוויה און נאָכלויפן א קאַטערינשטשיק מיט א פּאַפּוגיי."

„זיינען מיר דאָך, הייסט עס, חברים „פּאַ פּאַכו". איז פאַרוואָס זאָלט איר מיך ניט באַזוכן אין מיין „הייזקע" א צוואַנציק מייל פון דאַנען? איך וועל שיקן מיין אויטאָמאָביל אייך נעמען. גלויבט מיר, ביאַליסטאָקער גבירים האָבן אַזעלכע „באַטקעס" ניט פאַרמאָגט: א גאָרטן מיט לייבן, מיט א פּאָר יונגע עלעפאַנטלעך מיט הונדערטער קאַנאַריקלעך, אויב איר האָט ליב זינגען... אָדער אפשר פאַסט אייך ניט אַריינצוקומען אין הויז פון פּיווקע קורעלאַפּניק? — זענט איר ניט דער איינציקער יחסן, וואָס אַנטזאָגט מיר א באַזוך. גויים באָטן זיך אָן מיט א וויזיט. אָבער יידן פאַסט ניט מיין יחוס..."

„אָ, ניין," רייס איך אים איבער מיט א שמייכל. „איך ווייס ניט ווי מיין באַגלייטער, דער פּראָפעסאָר, אָבער איך נעם גערן אָן אייער איינלאַדונג. אפשר לו מאָרגן אין דער פרי קענט איר אייער קאַר שיקן אין האָטעל „עקסעלסיאָר", ווו איך וווין."

מיין פאַרשוין ווערט פלוצלינג ווייכער און פריינטלעכער. מיר גייען נאָך אַרום צוזאַמען א קוק טאָן צי אַלץ איז אין אָרדענונג מיט אויסלאָדן די שלאַנגען.

איידער מיר געזעגנען זיך ביז מאָרגן, באַוויזט ער נאָך מיר א זאָג צו טאָן:

„פאַר דער וועלט בין איך טאַקע פעדראָ קורעאָ, אָבער פאַר א ביאַליסטאָקער „יאַט" בין איך נאָך אַלץ פּיווקע קורעלאַפּניק. און א שטיקל שמאַלץ־הערינג וועט איר ביי מיר אויך געפינען, און, אויב ביים אַריינגאַנג אין גאָרטן וועט אייך פּינטשע, מיין פּאַפּוגיי, באַגעגענען מיט די ווערטער: „א בראָך צו אייער קאָפּ", זאָלט איר זיך ניט באַליידיקן. ער מיינט ניט אייך, נאָר ער מיינט זיי, א נכפה אין זייער מאַמען!"

אויף מאָרגן אין דער פרי, פונקט 9 אזייגער, איז ביי מיין האָטעל געשטאַנען א לוקסוס־אויטאָמאָביל, אָנגעפירט טאַקע פון פעדראָן, פּערזענלעך.

„איך האָב קיינעם ניט געוואָלט אָנטרויען אזא מצוה ווי פירן א ביאַ־ליסטאָקער אורח דירעקט קיין גוואַראַזשאַ צו מיין ווייב און צו מיינע חיות". פאָרן מיר.

שוואַרצע פּרינצעסן פון אַפריקע
— פרוי פון יידישן „שלאַנגען־קעניג"
אין בראַזיל

דער וועג צווישן סאַן־פּאולאָ און סאַנטאָס (אין בראַזיל), — געהערט צו די נייעסטע וווּנדער. פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז די 60־מייליקע רייזע שטרעקע אַן אַטראַקציע פֿאַר טוריסטן און אַ דערלייזונג פֿאַר די טויזנטער בראַזיליאַנער רייזנדע, וועלכע זיינען איצט נענטער צו זייער הויפּטשטאָט פֿון קאַווע דורך דער באַקוועמער נעץ פֿון וויאַדוקטן און טונעלן, ניט ווי פֿריער, ווען מען האָט געדאַרפֿט קלעטערן אויף ניט זיכערע משופּעדיקע בערג און דורך גליטשיקע דזשאָנגל־טאָלן.

אָט אויפֿן דאָזיקן שליאַך פֿאָרן מיר איצטער מיט מיין לאַנדסמאַן פּייווקע קורעלאַפּניק, וועלכער הייסט אין זיין נייעם גלגול דאָן פּעדראָ קורעאַ.

נעכטן האָט ער איבערראַשט מיט זיין קאָלעקציע שלאַנגען און היינט וויל ער מיר וויזן עפּעס בעסערס; זיין פּראַכטפֿולע ווילאַ מיט אַ פּריוואַטן זאָאָלאָגישן גאָרטן, פֿון וועלכן ער עקספּאָרטירט חיות און פֿייגל אין אַלע עקן וועלט.

און ער זאָגט מיר, אַז זיין „חיות־לאַגער” דאָ איז נאָר אַ קליינער מוסטער פֿון דעם וואָס ער פֿאַרמאָגט: צענדליקער אַגענטן אין די ווייטסטע געגנטן קויפֿן אויף פֿאַר אים חיות און האַלטן זיי ביי זיך ביז ער שיקט אַרויס טעלעגראַפֿישע באַשטעלונגען.

באַטראַכטנדיק די מגושמדיקע פֿיגור פֿון מיין באַגלייטער, מיטן רויטן פּנים און דיקן האַלדז, מאַך איך אָפּ ביי זיך צו פֿרעגן אים די קיצלדיקע פֿראַגע:

„זאָגט מיר נאָר, ר׳ פּייוול, פֿאַרוואָס האָט איר נעכטן געזאָגט, אַז די יידן אין צפֿונדיקן שטעטל פֿון בראַזיל וווּ איר האָט געוווינט, — האָבן אייך ניט געוואָלט קענען? איר מיינט, דאָס איז צוליב דעם וואָס איר האָט אַ נעגערטע פֿאַר אַ ווייב און טונקל־הויטיקע קינדער?”

דאָן פּעדראָ ניט זיך האַסטיק אַ דריי צו מיר און גיט אַ זאָג אַביסל שאַרף מיט זיין הייזעריקער שטימע:

רופֿט מיך ניט ר׳ פּייוול, איך בעט אייך, פֿאַר אייך בין איך פּייווקע דער קאַטערינשטשיק פֿון ביאַליסטאָק. אָט בין איך אַ כהן און ווען איך האָב איינמאָל יום־כּפּור פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ יידיש שולכל אין אַפֿריקע און געווען דאָרט דער איינציקער כהן, האָב איך ניט געוואָלט דוכענען: איך בין ניט ראוי

צו בענטשן יידן.... איך ווייס דאָס ביי זיך אין האַרצן און וויל קיינעם ניט נאַרן.

„יאָ איר זענט גערעכט, מיין שוואַרצע ווייב איז ניט די איינציקע סיבה, וואָס יידן מיידן מיך אויס. אַ בלבול האָט מען אויף מיר געמאַכט, אַ שרעקלעכן בלבול, אַז איך האָב געהאַנדלט מיט לעבעדיקער סחורה... הייזלעך... און דאָס איז אַ ליגן.״

„אַ האַ״ גיב איך אַ קלער, „אָט דאָס איז דאָס!״

אָבער דאָן פעדראָ לאָזט מיך לאַנג ניט טראַכטן, ער זעצט פאָר אין אָפּגע־האַקטע פראַזן:

„אַלס אַ ייִנגל בין איך, אמת געגאַנגען מיטן קאַטערינשטשיק און מיטן פּאַפּוגאַי, אָבער ווען איך בין עלטער געוואָרן און די מאַמע, די אלמנה האָט ניט געקענט אַליין שפּייזן די פינף קליינע יתומימלעך, האָב איך געמוזט העלפן און אָנגעקומען אויף אַ שטעלע אַלס משרת אין „שאַיעס געסל״, טאַקע ביי שאַיען אין „הייזל״... איר ווייסט וועגן וואָס איך רעד?

„אַ, יאָ, איך ווייס שוין גוט.

„האָט מען מיך דערקענט; זיי זיינען איצט גבירישע יידן, גבאים, קהל׳שע קליאַמקעס. האָבן זיי, דערציילט, אַז איך בין אַ „טמא״, אַז איך האַנדל ניט מיט לייביכעס נאָר מיט „מענטשיכעס״ אויך. און דאָס איז אַ פינסטערער בלבול, אַז ניט זאָל איך צעשמעטערט ווערן אויף שטיקלעך אָט דאָ אויף דעם דאָזיקן אָרט!״

איך דערשרעק זיך: מיר פאָרן זייער הויך, אויף אַ בריק, וואָס הענגט איי־בער אַ טיפן אָפּגרונט. זאָל זיין שבועה זיין אַ פאַלשע, — פאַלן מיר דאָךביידע אַראָפּ און מען וועט אפילו אונדזערע ביינער ניט קענען צונויפקלייבן.

פּרוביר איך אים באַרויקן. איך בעט אים אָפּצולייגן דעם שמועס, אָבער אין פעדראָן האָט זיך שוין צעקאָכט די יוכע. ער אָטעמט שווער און רעדט:

„וואָס האָב איך דען געטאָן ביי שאַיען? אַ שטאַרקער יונג מיט ביינער בין איך געווען, פלעג איך אַרויסוואַרפן שיכורים, כוליגאַנעס, סקאַנדאַליסטן. פאַר דעם האָט מען מיר געצאָלט אָבער ניט חלילה פאַר האַנדלען מיט „מייד־לאַך״.

„און איצט מיט אַ סך יאָר שפּעטער זענען געקומען אין אָט די לענדער אַמאָליקע „קונדן״ פון שאַיעס געסל און דערקענט פּיוּוקען דעם „ווישיביילאָ״ (אַרויסוואַרפער), ווי מען האָט מיך דאָן גערופן. פרעג איך אייך, מיט וואָס האָב איך זיך פאַרשולדיקט, מיט וואָס זיינען זיי בעסער פאַר מיר?

„כאַפּט אַ קוק״, ענדערט פּלוצלינג זיין טעמע מיין מיטפאָרער, „זעט ווי שיין דאָ איז! אָט לינקס איז מיין כאַטקע און גאָרטן, און רעכטס?״...

ס׳עפנט זיך פון דער רעכטער זייט אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון בראַזי־ליאַנער לאַנדשאַפט: גרינע בערג קנוילן זיך איינגעוויקלט אין טראָפּישע געווי־קסן. ביימער ברענען מיט רויטע בלומען; ווייט אונטן איז אָנגעוואָרפן ווי אַ רייע ווייסע מצבות די קאַווע־שטאָט סאַנטאָס.

די צאָלרייכע ריזיקע שיפן, וואָס לאַנדן די זעק מיט קאַווע, — זעען אויס פון אונדזערע הייכן, ווי קינדער שפּילצייג. און נאָך ווייטער איז די בלויע אומענדלעכקייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן און אינמיטן, ווי אַ בלישטשענדיק שטיינדל, איז דאָס אינדזל גוואַרוזשאַ מיט זיינע לוקסוס־האָטעלן און קאַסינען, וואָס זעען אויס פון אונדזער ווייטקייט, ווי קאַרטן־שטיבלעך.

מיר פאַרקירעווען דעם אויטאָמאָביל אויף לינקס, פאָרן אַראָפּ אויף אַ זייטיקן אַספאַלט־שאָסיי („דאָס איז מיין פּריוואַטער וועג״, באַרימט זיך דאָן פּעדראָ) און בלייבן שטיין ביי אַ טויער פאַרפלאָכטן מיט גרינסן און בלומען. אַ האַלב נאַקעטער אינדיאַנער עפנט פאַר אונדז דעם טויער און מיר פאָרן אַריין אין אַ פּאַלמען־אַליי, וואָס פירט דירעקט צו אַ ווייסער געביידע מיט מאַר־מור־קאָלאָנעס, — און מיט אַ פאָנטאַן, וואָס שיסט זיין שטראָם וואַסער אַזש ביזן דאַך פון דער געביידע...

„אָט דאָס איז מיין היים! דער פּאַלאַץ ווי איר זעט, איז אַלט, געבויט דורך איינעם פון די גענעראַלן פון קייזער דאָן־פּעדראָ מיט נײַנציק יאָר צוריק. יענער דאָן פּעדראָ איז געשטאָרבן און מיט אים זיין בראַזיליאַנער אימפּעריע, — אָבער פּיווקע, דער איצטיקער דאָן פּעדראָ האָפט צו לעבן דאָ ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר....״

יאָ, אַ לאַנגער וועג פון שמוציקן „שאַיעס געסל״ אין ביאַליסטאָק ביזן ראָ־קאָקאָ־פּאַלאַץ אין בראַזיל!

ווי נאָר מיר טרעטן איבער דעם שוועל פון מאַרמאָרנעם „זאַל״, וואָס זעט אויס ווי אַ קלויסטער אָדער טעאַטער דערהער איך פּלוצלינג אַ גרילצענ־דיקע שטימע, וואָס הילכט אַרויס אין יידיש מיט אַן עכט ליטווישן אַקצענט: „אַ בראָך צו דיין קאָפּ״!

איך בין שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט און אַביסל דערשראָקן: אויף אַזאַ ברוך־הבא האָב איך זיך דאָ ניט גערעכט.

אָבער דאָן פּעדראָ קייכט זיך פון געלעכטער:

„דאָס איז דאָך דער אַלטער פּינטשאָ, מיין פּאָפּוגאַי. לכבוד אייער אָנ־קומען האָב איך פאַראָרדנט אים אַרויסטראָגן כדי אייך באַגריסן אויף היי־מישן שטייגער... אָ, איך האָב געהאַט נאָך אַ געלערנטן פּאָפּוגאַי, — טאָמי האָט ער געהייסן. יענער האָט זיך געזידלט אויף רוסיש: „אין דער מאַמען אַריין״, ווי אַן עכטער פּאָניע. איז ער נעבעך אויסגעגאַנגען מיט אַ יאָר צוריק״.

א שווארצער דינער נעמט שנעל אראפ פינטשאן פון קאנדעלאבר, אויף וועלכן ער זיצט, ווייל ער הערט ניט אויף צו אויסשרייען זיין „באגריסונג״, וועלכע קלינגט אפ מיט א מאדנעם עכא אין דאזיקן שטילן פאלאץ.

און אט גייט אונדז ארויס אנטקעגן אן עלעגאנטע שלאנקע דאמע אין די מיטעלע יארן, אנגעטאן אין א גרין זיידן קלייד מיט א מינק מאנטעלע אויף אירע דעקאלטירטע פלייצעס, — שוין אביסל צו יום־טובדיק געקליידט פאר א פרימארגן שעה. און די דאמע איז אזוי שווארץ, אז א ניו יארקער נעגער קוקט אויס בלאס אין פארגלייך מיט דער טיפער טונקלקייט פון איר הויט. זי איז זשענעוויעוו, דאס ווייב פון מיין לאנדסמאן.

שמייכלענדיק דערלאנגט זי א פיין אויסגעטאקטע האנט; די ווייסקייט פון די ציינער אונטערשטרייכט נאך מער די שווארצקייט פון געזיכט, וועלכע דער־מאנט די שניצערייַ פון עבאן־האלץ.

זי רעדט פראנצויזיש, אויסער פארטוגעזיש. זי אנטשולדיקט זיך, וואס זי קען קיין יידיש אדער ענגליש. זי האט געלערנט אין א שולע אין לעאפאָלוויל אין בעלגישן קאנגא, דארט ווו זי האט זיך באגעגנט מיט איר מאן און דארט טאקע חתונה געהאט. דער מאן האט איר שוין נעכטן דערציילט וועגן מיר און מיינע רייזעס דורך אפריקע, איינשליסנדיק איר פאטערלאנד קאנגא. אירע זיידעס און עלטער זיידעס זיינען אמאל געווען דארטן הערשער איבער הונדער־טער „קראאלען״ (דערפער).

און דא רייסט איר איבער דאן פעדרא:

„שוין, זי דערציילט שוין איר יחוס... איך האב דאך חתונה געהאט מיט א פרינצעסין. דערקלער איך איר, אז מיין זיידע איז געווען טאקע ניט מער ווי א וואסער־טרעגער, אבער ער האט געטראגן הויזן און געקענט תהילים אויף אויסנווייניק, אבער איר זיידע, — כאטש ער איז געווען א מלך, ווי זי זאגט, — איז ער אבער געגאנגען נאקעט און געווען א מענטשן־פרעסער... באליידיקט זי זיך און וויינט...״

זשענעוויעוו פארשטייט ווייזט אויס, וואס ער זאגט מיר אויף יידיש און דראט אים קאקעטיש מיטן פינגער.

נאך א לייכטן צובייסעכץ פון פרוכטן, פארטרונקען מיט א מאדנער שטאר־קער, שמעקעדיקער קאווע, וואס וואקסט טאקע דא אין גארטן, — פירט מיך דאן־פעדרא ווייזן זיין „סחורה״.

מיר גייען דורך אלייען, באצירטע מיט ריזיק־הויכע פאלמען, אויף וועלכע ס׳וואקסן און פון וועלכע ס׳פאלן אראפ גרויסע און שווערע קאקא־ניס. צווישן די פאלמען ציען זיך לאנגע שטייגן, אין וועלכע ס׳טאנצן ארום טויזנטער מאלפעס: זיי זיינען דא צעטיילט לויט זייערע ראסן: שימפאנזעס, באבונען, הינטמאל־פעס. זיי טאנצן, שרייען, שלאגן איינע די צווייטע.

„איר זעט", זאָגט מיין באַגלייטער, די אַלע „אַבעזיאַנעס" זיינען ניט פאַר שפילצייג. איך צעשיק זיי אין לאַבאָראַטאָריעס, וווּ ס'ווערן מיט זיי און דורך זיי אויסגעאַרבעט די סערומס פאַר קינדער־פּאַראַליז, וווּ די נייעסטע איינשפּריצונגען פאַר אַלערליי שווערע און ביז איצט אומהיילבאַרע קראַנקהייטן ווערן פאַרבאַרייטעט. איך וועל אייך געבן די פּרייזן פון אַלע חיות אין אייערע אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וועט איר באַקומען אַ בעסערן באַגריף פון מיין געשעפט. פאַר מאַנקיס, צום ביישפּיל, צאָל איך אין אינדיע אַ האַלבן דאָלאַר אַ שטיק און פאַר אונדזערע בראַזיליאַנער מאַנקיס צו צען סענט אַ שטיק. אָבער איידער זיי דערגרייכן די לאַבאָראַטאָריעס שטאַרבן זיי אויס מאַסנווייז, אַמאָל פּגרט מיר אַוועק אַ גאַנצער טראַנספּאָרט. איז וווּנדערט זיך ניט, וואָס ביים פאַרקויפן באַצאָלט מען מיר פאַר יעדער איינער פון זיבן ביז צען דאָלאַר".

ער פירט צו צו אַ שטייג, אין וועלכער ס'דרייט זיך נערוועז אַ באַשעפעניש ענלעך צו אַ מענטשן און אַזוי גרויס ווי ער, נאָר באַדעקט מיט אַ דיקן שוואַרצן פוטער.

„דאָס איז אַ גאָרילאַ, און כאָטש זי איז אַזוי גרויס, איז זי נאָך אַ „בעיבי", אין עלטער פון אַ יאָר. ווען זי וואַקסט אויס אין אַ צוויי יאָר אַרום, איז זי טאָפּלט גרויס און וועגט פיר הונדערט פונט און מער. גאָרילעס כאַפּט מען אין קאָנגאָ, אָבער אַ צעוואַקסענע גאָרילע קאָן מען ניט טראַנספּאָרטירן אין אַנדערע מקומות. זיי פּגרן אַוועק. מוז מען כאַפּן אַ וויג־קינד און דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויס לעבנס־געפאַר, ווייל טאַטע־מאַמעס לאָזן זי ניט אַוועקנעמען. הונדערטער „נייטיווס" ווערן באַשעפטיקט כדי אַרויסנאַרן מיט פויקן און פייפלעך די גאָרילע־פאַמיליעס פון זייער טיפן וואַלד און נאָכדעם אַרויסרייסן דאָס קינד פון די הענט פון איר מאַמען. אַגב דאַרפט איר וויסן, אַז אַ געוויינלעכע מאַלפּע, אַ שימפּאַנזע, צום ביישפּיל, קאָן האָבן צענדליקער ווייבער אָדער מענער. ניט אַזוי זיינען די גאָרילעס, זיי לעבן אויס זייערע יאָרן נאָר מיט איין ווייב, גייען צוזאַמען און האַלטן זיך שטענדיק ביי די לאַפּעס; די קינדער אויף די באַרקעס; אַ פּאָרל אַזאַ האָט איבערגעקערט דעם שווערן טראָק, מיט וועלכן מען האָט אַוועקגעפירט אָט די „בעיבי"; זיי זיינען געווען אַזוי ווילד, אַז מען האָט זיי געמוזט דערשיסן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון צענדליקער שוואַרצע אין טראָק. און פאַר שיסן אַ גאָרילע מוז מען צאָלן דער בעלגישער רעגירונג טויזנט דאָלאַר שטראָף.

„איצט, אַז מ'האָט שוין די „בעיבי", מוז מען איר גלייך געבן זויגן. ווייסט איר וואָס מען טוט? מען דינגט אַ שוואַרצע מענטשלעכע אַם און זי זויגט אַ פּאָר מאָנאַטן די גאָרילע, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ קינד. איך זע, איר פאַרקרימט זיך: ווי אַזוי קאָן דאָס אַ פרוי זיך לאָזן זויגן פון אַן „אַבעזיאַנע"? איז ווי ווייט, מיינט איר, פון אַ מאַלפּע איז יענע ווילדע פרוי אין די טיפעניש פון דער קאָנגאָ? טפו זאָל דאָס ווערן!

נאָכדעם שיקט מען די „בייבי״ מיט אַן עראָפּלאַן אַהין ווו מען באַשטעלט איר. אַט דער „תכשיט״ ווערט פאַרקויפט ווערן פאַר אַכט טויזנט דאָלאַר, אויב ער וועט איבערהויפּט אויסהאַלטן ביז דאַן. אין איער גאַנצער אַמעריקע זיינען פאַראַן נאָר דריי גאָרילעס. און די ערשטע גאָרילע, וואָס מ׳האָט דערלעבט צו זען דאָרטן, איז אָנגעקומען קיין באָסטאָן אין יאָר 1932...

„און אָט איז אַן עלעפאַנטל! מיט אים שפּילן זיך מיינע יינגלעך, — צוויי יינגלעך האָב איך, זיינען זיי שילער פון דער מיליטער־אַקאַדעמיע אין ריאָ. און שטעלט זיך פאָר, אַז זיי זיינען ביידע געראָטן אין דער מאַמען, אַ האָר ניט העלער. אין ביאַליסטאָק וואָלט מען אַזעלכע שוואַרצע יינגלעך געוויזן אין טשיגיזעלים צירק, און ביי מיר זיינען זיי אַזוי גוט און טייער, ווי די ווייסע קינדער פון אַ הויי־מישן גביר. דאָס דאָזיקע עלעפאַנטל איז שוין איצט ווערט פיר טויזנט דאָלאַר.

מיינע אַגענטן אין אייראָפּע האָבן אויפן „לאַגער״ אַ טוץ עלעפאַנטן. מען פאַרקויפט זיי נאָר אַלס אַ פּאָרל, אַ זכר און אַ נקבה, — פאַר ניין טויזנט דאָ־לאַר.

און אָט זיינען זעקס קליינע לייבעלעך, צו אַ האַלבן יאָר אַלט. קיין גרויסע לייבן אָדער טיגערן האַלט איך ניט אין מיין גאָרטן. זיי האָדעווען זיך ביי מיינע אַגענטן אין אַפריקע אָדער אייראָפּע. און אַז ס׳קומט אַ באַשטעלונג, שיקט מען זיי אַרויס „האַס און פּאַק״. אַ דערוואַקסענער לייב קאָסט צוויי טויזנט דאָלאַר אַ שטיק און אַ דערוואַקסענער טיגער ביז פיר טויזנט דאָלאַר...

„שאַ! אפשר ווילט איר מיט זיך מיטנעמען אָט דאָס קליינע לייבעלע? גיב איך אייך עס אַלס מתנה! אָבער וויסן דאַרפט איר: אַ ווילדע חיה קאָן מען קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלען אין אַ הויז־טיר, — זי איז ווילד ווען זי איז אַ קינד און נאָך ווילדער, ווען זי ווערט עלטער... איז ווילט איר נישט אַזאַ מין לייבעלע! איך וואָלט אייך געגעבן אַ פּאַפּוגאַי, אַזעלכן, וואָס רעדט טאַקע, אָבער ניט קיין מיאוסע ווערטער. אַמעריקע, אָבער לאָזט ניט אַריין קיין פּאַפּוגאַיען, סיידן אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, ווייל זיי פאַרשפּרייטן קראַנקהייטן. וואָלט מען יאָ אַריינ־געלאָזן, — קאָן מען פשוט רייך ווערן: אַ פיינער בראַזיליאַנער פּאַפּוגאַי, וואָס קען רעדן אויף אַלע שפּראַכן, קאָסט דאָ פינף דאָלאַר און ביי אייך צאָלט מען פאַר אים ביז הונדערט דאָלאַר...

„און איצט קוקט אָן די קאַנאַריקלעך, די משוררים, אַ געזונט אין זייע־רע ביינער! איך מאַך פון זיי אַ לעבן, ווייל אַלע קויפן זיי, — קינד און קייט. פאַראַן צווישן אָט די ממזרימלעך שווינדלערס, אָפּנאַרערס. אָט דוכט זיך, ער זעט אויס ווי אַ מלאכל, מיט די שענסטע פעדערן, מיט אַ שנאָבעלע, אַ מחיה. אַביסל פייפט ער אויך צו, אָבער אַז ער וואַקסט אונטער קאָן ער גאָר־ניט זינגען און איז אַ פּעני ניט ווערט. אַזעלכע האָב איך טויזנטער און זיי טויגן אויף כפּרות. אָבער די גרעסטע מערהייט זיינען גוט. איך קויף זיי

פֿאַר צוואַנציק סענט אַ שטיק און פֿאַרקויף קיין ניו־יאָרק, למשל, פֿאַר דריי דאָלאַר. און אַנדערע זיינען ווערט צען דאָלאַר און מער.

„און אַט זיינען שלאַנגען. איר האָט נעכטן געזען די פּשוטע. אָבער די גיפּטיקע קאָבראַ איז אַ גאָלד־גרוב. מען וועט איר פֿאַרצוקערן פֿאַר צוויי טויזנט דאָלאַר. הונדערט מענטשן וועלן פֿון איר קעגן־גיפֿט גענעזן ווערן פֿון די געפֿערלעכסטע קראַנקהייטן...״

* *

*

דאָן פּעדראָ פֿירט מיך צוריק אין האָטעל אין זיין גלאַנצנדיקן קאַדילאַק. די באַגעגעניש מיט אַ לאַנדסמאַן האָט, ווייזט אויס, צעוואָרעמט זיין פֿאַר־פֿרוירן, פֿאַרביטערט האַרץ. מיט דער גאַנצער רייכקייט, וואָס ער האָט דער־וואָרבן, פֿילט ער זיך באַעוולט פֿון זיינע ברידער און הערט מיך אַלץ ניט אויף צו איבערצייגן, אַז צוליב אַ שטעלע אין „הייזל״ אין „שאַיעס גענסל״ האָט ער ניט פֿאַרדינט דעם „חרם״.

אינדוסטריעס וואָס יידן האָבן
געבויט אין מעקסיקע

ווען איך שטיי פאר די פיראמידן אין מעקסיקע, האָב איך דעמזועלבן געפיל, וועלכער האָט מיך באהערשט בעת איך בין געשטאַנען דאָס ערשטע מאָל פאר די פיראמידן פון מצרים: ווער האָט זיי געבויט, און צוליב וואָס? טויזנטער יאָרן זיינען אוועק ביז מיין וויזיט, טויזנטער יאָרן וועלן ווידער אַפּלויפן, און די דאָזיקע ריזיקע מאָנומענטן פון מענטשלעכער שאַפונג וועלן גלייכגילטיק קוקן — ווי אָט דער סימבאָלישער ספינקס (אין מצרים) אָדער דער שטיינערנער „גאָט פון אייביקייט" (אין מעקסיקאָ) — ווי פעלקער קו־מען און גייען אוועק; ווי ציוויליזאַציעס ווערן אויפגעבויט און צופאַלן זיך און ליידן, ברויזן אויף אין מלחמות און גייען אונטער אין בלוט...

און די פיראמידן בלייבן ווי עדות איבער חורבות און דערציילן די שפּעטערדיקע דורות מיט דער גראַפישער שפּראַך פון זייערע היראָגליפן (אַזוי אין מצרים און אַזוי אין מעקסיקאָ) וועגן די מלכים און די געטער, וועגן די מלחמות און אויפטרייסלונגען, וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען, פאַר זייערע משופּע'דיקע שטיינערנע ווענט אין משך פון די טויזנטער יאָרן.

איך שטיי אויפן שפּיץ פון דער „פּיראַמידע פון דער זון", וועלכע געפינט זיך אינגאַנצן אייניקע מייל ווייט פון דער היינטיקער מאָדערנער מעקסיקע. מען זעט פונדאַנען די רויאינען פון אַן אוראַלטער שטאָט, אַכט קוואַדראַט מייל די גרויס — אַמאָליקער הויפּט־זיץ פון דער אינדיאַנער אַצטעקן קעניגרייך, וואָס איז אונטערגעגאַנגען ווען די ווייסע זיינען געקומען.

נעבן מיר הויבט זיך די שוועסטער „פיראמידע פון דער לבנה", די טעמפּלען צו די געטער פון רעגן, פרוכטבאַרקייט, לופט...

אויך דאָ, ווי אין מצרים, ווי אין בבל, ווערן געמאַכט אויסגראָבונגען־אַנטדעקונגען, ווערט אויסגעפאָרשט די וועלט וואָס איז אונטערגעגאַנגען, ווערן דעשיפרירט די ביז איצט אומליינבאַרע אויפשריפטן.

און מיר דערוויסן זיך מיט דערשטוינונג אַז די געשיכטע פון רעש — די ערדציטערניש אין די צייטן פון מלך עוזיה, וועגן וועלכן ס'ווערט דערציילט אין תנ"ך (זכריה י"ד) איז אויך אויסגעקריצט געוואָרן אויף אַ שטיין אין די קאָרידאָרן פון די מעקסיקאַנער פיראמידן: אַזוי ווי די יידן בימי עוזיה

(מיט לערך צוויי טויזנט יאָר צוריק), אַזוי האָבן די אַצטעקן דאָן פאַרלאָזן זייערע שטעט און געלאָפן זיך באַהאַלטן אין אונטערערדישע טונעלן און צווישן באַרג פעלזן.

ס׳זיינען געבליבן פון יענער צייט מזבחות, אויף וועלכע מען האָט מקריב געווען קליינע קינדער, כדי „איבערצובעטן" די צאָרנדיקע געטער, — פונקט ווי דאָס איז פאָרגעקומען ביי די שכנים פון ישראל, — אָבער ס׳איז אויך געבליבן פון יענער צייט דער ריזיקער און באַרימטער שטיין, דער אַצטעקן־קאַלענדאַר, וואָס וועגט 25 טאָן און פון וועלכן מען קאָן זען, אַז אויך די אינדיאַנער האָבן געציילט 360 טעג אַ יאָר, ווי דאָס האָבן געטאָן די אַלטע רוימער פון יענער צייט און אויך ביי זיי האָט זיך אַ חודש גערופן „לבנה", ווי ביי די אַלטע סעמיטן און גריכן.

מיט איין וואָרט: די וועלט, וואָס ליגט אין חורבות אונטער דער פיראַמידע אויף וועלכער איך שטיי, איז געווען די זעלבע וועלט, כאָטש קאָלאָמבוס האָט איר ניט געהאַט „אַנטדעקט". — אָט אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דעמאָלסטיקן כינע, אינדיע, אייראָפּע אָדער אַמעריקע.

מערקווירדיק: מיר האָבן דאָך גאָרניט קיין באַוויז, אַז אין יענער אַנטיקער וועלט האָבן זיך די מענטשן פון פאַרשידענע קאָנטינענטן געקאָנט קאָמוניקירן צווישן זיך, אָבער זייערע שטרעבונגען, לײדנשאַפטן, פליגלדיקע דערגרייכונגען און בלוטיקע מלחמות זיינען געגאַנגען אין דערזעלבער ליניע. פון די פיראַמידן אונטן — זעט מען די רואינען; ס׳דויערט הונדערטער יאָרן ביז מען דערגרייכט דעם שפּיץ פון אַ ציוויליזאַציע־פּעריאָד און נאָכדעם קומט פּלוצלינג אַ בלוטיקער מבול אָדער גאָר — אַן אַטאָמישע באָמבע און פאַרוואַנדלט די ציוויליזאַציע אין חורבות. ווו נאָך קאָן מען דאָס אַזוי בולט זען ווי פון דער הויך פון די פּיראַמידן אָדער פון אַקראָפּאָליס אין גריכנלאַנד, אָדער שטייענדיק אויף „נבוכדנצרס לייב" אין בבל, אָדער נאָר פון „בראַנדענבורגער טויער" אין בערלין.

אָבער, איך זע נאָך עפּעס פון מיין אָבסערוואַציע־טורעם אויפן שפּיץ פון דער פּיראַמידע — אַ מאָדערנע וואַקסנדיקע שטאָט זע איך פון דער ווייטנס־די קאָכנדיקע מעקסיקע מיט הייזער־סקעלעטן פון פּערציק שטאָק הויך, מיטן לוקסוס־האָטעל על־טראַדאָ, וועמענס אַרכיטעקטור האָט געשטרעבט צו אימיטירן די טעראַסן פון מיין פּיראַמידע. איך זע דעם מיטלאַלטערלעכן צאָקאַלאָ פּאַלאַץ, פונוואַנען מעקסיקאָ ווערט רעגירט און די מאַסיווע גאָלד־געדעקטע קאַטעדרע, וואָס האָט קאַטויליש אינספּירירט דאָס פאָלק פון זינט די שפּאַניער זיינען געקומען ביז דער פּלוצלימדיקער אויפוואַכונג פון אונדזערע לעצטע יאָרן (נאָך אַ קורצער אַנטי־קאַטוילישער אָטעם־פּויזע אין די דרייסיקער יאָרן).

און ווען איר קוקט אָן אַ מאָדערנע הויפּט־שטאָט פון דער הויך פון אַ טויזנט־יאָריקער פּיראַמידע, אַלץ איינס צי דאָס איז מעקסיקאָ אָדער קאַיראָ — ווערט געשיכטע איינגעשרומפּן, האָבן יאָר־הונדערטער גאָר קיין ראָלע ניט צו שפּילן. און איר ווייסט אז צווישן דער צייט, ווען אַט דאָ אונטן אויף די שטיינערנע מזבחות האָבן אינדיאַנער געצנדינער קינדער־קרבנות געבראַכט ביז דער צייט, ווען אויפן צאָקאַלאָ־פּלאַץ צווישן איצטיקן פּאַלאַץ און דער פּרעכטיקער קאַטעדרע האָט די אינקוויזיציע יידן אויף שייטער־הויפנס געברענט, זיינען איינגאַנצן אַרום צוויי טויזנט יאָר אַפּגעלאָפן... איר זעט: אין משך פון צוויי טויזנט יאָר האָט זיך גאָרניט געענדערט דער היהשער אינסטינקט און דער מענטש האָט כמעט אויפן זעלבן פּלאַץ ווידערהאָלט זיינע מעשים. דאָס לעצטע מאָל ווען מען האָט אין מעקסיקע געברענט מאַראַנען, וועלכע מען האָט חושד געווען אַז זיי זיינען פאַרבאָרגענע יידן, איז געווען אין סוף אַכצנטן יאָר־הונדערט (די אינקוויזיציע איז אָפיציעל ליקווידירט געוואָרן ערשט אין 1820־טן יאָר).

* * *

אַ פאַרבינדונגס־רינג צווישן יענער עפּאָכע פון דער אינדיאַנישער הער־שאַפט דאָ אין דער סאָמער לעצטער צייט איז געווים מיין פריינט לאַאורעאַנאָ ראַמירעז, אַ לאַיער פון פּראָפעסיע, פון אינדיאַנער בלוט און אָפּשטאַמונג, וועל־כער איז דער פירער פון דער מערקווירדיקער קהילה אינדיאַנער יידן, וואָס יחסנען זיך מיט יענע פאַרנעפּלטע צייטן, ווען די מאַראַנען (אנוסים) פון שפּאַ־ניע זיינען דאָ געקומען, חתונה געהאַט מיט אינדיאַנישע פרויען און אין געהיים אָפּגעהיט די יידישע אמונה.

אָבער ווי אָנגענעם איבער־ראַשט בין איך געווען, ווען אויף דער פייער־לעכקייט פון „יום־העצמאות", וועלכע איך האָב בייגעוווינט אין מעקסיקאָ דעם 5־טן מאַי, 1954, אין דער ספרדישער סינאַגאָגע, האָב איך אויך באַגע־גנט ראַמירעזן, דעם ראש פון די אינדיאַנער יידן. ער איז געשטאַנען נעבן ישראל מיניסטער דר. יוסף קסרי, נעבן זיין ראַטגעבער מ. ירן און נעבן קאָנ־סול דר. אדאלפא פאַסטליך. אַט דאָס זיינען זיי די מאָדנע זיגזאַגן פון דער יידישער געשיכטע, אַ וווּנדערבאַר בילד איז דאָס געווען: אין פאַרגאַסענעם מיט ליכט ספרדישן טעמפּל, אָנגעפילט מיט יידן וואָס זיינען דאָ אַמאָל געקומען פון אַראַבישע לענדער שטייען די פאָרשטייער פון מדינת ישראל; ווערט די קהילה געבענטשט פון עלטסטן יידן אין מעקסיקע, יצחק קאַפּאַן, געקומען דאָ פון גריכנלאַנד; ווערן די תפילות געזונגען פון אַן אַלטן ספרדישן רב, ווי פון אַ רעמבראַנדט־לייוונט לעבעדיק אַרויסגענומען; זינגט אַ כאָר מיט טונקל־הויטיקע קינדערלעך די „התקוה"; בלאָזט דער חזן שופר, „תקיעה־גדולה", אַ דערמאָנונג פון צייטן, ווען אונדזערע אבות זיינען דורכן מדבר צו באַפריי־אונג געגאַנגען.

אדרבא: אנאַליזירט לאַנגזאַם דעם צוזאַמענשטעל פון דער נאָרוואָם באַשריבענער סצענע און פון אירע אָנטײלנעמער וועט איר פאַרשטײן די באַדײַטונג פון פּסוק: „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול״ (טויזנט יאָר זײַנען אין גאָטס אויגן ווי אַ נעכטיקער טאָג), וועט איר באַגרײַפן „יום העצמאות״ אין שאָטן פון פּיראַמידן, אין שכנות פון אַן אינקוויזיציע־פּאַלאַץ, מיטן אָנטײל פון מיניסטער פון ישראל און פון ראש־הקהל פון אינדיאַנער ײדן.

ספּאָרט - פּאַלאַץ - שטאָלץ פון ייִדן אין מעקסיקע

מאָדנע איז דער גורל פון אַ שרייבער־רייזענדן, וואָס טראָגט זיך מיט עראָפּלאַנען־שנעלקייט איבערן ערד־קוגל און דערצו שרייבט ער אַ וועכנטלעכן אַרטיקל מיט איינדרוקן.

דער לעזער ווייס מסתם, אַז מען קאָן ביי היינטיקן טאָג אַרומרינגלען די גאַנצע וועלט אין זיבן טעג... אמת, דער מענטש וואָס טוט דאָס זעט זייער ווייניק פון די פּלעצער, וואָס ער פליט דורך. אפילו נעכטיקן מוז ער אין עראָפּלאָן און דאַרף זיך באַגעגענען מיט אַזעלכע פילזאָגנדיקע אויפשריפטן אויף די פלי־פּאָרטן, ווו ער שטעלט זיך אָפּ, ווי: קאַלקוטאַ... באַנגקאָק... טאָקיאָ... קאַסאַבלאַנקאַ... פּאַריז... א. א. וו. אָבער אַריינפּאָרן אין די אַלע פּלעצער איז קיין צייט נישטאָ. ס'איז גוט פאַר פּראָפעסיאָנעלע פליער אָדער פאַר אַ ספּאָרטלער, וואָס זוכט רעקאָרדן. פונדעסטוועגן קען איך אַ היימישן גביר מיט זיין ווייב, וואָס האָבן אַזאַ פלי געמאַכט און דערציילן אויך די איינדרוקן, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט פליענדיק איבער די וואָלקן־דעכער פון דער ערד. זיי ווייסן אפילו צי ס'וועט זיין אַן אויפשטאַנד אין אינדאָנעזיע אָדער אַ מלחמה אויפן נאָענטן מזרח.

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? ווייל כ'האָב מורא, אַז אויך מיינע לעזער וועלן אָנהויבן מאַכן געוויסע אויספירונגען וועגן די רייזע איינדרוקן, וואָס איך ברענג זיי אָט אויף דעם פּלאַץ: אויב פאַראַכטאָגן נאָך האָב איך באַשריבן אַ עלעפאַנטן־יאַגד אין די טיפענישן פון אַפריקאַנישן קאָנגאָ, — איז ווי אַזוי קומט דאָס, וואָס מיט אַ וואָך שפּעטער האָב איך שוין אַ ים מיט איינדרוקן פון מעקסיקע?

מוז איך אויפקלערן: מיין רייזע אין אַפריקע, מצרים, אָדער שפּאַניען איז פאָרגעקומען אין פרילינג־זומער פון איצטיקן יאָר 1955. אין צווישנצייט האָב איך אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און... דעם ימים־נוראימדיקן דאַווענען אויפן סאַמע בראָדוויי אין ניו יאָרק, זיך אָנגעשפּילט אַפילו מיט אַ ליכטיקן ניין־מאָנאַט אַלטן יינגעלע, וועלכער „רייזט" דערווייל איבער די גאַסן פון לאָנג־איילאַנד אין אַ וועגעלע וואָס ס'שטופּט אַ יונגע מאַמע. אַזוי ווי אָבער צו זיין ברית, אין יאַנואַר, היינטיקן יאָר, בין איך געפלויגן אַזש פון ווענעזועלאַ, איז פאַראַן אַן אויסזיכט, אַז דער דאָזיקער „צוקונפטיקער מענטש" וועט צום

ברית פון זיין אייניקל פליען פון דער לבנה. פאַרגלייכט: איינער פון מיינע זיידעס איז צו מיין ברית געקומען פון טיקטין קיין ביאַליסטאָק אין א בויד און זיך געשלעפּט דאַן אין די בלאָטעס אזוי לאַנג ווי איך פון קראָקאָס ביז ניו־יאָרק.

יאָ! כדי צו מאַכן דעם שפּרונג (אין מיין שרייבן) פון קאָנגאָ ביז מעקסי־קע, האָב איך אָבער דורכגעלאָזט א ריי ווערטפולע פאַרצייכענונגען נאָך פון יענער רייזע און האָף צו זיי צוריקקומען, איבערהויפּט צו די אומפאַרגעסלע־כע ראָמאַנטישע טעג אין ישראל און די ליכט און שאָטנס זיגזאַגן איבער די שטעט פון אייראָפּע.

פאַרוואָס צום ביישפּיל, זאָל איך אָבער באַלד ניט דערציילן דעם עפּי־זאָד, ווי איך האָב געזוכט א האָטעל איבער פּאַריז אין ברען פון טוריסטן־סעזאָן? דער „גראַנד־האָטעל" האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין טעלעגראַפישע „רעזערווויישאָן": שוין לאַנג זיינען אַלע צימערן באַזעצט. שלעפּט זיך די „טע־קסי" ווייטער אינמיטן נאַכט אין דער געגענט פון וואָקזאַל סען לאַזאַר, וועל־כער איז באַשאָטן מיט קליינע, אומריינע האָטעלעכלעך (יאָ, כ׳האָב ניט ליב פּאַריז, — ווייל ס׳איז נודנע, שמוציק, חוצפּהדיק און טייער). און מיין ווייב איז טויט־מיד פון שטורעמדיקן פליען איבער דייטשלאַנד, ווען א בליץ האָט אונדז שיר ניט אַראָפּגעשליידערט און דווקא איבער נירענבערג.

ווייזט אונדז עמיצער אָן אויף א האָטעלכל, וווּ מען וועט געוויס אונדז געבן א צימער. גייט אונדז אַרויס אַנטקעגן א גראָבע בלאָנ־פאַרפּודערטע „מאַ־דאַם" און איז שוין גרייט אונדז לאָזן איבערנעכטיקן. ווילן מיר אַראָפּנעמען פון דער טעקסי דעם באַגאַזש, הויבט אָבער די „מאַדאַם" אָן שטעלן פראַגן: „פאַרוואָס זענט איר דאָ געקומען מיט באַגאַזש?" „ווייל מיר זיינען פרעמדע אין פּאַריז." „אָבער זענט איר מאַן און ווייב?" „געוויס, וואָס דען מיט א פרעמדע פרוי וועל איך זיך אַרומשלעפּן ביינאַכט איבער די גאַסן פון פּאַריז?"

„זעט איר כ׳האָב טאַקע אַזוי געמיינט... ניין, מ׳סיע, — ביי אונדז גיט מען ניט קיין צימערן א פאַרהייראַטע פּאָרל. דאָ איז מ׳סיע, א הויז, וווּ מען קומט פאַר „פּלעזיר" (פאַרגעניגן) און נישט מיט אַן אייגן ווייב..."

בקיצור, מ׳האָט נאָך לאַנג געדאַרפט בלאָנדזשען ביז מען האָט דאָך געפו־נען א נאַכטלעגער.

* *

*

אלזאָ, איצט בין איך אויף א רייזע דורך צענטראַל־און זיד־אַמעריקע און מעקסיקע איז דער אָנהויב. האָטעלן — די מאָדערנסטע און די שענסטע, און ס׳קאָסט א דריטל ווי אין פּאַריז (אָדער א פינפטל ווי אין ווענעזועלאַ...).

און כאָטש ס'הויבט מיר שוין אָן צו „דערקוטשען״ אביסל די הויכקייט פון קרוב אכט־טויזנט פוס, — איז נאָך אַלץ די בערג־לופט פול מיט באַלזאַם און די צענטראַלע גאַסן — מיט פייערלעכקייט.

זעט נאָר, זעט נאָר, וויפל נייע גלעזערנע „הימלקראַצער״ פון אַן אולט־ראַ־מאָדערנער ארכיטעקטור זיינען דאָ אויסגעוואַקסן! אפילו אין ניו־יאָרק זעט מען דאָך ניט אַזאַ לוקסוס אין בויען. אמת, מען זאָגט מיר, אַז ניט אַלע הייזער זיינען געבויט אויף אַ סאָלידן (עקאָנאָמישן) באָדן, אַז די באַנקן און פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן גיבן אויף דעם לוקסוס אויס „בים־געלט״ וואָס געהערט נאָך ניט צו זיי. אָבער דאָס איז איצט ניט מיין אויפגאַבע צו וויסן... דאָס אויג רוט אָפּ אויף דעם שווונג פון די געביידעס, אויף דער שפּע פון ליכט, מיט וועלכן די גאַסן זיינען באַגאָסן אין די נעכט, אויף די גרוי־פּעס פרייליכע טומעלדיקע אַמעריקאַנער טוריסטן, וועלכע פילן אָן די גאַסן, די האָטעלן, די נייע גראַנדיעזע קאַפע־לאָקאַלן. עפּעס וויים איך יאָ וועגן דער ביטערער עלנט, וואָס הערשט גלייך הינטער דעם דאָזיקן שיינענדיקן פּאַסאַד, וועגן דער קינדער שטערבלעכקייט, וועגן באַפעלקערונגס־וווקס, וואָס האָט ניט קיין אַנטשפּרעכנדע באַזע און דער ווירטשאַפט... אָבער ניט דאָס ווילט זיך מיר איצט באַארבעטן. ווי שטענדיק ווענדע איך אָפּ מיינע בליקן צו דער קליי־נינקער מינדערהייט, צו יידן אין לאַנד. אַ מין „עסקייפּיזם״ צו דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. כ'קאָן דאָך ניט אין אייניקע טעג צייט זיך פאַר־נעמען מיט אַ גאַנצער וועלט צרות.

איז גוט, ווען איך בין בבוה אַפּצולענקן מיין קאָפּ פון די קרוב דריי־סיק מיליאָן מעקסיקאַנער (זיי מערן זיך פיל שנעלער ווי יעדער אַנדער לאַנד אין לאַטיין־אַמעריקע) און זיך שנעל אריינלעבן צווישן די קרוב צוואַנציק טויזנט יידן — אַזוי נאָענטע, פאַרשטענדלעכע, באַוועגלעכע און ליבע. איר האָט שוין צווישן זיי אַ רייע נעמען, וועלכע זיינען וויים און ברייט באַוווסט אויסער די גרענעצן פון מעקסיקאָ: ליטעראַטור־מעצענאַטן, ציוניסטן־פירער, שרייבער, פינאַנסיסטן, דערציער...

מעקסיקאַנער יידן האָבן נאָך דערהאַלטן אין זיך וואַרימקייט און ברען פון דער אַלטער היים, די פאָלקסטימלעכקייט, וועלכע שאַפט שנעל דעם קאָנטאַקט מיטן אורח פון דער פרעמד און די שענסטע נעץ פון יידישע שולן (אין דער „יידישער שולע״ „תרבות״, „יבנה״ און פאָלקס־שולע לערנען כמעט אַכציק פּראָצענט יידישע קינדער פון ישוב, — אַ רעקאָרד וואָס ווערט איבערגעשטיגן נאָר אין מדינת ישראל).

גראָד בין איך געקומען אין צייט צו דער דערעפענונג פון די געזעלשאַפט־לעכע געביידעס פון ספּאָרט־צענטער, — אַ קאָמפּלעקס פון לוקסוס און שפּיל־פּלעצער, וועלכע יידן פאַרמאָגן ניט אין דער גאַנצער וועלט, אפילו נאָך ניט אין ישראל.

ס'האָט זיך געפאָדערט אַן אומגעווײנלעכע עקשנות און מסירות־נפש פון אַלע קרייזן פון מעקסיקאַנער ישוב, אַז אַזאַ וווּנדערלעכער אינסטיטוט זאָל קאָנען פונקציאָנירן.

זאָל איך אָנהייבן אויסצורעכענען נעמען פון די איניציאַטאָרן, פון די נדבנים, — קאָנען זיי גאָרניט אַריינגענומען ווערן אין איין צייטונגס־אַרטיקל.

אָבער אָט זיץ איך אויף דער טריבונע אין גרויסן ניי־געעפנטן זאַל פון סאָציאַלע אונטערנעמונגען און זע פאַר זיך אַ טויזנט קעפּיקע מאַסע פון יום־טובדיק געשטימטע מעקסיקאַנער יידן, ס'איז ווירקלעך פאַראַן מיט וואָס צו זיין שטאָלץ. מיט אַ טאָג פריער האָט מיך געפירט איבערן גאַנצן פּלאַץ דער באַרימטער ליטעראַטור־מעצענאַט צבי קעסעל און זיין ענערגישע פרוי בע־לאַ. ס'האָט געווימלט פון קינדער פון אַלערליי עלטער. דאָרט שפּילט מען אין טעניס און דאָ אין פוטבאָל. אין גרויסן באַסיין שווימען דערוואַקסענע און אין קליינעם — פּלושקען זיך קינדערלעך. אין אַ זייבערער קיך פירט מען מיך אַריין, וווּ מען קאָן פאַרבאַרייטן שפייזן פאַר 1200 פערזאָן. דערווייל קעמפן פאַר „כשרות" אין דער דאָזיקער קיך די רבנים ר' דוד ראַפּאַלין און ר' יעקב אביגדור, ווי אויך בעלאַ קעסעל, כאָטש זי איז ניט קיין רביצין, אָבער זי איז איינגעקשנט אין איר סאָליד־ביאַליסטאָקער אַמאָליקער טראַדיציע (אגב, האָבן די קעסלערס מנדב געווען גאָר גרויסע סומען פאַרן גאַנצן קאָמפּלעקס געביי־דעם).

און אָט איז די ביבליאָטעק, — אַ פּרעכטיקער לייען־זאַל, מאָדערן אויס־געריכטעט מיט דער גאַנצער יידישער, העברעישער און שפּאַנישער ליטעראַטור און צייט־שריפטן פון דער גאָרער וועלט. און אָט איז אונטן אַ טעאַטער־זאַל מיט וועלכן קיין שום הויפּטשטאָט קען זיך ניט פאַרשעמען. פון די טעראַסן, עפנט זיך אַן אויסזיכט אויף די בערג אַרום, אויף די צווייטע פּיראַמידן, אויף אָט דער גאַנצער, נאָך ניט לאַנג אַזוי פּרעמדער, לאַנדשאַפט, וועלכע איז פּלוצלינג אַזוי אייגן געוואָרן פאַר דעם ערשטן דור יידישע אימיגראַנטן, וועלכע ווערן דאָ אין ספּאָרט־פּאַלאַץ פאַראייניקט מיט זייערע קינדער און מיט זייערע אייניקלעך אין איין קנופּ, וועלכער וועט שוין ניט פאַרפרעמדט ווערן פון אונדזער פאָלק.

עס ווערן אין דעם דאָזיקן זונטיק — ווען איך בין דאָ צוגאַסט, — אַנטהילן די בראָנזענע טאָוולען פאַר די נדבנים, וואָס האָבן געהאָלפן אויסבויען אָט די גאַנצע ספּאָרט־ שטאָט: די קעסעלס, די סוראַסקיס, די מאַאוס־רייזבוימס, די טשערניצקים, די גוטווערגס, די ווישניאַקס, די מאַריינט (און אפשר האָב איך עמיצן דורכגעלאָזן איז דאָס נאָר בשוגג).

מען אַנטהילט דעם בראָנז־ביוסט פון יונגן ענטוזיאַסט, פון אינזשעניר שמואל דולצין, וואָס האָט ניט דערלעבט בייצווזיין די שמחה.

דערפאר אבער, בליצן מיט פרייד די ענערגישע יונגע מחותנים דר. פ. כץ, אינזשעניר יצחק גראבינסקי און גיטלין, וועלכע האבן דערלעבט זייער געליבט קינד, די „ספארט-כלה" צו דער חופה צו דערפירן.

די שמחה איז געווען גרויס, — און ווען דער מיניסטער פון ישראל דר. י. קיסרי האט זיין באגריסונגס־רעדע געהאלטן, האט זיך אויך געפילט דער אטעם און די פארבינדונג מיטן ווייטן אלט־נייעם היימלאנד.

אבער ס'איז געווען ניט נאר א ציוניסטישע שמחה. עס רעדט פול מיט עמאציע דער בונדיסטישער פירער און קולטור־טוער טוביה מייזעל. פאר מיר איז דאס געווען א ספעציעל־רירנדיקער מאמענט, פארבונדן מיט יוגנט־זכרונות.

מיר איז אויסגעקומען דאס מאל צו באגריסן גלייך נאך מיין אלטן פריינט מייזעל. האב איך אין אנהויב פון מיין רעדע דערמאנט:

„אין יאר 1916, ד. ה. מיט 39 יאר צוריק, האבן אויפן הויף פון קראקאווער אוניווערסיטעט — נאך אין ניקאלאים צייטן — געהאלטן רעדעס בעת א רעוואלוציאנערן אויפברויז אויך די צוויי סטודענטן טוביה מייזעל און חיים שאשקעס. און איצט, בעת א גרויסער נאציאנאלער שמחה אין אזוי ווייטן פון קראקאוו מעקסיקע, האבן זיי זיך ווידער געטראפן אויף איין טריבונע. דאס איז א גרויסער זכות, וואס קאן געשען נאר איינמאל אין לעבן..."

* *

*

אויף די שפיל־פלעצער און אויף די וואסערן פון ספארט־פאלאץ שפילן זיך די יידישע קינדער פון מעקסיקע; אין די מעטאל־מארמארנע זאלן, טעאטערס, עס־צימערן באוועגן זיך אין א טומלדיקער מאסע די טאטעס און די זיידעס. צי וועט דאס דויערן איין־צוויי דורות, צי גאר יארהונדערטער? ווער וויים, ווער קאן פאראויסזאגן? דערווייל לאכט ארום אונדז די מעקסיקאנער נאטור מיט באלזאם־ריחות אנגעפילט און די מעקסיקאנער ברידער אונדזערע — מיט דער פארדינטער פרייד פון א גרויסן אויפבוי.

באזוך ביי יידישע אינדיאַנער
אין מעקסיקע

ווען כ׳האָב דערקלערט די ניו יאָרקער באַאַמטע פון דער לופט־ליניע, וואָס פליט קיין מעקסיקע, אַז אין דעם לאַנגן קעסטל וואָס כ׳פיר מיט זיך, ליגט אַ „ספר־תורה״ פאַר אינדיאַנער יידן, — האָבן זיי נישט געוואויגן און דער־לויבט אַריינגעמען אין עראָפּלאַן. ווען כ׳בין אָנגעקומען אויפן לופט־פּלאַץ, האָט אויף מיר געוואַרט פריינט חיים לאַזדייסקי, — דער רעדאַקטאָר פון „וועג״. האָט ער דערקלערט די צאָל־באַאַמטע אַז די דאָזיקע גרויסע, מאַסיווע ספר־תורה איז אַ ברכה, איז „גוט פאַר מעקסיקע״ און דעריבער דאַרף מען נישט נעמען קיין „צאָל״ פאַר איר. און די געוויינלעך אַזוי שטרענגע באַאַמ־טע האָבן מיין אימפּאָרטירטע „ספר־תורה״ באַפרייט פון צאָל. אין האָטעל־צימער האָב איך דעם ספר אוועקגעשטעלט אין אַ בכבודיקן ווינקל און מיט־געטיילט וועמען מען דאַרף, אַז דער הייליקער „באַגאַזש״ איז שוין דאָ. איז געקומען סעניאָר לאַאורעאַנאָ ראַמירעז, — פון באַרוף אַן אַדוואָקאַט, אָבער דורך אַן אינערלעכן „רוף״ דער ראש פון די יידיש־אינדישע מעקסיקאַנער, — אָפּנעמען דאָס „ספר״.

מיט אים איז געקומען אַ צווייטער מיטגליד פון זיין קהילה, א יונגער־מאַן מיט אַזאַ טיפּיש אַצטעקישן געזיכט, אַז איך וואָלט אים שטענדיק אָנגענו־מען פאַר אַ פולבלוטיקן אינדיאַנער.

ביידע האָבן זיי אויסגעטאָן די מעקסיקאַנער ברייט־ראַנדיקע קאַפּעלושן, אָנגעטאָן יאַרמעלקעס אויפן קאָפּ און באַטראַכט זייער מתנה, — דאָס „ספר״, — וואָס האָט אַרויסגעשיינט אין מענטעלע פון גרינעם פּלוש מיט די אויסגע־נייטע גאָלדענע בוכשטאַבן אין העברעאיש און ענגליש.

נאָכהער זיינען זיי צוגעגאַנגען צום „ספר״ און געקושט. איך האָב שווייגנ־דיק אָבסערווירט: עס איז געווען אַ נישט דרייסטער קוש פון אַ זיידן צו אַנ־עופהלע־אייניקל; אַזוי פיל נישט אויסגעלאָדעוועטע ליבע, אָבער דאָך אַ מורא, טאָמער וועט אַ צו־שטאַרקע באַרירונג מיט עפּעס שאַטן דער צאַרטער הויט פון קינד... דעם יינגערן מעקסיקאַנער האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן. דאַן האָבן מיר זיך געזעצט און כ׳האָב זיי דערציילט:

„דער הויפּט־טשאַפּליין פון אַמעריקאַנער פלאָט, ראַבאַי יהושוע גאָלדבערג, האָט באַזוכט אייער בית־מדרשל מיט אייניקע חדשים צוריק. ער האָט געפונען,

אַז אייער אַלטע און איינציקע ספר־תורה איז פּסול און מ׳קאָן אין איר מער נישט לייענען. האָט ער געשיקט פאַר אייך דורך מיר אַט דאָס דאָזיקע ספר. אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן די „יריעות", — צעקנייטשטע און פאַרשמוצטע, — געפונען אין אַ דייטש שטעטל בעת דעם זיגרייכן מאַרש קעגן היטלערן. דער טשאַפּליין גאָלדבערג, אין וועמענס הענט די „יריעות" זיינען געקומען, האָט געזען מען זאָל זיי רייניקן, אין אָרדענונג ברענגען, די אותיות פאַריכטן... ער האָט אויך די „עצי חיים" צוגעגעבן און צוזאַמען מיטן „מענטעלע" און די גאָלדענע באַצירונגען איז דאָס זיין מתנה פאַר אייער קהילה".

סעניאָר לאַאורעאַנאָ ראַמירעז, האָט אַ גערירטער געדאַנקט. אין איניקע טעג אַרום וועט ער איינאָרדענען די שמחה פון „הכנסת הספר" אין זיין שולכל. ער וועט פאַרבעטן אויך די פירער פון דער אַשכנזישער קהילה אין מעקסיקאָ און דעם מיניסטער פון ישראל דאָ, דר. י. קיסרי. ער דערציילט מיר דורך־אַגב, אַז דער מיניסטער קיסרי האָט אין נאָמען פון ישראלס פּרעזידענט בן־צבי זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די איינצלהייטן אין פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון די אַזוי גערופענע „אינדיאַנער יידן". (בן־צבי איז אַ באַרימטער פאָרשער פון יידישער עטנאָגראַפיע און פון די צעוואָר־פענע איבער דער וועלט יידישע עקזאָטישע שבטים, ח.ש.)

— מיינע געסט נעמען די „ספר תורה" און זאָגן צו מיר מיטטיילן, ווען כ׳זאָל קומען צו דער אָפיציעלער צערעמאָניע פון איבערגעבן דאָס „ספר".

די געשיכטע פון דער קליינער געמיינדע פון מעקסיקאַנער פון יידישן גלוי־בן איז נאָך אַלץ איינגעהילט אין נישט אויפגעקלערטע געהיימעניש.

דער ירושלימער אוניווערסיטעט האָט מיט איניקע יאָר צוריק געשיקט אפילו אַ ספּעציעלן שליח, וועלכער זאָל דעם ענין אויספאָרשן. איך האָב זיין באַריכט געזען אין מאַנוסקריפּט. דאָרט ווערט געגוי באַשריבן דער לעבנס־שטייגער פון די „יידישע מעקסיקאַנער" אין דאָרף וועגטאַ־פּריעטאַ, — אַרום זעכציק מייל פון מעקסיקאָ־סיטי, — ווו ס׳לעבן איניקע הונדערט אָרעמע פּויערים, וואָס האַלטן זיך איינגעשפּאַרט ביי פאַרשידענע יידישע דינים און מנהגים: מען אַרבעט נישט שבת, מען מלט די קינדער, זיי עסן נישט קיין חזיר־פלייש און קלייבן זיך צונויף אין אַ באַזונדערער בית־התפילה, ווו מען דאַווענט פון סידורים אויף שפּאַניש.

די קהילה אין מעקסיקאָ־סיטי, וועלכע באַשטייט פון אַ הונדערט מיטגלי־דער, רופט זיך „קהל קדוש בני אלהים" און איר גייסטיקער פירער איז דער שוין דערמאָנטער אַדוואָקאַט ראַמירעז. זיי האַלטן זיך פאַר די קינדער פון יענע אַנוסים, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון שפּאַניע אין דער דעמאָלטיקער נאָר וואָס אַנטדעקטער טעריטאָריע פון היינטיקן מעקסיקע. לאַנגע יאָרן האָבן יענע אַנוסים אין געהיים אָפּגעהיט יידישקייט. זיי האָבן אָבער חתונה געהאַט מיט

אַרטיקע אינדיאַנער פּרויען און דערפון האָט זיך אין משך פון יאָרהונדערט אויסגעבילדעט דער ריין־מעקסיקאַנער טיפּ אין אויסזען, וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר די מיטגלידער פון זייער היינטיקער קליינער קהילה. און אַזוי איז דאָס אויך מיט די פאַלאַשן אין עטיאָפּיע, מיט אַ טייל קאָשטינער יידן אין אינדיע און מיט דער איצט ליידער שוין פאַרשווונדענער כינעזישער יידישער קהילה (איך אַליין האָב נאָך באַגעגנט איינעם פון אַזעלכע לעצטע „כינעזער" דעם סטודענט לי־וואָנג אין 1948 אין שאַנכאַי).

עס איז מיר שטענדיק געווען אַ ווונדער, פאַרוואָס די פאַראַנטוואָרטלעכע רעליגיעזע פירער פון מעקסיקאַנער ישוב באַציען זיך מיט אַזאַ ביטול צו די איבערבלייבענישן פון די אַמאָליקע אנוסים.

מיין פריינט, דער מעקסיקאַנער רב ראַפּאַלין, צום ביישפּיל, — האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גאָרנישט זיכער, אויב מען מעג דער דערמאָנטער קהילה „בני אלהים" געבן אַ „ספר תורה": „זיי ווייסן דאָך אַזוי ווייניק אין יידיש־קייט"...

— דאַרף מען זיי טאַקע מער לערנען — איז געווען מיין תשובה.

די היסטאָרישע פאַקטן, וועמעס אמתדיקייט מען קען נישט דיסקוטירן, זיינען דאָך עדות, אַז אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט די אינקוויזיציע געברענט עפנטלעך פיל באַרימטע און אויך פשוטע שפּאַניער אונטערן חשד אַז זיי זיינען געהיימע יידן.

דעם העלדישן באַהערשער (קאָנקוויסטאַדאָר) לואי דע קאַרוואַראַל אַליין האָט מען דאָך חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד (אַרויסגעטריבן אין 1590 אויף זעקס יאָר פון מעקסיקע אונטערן דאָזיקן חשד). אין יאָר 1595 האָט די אינק־וויזיציע אין מעקסיקע באַשולדיקט 120 מיטגלידער פון דער קאַרוואַראַל פאַמי־ליע צווישן זיי דעם יידישן מיסטיקער און פּאָעט לואי ראָדריגעז אין „כודאַאי־זאַנטע" (פּראָפּאַגירן יידישקייט) און אַלעמען פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן (אין 1596). אין זיבעצטן יאָרהונדערט האָט די געשיכטע פון דער אינקוויזיציע (לויט די געפונענע פּראָטאָקאָלן) פאַרנאָטירט 160 פאַלן פון פאַרברענען אנו־סים (מאַראַנען). ביזן יאָר 1820, ווען די אינקוויזיציע איז אָפיציעל ליקווי־דירט געוואָרן זיינען אויפן פייער געגאַנגען מער ווי טויזנט „כודאַאיזאַנטעס", צווישן זיי באַרימטע פּאָעטן, דאָקטוירים און אַפילו געוועזענע קאַטוילישע גייסטלעכע.

דער פּלאַץ אין צענטער פון שטאָט, וווּ מיין האָטעל געפינט זיך איז בשכ־נות מיטן קלויסטער סאַן־דיעגאָ, וווּ דער טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע האָט זיך געפונען. דער פּלאַץ אַליין האָט זיך גערופן „קרעמאַדאָרן דע כודיאָס" (ברען פּלאַץ פאַר יידן) און נישט שפּעטער, ווי אין אָנפאַנג פון 19־טן יאָר־הונדערט האָבן נאָך דאָרטן אינקוויזיציע־קוילן געגליט.

איז וואָס איז דער ווּנדער, וואָס הונדערט יאָר שפּעטער געפינען זיך דאָ אין מעקסיקע אַ הויפן פאַמיליעס וועלכע שטאַמען פון די אַלטע אַנוּ־סים און ווענמעס באַבעס האָבן זיי וועגן דעם עפּעס דערציילט.

עס איז נאַאיוו דעריבער צו דערוואַרטן, אַז פון אַזאַ „באָבע מעשה" זאָל זיך דאָס וויטע איינקל אויסלערנען דאַווענען אָדער „קריאַת התורה", אָדער אַלע אַנדערע ריכטיקע יידישע מנהגים. עס איז נישט אין דער טראַדיציע פון „בית הלל", אָפּשטופּן זיי, אָפּשפּעטן פון זיי און זיי מבטל טאָכן, ווי ס׳טוען איינציקע רעליגיעזע אָרטיקע פירער. ווי האָט מיר געזאָגט אַן אָרעמער פּויער, וואָס לעבט אין שוין דערמאָנטן דאָרף וועגטאַ־פריעטאַ: „ווען כ׳קום אין שטאָט און זע ווי די יידן וואָס ווינען דאָ זיינען „מחלל שבת" אין דער צייט, ווען מיר אָרעמע פּויערים רירן זיך נישט צו צו אַרבעט אין הייליקן טאָג, — מוט מיר וויי מיין האַרץ און איך שעם זיך"...

* *

*

און אָט איז שוין זונטיק דער טאָג, ווען כ׳דאַרף איבערגעבן די „ספר־תורה" צו די מעקסיקאַנער „בני אלהים", די צערעמאָניע וועט דורכגעפירט ווערן אין דער אָרעמער קאָלאָניע פון מעקסיקאָ־סיטי, וועלכע רופט זיך וואַיעבאָ און ווו די שול פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער קהילה געפינט זיך.

ס׳זיינען געקומען אָנטיילנעמען אין דער שמחה פיל אשכנזישע און ספר־דישע יידן. — און זייערע צענדליקער לוקסוס־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין יענער „קאָלאָניע" האָבן געבילדעט אַ שאַרפן קאָנטראַסט מיט דער טיפישער עלנט און אָרעמקייט פון די מעקסיקאַנער „סלאַמס".

די יידישע־אינדיאַנער „ערן־וועכטער" האָבן זיך אָנגעטאָן אין טליתים און יאַרמולקעס, און דער דאָזיקער טראַכט האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן זייערע בולט־אינדישע געזיכטס־שטריכן. די תורה אין אַ קרוין פון גלעקלעך ציטערט אַביסל אין מיינע הענט, ווען כ׳גיב זי איבער צו לאַאורעאַנאַ ראַמי־רעז, נאָכדעם ווי ער זאָגט צו קעמפן פאַר איר, אָפּהיטן מיטן פּרייז פון לעבן איר כבוד, ווי דאָס האָבן געטאָן זיינע אור־עלטערן די אַנוסים.

דער מיניסטער פון ישראל דר. י. קיסרי באַגריסט אין נאָמען פון פּרעזי־דענט בן־צבי. פּריינט בערעביטשעז אין נאָמען פון דער יידישער קהילה אין מעקסיקע. לידער, העברעישע, שפּאַנישע און „אלי־אלי" אויף יידיש, ווערן געזונגען דורך די קינדער פון ראַמירעז.

אַלס מתנה פאַר מיין „שליחות־מצוה" שפּילעט מיר צו אויפן ברוסט דעם „מעדאַל פון די אַנוסים" דער מיניסטער פון ישראל. ער אַליין איז געווען דער ערשטער צו באַקומען די דאָזיקע אויסצייכענונג מיט איניקע חדשים צוריק.

די התקוה ווערט נאכהער געזונגען דורך דעם גאנצן עולם.

פאר די סקעפטיקער פון צווישן מיינע יידישע פריינט אין מעקסיקע איז דאס געווען נאר נאך איין בייגעוויינטע צערעמאניע, וועלכע האט דורכגעוואנ־דערט דורך אלע ווינקעלעך פון דער וועלט, ווו די פארגעסענע יידישע שבטים וווינען. דאס איז געווען נאך א רינגעלע אין דער קייט פון דער ווונדערבאר־ער מיסטעריע, וואס רופט זיך די פארלוירענע „עשרת השבטים".

מיינט איר נישט, אז די אנוסים פון דער שטאט מעטשכעד אין פערסיע, וועלכע האבן ביז לעצטנס געלעבט אויסערלעך אלס מאכמעדאנער אבער אינער־לעך, אין קעלערן (בוכשטעבלעך), זיך אויסגעלעבט אלס יידן (מען האט זיי אלע אריבערגעפירט קיין ישראל), — זיינען נישט קיין לייבלעכע ברידער פון די יידישע אינדיאנער אין מעקסיקע? די יידן אין מעשכעד זיינען אויף תליות געגאנגען און די אנוסים פון מעקסיקע אויף פייערן געגאנגען על קידוש השם...

און די אבות פון די שווארצע יידן אין עטיאפיע, — די פאלאשן, — האט מען פון שטיינערנע פעלזן אין אפגרונט געשליידערט, ווי די עלטערן פון די ברוין־הויטיקע קאטשינער יידן אין הינדוסטאן האט מען אלס שקלאפן פארקויפט און די אבות פון די כינעזישע יידן זיינען אין דער שטאט קאי־פונג־פו אין די שטורמישע וואסערן פון „געלן טייך" דערטרונקען געווארן...

מיט צוויי יאר צוריק האב איך יום־כפור פארבראכט אין סאן־פאולא, בראזיל...

האט מען מיר דארט אנגעוויזן א גאס אין אן ארעמער געגנט, ווו בראַ־זיליאנער, וואס זיינען פאררעכנט פאר קאטאליקן, ארבעטן נישט אין דאזיקן טאג. זיי פרעגן זיך געוויינלעך נאך ביי א יידן, ווען יום־כיפור פאלט אויס, און מען בלייבט זיצן אין שטוב און מען פאסט. מען ציגדט, אמת, אן די ליכט ארום א „הייליק" בילד, מען בעט הייסער, ווי שטענדיק — אבער זיי ווייסן נישט פארוואס. אזוי האבן אונדז די זיידעס אנגעזאגט"... איז די געוויינ־לעכע תשובה.

פארשטייט זיך: די דאזיקע „פאאוליסטאס" זיינען א ווייטער שפליטער פון יענע יידן, וועלכע האבן אין 16־טן יארהונדערט געדיכט באוווינט בראַ־זיליעס צפון און נאכדעם ווי די פארטוגעזער האבן באזיגט די האלענדער איז די גרעסטע מערהייט יידן אנטלאפן און די איבערגעבליבענע האט די אינקוויזיציע אין משך פון יארהונדערטער פארניכטעט. אבער פונקען טליען נאך היינט. פארוואס זאלן זיי פארלאשן ווערן?

מיר האבן דורך טויזנטער יארן זיך געקוויקט מיט דער לעגענדע, אז די פארלוירענע „צען שבטים" וועלן זיך אפגעפינען. און דוקא איצט, ווען לאנג־זאם אבער זיכער קומען מיר אויף זייערע פוסטריט, — צי דאס איז אין מעק־

סיקע, אין אבעסיניע, צי אין אינדיע, צי אין כינע, — באַציען זיך די „אמת״ יידן, — זייערע שכנים, — קאַלט צו דער אָפּגעפונענער „אבדה״.

אָדער... אפשר וועלן מיר, — די קליינע גרופּן פּיאָנערן אויפן געביט פון יידישער עטנאָגראַפּיע (און פּרעזידענט בן־צבי איז דער חשובסטער פון זיי), — נאָך באַוויזן עפּעס מתקן צו זיין? זאָלן נאָר די כוחות אויף דעם קלעקן — בימינו....

אפריקאַנער
קאָנטינענט

ביי די ייִדן אין שפּאַניש מאַראָקאָ

ניט קיין סך פלעצער זענען געבליבן אויף דער וועלט, וועלכע מען קאָן אַריינרעכענען אין דער עקזאָטישער קאַטעגאָריע. צום גליק פאַר דער מענטשהייט און צו דער אַנטוישונג פון רייזנדן איז די ציוויליזאַציע אַריינגעדרונגען אויך אין אַזעלכע ווינקעלעך, ווו זי איז נאָך מיט אַ צענדליק יאָר צוריק ניט געווען: אין קרוגער־וואַלד אין אַפריקע, ווו ווילדע חיות גייען אַרום פריי, קאָנט איר שוין איצט וווינען אין אַ קאַבינע מיט עלעקטרישער באַלייכטונג און אַ „שאַוער" דערצו. אַז די קאַבינע איז אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָט, כדי די לייבן, וואָס קומען דאָ ברומען יעדן פינף אַזייגער פאַרטאָג, זאָלן ניט אויפעסן אייך און אייער ווייב אויף פרישטיק, — דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע. אָבער אַ פאַקט איז, אַז די ווילדע חיות קאָנען שוין זען עלעקטרישע באַלייכטונג אין סאַמע מיטן פון זייער דזשאָנגל.

און ביים האַלב־נאַקעטן זולו־שעף מטובא־טובא, וועמענס זיידע האָט נאָך געבראָטן אויפן פייער ענגלישע סאָלדאַטן, — שטייט שוין אין הויף אַ ראָלס־ראָיס אויטאָמאָביל, אַ פּאָליטישער שוחד פון איצטיקן דור ענגלענדער.

און אין אינדיע גייט מען איינפירן טעלעוויזיע און אין ביז ניט לאַנג פאַנאַטיש איסלאַמישן פּאַקיסטאַן טאַנצן שוין בחורים מיט מיידלעך... ווי צו די טוריסטישע אויגן, וואָס זעען דאָס!

איז דעריבער קיין וווּנדער ניט וואָס איך האָב פשוט געשלונגען די עקזאָטישקייט פון טעטואַן, הויפּט־שטאָט פון שפּאַניש מאַראָקאָ, ווו איך האָב נאָר־וואָס פאַרבראַכט אַ פרייטיק און אַ שבת.

פאַראַן דאָ אַרום הונדערט טויזנט איינוווינער, מוסולמענער, צווישן וועלכע עס לעבן פינף טויזנט יידן. זענען די מוסולמענער טראַדיציאָנעל קאָנסערוואַטיוו און די יידן לעבן נאָך אין יענער אידילישער טראַדיציע ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק, וואָס באַהאַלט אין זיך אַן אוצר פון פאָלקסטימלעכקייט. עס וואָלט געווען אַ נחת רוח דורכצולעבן אָט די עקסקורסיע אין אַ לעבנס־שטייגער ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק ווען ניט די ביטערע אָרעמקייט, וואָס הערשט ביי אַ גרויסן טייל פון זיי, וואָס מאַכט זייער לעבן האָפנונגסלאָז. הלוואי וואָלט איך זיי שוין געטראָפן אויף די פעלדער פון נגב, פון גליל, אָנגעטאָן אין קורצע הויזעלעך, איידער אין אָט די געטאָ־מויערן אין זייערע טונקל־ברוינע „פעלערינעס", אויסקוקנדיק פאַר אַ שטיקל ברויט.

אָנגעקומען בין איך קיין טעטואַן פון דרום־שפּאַניע און צוליב דעם שטורם האָט זיך דאָס קליינע שיפל לאַנג געדרייט אַרום דעם גיבראַלטאַר־פעלדז איידער מען האָט געקאָנט לאַנדן אין שפּאַניש־מאַראָקאַנישן פּאָרט סעיווטא. שוין אויף דער אַפריקאַנישער זייט.

דערנאָך, דער צוואַנציק־מייל־וועג ביז טעטואַן דורך מיליטערישן קאָנטראָל, כאָטש פּאַר מיין אַמעריקאַנער פּאַס האָט מען דרך ארץ, אָבער מיין פראַנצויזישן באַגלייטער האָט מען גוט באַזוכט. אגב, דאַרפן אַמעריקאַנער קיין וויזע ניט, אָבער אַלע אַנדערע פעלקער — יאָ.

און איצט די ווייסע שטאָט טעטואַן. גלייך נאָך דעם ווי מיר פאַרבאָרן אין דעם אַזוי מוריטאַניש־סטיליזירטן דערסאַ האָטעל עצה׳ט אונדז דער פּאָרטער מיר זאָלן גלייך גיין אויפן מאַרק, וועלן מיר נאָך זען די פרייטיק־פּראָצעסיע פון דעם קאַליף צו דער תפילה אין מעטשעט.

מיר מישן זיך צונויף מיט טויזנטער, אין ווייסע פעלערינעס געקליידעטע אַראַבער און ריפענער, וועלכע שטראָמען באַגריסן דעם קאַליף.

קיין שום געפיל פון מורא, וועלכן מיר וואָלטן נאַטירלעך געהאַט אין אַזאַ פאַל אין יעדער אַנדערער מוסולמאַנישער מדינה, פילן מיר דאָ ניט. אפילו אין פראַנצויזישן מאַראָקאָ וואָלט אַ פּראָצעסיע מיטן סולטאַן געווען ניט גאָר זיכער פאַר אַן איראָפּעער, בפרט נאָך פאַר אַ יידן. אָבער איך ווייס שוין פון פריער אַז די שפּאַניער דאָ, וועלכע הערשן אין פּראָטעקטאָראַט, האָבן באַוויזן איינצוהאַלטן די צו־שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, און אפילו בנוגע צו יידן זענען די באַציונגען דערטרעגלעך, לכל הדעות פיל בעסער ווי אין פראַנצויזישן מאַראָקאָ.

פון די ברייטע טויערן פון דער ווי מיט ווייסע שפּיזן דורכגעוועבטער געביידע פון פּאַלאַץ ציט זיך לאַנגזאַם אַרויס אַ פּראָצעסיע: פאָרויס גייט אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל, — איינגעוויקלט אין ברייטע ווייסע קליידער, וואָס ווערן געהויבן דורכן ווינט. דאָס איז זיין הויכקייט דער קאַליף. ער פאַרטרעט דאָ דעם מאַראָקאַנער סולטאַן — ניט דעם, וועלכן די פראַנצויזן האָבן אַוועקגעזעצט אויפן טראָן, נאָר דעם אַרויסגעטריבענעם, וועלכער געפינט זיך איצט אין גלות אין מאַדאַגאַסקאַר. פראַנקאָס רעזשים האָט גראָד הנאה פון דער דאָזיקער קעגנערשאַפט צום פראַנצויזישן שכן.

נאָכן קאַליף גייען באַוואָפנטע, אין ווייסן געוויקלטע, מורישע אָפיצירן מיט שוואַרצע בערד און פייערדיקע אויגן. איך וואָלט ניט געוואָלט מיט זיי זיך טרעפן אויפדערנאַכט אין איינער פון די פינצטערע געסלעך...

דערנאָך שפּילן אויף לאַנגע זילבערנע טרומייטערס, שוואַרצע ליבישע סאָלדאַטן.

און פּלוצלינג ווארפן זיך אלע אויף דער ערד.

* * *

די שטאָט איז פּריוויטיקדיק מאָכמעדאַניש שטיל, אַלץ איז געשלאָסן. אויפן ריזיקן מאַרק־פּלאַץ זיצן רייכע אַראַבער ביי טישלעך און זופּן גרינעם טיי — יענעם „רומינעק" פון מיינע קינדערשע יאָרן, וועלכער איז געווען גוט צום מאָגן און צו אַלע אַנדערע חולאתן. צייט צו זוכן יידן. ניט ווייט פון מיין האָטעל זע איך אַ שילד איבער אַ מאַנופאַקטור געשעפט מיטן נאָמען „בענטאַטאַ". דאָס איז דאָך מסתם משפחה פון מיין פריינד דר. בענטאַטאַ — דער ספרדישער מנהיג אין קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ. גיי איך אַריין און אין שענסטן אַרגענטינער שפּאַניש שטעל איך צונויף די נויטיקע פראַזן פון אַריינפירונג צום שוואַרץ־אויגיקן יונגערמאַן, דעם אייגנטימער פון געשעפט.

אָ, יאָ, דר. בענטאַטאַ אין קאַראַקאַס איז זיין ערשטער קוזין. ער וועט טאָן אַלץ, כדי איך זאָל קענען פאַרברענגען דאָ שבת צווישן יידן. ער איז אַזוי גליקלעך צו הערן אַ גרוס פון זיינע צאָלרייכע פריינט אין ווענעזועלאַ...

בקיצור, איך בין אין דער היים.

בענטאַטאַ פירט מיך צום אַלטן רב ר' יהודה. יענער בענטשט מיך מיט „ברכת כהנים" און ברענגט אַראָפּ דעם יונגן יובילירער יצחק בן־שלמה, וועלכער רעדט ענגליש און עברית, ער זאָל זיין מיין וועגווייזער, פירן מיך אין שול און באַזאָרגן מיט דעם בעסטן פּלאַץ, ווו כ'קען האַלטן שבת. מען דאַרף זיך אָבער איילן; ס'ווערט שוין פאַרנאַכט און בן־שלמה ברענגט מיך צו די טויערן פון דער מעללאַ (געטאָ).

ס'דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז די יידן דאָ זענען ניט מחויב צו לעבן אין אַ געטאָ, אָבער דער גרעסטער טייל איז צו אָרעם צו אַרויסציען זיך אין די רייכע קוואַרטאַלן — איז מען דעריבער געבליבן אין יענע שמאָלע, מיטל־אַלטערלעכע געסלעך, ווו די בתי־מדרשים געפינען זיך, ווו דאָס יידישע לעבן איז קאָנצענטרירט.

יידן און ווייבער, טיילווייז אייראָפּעאיש געקליידעטע און טיילווייז אין פּעלערינעס מיט קאַפּיושאָנען, איילן זיך אין די הייזער, כדי פון דאָרטן צו לויפן אין די צאָלרייכע בתי־מדרשים.

אַ ייד אין אַ שוואַרצן פעז מיט אַ ווייסער באָרד און אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט — שטעלט זיך אינמיטן פון דער הויפּט־גאַס און זינגט עפּעס אויס מיט אַ ציטעריקער שטים. באַלד הויבן זיך אָן פאַרמאַכן די קראָמען. בן־שלמה דערקלערט מיר וואָס כ'האָב שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז דער רופער איז דאָס דער שמש, וואָס דערמאָנט, אַז שבת קודש קומט.

דערזועלבער שמש האָט נאָך פאָלגנדע פונקציעס:

1) אויפזאַמלען אַ גאַנצן פּריטיק פּלעצלעך וויס־ברויט אין די רייכע הייזער פאַר די אָרעמע.

2) ברענגען אַ כלה אין שטוב פון איר צוקונפטיקן מאַן, אַ טאָג פאַר דער חתונה.

3) אויסשרייען שבת צו מנחה אינמיטן גאַס, וועלכע חתונות, בריתן און להבדיל, לוויות, איז צו דערוואַרטן אין משך פון דער קינפטיקער וואָך.

ס׳איז קיין ווונדער נישט דעריבער, וואָס דער דאָזיקער שמש איז אַביסל הייזעריק.

מיין באַגלייטער ווייזט מיר אויך דעם ייִנגערן שמש, וואָס איז דער „אַרראַס״ אָדער בדחן פון קהל. ער איז אַ פריילעכער יונג, זינגט אויס זיין „שלום עליכם״ מיט אַ קנייטש אַלאַ פיגאַראָ און בעט נאָך דערצו כאָטש אַ דאָלאַר פון זיין מאַיעסטעט, דעם אַמעריקאַנער אורח.

און איצט זענען מיר אין שול, אין איינער פון די מער ווי צוואַנציק קליינע שולן, וועלכע געפינען זיך דאָ אין „מעללא״. פון סופיט הענגען אַראָפּ צענדליקער גלעזערנע לעמפּלעך מיט אויפשריפטן געווידמעט די געשטאָרבענע קרובים. ס׳זיצן דאָ — ווי אין די איבעריקע שולן, — אַלע אָן אויסנאַם יידן: דער אָרעמאַן, דער דאָקטאָר, דער קרעמער און אפילו דער פוטבאָל־טשעמפּיאָן פון טעטואַן, וואָס איז אַ טאַטנס אַ קינד.

נישטאָ קיין ייד אין דאָזיקן שטאָט, וועלכער זאָל נישט געהערן צו אַ שול, וועלכער זאָל דאָ נישט קומען מיט זיינע קינדערלעך, ייִנגלעך און מיידלעך.

איך האָב באַזוכט מער ווי אַ טוץ פון די טיפּישע טעטואַנער שולעכלעך און אומעטום האָט מען מיך פאָרגעשטעלט צו דעם מין „פּני״, וואָס האָבן שוין אין אונדזער אַלטער היים קיין שולן נישט באַזוכט.

און אַלע קינדער זינגען אויסנווייניק די תפילות. צום מאָלצייט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אין הויז פון ר׳ שלום בן־נעים, דער רייכסטער היגער אימפּאָרטער, וועמענס ברודער איז דער ישראל קאָנסול אין גיבראַלטאַר. ס׳זענען געווען דערהויבענע מאָלציטן, איינגאַנצן אַנדערע ווי אין אונדזערע אַמאָליקע הימען. די מאָדנע געבראָטענע גרינסן, די געפּרעגלטע פיש אין בוימל, דער „טשאָלנט״ אָדער ווי ער הייסט דאָ אין אַראַמייאיש „הא האדאפינא״ — „דאָס האָבן מיר פאַר דיר צוגעגרייט״. דער בעל־הבית מיט זיין אייגענעם ״כאָר״ פון אַכט קינדערלעך, קיין עין־הרע, וואָס זינגען זמירות מיט מאָדנע ניגונים, אין וועלכע ס׳הערן זיך שפּאַניש — מוירישע טענער.

און ווי רירנד איז געווען צו זען די בית־המדרש גאס אין דער צייט פון שבתדיקן מנחה. פאר דער שול זיצן עלטערע יידן אין זייער כאראקטעריסטישער מאראקאנער שבת־קליידונג מיט שווארצע פעזן אויף די קעפ. זיי האלטן חומשים און זענען מעביר סדרה. „שנים מקרא ואחד תרגום", צוויי מאל לשון־קודש און איינמאל אלט־שפאניש, וואס איז די שפראך, וואס זיי האבן מיטגעבראכט מיט זיך פון יענעם גלות.

ס'איז אינטערעסאנט אז אינדערצייט וואס די יידן אין פראנצויזישן מאראקא האבן שפראכלעך זיך אסימילירט אויף אראביש, — זענען די יידן אין טעטואן די איינציקע, וועלכע האלטן זיך נאך אלץ ביי שפאניש אין זיין ריינער קאסטיליאנער פארם פון אמאל (נישט ביים מישלינג־לאדינא, ווי אנדערע ספרדים), און שטאלץ זענען די טעטואנער מיט זייער יידישקייט שוין צוליב דער טראדיציע פון דורות, וואס ווייסט וועגן צאלרייכן „קידוש השם" און קיינמאל נישט וועגן פאלן פון שמד. רייכע לעגענדעס און לידער זענען אפגעהיט געווארן פון די צייטן פון בלוטיקן קאליף מוליי עלאזיד (אין 1790), וועלכער האט גוזר געווען צו פארניכטן אלע יידן, אויב זיי ווען זיך נישט שמדן. טויזנטער זענען דאן אומגעקומען, קיינער האט זיך נישט געשמדט.

די איבערגעבליבענע על־פי־נס האבן איינגעשטעלט א ספעציעלן „טעטואן־פורים".

די קהילה אין טעטואן פארנעמט זיך שטארק מיט אירע ארעמע, פארגעסט נישט, אז 50 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאל מוזן אנקומען צו קצבה. איז פאראן א „חדר אוכל לבוגרים" (עס־צימער פאר דערוואקסענע), ווו הונדערטער יידן באקומען מאלצייטן צוויי מאל א טאג. און אויך א „חברה לאוכל לילדים", ווו דריי הונדערט קינדער באקומען מאלצייטן און א חברה צו שטיצן קראנקע מוטערס און א שטיצע פאר „הכנסת כלה".

אט האט איר אין א קליין פארווארפן ווינקל דעם גאנצן „קלאפערגעצייג" פון רחמנות און יושר, וואס האט דערמעגלעכט אונדזער עקזיסטענץ דורך די טויזנטער יארן גלותן.

אינגאנצן איז דער בודזשעט פון דער קהילה ארום פערציק טויזנט דאלאר א יאר, פון וואס א העלפט ווערט געדעקט דורך אויסלאנד און די צווייטע העלפט פון דריי הונדערט ארטיקע בעל־הבתים, וואס זענען אומשטאנד זיך צו ביישטייערן.

מען קלייבט נאך געלט פאר ישראל, אבער מען איז דאך אין א מוסולמענישן לאנד רעדט מען וועגן דעם ניט צופיל, — אבער פושקעס פון „קרן קימת" האב איך אליין געזען אין אייניקע בתי מדרשים.

שבת פּאַרנאַכט ברענגט מיך דער סעקרעטאַר פון דער קהילה — דער געבילדעטער ליאָן קוריאַט — אין געזעלשאַפטלעכן קלוב, וועלכער געפינט זיך אין אַן אייגענער געביידע אויסער דער „מעללא״. עס גייען מיט דער ראש־הקהל יעקב קאַריאַט און דר. כאַסינטאָ געביזון.

דאָרט זענען פאַרזאַמלט די דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און רייכע סוחרים, און כאַראַקטעריסטיש: אַלע כאַפּן זיך צום רויכערן, ווען די שטערנס באַווייזן זיך אויפן הימל.

„אָ, ניין! — שבת רויכערן מיר ניט!״ פאַרזיכערט יעדער פון זיי.

באַגעגעניש מיט אַ יידישן אַנטיקוואַר-
זאַמלער אין קאַסאַבלאַנקאַ

קאַסאַבלאַנקאַ. — פאַר מיר איז די שטאָט פאַרבונדן מיט זכרונות פון ערשטן וויזיט דאָרטן מיט 25 יאָר צוריק. פון דאַן אָן האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז כ'האָב ניט באַזוכט דעם פראַנצויזישן טייל מאַראָקאָ. פאַראַיאָרן בין איך געווען אין שפּאַנישן טייל, — אין טעטואַן. אָבער ביז דאַנען ניט דערפאָרן.

און זעט נאָר ווי פראַכטפול די שטאָט קוקט אויס. פּשוט ניט צו דערקענען. פון אַ פערטל מיליאָן איינוווינער איז זי אויסגעוואָקסן צו 600 טויזנט; פון אַ קאָלעקציע צעבראָכענע ליים־הייזער האָט אויפגעבליט אַ בוקעט פון ווייסע הימל־קראַצערס פון מאָדערנע פּאַלאַצן, פון אין פּאַלמען דערטרונקענע בול־וואַרן. ווייזט אויס, די פראַנצויזישע קאָלאָניאַלע הערשאַפט, אַן און פאַר זיך אויסנוצעריש און עגאָאיסטיש, — האָט דאָך אַ היפּש ביסל נוצן געבראַכט דעם לאַנד. יאָ, פראַנקרייך לאָזט איבער דער איצט זעלבסטשטענדיקער מאַראָקאָ, אַ גאָר פיינע ירושה. זאָל נאָר דער איצטיקער סולטאַן, מאַכמעד דער פינפטער און זיינע נייע מיניסטאָרן דאָס אַליין ניט פאַרטאַכלעווען.

בעת מיין ערשטן וויזיט איז דער זעלבער סולטאַן געווען אַ יונגערמאַנטשיק פון צוואַנציק יאָר, מיט וועלכן דער פראַנצויזישער רעזידענט אין ראַבאַט האָט אַליין געקאָנט טאָן.

איצט איז ער אַ געוועזענער מאַרטירער, אַ העלד פאַר זיין פאָלקס אומאָפּהענ־גיקייט. דער ביטערער קעגנער זיינער, דער „פּופּעט" פון די פראַנצויזן, — דער פּאַשאַ פון מאַראָקעש, איז נאָר וואָס געפאַלן צום סולטאַנס פיס און געקושט זיינע סאַנדאַלן.

אינגאַנצן מיט צוויי יאָר צוריק האָט דערזעלבער פּאַשאַ גלאַאואי געזאָגט: „נו, איצט קאָן איך שטאַרבן גליקלעך. מאַראָקאָ איז געראַטעוועט, דער סולטאַן — אַרויסגעטריבן".

אָבער דער סולטאַן איז צוריק אויפן טראָן. און דער פּאַשאַ? גראָד נעכטן האָט ער דעם סולטאַנס פיס געקושט און היינט איז ער שוין טויט. און ניט רואיק איז ער געשטאָרבן, — ער, דער רייכסטער און מעכטיקסטער פון די בערבערן־פירערס, — נאָר פאַרשעמט און — פאַרשפּילט.

אַ, ווי שנעל עס בייטן זיך איצט די געשעענישן אין אַפריקע. איינער פון די גרעסטע עקספּערטן פון דאָזיקן וועלט־טייל, — דזשאָן גאַנטער, האָט זיין קאַפּיטל איבער מאַראָקאָ אין נאָר וואָס פּובליקירטן „בעסט־סעלער“ פאַרענדיקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

„אַנדערע עקספּערטן גלויבן, אַז מאַראָקאָ וועט פריי ווערן אין פינף יאָר, אַנדערע מיינען — אין צוואַנציק. איך אָבער פיל, אַז מאַראָקאָס באַפרייאונג וועט קומען נאָר אַלס רעזולטאַט פון גאָר אַ גרויסער געשעעניש, צום ביישפּיל פון אַ נייער וועלט־מלחמה“.

דאָס האָט דער גוטער עקספּערט גאַנטער געשריבן ענדע פון 1954 און זיין בוך איז ניט לאַנג צוריק פּובליקירט געוואָרן.

אין אָט זעט איר דאָך! מאַראָקאָ איז געוואָרן אומאָפּהענגיק אין אַ יאָר אַרום נאָך די דאָזיקע נביאות און — אָן אַ וועלט־מלחמה.

עס שיינט מיט בלויען מאַרמאָר דער אַזוי מאָדערנער „מאַראַבאַ־האָטעל“, וועלכער באַזיצט מער לוקסוס ווי דער וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ אין ניו יאָרק, און עס שימערירט מיט דער ווייסקייט פון די מאָריטאַנישע שפּיצן דעם סולטאַנס פּאַלאַץ.

אַן אונינפאָרמירטער תושב, וועלכער פירט מיך אין אַן אויטאָמאָביל אַרום שטאָט, דערציילט:

„ווי איר ווייסט, וווינט דער סולטאַן אין ראַבאַט. און ס'איז מערקווירדיק ווי ער, — אַ מאָדערנער מענטש, — האַלט זיך נאָך אַלץ מיט זיין האַרעם. די צוויי געזעצלעכע ווייבער און די איבער צוואַנציק פּילגשים, מיט וועלכע ער האָט זיך געשלעפּט הין־און־צוריק אין ווייטן מאַדאַגאַסקאַרער גלות. ווי האָט ער צייט פאַרביידע זאַכן: פאַר רעוואָלוציעס און פאַר אַ פאָר טוץ ווייבער?“

מיין פירער איז אַ ייד אין די זיבעציקער, — גיי דערקלער אים דעם שכל...

מיט 25 יאָר צוריק האָב איך איינגעשלאָסן אין מיין רייזע איבער קאַסאַ־בלאַנקאַ דעם מערקווירדיקסטן פּדאָסטיטוטן קוואַרטאַל אין דער גאַנצער וועלט: דעם „בוזביק“ מיט זיינע עלף טויזנט איינוווינערינס, וועלכע זיינען דאָרט געווען איינגעשלאָסן ווי אין אַ „געטאָ“ און ביי די טויערן איז געשטאַנען אַ גוואַרדיע־וואַך פון סולטאַן. מיין פרוי איז געווען געקליידעט אַלס מאַנסביל און געפירט האָט אונז טורש, דער אָרטיקער זשורנאַליסט.

איצט אָבער האָב איך דעם דאָזיקן קוואַרטאַל דורכגעלאָזן, ווייל פאַרביי־פאַרנדיק האָט מען מיר דערקלערט, אַז אייגנטלעך, האָט זיך דאָרטן גאָרניט געענדערט במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט, גאָרניט אויסער דעם פּרויען־מאַטעריאַל גופא.

און אַט בין איך אין אָפיס, וווּ מאַראָקאַנער יידן רעגיסטרירן זיך פאַר עמיגראַציע קיין ישראל. די אַרבעט גייט צו מיט אַ קאָנצענטרירטן ערנסט און מיט אַ טיפן באַוווּסטזיין, אַז די טוויזנט־יעריקע „אכסניא״, וואָס הייסט „מאַראָקאָ״, ענדיקט זיך פאַר אַ גאַר באַדייטנדן טייל פון די מיליאָן איינ־וווינער.

נאָך דעם — אַ וויזיט אין אָפיס פון „דזשאָינט״, ווּ איך האָב זיך נאָך לאַנגע יאָרן צעשיידונג, באַגעגנט מיט מיין יוגנט־פריינד י. קליינבוים דער וויצע־דירעקטאָר פאַר מאַראָקאָ. אַ בילד שיינט אויף פאַר מיינע אויגן: הדייסיק יאָר צוריק אין שטעטל ראַדזין, לעבן שעדלעץ, אין הויז פון דאָרטיקן ציוניסטישן פירער קליינבוים, באַקען איך זיך מיט צוויי יונגע גימנאַזיסטן: זיינע זין. דער עלטערער, — משה, — איז געווען שפּעטער מיין רעדאַקציע־קאָלעגע אין וואַרשעווער „היינט״. אָבער איך בין געווען „לינקער״ אַלס מיטגליד פון התאחדות און ער איז געווען דאָס „ווּנדער־קינד״ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. איצט איז ער משה סנה... זיין ברודער אין מאַראָקאָ איז נאָך אַלץ דער פאָלסי־רענדער, וואַרעמער „טאַטנ׳ס קינד״ — דער ציוניסט. בעט ער מיך, איך זאָל איבערגעבן אין ישראל זיין גרוס דעם ברודער, דעם „סנה״ אין דער פאַמיליע. אַ „רויטער״ ברודער, — דאָך אַ ברודער...

מיט צען טעג שפּעטער אין ירושלים, אין כנסת, קומט פאָר מיין באַגעגעניש מיט משה סנה. ס׳פאַרשווינדט פלוצלינג דער „אייזערנער פאָרהאַנג״, וואָס טיילט אונדז אָפּ. ס׳לעבט אויף יענע נאַכט ביים נאַפט־לאָמפּ אין ראַדזין, ווען אין זיין טאַטנס שטוב דינג איך די פור, וועלכע וועט אונדז ברענגען קיין קאָצק. זיין ברודערס גרוס פון וויטן מאַראָקאָ העלפט אויף פייכט מאַכן די אויגן פון היינטיקן „האַרט־געקאָכטן״ און וואַרשיינלעכן קאָמוניסטן־פירער.

און ביים געזעגענען זיך פרעג איך אים: „איז רעכנט איר, וועט מען אייך אַריינלאָזן אין אַמעריקע?״

משה סנה פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע און מיט אַן איראָנישן שמייכל אין זיינע קלוגע אויגן ענטפערט ער:

„אין דריי, — ניין, — אין פינף יאָר אַרום״.

„סיידן איר וועט בייטן אייער פאַרב״, רעאַגיר איך.

„ניין, איך מיין אַז צו יענער צייט וועט אַמעריקע איר פאַרב בייטן״.

פאַרנעפּלט ביז גאָר זיינען די נשמה־טיפענישן פון פאַנאַטיקער.

* *

*

אין סאַלאָן פון מארהאבא האָטעל טרינק איך טיי מיט אַן אַלטן קאַטוילישן מיסיאָנער, וואָס פאָרט צוריק קיין רוים. זיין טעטיקייט־געביט איז געווען אין סענעגאַל. אין זיין טראָפּיקאַלישן העלם און גרוי־פאַרשטויבטן כאַלאַט זעט ער אויס ווי ער וואָלט נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַ מלחמה.

„איז ווי גייען די מיסיאָנערישע ביזנעס פּאָטער?״

„אַ ערגער פון טאָג צו טאָג, מיין זון. מען קען דאָך ניט קאָנקורירן מיט די שליחים, וועלכע די מאַכמעדאַנער שיקן צו די ווילדע אַפריקאַנער אין די ווייטע געגנטן. יענע קומען מיט אַ גרינגער סחורה. הייסן זאָגן דריי מאָל „אַללאַהאַ איז אַללאַהאַ און מחמד איז זיין נביא״, — און שוין. דער געצנדינער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַכמעדאַנער. דערצו זאָגט מען אים צו אַ „יענע וועלט״ פול מיט בתולות פאַר די, וואָס וועלן דאַווענען פינף מאָל אַ טאָג. און ער איז ניט מחויב צו גיין אין מעטשעט: דער גאַנצער „דאַווענען״ קען פאָרקומען דורך בוקן זיך אין שטוב אָדער אפילו אינמיטן גאַס אין דער ריכטונג פון מעקאַ...

„אָבער מיר דאַרפן דאָך דעם געצנדינער „פאַרקויפן״ די „דריי־איינקייט״: דעם „פאָטער״, דעם „זון״ און דעם „הייליקן גייסט״. דאָס שווערסטע איז מיטן „הייליקן גייסט״. די געצנדינער גלויבן אין אַזוי פיל גייסטער, אַז עס איז פּשוט שווער צו הייסן אים אויסקלייבן נאָר איינעם. נו, לאָזט מען אַראָפּ פון פרייז... מאַכט מען לייכטער דעם רעליגיעזן יאָך. דערלייגט מען צו דעם אַביסל מעדיקאַמענטן, אַ פּאָר סאַנדאַלן פאַר די, וואָס גייען אין קירכע. נעמען זיי די מעדיצינען און די סאַנדאַלן און ווערן ווידער געצנדינער אָדער גאָר מאַכ־מעדאַנער. ניין! פאַר אַזאַ מענטשן ווי איך, וועלכער איז אַ טרייער קאַטאָליק, איז איצט ניטאָ וואָס צו טאָן אין אַפריקע. שלעכטע צייטן געקומען פאַר דער מיסיאָן.

* * *

פרייטיק־צו־נאַכט בין איך אין דעם גאַסטפריינטלעכן הויז פון דעם מערקווירדיקן לאַנדסמאַן ז. שולמאַן. פאַרשטייט זיך אַז שולמאַן, איז קיין געבאָרענער מאַראָקאַנער, נאָר אַן אונדזעריקער, פון מזרח־אייראָפּע, וועלכער האָט זיך אין משך פון לאַנגע יאָרן דערשלאָגן צו עשירות און כבוד. ער איז איינער פון די גרעסטע מעבל־פאַבריקאַנטן אין קאַסאַבלאַנקאַ. באַזיצט אויך אַ לוקסוס האָטעל; דערצויגן אין יידישקייט אַ פיינע פאַמיליע, פון וועלכער דער גרעסטער טייל, לעבט אין פאַריז. ארום זיין שבתדיקן טיש שיינט נאָך די שכינה פון דער אַלטער היים. פאַראַן אויך אַנדערע און בכבודיקע יידן אין מאַראָקאָ, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געווידמעט זיין לעבן פאַר זאַמלען קונסט און פאָלקלאָר, וואָס האָט אַ שייכות מיטן לעבן און געשיכטע פון מאַראָקאַנער יידן. ז. שולמאַן עפנט פאַר מיר זיינע צימערן וועלכע זיינען אָנגעשטאָפּט מיט אַ שלל פון זעלטענע קליידער, צירונג, בילדער, אַ קאָלעקציע, וואָס איז ווערט צו באַשיינען דעם

גרעסטן מוזיי. איר געפינט דאָ פּאַרביקע שווערזיידענע קליידער, גאָלדענע און זילבערנע שטערן־טיכלעך, בראָנזאָלעטן אויף די הענט און די פּיס, מנורות און מזוזות, קמיעות און מגילות.

ז. שולמאַן, כאָטש שוין נאָענט צו זיבעציק (ער אַליין זעט אויס פּיל יינגער און האָט אַדאַפּטירט דעם פראַנצויזישן אַפּעטיט צום לעבן, מאָדערנע טענץ איינשליסלעך), פּאַרט אַרום אין די ווייטסטע דערפער ווו יידן לעבן. דאָרט, צופוסנס פון די אַטלאַס־בערג, האָבן זיך אויפגעהאַלטן קהילות מיט אַ לעבנס־שטייגער פון די צייטן, ווען דער יונגער רמב״ם מיט זיין פאָטער האָבן געוואַנדערט צווישן זיי.

ביז גאָר ניט לאַנג זיינען יענע בערבערישע יידן (ניט צונויפמישן מיט די יידן, וואָס זיינען מיט פינף הונדערט יאָר צוריק געלאָפן פון שפּאַניע) געוואָרן לייבקנעכט פון די פּאַשאַס און קאַאידס. זייער צוגעבונדנקייט צו דער אוראַלטער טראַדיציע פון אונדזערע אָבות האָט זיי געקאָסט בלוט און קייטן. זייער לעבן איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן לעבן פון זייערע אָרעמע שכנים, די בערבערן, וועלכע האָבן אויך געשקלאָפט ביי די איסלאַמישע הערשער.

אַט די אוצרות פון אַ טויזנטיעריקן לעבנס־שטייגער אַנטדעקן זיך פאַר מיר אין די מוזיי־צימערן פון מיין גאַסט־געבער.

איך ווייס... איך ווייס... זיי וועלן דאָ ניט בלייבן. זיי מוזן געפינען זייער פּלאַץ אין אַ נאַציאָנאַלן עטנאָגראַפישן מוזיי אין ישראל.

איך פּרוביר אָנשטעקן ז. שולמאַנען מיט מיין וויזיע.

אין אַ גרויסן פּאַנטעאָן, ערגעץ ווו אין ישראל, וועלן מיר שפּאַצירן איבער סאַלאָנען, ווו וואַקסענע פיגורן וועלן ווידעראַמאָל אויפלעבן די שטריימלדיקע יידן פון גאַליציע און די אין טשערקעסקעס טאַנצנדיקע ברידער פון וויטן קאַווקאַז, די בראָנזענע „בני ישראל" פון אינדיע און די שוואַרצע פאַלאַשן פון אַביסיניע, די איבערבלייבענישן פון דער אינקוויזיציע, — די אינדיאַנער פון מעקסיקאָ, — און די געלע יידן מיט צעפּ פון הינטער דער כינעזישער וואַנט. און דאַן: די דעקאָראַטיווע שבטים אונדזערע פון מאַראָקאָ, אַלזשיר, טוניס... אַט מיט דער רייכער שולמאַן קאָלעקציע פון קליידער און צירונג וועלן מיר באַפּוצן די וואַקסענע פיגורן אין יענעם נאַציאָנאַלן מוזיי, וועלכער וועט פּאַראייביקן דעם פאָלקלאָר פון אונדזערע אַפריקאַנער גלותן.

פריינט ז. שולמאַן איז מסכים. ערגעץ ווו אין זוניקן קאַסאַבלאַנקאַ איז היינט געבאָרן געוואָרן אַ פריינטשאַפט, וועלכע וועט אַ תיקון געפינען אין מיין ישראלדיקער וויזיע.

באַזוך ביי יידן אין טאַנזשיר

טאָלעדאָ איז אַ שטאָט אין שפּאַניע מיט אַ גרויסן אַלטן יחוס, אַ שטאָט איינגעוויקלט אין חלומות פון פאַרגאַנגענהייט. אירע גאַסן פול מיט פּאָעטישע זכרונות, מיט הייזער, ווו ס'האָבן נאָך געלעבט די ראָמאַנטישע „סעניאָריטאַס" אונטער וועמענס פאַרגראַטעטע פענצטער, ריטערישע „הידאַלגאָס" האָבן ליבעס־לידער געזונגען באַגלייט פון מאַנדאָלינעס.

טאָלעדאָ איז אַ שטאָט, ווו פּופּציק טויזנט יידן האָבן מיט 500 יאָר צוריק געלעבט, מיט באַרימטע רבנים, פּאָעטן, מלוכה־מענטשן און מיליטערישע העלדן. האָט זיי די אינקוויזיציע פאַרניכטעט, אָדער אַרויסגעטריבן, די הייזער צו פרעמדע איבערגעגעבן, דאָס רייכטום פאַר דער קירכע קאָנפיסקירט און אירע פּרעכטיקע בתי תפילות אין קלויסטערס פאַרוואַנדלט און אויף די שפּיצן פון זייערע דעכער ברענען מיט זון באַלויכטן גאָלדענע צלמים.

וועגן מיין באַזוך אין טאָלעדאָ און אירע אַמאָליקע סינאַגאָגעס, די הייזער פון דעמאָלטדיקע יידישע גדולים — נו, און אין פעסטונג אַלקאַזאַר, מיט גענעראַל פראַנקאָס לעגענדעס באַפּוצט, — וועל איך באַזונדער דערציילן.

אָבער איצט פאָלגט נאָך מיין געמיט: איך פאַרלאָז די מאַרמאָרנע קאָלאָנעס פון דער קירכע סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ (די הייליקע ווייסע מערי) און וויים, אַז דאָס איז מיט פינף הונדערט יאָר צוריק געווען די גרויסע שול פאַר די יידן פון טאָלעדאָ, ווו טויזנט פון זיי האָבן געקענט דאַוונען פאַר אַמאָל. ס'באַגלייטן מיך קירכע־גלאָקן און — טויטע שאָטנס פון שטאָלצע שפּאַנישע יידן, וואָס האָבן זיך דאָ אין תפילות געשאָקלט. די אינקוויזיציע האָט זיי פאַרניכטעט, פאַריאָגט. נישטאָ...

און נאָך אין זעלבן אָוונט, מיט זעקס שעה שפּעטער, געפין איך זיך אין דער שטאָט טאַנזשיר, שוין אין אַפריקע, ווו די „שאָטנס" פון טאָלעדאָר שול האָבן זיך אין ביינער, פלייש און בלוט פאַרקליידעט און ווידער לעבעדיק געוואָרן, ווי אין יחזקאלס נביאישער וויזיע. און זיי שאָקלען זיך אין אַ תפילה, אין דערזעלבער תפילה, וואָס איז מיט מער ווי פינף הונדערטער יאָר צוריק אַזוי גרויזאַם איבערגעריסן געוואָרן. און די דאָזיקע ווירקלעכקייט

האָט געשאַפן אַ ייד מיטן פאַמיליען־נאָמען טאָלעדאַנאָ, — אַן אור־אייניקל, הייסט עס, פון יענע טאָלעדער ארויסגעטריבענע, וועלכע די קירכע־גלאָקן האָבן היינט נאָך אומעטיק אָפּגעשריבן אַלס „נישטאָ״...

פון טאָלעדאָ ביז טאָלעדאַנאָ, ביז זיין ישיבה, וואָס דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער יונגערמאַן האָט אויפגעבויט פאַר מאַראָקאַנער קינדער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער שטאָט טאַנזשיר.

ווילט איר זאַכן נעמען ריין טוריסטיש, — אָט האָט איר פאַר זיך באַזונדער די מוזיי שטאָט טאָלעדאָ און גאַנץ באַזונדער די פּאָרט־שטאָט טאַנזשיר, — די ווייסע צעשליידערטע, צעלאָזענע שיינהייט אויף די בערגלעך, וואָס עפענען דעם אַפריקאַנער קאָנטינענט גלייך אַנטקעגן דעם ריזיקן גיבראַלטאַר שטיין.

ווילט איר זיי אָבער נעמען — ווי איך טו דאָס — מיטן מיסטישן זין פון דורות, באַזירט אויפן פיזישן געזעץ, אַז קיין סובסטאַנץ ווערט אין דער נאַטור ניט פאַרלוירן, דאַן זעט איר, ווי די געפּייניקטע שאָטנס פון טאָלעדאָ האָבן זייער תיקון געפונען אין דער ישיבה פון טאָלעדאַנאָ, כאָטש ער אַליין, דאָס ווייטע אור־אייניקל פון די גדולי־ספרד באַגרייפט דאָס נאָך ניט אפשר אַליין.

נאָך מיט קרוב דרייסיק יאָר צוריק האָב איך אַריינגעשפּאַנט קיין טאַנזשיר ווי דורך אַ טיר צו גאַנץ מאַראָקאָ. אויך דאַן בין איך געקומען פון שפּאַניע, ווו כ׳האָב צווישן אַנדערע באַזוכט די אַמאָליקע יידישע זכרונות־מצבות אין סעווילליאַ, מאַלאַגאַ, קאַדיקס און גראַנאַדאַ. יאָ, אין דער לעצטער שטאָט האָב איך אַ פּאָר שטילע קללות אַריינגעשעפּטשעט אין דער זילבערנער חופה, אונטער וועלכער עס ליגן די ביינער פון דער קעניגין איזאַבעלאַ, דער פאַרפלוכטער (אָבער „הייליקער״ בלע״ז...).

כ׳האָב מיטגענומען אין מיין ברויזנדן, דאַן יונגן געמיט, דעם טיפן גלויבן, אַז ערגעץ ווו זיינען דאָך ווידער אויסגעוואַקסן די אויסגעריסענע וואָרצלען פון אונדזער פעלד. כ׳האָב שפּעטער געפונען אַזיסן פון יידישקייט אין די אַלטע מאַראָקאַנער שטעט, דורך וועלכע דער רמב״ם האָט געוואַנדערט און דער אַלפסי האָט געלערנט.

טאַנזשיר איז נאָך דאַן געווען אַ מיאוסער אָרעמער פּאָרט אויפן פּאַלמען־ברעג פון אַ בלויען ים.

איצט דערקען איך נישט די שטאָט. די מלחמה־יאָרן, ווען זי איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער צענטער פון האַנדל, שמוגל און שפּיאָנאַזש האָבן געשאַפן אַ נייעם קלאַס גבירים מיט פּראַכטפולע ווילאַס און גערטנער צעוואָרפן אויף די טעראַסן פון די בערג, ווי אויף ריזיקע טרעפּ, מיט לוקסוס־הייזער פון מאָדערנסטן פאַרנעם, מיט באַנקן, געשעפטן, קאַבאַרעטן און די טייערסטע אַמעריקאַנער אויטאָמאָבילן.

אויפן פלי־פעלד דערוואַרט אונדז אין גאָלדענעם פאַרנאַכט אונדזער פריינד אַלבערט ריינהאַרד, אַמאָל האיאַס דירעקטאָר אין אייראָפּע, וועמענס ברודער האָט אַזוי גלענצנד פּאַרטיידיקט לעאָן בלום אין ווישי געריכט.

מיר פאָרפאָרן אין על־מינזאה האָטעל, אַ מאָריטאַנישע קאָמפּאָרט געביידע מיט גערטנער אַרומגערינגלט, ווו פאַרביקע לאַמטערנעס פאַרוואַנדלען די אַנקומענדע טונקלקייט אין פאַנטאַסטישער אַראַבישער נאַכט מיט קאַקטוסן און פאַלמען דורכגעפלאָכטן.

אין דעם האָטעל דרייען זיך אַראַבער אין גאָלד־אויסגענייטע כאַלאַטן, קאַלטע ענגלענדער מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן, צעבראַסטעטע פראַנצויזן מיט קאַלאַקאַטקעס אין מויל און לוקסוס־קאָקאָטעס אין מינק און שענשיל, באַגלייט מיטן אייביק יום־טובדיקן, אינטערנאַציאָנאַלן „זשוליאָ״.

„מילא, דאָס האָב איך שוין אַלץ געזען. ווייזט מיר עפּעס, פריינט, אַזוינס, וואָס קאָן שטילן דעם אומעט פון די שאָטנס, וועלכע איך האָב היינט פרי מיטגענומען פון טאָלעדאָ״, האָב איך געזאָגט.

רופט זיך אָן רפאל שפּאַניען:

„און וועגן טאָלעדאַנאָס ישיבה אין טאַנזשיר האָט איר עפּעס געהערט? קאָן דען זיין עפּעס מער צוגעפּאַסטער צו קומען פון דער אויסגעטריקנטער טאָלעדאָ צום לעבעדיקן קוואַל פון טאָלעדאַנאָס ישיבה? און טאַקע באַלד, ובזה הרגע, ווען מיר וועלן נאָך אַריינכאַפּן דאָרטן אַ מעריב אויך״.

ווער איך שוין גאָר ענטוזיאַסטיש: „וואָס, אַ ישיבה אין טאַנזשיר, און געגרינדעט פון טאָלעדאַנער? דאָס וועט ווירקלעך זיין דער אַנטי־קלימאַקס צו די אינקוויזיציע־אַשעס, וואָס האָבן פאַרשטויבט היינט די פאַלדן פון מיין נשמה״.

טעלעפאָנירט אַלבערט ריינהאַרט ערגעץ ווו. ליידער איז טאָלעדאַנאָ אַליין אין קאַסאַבלאַנקאַ, אָבער דער ראש־ישיבה וועט זיין גליקלעך אונז באַלד אויפנעמען.

פאָרן מיר איבער די באַלויכטענע און טומלדיקע גאַסן פון טאַנזשיר, וועלכע האָבן אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר אַראָפּגעוואָרפן די אַראַבישע אַבאַיע און יידישע פּעלערינע מיטן קאַפּושאָן און פאַרביטן עס אויף לייכטע אייראָפּעישע קליידער.

און אָט איז אַ בראַנד־נייע ווייסע געביידע. און אָט באַגעגנט אונדז אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאָנד, פיין צוגעפּוצטער באָרד. דאָס איז הרב ז. וואַלטנער, אַן ענגליש־אונגאַרישער אָרטאָדאָקסישער עסקן. ער איז דער ראש־ישיבה. צוזאַמען מיט אים גיבן מיר אָפּ „שלום״ זיין געהילף, הרב ליפּע ראַבינאָוויטש, אַמאָל פון מאַנטשעסטער, וועמענס פאָטער איז ר׳ גדליה, דער מחבר פון ספר „גדולי הקודש״.

מיר זענען אין אַ ביבליאָטעק ארומגערינגלט מיט ש״ס׳ן און אַנדערע ספרי־קודש. דורך די גראַמע ווייסע קאָרידאָרן דערטראָגן זיך די שטימען פון די ישיבה־תלמידים, וואָס ענדיקן זייער מאָלצייט און מען וועט באַלד דאַווענען מעריב.

אויף דער וואַנט הענגט דאָס פּראָגראַם פון לימודים, וועלכע אַנטהאַלטן גמרא, פּוסקים, תנ״ך, — אָבער אויך מאַטעמאַטיק, ליטעראַטור, געאָגראַפיע, געשיכטע.

איננאַנצן איז די ישיבה אַלט צוויי יאָר און זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ פּלוצלינגן דראַנג פון אַ יונגן, ביז דאַן פולשטענדיק אַסימילירטן ארכיטעקט, שמואל טאָלעדאַנאָ, — עפּעס שאַפן פאַרן אונטערוואַקסנדן דור מאַראָקאַנער יוגנט. אונטערן איינפלוס פון ליסבאָנער פּראָפעסאָר בן־אוליעל איז דער ביז־איצטיקער דערפאָלגרייכער ארכיטעקט געוואָרן אַ פולשטענדיקער בעל־תשובה. ער לערנט טאָג און נאַכט חסידיזם, קבלה, די פילאָזאָפיע פון יידישקייט. די אויגן האָבן זיך אים אויך געעפנט אויפן עלנד פון זיינע ברידער אין די „מעללאַס״ (געטאָס) פון מאַראָקאָ, זייער פינסטערע עם־הארצות. ער האָט דערפילט, אַז די פרומקייט זייערע אָן וויסן, אָן תורה איז פּרוכטלאָז און וועט ברענגען צו גייסטיקער אויסראָטונג.

האָט טאָלעדאַנאָ צוזאַמען מיט זיין ברודער זיך גענומען בויען אַ ישיבה. ניט נאָר געלט געגעבן, נאָר ממש אַליין געפּלאַנעוועט, געבויט טאָג און נאַכט. אין משך פון פינף חדשים איז אָט די געביידע אויפגעוואַקסן, ווו תורה לערנען די רבנים וואַלטנער און ראַבינאָוויטש און די וועלטלעכע לימודים — לערער פון אָרטיקע מיטל־שולעס. דאָס סיסטעם פון יידישע לימודים איז, ווי מען אינפאָרמירט מיך, דאָס זעלבע ווי אין דער מירער ישיבה. ס׳ווערט אויך געלערנט מוסר על פּי נוסח ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

איצטער זיינען דאָ פאַראַן ארום אכציק תלמידים: איין דריטל פון טאַנזשיר גופא, די איבעריקע פון קאַסאַבלאַנקאַ, פעז, מאַראַקעש און פון אַנדערע שטעט אין פראַנצויזישן מאַראָקאָ.

און אָט זיינען די קינדער: יינגלעך פון 14 ביז 17 יאָר אַלט. אייראָפּעאיש געקליידעט, דערמאָנען זיי נאָר מיט די פייערדיקע אויגן און עטוואָס טונקעלער הויט די קינדער, וועלכע כ׳קען פון די אפריקאַנער געטאָס.

מיר גייען אריין אין שול. מען שטעלט זיך דאַווענען מעריב.

לאַנג, לאַנג וועט מיר נאָך בלייבן אין זכרון די געוואַלטיקע התלהבות, מיט וועלכער די קינדער האָבן געדאַוונט. זייער שאָקלען זיך אין עקסטאַז האָט טאַקע דערמאָנט דאָס דאַווענען אין דער טייערער מירער ישיבה אין יענעם

ווינטערדיקן אָוונט, ווען כ׳האָב זי באַזוכט (און אויך באַשריבן) אין יאָר 1924. און הלוואי, הלוואי זאָלן אַט פון דער גרופּע דאַוונענדיקע אַרויסקומען כאָטש טיילווייז אַזעלכע לומדים און גדולי תורה, ווי ס׳האָט אַרויסגעגעבן יענער „קלאַס פון 1924”, וועלכן כ׳האָב נאָך באַגעגנט אין שטאָט מיר.

כ׳האָב געפּרוּווט אָבסערווירן פיל פון די שאָקלענדיקע און דאַוונענדיקע קינדער אינדיווידועל: אַזאַ פּייער, אַזעלכע נענועים און אויסגעשרייען איז מען נישט געוווינט געווען צו זען אין מאַראָקאַנער, אָדער איבערהויפּט אין ספרדישע שולן. דאָס איז אַן איבערגעפּלאַנצטער „נוסח מיר”, אָדער סלאָבאָדקע, אָדער, אויב איר ווילט: אַזאַ מעריב האָב איך גאָר געזען אין גערער רבינ׳ס קלויז בשעתו. אויך דאָ, ווי דאָרטן, האָט ער מיר אויסגעזען נאַטירליך. שוין זשע איז צוויי יאָר גענוג אַז די אַמאָליקע זוימען זאָלן זיך אַזוי לייכט און פּרוכטבאַר אָננעמען דאָ אויף דער ווייטער, פרעמדער מאַראָקאַנער ערד?

נו, גוט! איצט פאַרשטייט איר שוין: אין דער פרי נאָך פון זעלבן טאָג האָט זיך מיין הארץ פאַרקלעמט, ווען דער קירכע־גלאָק האָט זיך צעקלונגען איבער דער אַמאָל אַלטער שול אין טאַלעדאָ. און גערוכט האָט זיך מיר, אַז די דאַוונענדיקע דאָרט שאָטנס האָבן זיך פאַרשעמט און צעלאָפן. איצט געפין איך זייערע אור־אייניקלעך אין פלייש און בלוט געקליידעט, צאַפּלדיק און לעבעדיק, האָפענדיק און די גאולה דערוואַרטנדיק אין דער טאָלעדאָנער ישיבה אויף גלות־סטאַנציע טאַנזשיר...

זיי רעדן שוין צווישן זיך עברית. אין די אַלטע היימען האָט מען גערעדט יענעם אַראַבישן „זשאַרגאָן”, וואָס איז געווען געמישט מיט שפּאַניש, פראַנ־צויזיש און העברעאיש.

אין זייערע אַלטע היימען איז געווען דומפּיג און ענג און הונגעריק. דאָרט אין די שמאָלע דריישטאָקיקע געטאָ־הייזער, איינגעקוועטשט אין די מעללאָ־ווענט, וווינען אין איין צימערל דער טאַטע, די מאַמע מיט זייערע אַכט אָדער צען, אָדער מער, קינדער. מען יאָגט אין באַרימטן מאַראָקאַנער „חדר”, ווו נאָך איצט הערשט דער קאַנטשיק, די אומוויסנהייט. די טראַכאָמע און דער הונגער. אין די אַלע חדרים נעסטן אויך היינט אַרום 50 טויזנט יידישע קינדער. לויפן די קינדער איבער די גאַסן אָפּגעריסענע און שמוציקע, כאַפּן עפּעס אַ פּאַרדינסטל, טראָגן צו אַ פּעקל אָדער כאַפּן ערגעץ אַ „טאָמייטאַ” פון אַ פרעמדן זאַק אין מאַרק.

ס׳איז גוט, וואָס סיי די אַליאַנס, סיי דער דזשאָינט און סיי די ליובאַוויטשער ישיבה, ווי אויך הרב אברהם קאַלמאַנאָוויטש, דער פּרעזידענט פון די מירער, האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו מאַראָקאָ. מ׳רעדט דאָ פון זיי מיט גרויס פּיעטעט. אַ גרויסע „הכשרה” איז נויטיק פריער, אפילו ווען מאַראָקאַנער יידן זאָלן אימי־גרירן קיין ישראל.

קוק איך דעריבער מיט אזוי פיל פּאַטערלעכער ליבע אויף די דאָזיקע אַכציק, וועלכע מען האָט אַרויסגעצויגן פון די פינסטערע געטאָ־זעק. כ׳זע זייערע צימערן. זיי שלאָפן דאָך אַלע אויף ציכטיקע בעטן און אַזעלכע זיינען גאָר אינגאַנצן ניט געוועזן אין די אַלטע היימען. כ׳זע זייערע שפּייזן. מען גיט זיי עסן, דריי מאָל אַ טאָג, און דאָס אַליין איז דאָך ווי אַ נס פאַר אָט די קינדער, פאַר וועלכע ס׳איז שטענדיק געהאַנגען די פראַגע: „וואָס וועלן מיר עסן מאָרגן?".

און די יונגע שטימען צעגיסן זיך אין אַן ענטוזיאַסטישן כאָר, וואָס שליסט די תפילה, מיט „עלינו לשבח": מיר דאַרפן „לויבן און דאַנקען" פאַר אַלץ: פאַר דעם ליכט פון לערנען, פאַר די ליכטיקע זאַלן, פאַר די ביידע רבנים וואָס זיינען דאָ לכתחילה „נתגלגל" געוואָרן, זיך פאַרוואַלגערט אין ווייטן טאַנזשיר, — און זיינען גאָר איצט „נתגלה" געוואָרן, זיך ווידער אַנטדעקט אַלס לערער און דערציער, — עלינו לשבח — מיר דאַרפן לויבן און דאַנקען פאַר דעם געטלעכן פונק, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין ניט לאַנג אַסימילירטן טאַלע־דאַנאָ, וועלכער האָט צום לעבן געבראַכט אָט די נייע אכסניא פון יידיש וויסן.

און אפשר איז דער דאָזיקער פונק אַן איבערבלייבעניש פון אַן אויטאָ־דע־פע, — אַ שייטער־הויפן, אויף וועלכן די אינקוויזיציע האָט געברענט די אור־עלטערן פון די טאַלעדאַנאָס אין דער שטאָט טאָלעדאָ? אַ פונק, וואָס האָט זיך געטראָגן גאַנצע פינף הונדערט יאָר איבער הימלען, כדי אָנצוצינדן אַ נייעם פאַקל פון יידישקייט צווישן פאַרלאָזענע קינדער?

אויף אַ שמחה אין ליבעריאַ

ווען כ'בין געפֿלויגן אַרום אַ האַלב פּונעם ערד־קוגל, בכדי בייצווויין, אויף דער איינשווערונגס־צערעמאָניע פֿון פּרעזידענט וויליאַם טובמאַן אין מאָנראָוויאַ, האָב איך זיך ניט גערעכנט, אַז איך וועל דאָרט טרעפֿן אַזש פֿערציק ספּעציעלע דעלעגאַציעס פֿון אַלע וועלט־טיילן.

און ווירקלעך: וואָס פֿאַר אַ מאַגנעט האָט זיי געצויגן, — די ענגלענדער און די שוועדן, די אַמעריקאַנער און די בעלגיער, די רוסן און די אַראַבער, די שוואַרצע פֿון גאָלד־קאָאַסט און די בראָנזענע פֿון אינדיע, ווי אויך דעם בלאָנדן אַמבאַסאַדאָר פֿון ישראל, — זיך צוזאַמענפֿליען (מיט שיפֿן וואָלט דאָס גענומען מאָנאַטן גאַנצע) אין קליינעם לענדל ליבעריאַ מיט איר דריטהאַלבן מיליאָניקער באַפֿעלקערונג, — אין דער אַזוי פּרימיטיוו־באַשיידענער הויפּט־שטאָט מאָנראָוויאַ, מיט אירע קוים פֿערציק טויזנט איינוווינער, — כדי פֿאַרברענגען אַ גאַנצע וואָך אין אומגעוויינלעכע פֿייערלעכקייטן, ווו דער צילינדער־הוט האָט זיך געמישט מיט די האַלב־נאַקעטע אור־שבטים פֿון דזשאָנגל?

במשך פֿון די צען טעג, וואָס כ'האָב פֿאַרבראַכט צווישן אָט דעם אומוואַר־שיינלעכן צונויפֿגעלאַף פֿון פֿעלקער־קאַדריל, האָב איך די תשובה געפֿונען:

ליבעריאַ איז ביים איצטיקן מאָמענט די איינציקע סוווערענע נעגער־רעפּובליק אויפֿן אַפֿריקאַנער קאָנטינענט. זי איז אַ מיטגליד פֿון די פֿאַריייניקטע נאַציעס, עקזיסטירט שוין זעלבסטשטענדיק מער ווי הונדערט יאָר און האָט די גאַנצע צייט געדינט אַלס ביישפּיל פֿאַר אירע שכנים, וועלכע האָבן געשקלאַפֿט, — אָפּטמאָל בוכשטעבלעך, — אונטער פֿאַרשידענע קאָלאָניאַלע רעזשימען. זי האָט געזוכט איר אייגענעם וועג, — ספּעציעל אין די לעצטע צוועלף יאָר, — ווען טובמאַן איז געוואָרן איר פּרעזידענט, — אַ געבילדעטער שטאַרקער מענטש מיט אַ פֿעסטער איבערצייגונג ניט צו לאָזן קיין אַנדער מלוכה, — אַפֿילו ניט די פֿאַריייניקטע שטאַטן, — זיך צופֿיל מישן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פֿון זיין לאַנד.

דער רעגירנדער קלאַס אין ליבעריאַ, וועלכער באַשטייט מערסטנטיילס פֿון די אָפּשטאַמיקע פֿון יענע נעגראָס, וועלכע האָבן מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק פֿאַרלאָזן די ברעגעס פֿון אַמעריקע, ווו זיי זענען שקלאַפֿן געוועזן, —

כדי אַ נייע „נאַציאָנאַלע היים״ פאַר זיך בויען, — ווייסן וואָס פרייהייט מיינט און דעם פּרייז וואָס מען דאַרף באַצאָלן, כדי דאָס איינהאַלטן.

אויפן מלוכה־הערב פון ליבעריאַ (אַ זעגל־שיפל, וואָס טראָגט זיך איבער ימים) איז אויסגעקריצט דער „סלאָגאַן״ פון דער רעפּובליק: „די ליבע צו פרייהייט האָט אונדז דאָ געבראַכט״ און אָט די פלאַמענדע ליבע צו זעלבסט־שטענדיקייט און פרייהייט און די מורא דאָס צו פאַרלירן, דערלאָזט ניט אויס־פאַרקויפן זייער לאַנד צו פרעמדע איינפלוסן, באַגרענעצט די „ווייסע״ צו ווערן בירגער אָדער אפילו צו בויען אייגענע הייזער, סיידן דער מלוכה־אינטע־רעס פאָדערט דאָס, אויסגעדריקט אין ספּעציעלע דעקרעטן.

און ליבעריאַ איז אַ טיר צו אַפריקע, און די הונדערטער מיליאָנען אויפן אַפריקאַנער קאָנטינענט ווילן דאָך אַמאָל פריי ווערן, ווי ס׳זענען פריי געוואָרן די מיליאָנען פון אַזיע. אין די נעכסטע צוויי־דריי יאָר ווילן זיך „אויספּיקן״ אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכות די „גאָלד־קאָאַסט״ און מעגלעך אויך טיילן פון ניגעריאַ.

ווייל מען פאַרלויפן דעם וועג מיט פּריינטשאַפט־אויסדרוקן און אפילו ליבע־דערקלערונגען צו די צוקונפטיקע שותפים אין דער פאַרברייטערטער פעלקער־משפחה, ווייל מען שוין נישט מאַכן דעם פעלער, וואָס איז געשען בנוגע צו גרויסע לענדער אין אַזיע, וועמעס פירער מען האָט פריער געשמידט אין קייטן און נאָכהער געגנויט געוועזן צוריקצובריינגען זיי אַלס טריאומפירנדע לידערס צוריק אין פּאַלאַצן.

אין ליבעריאַ איז פאַרגעקומען אַ „יריד״, — זענען זיך צונויפגעלאָפן די „אינטערנאַציאָנאַלע סוחרים און ספּעקולאַנטן״, כדי זיך צו טרעפן צווישן זיך און אויב מעגלעך כאַפּן אַ „מציאה״ אָט דאָ, ווו די טירן עפענען זיך טיף אין דער אויפוואַכנדער אַפריקאַ אַריין.

* * *

מיט פינף יאָר צוריק, — ווי מיינע לייענער געדענקען געוויס, — האָב איך באַזוכט ליבעריאַ אַלס פּריוואַטער גאַסט פון פּרעזידענט טובמאַן. צוזאַמען מיט אים, אין זיין אויטאָמאָביל, האָב איך באַזוכט די שבטים טיף אין לאַנד. די דאָזיקע רייזע האָב איך באַשריבן אין אַרטיקלען און שפּעטער געמאַכט דערפון אַ טייל פון מיין בוך אין ענגליש. פּרעזידענט טובמאַן האָט דאָס אָפּגעשאַצט און דעריבער מיך איינגעלאַדן בייצווזיין אַלס ערן־גאַסט בעת זיין דריטער „אינאַוגו־ראַציע״.

כ׳האָב זיין טעלעגראַמע באַקומען גלייך ווי כ׳בין צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק פון אַ שווערן וואַנדערן איבער צוואַנציק לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

כ׳האָב זיך געניוטיקט אין אַ „וואַקיישאָן״, און ווי יענער מאַטראָז, וואָס פאַר־ברענגט זיין „זונטיק״ אין שיפּלען זיך אויפן טייכל נאָך אַ דריי־יאָריקער רייזע אויף אַ קריגס־שיף אַרום דער וועלט, — האָב איך אויך באַשלאָסן מיין חודש „אַפּרו״ אָנצוהויבן אין די הימלען אויפן וועג קיין ליבעריאַ.

אָבער ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען דעם נויטיקן פּלאַץ אין עראָפּלאַן. כ׳האָב דאָך געמוזט זיין פּינקטלעך, דעם צווייטן יאַנואַר, אין מאָנראָ־וויאַ, ווען די פייערונגען הייבן זיך אָן. די פּלעצער אין די צוויי דירעקטע „פּאַן־אַמעריקען״ עראָפּלאַנען זענען שוין געווען אויספאַרקויפט צו דיפּלאָמאַטן און מיליטער־לייט, וועלכע זענען פריער פאַר מיר איינגעלאַדן געוואָרן אויף דער שמחה.

פייערסטאָן (יענער פון די גומע, וואָס פאַרמאָגט אַ קימאַ־לן פון דריי מיליאָן גומע־בוימער אין ליבעריאַ) האָט געדונגען אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן. מען האָט מיך צו אים רעקאָמענדירט און ער האָט צוגעזאָגט מיר צו געבן דעם איינציקן פּלאַץ וואָס איז געבליבן, אָבער אין לעצטן מאָמענט איז דער פּלאַץ אוועקגעגעבן געוואָרן, — און מיט רעכט — דעם פּרעזידענט פון וואַשינגטאָנער נעגראָ־אוניווערזיטעט. בין איך געבליבן אויסן. רעזיגנירן פון דער „יאַזדע״ האָב איך שוין נישט געוואָלט. האָב איך דעריבער אויסגעמייסטערט אַ רייזע־פּלאַן, וועלכער האָט מיך געבראַכט, — כאָטש מיט גרויסע שוועריקייטן, — פּונקט צום אָנהויב פון דער שמחה. הערט אַ „בעלנות״: פון ניו יאָרק בין איך געפלויגן קיין לאָנדאָן, פון לאָנדאָן, דורך רוים, קיין טריפּאָלי (ליביע); פון דאָרט קיין לאַגאָס (ניגעריאַ); פון לאַגאָס קיין אַקרא (גאָלד־קאָאַסט). דאָ האָב איך „דערטאַפּט״ אַ קליינעם עראָפּלאַן, וואָס האָט געפירט די דאָרטיקע הערשער און דעם האיקאָמי־שאָנער קיין מאָנראָוויאַ. האָט מען מיר געגעבן אַ פּלאַץ אין פּילאָטס קאַבינע („וויסע״ מענטשן וואָלטן דאָס פאַר מיר נישט געטאָן, ווייל מען טאָר טאַקע נישט...).

געקומען זיינען מיר קיין ראָבערטס־פילד, דרייסיק מייל ווייט פון מאָנראָוויאַ, אָבער דער וועג איז שלעכט און ס׳דויערט אַ דריי שעה טרייסלענדיק פאָרן. צו דעם האָב איך שוין מער קיין כוח נישט געהאַט, נאָך צוויי טעג און צוויי נעכט נאָכאַנאַנד פליען, האָב איך דעריבער אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון יידישן האי־קאָמישאָנער, זיך אַריינזעצן אין קליינעם העליקאָפּטער, וואָס האָט אויף אים געוואַרט. אביסל האָב איך זיך געקווענקלט; ס׳האָט געזאָלט זיין מיין ערשטער פלי אין אַ העליקאָפּטער, אָבער כ׳האָב שנעל זיך דעצידירט און זיך אַריינגעזעצט אין „קאַרב״. „בידך אפקיד רוחי... ועם רוחי גויתי״

בקיצור, אין פופצן מינוט בין איך אין צענטער פון מאָראָוויאַ, לעבן דער געביידע פון אויסערן־מיניסטעריום, ווו ס׳וואַרט שוין אויף מיר מיין טרייער פריינט, — דוד טהאָמאַס, — וועלכער האָט דערהאַלטן מיין טעלעגראַם, אַז כ׳פלי און רעכן איבערקומען אַלע שטערונגען, אבי באַווייזן צו קומען אין צייט.

אַזוי ווי „כ׳שטיי און גיי״, אין צעקנייטשטן „אָנצוג״ מיט נאָך מער צעקנייטשטן פּנים פון שלאָפלאָזע נעכט (און אויך יאָרן...) ברענגט מיר טאָמאַס אין נייעם פּאַלאַץ פון פּרעזידענט, ווו ס׳קומט גלייך פאַר זיין ערשטע באַגריסונג פון די געסט. טובמאַן דריקט אויס זיין צופרידנקייט, וואָס נישט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען בין איך דאָך געקומען און עצה־ט מיר גלייך גיין שלאָפן, כדי מאָרגן, בעת דער „איינשווערונג״ צו זיין אין אַ „גוטער פאָרם״.

ווי אַלע ערן־געסט באַקום איך צו מיין אויסשליסלעכער דיספּאָזיציע אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער, ווי אויך אַן ארמיי־קאַפּיטאַן אַלס „אַדיוטאַנט״, וועלכער זאָל מיך באַגלייטן... איך בעט זיך ביי טאָמאַסן מען זאָל מיך באַפרייען פון דעם דאָזיקן ערן־באַגלייטער, ווייל כ׳קאָן שוין גוט מאָנראָוויאַ און אַן אָפיציר מיט גאָלדענע אַקסלבענדער אַלס ערן־וואַך וועט זיך מיר נאָר פּלאָנטערן אונטער די פיס און שטערן מיין פרייע באַוועגונג. דער קאַפּיטאַן ווערט אוועק־גענומען און כ׳אָטעם לייכטער אָפּ.

אין האָטעל, ווו מען האָט מיר איינגעקוואַרטירט, — איינער פון די דריי האָטעלן וועלכע זענען אין די לעצטע יאָרן אויסגעבויט געוואָרן אין מאָנ־ראָוויאַ, — באַגעגן איך זיך מיט אַ גרופּע דעלעגאַטן און געסט, צווישן וועלכע ס׳איז מיר נישט שווער געווען צו געפינען אויך אַ פּאָר יידן. בעת מיין פריערדיקן באַזוך האָב איך קיין איין ייד אין מאָנראָוויאַ ניט געפונען. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער איינציקער ייד, וואָס האָט דאָרטן יאָ געוווינט שוין פון לאַנגע יאָרן, — סימאָן סימאָנאָוויטש, איז גראָד בעת מיין דעמאָלדיקן באַזוך געווען אין ענגלאַנד, דעריבער האָב איך זיך מיט אים נישט געטראָפן.

דער דאָזיקער סימאָן סימאָנאָוויטש איז נישט קיין אַנדערער ווי דער זון פון באַרימטן, אין זיין צייט, אין רוסלאַנד, הויף־יוּוועלער פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן, — אהרן סימאָנאָוויטש.

פיל געדענקען דאָך מסתם זיין כמעט לעגענדאַרע ראָלע אַלס ראַספּוטינס פריינט. דאָס האָט מען דאָך פון זיין הויז אַרויסגענומען ראַספּוטינען, כדי אים צו טויטן...

אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן יידן דורך סימאָנאָוויטשעס פריינטשאַפט מיט ראַספּוטינען געזוכט, — אָפטמאָל מיט דערפאָלג, — פאַרשיידענע גזירות קעגן יידן „אָפּצושרייען״.

מיין איצטיקע באַקאַנטשאַפט מיט זיין זון, — סימאָן, — וועלכער איז דער ערן־קאָנסול פון ישראל אין ליבעריאַ און דער פּרעזידענט פון דער אָרטיקער האַנדלס־קאַמער, — איז געווען פאַר מיר פון אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס. איך וועל זיך דעריבער נאָך אומקערן צו די געשפּרעכן, וואָס כ׳האָב געהאַט מיט

אים און וואָס האָבן זיך באַצויגן צו יענער דראַמאַטישער עפּאָכע פון די לעצטע טעג פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. פון סימאָנאָוויטשן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ישראל האָט געשיקט אַ ספּעציעלן אַמבאַסאַדאָר צו דער „איינשוועורונג״ דירעקט פון ירושלים, — דעם דירעקטאָר פון דער אַפריקאַנישער אָפּטיילונג פון משרד־החוץ, דר. דניאל לעווין. מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן.

אַסך נחת האָב איך געהאַט, ווען כ׳האָב צווישן די פאַרשיידענפאַרביקע געסט אין מיין האָטעל, זיך באַקענט מיט אַ יונגן ייד פון זשענעווע, צבי ראָזענבוים, אַ פּיאָנער אין באַנק־וועזן פון ליבעריאַ, וועלכער איז מיטבאַטייליקט אין אַ ריי אַנדערע אינדוסטריעלע און בוי־אונטערנעמונגען אין דאָזיקן לאַנד. אויך ער איז געקומען אַלס גאַסט צו די פייערונגען. ער איז אָבער שטרענג אָרטאָדאָקסיש. ער וועט ניט עסן פון די כלים, וואָס דער האָטעל גיט. ער וועט ניט פאַרזוכן פון זייערע פיש און אפילו ניט פון זייערע גרינסן — אַ זאַך, וועלכע געוויסע אָרטאָדאָקסישע מנהיגים זיינען זיך מתיר אין „פרעמדע וויטן״.

אָבער כ׳זע ווי ראָזענבוים רוקט אָפּ אַלע טעלערס פון זיך, ווי ער עסט אַן עפּל און דאָס איז אַלץ.

מיר האָבן זיך באַפריינדעט אין משך פון די יום־טובדיקע טעג אין ליבעריאַ. ער דערציילט מיר, אַז ווען ער קומט דאָ אַ פּאָר אַ געשעפטלעכן וויזיט פון דער שווייץ, פאַרלירט ער ביז צען פונט פון זיין וואָג, ווייל ער האָט ניט וואָס צו עסן. דאָס מאָל האָט ער איינגעקויפט נייע כלים, אַן עלעקטרישע קאָך־מאַשינקע, פאַרשיידענע גרינסן און ער קאָכט זיי אין וואַסער אין זיין האָטעל־צימער.

ראָזענבוים קען לערנען און קען חסידות. פלעגן מיר אויף דער גרויסער טעראַסע פון האָטעל זיצן אין אַ פּרייען אָוונט און שמועסן וועגן עפּעס אַן אגדתא, וועלכע מיין מיטשמועסער האָט געוווּסט ווי צו באַלייכטן מיט זוהר־שטראַלן.

דאָס איז געווים געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ליבעריע, ווען אַ יידיש וואָרט האָט זיך געשלענגלט אין דער אַפריקאַנער נאַכט פול מיט פרעמדקייט און אַבערגלויבן.

אונטן האָט געטאַנצט אַ כשוף־מאַכער, איינגעוויקלט אין שטרוי, מיט אַ טויטן־מאַסקע אויף זיין פּנים. אַ פּויק האָט טעמפּ געקלאַפּט און דערבראַכט דעם טענצער צו אַ צושטאַנד פון אַ מעכאַנישער ליאַלקע, וואָס דרייט זיך ווילד און וואָיעט אומהיימלעך. אָבער אויבן, אויפן באַלקאָן, זיינען צוויי בענקענדע יידן געזעסן און זיך באַהעפט מיט אומזעבאַרע הימלען. דאָס האָט ראָזענבוים זיין כשוף דערוויזן.

מאָרגן איז דער גרויסער טאָג — די „איינשוועורונג״ — פון פּרעזידענט און דער פייערלעכער „מאַרש״ פון אַלע ראַסן און קאָלירן אונטער דער „דזשעז־מוזיק״ פון לאַנדאָן און די פּויקן פון דזשאַנגל.

ביי יידן אין ליבעריא

אינמיטן פון דער צענטראַל־גאַס פון מאָנראָוויאַ געפינט זיך די פירמע „סימאָן", וואָס געהערט צום הויפּט פון דער איינציקער יידישער פאַמיליע, וואָס וווינט אין ליבעריאַ — סימאָן סימאַנאָוויטש. איך האָב געוווּסט, אַז סימאַנאָוויטש איז דער ערן־קאָנסול פון ישראל, אַז ער איז אויך דער פּרעזידענט פון דער האַנדלס־קאַמער, אַז ער איז אַן אינטימער פריינט פון ליבעריער פּרעזידענט וויליאַם טובמאַן.

אָבער שוין זיצנדיק ביי אים אין שטוב האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז דער זון פון אהרן סימאַנאָוויטש, פון יענעם הויף־יוּוועליר פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן און חבר פון גרישאַ ראַספּוטין, מיט וועמעס נעמען עס איז אויסגעפּילט געוואָרן דער לעצטער טרויעריקער קאַפּיטל פון דער צאַרישער הערשאַפט אין רוסלאַנד.

מיין גאַסט־געבער איז אַליין אויך אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, אָבער דער פאַקט, וואָס ער איז דער זון פון אהרן סימאַנאָוויטש האָט צוגעגעבן עפּעס אַ מין פּיקאַנטע נייגעריקייט צו אונדזערע טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן און געשפּרעכן. האָב איך דאָך געלעבט אין רוסלאַנד אין יענער עפּאָכע — אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע און כאַרקאָוו. די נעמען ראַספּוטין, סימאַנאָוויטש, „מיטקע" רובינשטיין (דער פאָטער פון מיסטעריעז־דערמאָרדעטן אין ניו יאָרק סערגעי רובינשטיין) זענען איבערגעפּלאַכטן געווען אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע (און דורך די קראַטעס פון דער צענזור אויך פון דער רוסישער) מיטן קייזערלעכן הויף, מיט דער צאַריצע, מיטן צאַר. עפּעס אַ פאַנטאַסטישער טייוול־שפּיל האָט זיך אַנטוויקלט אַרום די פּאַלאַצן אין דער צייט פון בלוטיקן ערשטן וועלט־קריג: מען האָט געהערט און געלייענט וועגן אָרגיעס, וועגן אַננאַ ווירובאָוואַ — דער קייזערינס „הויף־פרייל" און דעם „הייליקן פאָטערל" ראַספּוטין. וועגן יונגן טראָנפאָלגער אַלעקסעי, וועלכער גייט אָפּ מיט בלוט פון אַן אומבאַ־קאַנטער קראַנקהייט און נאָר ראַספּוטין מיט זיינע מאַגנעטישע אויגן איז בכוח דאָס בלוט אָפּשטעלן. און דורך דעם קומט זיין ווירקונג אויפן צאַר און דער קייזערין.

אין גאַנץ רוסלאַנד, פון רעאַקציאָנערן אַנטיסעמיט פּורישקעוויטש ביזן ראַדיקאַלן קערענסקי, ברויזט מיט צאָרן און מיט פּראָטעסט קעגן קאָרומפּירטן

רעזשים. ראַספּוטין ווערט געטויט דווקא דורך דעם דערמאָנטן פּורישקעוויטש און דורך 2 פירשטן פון צאַרישן הויף...

אינמיטן אָט דער פאַנטאַסטישער „זאַווערוכע" דרייט זיך אַ הויף־ייד, סימאַנאָוויטש, דער נאָענטסטער מענטש צו ראַספּוטינען, אַן „איינגייער" אין צאַרישן פּאַלאַץ.

עס לויפן צו דעם יידן דעלעגאַציעס ער זאָל ראַטעווען קהילות גאַנצע פון אַרויסגעטריבען ווערן פון זייערע גרענעץ־שטעט; ער נעמט זיך אונטער „אָפּצושרייען" די שפּיאָנאַזש־באַשולדיקונגען קעגן די יידישע צוקער־מאַגנאַטן פון קיעוו; ער זאָגט צו אַפילו באַקומען פאַר יידן גלייכבאַרעכטיקונג, אַלץ מיט ראַספּוטינס הילף...

געוויסע פירער פון רוסישן יידנטום טרעפן זיך מיט אים אין די שאַרפסטע צייטן פון קריזיסן. און פיל מאָל העלפט טאַקע דאָס לעגענדאַרע, האַלב־„גראַמאָטנע" צעטעלע, וואָס ראַספּוטין פלעגט שרייבן צו דער קייזערין.

וועגן יענער עפּאָכע זענען אומציילוקע ביכער געשריבן געוואָרן און עס איז ביי קיינעם קיין ספק ניט, אַז די „ראַספּוטיניאַדע" האָט צוגעאיילט די רוסישע רעוואָלוציע מיט אַלע אירע שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען.

אהרן סימאַנאָוויטש האָט זיך מיט זיין פאַמיליע געראַטעוועט קיין פראַנקרייך. צוויי ביכער זענען דערשינען, וועלכע טראָגן זיין נאָמען, אין וועלכע עס זענען מיט פּיקאַנטע איינצלהייטן באַשריבן יענע טרויעריקע טעג.

אהרן סימאַנאָוויטש איז אכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, ווען זיי האָבן אָקופּירט פראַנקרייך.

אָבער נאָך אַלץ קלינגט דער בת־קול פון יענע אומוואַרשיינלעכע לעצטע יאָרן פון צאַריזם דורך די בלעטער פון דער געשיכטע און דורך די קאַבינעטן, ווו זי ווערט געפאָרשט.

און איצט דאָ, אין וויטן ליבעריאַ, אַזאַ מאָדנער שאַנס: איך בין דער גאַסט פון צווייטן דור סימאַנאָוויטשעס, טאַקע פון די זעלבע, וועלכע זענען געווען פערזענלעכע עדות פון יענע געשעענישן. טאָ וווּנדערט זיך נישט וואָס איך בין דורשטיק געוואָרן צו וויסן אַלץ מער איינצלהייטן, איבערהויפּט אַזעלכע, וואָס מען געדענקט אין אַ פאַמיליע און מען באַשרייבט דאָס נישט אין ביכער.

אין האַלב־טונקעלן גרויסן זאַל פון די סימאַנאָוויטשעס געפינט זיך איצטער זייער ערן־גאַסט אונגו קואין, דער ספּעציעלער אַמבאַסאַדאָר פון בורמאַ, וועלכער איז געקומען אויף דער שמחה קיין ליבעריאַ פון זיין וויטן פאָטערלאַנד.

ער איז אָנגעטאָן אין אַ געלן קלייד און זיין קאָפּ איז אַרומגעוויקלט מיט אַ ראָזע שאַל. צי דאָס איז דעריבער, ווייל זיין קיילעכדיק גלאַט געזיכט שמייכלט

אזוי לויטער, צי דעריבער, ווייל ער דערמאָנט מיך מיין באַבען מאַשע ע״ה, ווען זי פלעגט זיך אַרומבינדן מיטן האַנטוך בעת זי האָט געהאַט קאַפּווייטיק, — אָבער איך פיל זיך מיט קוואַינען גאָר היימיש.

זינט דער הויפּט פון בורמאַ, אונו האָט פאַריקן יאָר באַזוכט ישראל, האָט זיך אַ פריינטשאַפט פון אינטערעסן און אידייען פאַרבונדן צווישן די ביידע לענדער. ספּעציעל דעריבער, ווייל סיי ישראל און סיי בורמאַ האַלטן גאָר שטאַרק פון קאָאָפּעראַטיווע עקאָנאָמישע פאָרמען אין זייער ווירטשאַפט.

דער ספּעציעלער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל דר. דניאל לעווין האָט דעריבער געוואָלט איך זאָל, אַלס אַ שטיקל מומחה אין קאָאָפּעראַטיווע פּראָבלעמען, אונ־טערהאַלטן און אונטערוואַרעמען דאָס געשפּרעך.

דר. דניאל (אַמאָל קורט, דער הויפּט פון דער „בריחה״ אין דער בריטיש־דייטשער זאָנע) לעווין איז שלאַנק און בלאָנד און פּרעציז־דייטש. די איבעריקע געסט זענען מזרח׳דיק־אימפּולסיוו. און אין צימער טומלט זיך.

דערציילט דער באַלעבאָס, סימאָן סימאַנאָוויטש:

„אָט זעט, מיר זיינען נאָר איין יידישע משפּחה אין גאַנץ ליבעריאַ, און דאָך לייד איך פון אַנטיסעמיטיזם. נישט חלילה פון דער רעגירונג פון ליבעריאַ, אָדער פון די פאָלקס־מאַסן דאָ, נאָר פון דעם מעכטיקן אָנגעלאָפענעם סוחרישן קלאַס, וואָס זענען אַלע אַראַבער. איר זעט אַלע קראָמען אין דער גאַס און אויך אין אַנדערע גאַסן, די נייע הייזער, די בעסערע רעסטאָראַנען געהערן צו די אַראַבער, וואָס זענען געקומען אין די לעצטע פאָר צענדליק יאָר פון סיריע און לבנון און זיך דאָ איינגעוואָרצלט. זייער ראָלע דאָ און אין די שכנותדיקע אַפריקאַ־נער לענדער איז ענלעך צו דער ווירטשאַפטלעכער ראָלע פון די יידן אין אַ רייע רוסיש־פּוילישע שטעט פאַר דער רעוואָלוציע און היטלעריזם.

„ביז ישראל איז געגרינדעט געוואָרן ביז איך געווען דער אָנערקענטער פריינט פון די אַראַבער. אָט בין איך דאָך נאָך איצט דער פּרעזידענט פון דער האַנדלס־קאַמער, אויסגעקליבן דורך פיל אַראַבישע מיטגלידער. אָבער זינט איך בין געוואָרן ערן־קאָנסול פון ישראל און אויף מיין הויז האָט זיך באַוויזן די בלוי־ווייסע שילד מיט דער מנורה, — האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן מיר, וואָס טראָגט אָפטמאָל דעם כאַראַקטער פון באָיקאָט אמת, זיי ווייסן, אַז דער פּרעזידענט טובמאַן איז מיין פריינט, אַז איך בין פאַרבונדן מיט דער רעגירונג און עס לוינט זיך מיט מיר נישט אָנצוהויבן, — אָבער באַהאַלטענע צרות מאַכט מען מיר גענוג אָן. עס דערמאָנט מיר אַמאָל די עפּאָכע פון צאַר, ווען מיין פאָטער אהרן האָט געקעמפט פאַר יידישע רעכט אין רוסלאַנד און פיל צרות דורך דעם אויסגעשטאַנען...״

אָט דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט די אָפּשטאַמונג פון דער סימאַנאָוויטש פאַמיליע.

מיטן גאַנצן טאַקט, אויף וועלכן די אומשטענדן האָבן מיר דערלויבט האָב איך זיך נאָכגעפרעגט וועגן זייער פאָטער און וועגן ראַספּוטינען.

כ׳מוז זאָגן, אַז אין אַלע תשובות האָט זיך געפילט נישט נאָר דער פאַר־שטענדלעכער קולט, וואָס קינדער דאַרפן האָבן פאַר זייער פאָטער, נאָר אויך אַ גרויסע פאַרערונג פאַר ראַספּוטינען, — און דאָס לעצטע האָט מיך, פאַרשטייט זיך, אומאָנגענעם איבערראַשט.

„מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם וואָס אונדזער פאָטער האָט דורך ראַספּוטינען געקענט אויסווירקן טובות פאַר יידישע קהילות און יחידים. דמיטרי רובינ־שטיינען וואָלט מען געהאַנגען, ווען נישט אונדזער פאָטער. און אַזוי אויך פיל יידן, וועלכע זענען געווען באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש.

„מיר האַלטן, אַז ראַספּוטין האָט ליב געהאַט יידן און אונטער דעם פאָטערס ווירקונג גרייט געווען פאַר זיי זיך מקריב זיין... ראַספּוטין איז געווען אַ טרייער פאַמיליע מענטש און אַלע דערציילונגען וועגן אָרגיע מיט די הויף־דאַמען זענען פּוסטע מעשיות. מיט זיינע מאַגנעטישע אויגן האָט ער פיל פון זיי און זייערע קינדער אויסגעהיילט פון קראַנקהייטן און פון דעם שטאַמען די אַלע רכילותן... ראַספּוטין האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט אַ ביטע פון אונזער פאָטער, וועלכער האָט געלעבט נאָר כדי צו ברענגען נוצן זיין געדריקט פאָלק... ראַספּוטין האָט דערצויגן זיינע טעכטער אין דער גרעסטער צניעות.

„איינמאָל איז ער אַוועקגעפאָרן צום קייזער אין פּאַלאַץ קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, און אָנגעזאָגט די טעכטער, אַז ער וועט צוריק קומען אויף מאָרגן. זיי זענען געווען חאָן יונגע מיידלעך און אָנגענומען דעריבער די איינלאַדונג פון אַ פּאָר אָפיצירן זיך „דורכשליטלען" איבער פּעטערבורג. אָבער ראַספּוטין איז שפּעט ביינאַכט געקומען צוריק, נישט געטראָפן די טעכטער, האָט ער זיי דערוואַרט ביים אַריינגאַנג.

„ווען די „שליטנס" זענען צוריק געקומען האָט ראַספּוטין געכאַפּט ביידע טעכטער ביי די צעפּ, געשלעפּט זיי אַזוי ביזן דריטן שטאָק, שלאָגנדיק דערביי מכות־רצח. די עלטערע טאָכטער איז שפּעטער וואָכן־לאַנג געלעגן מיט צעבראָכענע ביינער, אָבער די יינגערע איז שנעל געקומען צו זיך. היינט זענען זיי נאָבעלע, גוט־דערצויגענע, גאָטספאָרכטיקע פרויען. איינע לעבט אין פּאַריז די צווייטע, אין לאָס אַנדזשעלעס. (אגב, האָב איך אין ישראל, אַ דאַנק אַ „טיפּ", געטראָפן אויף אַ דיפּלאָמאַטישער אויפנאַמע ראַספּוטינס אייניקל: זי איז די פרוי פון אַ באַוווּסטן מערב־אייראָפּעאישן אַמבאַסאַדאָר. — וועגן איר יחוסדיקן זיידן דערציילט זי קיינעם נישט און רעדט רוסיש אויך נישט גערן... ח. ש.).

„אָט דאָס איז געווען די באַציאונג פון ראַספּוטינען צו דער מאָראַל פון פרויען... ראַספּוטין האָט געוווינט ביי אונדז אין הויז די לעצטע וואָכן איידער

ער איז דערמאָרדעט געוואָרן. מיין פּאָטער האָט אים געהאַלטן אין איין מתרה זיין, אַז ער מוז זיך היטן, ווייל די שונאים ווילן אים טויטן.

„די פראָנט־טיר פון אונזער וווינונג איז אין יענער מאָרד־נאַכט געווען פעסט געשלאָסן. דורך דער קיך־טיר זענען אַריינגעגאַנגען דער פירשט יוסופּאָוו און דער יונגער גרויס־פירשט דימיטרי פּאַוולאָוויטש, זיי האָט מען געמוזט אַריינלאָזן. געקומען זענען זיי איינלאַדן ראַספּוטינען אויף אַ „אויפנאַמע" ביי יוסופּאָוון.

„מיין פּאָטער האָט זיך געבעטן רחמים ער זאָל נישט גיין. ער האָט אַפילו פאַרשלאָסן זיינע שטיוול אין שאַפע, אָבער ראַספּוטין האָט געהאַט צוטרוי צו דיביידע קוזינס פון צאַר. אָנשטאָט די שטיוול האָט ער אָנגעטאָן די גרויסע גומענע קאַלאָשן („באָטינקעס") און איז אַוועק — און שוין קיינמאָל נישט געקומען צוריק.

„אויף מאָרגן איז דער טאַטע געקומען אין שטוב, ווען מיר אַלע זענען געזעסן ביים עסן און מיט אַ צעבראָכענער שטימע אַ זאָג געטאָן:

„אַ גרויס אומגליק איז געשען, מ'האָט דער'הרג'עט דעם „אָטיעץ" (טאַטן). אַזוי האָט מען ביי אונדז אין פאַמיליע גערופן ראַספּוטינען.

„ווי איר ווייסט, האָט מען ראַספּוטינען דערטרונקען אין יוסופּאָווס אַזיערע אונטערן אייז. מען וואָלט אפשר דעם קערפּער לאַנג נישט געפונען ווען נישט מיין יינגערער ברודער, וואָס האָט באַמערקט ווי אַ גרויסער „קאַלאָש" וואַלגערט זיך לעבן אַזיערע און האָט אים דער־קענט.

„וויטער דאַרף איך אייך נישט דערציילן. עס איז געקומען די רעוואָלוציע, אויך די מערדער האָט מען דערמאָרדעט און מיר זיינען געלאָפן..."

— אָבער איך האָב דאָך געזען אַ בוך אונטערן נאָמען פון אייער פּאָטער, געדרוקט אין ריגע, ווו עס ווערן באַשריבן די אַלע געשעענישן אין גאַר אַן אַנדער ליכט? אַפילו די נאַציס האָבן דאָס דאָזיקע בוך איבערגעדרוקט אין בערלין.

„אַ, יענער בוך איז דאָך אַ שענדלעכער פאַלסיפיקאַט! אַ בוך פול מיט ליגנס און פּאָרנאָגראַפיע. אונדזער ריינער און מאָראַלישער פּאָטער וואָלט אַזעלכע זאַכן קיינמאָל נישט דערציילט און נישט געשריבן. ער האָט געוואָלט אָנקלאָגן אין געריכט יענעם מחבר, וואָס האָט דאָס בוך פאַרעפנטלעכט, אָבער עס איז געווען אוממעגלעך לויט די פראַנצויזישע געזעצן".

איך האָב מיט דער גאַנצער פאַרשטענדעניש, וואָס עס קומט קינדער, וועלכע גיבן אָפּ כבוד זייער פּאָטער, וועלכער איז, אגב, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, — נישט פּאָלעמיזירט די פאַקטן און איבערגעגעבן זיי אַזוי ווי די קינדער האָבן זיי געזען און פאַרשטאַנען.

אָבער דאָ אין ניו יאָרק האָב איך זיך געטראָפן מיטן באַוווּסטן יידיש־רוסישן זשורנאַליסט און פאָרשער פון יענעם פעריאָד אין דער רוסישער געשיכטע גריגאָרי אַראָנסאָן. ער האָט מיר געגעבן לייענען זיין דערוויילן קאָנפידענציעלן מאַנוסקריפט וועגן דער ראַספּוטין־רובינשטיין געשיכטע.

און די פאַקטן, וואָס ווערן דאָרט דערציילט זענען אייגנטלעך אַ ווערטפולע דערגאַנצונג צו דאָס אַלץ, וואָס איך האָב פּערזענלעך איבערגעלעבט און אָבסער־ווירט בעת מיינע יאָרן אין די רוסישע הויפּט שטעט:

די „ראַספּוטיניאַדע״, ווען אפילו די אָדער יענע איינצלנע יידן זענען דורך אים געראַטעוועט געוואָרן, — איז איינע פון די שענדלעכסטע זייטן אין דער רוסישער און מענטשלעכער געשיכטע, זי איז געוועזן אַ ווייטיקדיקער וווּנד אויף דעם קערפּער, וועלכער האָט געמוזט פּלאַצן און מיט מאַטעריע און בלוט פאַרגאָסן יענע שענדלעכע טעג און יאָרן.

עס איז אָבער אַ מאָדנער צופאַל, וואָס אירע לעצטע און אַזוי פּערזענלעכע אַקאָרדן האָבן אָפּגעקלונגען דווקא בעת אַ באַגעגעניש מיט פריינט אין דער אַזוי ווייטער אַפריקע.

* *

*

עס איז מיין לעצטער טאָג אין מאָנראָוויאַ. צוזאַמען מיט פיל חשובע געסט גיי איך אין „ווייסן הויז״ זיך זעגענען מיטן פּרעזידענט טובמאַן און דאַנקען אים פאַר דער וווּנדערבאַרער שמחה, וועלכע ער האָט איינגעאָרדנט מיט אַזוי פיל פּאָמפּע און געשמאַק.

בעתן געשפּרעך מיט אים דערוויס איך זיך, אַז די אַראַבישע לענדער האָבן אים איינגעלאַדן זיי צו באַזוכן. עס איז מעגלעך, אַז ער וועט פאָרן אויף זיין „יאַכט״, וועמעס קאָמאַנדיר איז דער געוועזענער קאַפּיטאַן פון ישראל־פלאָט דוד שרון (אַמאָל קיסעלעוויטש פון וואַרשע).

— וועט איר דאָך געוויס באַזוכן אויך ישראל, — זאָג איך צום פּרעזידענט.

איך ווייס דאָך פון פריער, אַז די אַראַבער זענען קעגן, פּרוביר איך דעריבער צוגעבן נאָך אַן אַרגומענט :

„איצט, ווען עטלעכע אַמעריקאַנער שרייבער האָבן אַזוי שלעכט באַהאַנדלט אייער לאַנד, וואָלט צונוץ געקומען, ווען אייניקע מיליאָן אַנדערע אַמעריקאַנער, אין דעם פאַל פון יידישער אָפּשטאַמונג, זאָלן ווערן אייערע פריינט. פּרובירט טאָן דאָס זעלבע, וואָס או־נו פון בורמאַ, וועט איר זען, ווי לייכט פריינטשאַפטן ווערן געשלאָסן״.

„אָבער מען האָט דאָך מיך נישט איינגעלאַדן קיין ישראל...״

„דאָס וועט באַלד געשען, אייער עקסעלענץ...״

אין צען מינוט אַרום האָט דער אַמבאַסאַדאָר דר. דניאל לעווין פּערזענלעך איינגעלאַדן דעם פּרעזידענט טובמאַן צו באַזוכן ישראל.

אין די ווילדערנישן פון בעלגישער קאָנגאָ

אין דעם ווייסן הויז אינמיטן דימענטן־פעלד האָבן זיך אָנגעצונדן די לאָמפּן אין אַלע צימערן פינף פאַרטאָג. אַ נעגער ברענגט אַריין אַ טאַץ מיט טיי און גלייך נאָך אים קומט אַריין טרימערי, מיין חבר פון די סטודענטן יאָרן אין בעלגיע און אייגנטימער פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פאַרם, ווי אײדעלשטיינער „וואַקסן".

„מיר וועלן דיר געבן אַ ביקס אָדער אַ פּאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אָדער ביידע, אויב דו ווילסט. פאָטאָגראַפירן קאָנסטו, ווען דו געפינסט פאַר נויטיק, אָבער פייערן אַ שאָס, נאָר ווען איך וועל דיר הייסן. אונדזער היינטיקע „סאַפאַדי" אָדער יאַגד איז אַ קליינע עקספּעדיציע אויף צו קוילענען חיות, און אויף אָנקוקן זיי פון דער נאָענטן. איך ווייס, אַז דו ביזט שוין ניט איינמאָל געוועזן אין „די נאַציאָנאַלע פּאַרקן" פון אַפריקע, ווו חיות לעבן אויף דער פריי, אָבער ביי אונדז אין קאָנגאָ איז אַלץ אַנדערש: דער „אַסאָרטימענט" פון חיות איז פיל גרעסער, זיי לעבן דאָ אין דער אמתער ווילדקייט, ווייל קיין טוריסטן פאַרבלאָנדזשען כמעט ניט אין אונזער געגנט. איבעריקנס וועסטן אַליין זען".

ביי אונדז אין קאָנגאָ"... דער בעלגיער טרימערי מעג טאַקע זיין שטאָלץ זיין מיט די קאָלאָסאַלע דערפאָלגן, וואָס זיין קליין פאָטערלאַנד האָט געמאַכט אין דער דאָזיקער ווייטער אַפריקאַנער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אַלס „אַוואַנטורע" פון קעניג לעאָפּאָלד דעם צווייטן, וואָס האָט קאָנגאָ דעראָבערט אַלס זיין פּערזענלעך גוט אין דער ענדע פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט.

די וועלט האָט דעמאָלט געקאָכט מיט די אכזריותן, וואָס דעם קעניג לעאָפּאָלדס ווייסע באַאַמטע האָבן אַרויסגעוויזן בנוגע צו די שוואַרצע. נאָך איצטער ציטערן מיר אויף, ווען מיר לייענען וועגן די פאַרברענטע דערפלעך צוזאַמען מיט די איינוווינער, וועגן אָפּשניידן גלידער פון לעבעדיקן קערפּער פאַרן מינדסטן פאַרברעכן. ניט ווייניקער ווי פינף מיליאָן שוואַרצע זיינען אויסגעראָטן געוואָרן פאַרן פרייז פון העלפאַנט־ביין, גאָלד און דימענטן, וואָס מען האָט עקספּאָרטירט יעדעס יאָר אין פּריוואַטן שאַץ־קאַמער פון קעניג לעאָפּאָלד.

„איצטער האָט זיך אַלץ ראַדיקאַל געענדערט. די בעלגישע רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע טאָלעראַנץ אין באַהאַנדלען די שוואַרצע, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע קאָלאָניאַלע רעגירונגען אויפן שטח פון אַפריקע. דער שוואַרצער

האָט דאָ רעכט צו אַרבעטן אויף אַלע קלענערע רעגירונגס־שטעלעס, אַ גרויסע נעץ פון שולן איז אויפגעבויט געוואָרן; די שוואַרצע זענען אייגנטימער פון קראָמען און טעכנישע וואַרשטאַטן. זיי פילן זיך אַלס מיטבויער און ניט אַלס קנעכט, ווי עס איז דער פאַל אין דער יוניאָן פון זיד־אַפריקע, אָדער אַפילו קעניא, ראָדעזיא און פראַנצויזישע אַפריקע.

קאָנגאָ איז כמעט אַכציק מאָל אַזוי גרויס ווי בעלגיע; אָדער כמעט אַזוי גרויס ווי אינדיע. אינדיע אָבער פאַרמאָגט מער ווי דריי הונדערט פופציק מיליאָן מענטשן און קאָנגאָ נאָר צוועלף מיליאָן, צווישן וועלכע עס לעבן זעכציק טויזנט ווייסע מיינסטנס בעלגיער. און די נאַטירלעכע רייכטימער פון קאָנגאָ קאָן מען גאָרניט אָפּשאַצן. זי עקספּאָרטירט איצטער יערלעך פאַר דריי ביליאָן דאָלאַר: אוראַניום, דימענטן, פּאַלמען־אויל, קופּער... אירע וואַסערפאַלן זענען דער גרעסטער און ביליקסטער רעזערוואַר פון עלעקטרישער קראַפט אין דער וועלט.

אָבער דאָס לאַנד איז נאָך ניט אַנטוויקלט גענוג און קיין גוטע וועגן זענען נישטאָ. וואָס דאַרפט איר מער: צווישן דער הויפּטשטאָט לעאָפּאָלדוויל, וואָס געפינט זיך אויפן מערב ברעג און עליזאַבעטוויל, דער צווייטער גרעסטער שטאָט אין מזרח, איז ניטאָ קיין וועג, אויף וועלכן אַן אויטאָמאָביל קאָן פאָרן. אינגאַנצן איז די שטרעקע עלף הונדערט מייל און אויב עמיצער וויל דאָך פאָרן פון מערב ביז מזרח, דאַרף דאָס נעמען מער ווי צוואַנציק טעג מיט אַלע געפאַרן וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן. איז די איינציקע קאָמוניקאַציע דער עראָפּלאַן.

ביידע דערמאָנטע שטעט זענען העכסט מאָדערן אויפגעבויט, אָבער ניט קוקנדיק אויף דער ליבעראַלער ראַסן־פּאָליטיק אין קאָנגאָ, באַשטייט יעדע שטאָט פון 2 טיילן: די ווייסע און די שוואַרצע, — כאָטש אויך דער שוואַרצער טייל באַזיצט טעאַטערס, שולעס, באַקוועמע קאָמוניקאַציע מיטלען און גרויסע געשעפטן, וואָס איז ניט דער פאַל אין אַנדערע טיילן פון אַפריקע.

אַ דאַנק טאַקע איר קאָלאָניע קאָנגאָ, איז בעלגיע אַזוי שנעל אויפגעריכט געוואָרן גלייך נאָכן קריג און ווערט איצט פאַררעכנט צווישן די אַממערסטן סטאַבילע מלוכות אין דער וועלט.

זאַלבע־פינף זעצן מיר זיך אַריין אין סטעישאָן־וואָגן, וואָס וועט אונז פירן די איינציקע צענדליק מייל טיף אין ווילדן „בוש" הינטער אונדז פאָרן נאָך, ווי אין די צייטן פון „בראשית", באַדינער, וואָס פירן מיט אַן אַלומיניום געצעלט, שפּייז און קיך־מכשירים.

איינער פון די אינזשעניערן באַמערקט: „פאַר די חיות דאָ זענען אונדזערע אויטאָמאָבילן אויך אַן אַנדער מין סאָרט „חיה" אויף קיילעכדיקע פיס, וואָס דרייען זיך... מיט דעם דערקלערט זיך וואָס זיי שרעקן זיך ניט, ווען זיי באַגע־גענען אונדז".

דער אויטאָמאָביל טרייסלט שרעקלעך. ער פֿאָרט איבער געפּלאַצטער טרוקענער ערד, איבער אָנגעוואָרפֿענע צווייגן און איבער זומפּיקע בערגלעך און טאָלן.

מיר באַגעגענען אויפֿן וועג ווילדע אָקסן, סטאַדעס געלע אַנטילאָפּס, מחנות גאַנצע גרויס קעפּיקע מאַלפּעס, וואָס טראָגן זייערע קליינע קינדער אויף די פּלייצעס.

מען דערציילט מיר, אַז איניקע הונדערט מייל פֿון דאַנען געפֿינען זיך די באַהעלטענישן פֿון די מענטשן־ענלעכע גאָרילעס, צו וועלכע דער צוטריט איז שווער און געפֿערלעך. ס׳פֿאָדערן זיך מאָנאַטן איידער אַ גרופּע גוט־געשולטע יעגערס רינגלען אַרום אַ גאָרילע־באַהעלטעניש און פֿאַנגען לעבעדיקערהייט די דאָזיקע זעלטענע באַשעפֿענישן, וועלכע ווערן פֿאַרקויפֿט פֿאַר זייער הויכע פּרייזן.

מיר דערנענטערן זיך צו דער אָזערע באַנגווילי, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט באָמבאָאביימער פֿון אַן אומגעווייִנלעכע הויך. צווישן די צווייגן פֿון איינעם אַזאַ בוים האָט טרימערי אויפֿגעבויט אַ מין הענגענדיקע „דירה“, ווו מען קאָן באַקוועם וווינען און פֿון די פֿענצטער באַטראַכטן דאָס טומלדיקע לעבן פֿון די גאָטס־באַשעפֿענישן, וואָס „ראָיען“ זיך אין די טויזנטער אַרום די זיסע וואַסערן.

אַזאַ „דירה“ צווישן די צווייגן פֿון בוים, איז נויטיק ווען אַן עקספּעדיציע לאָזט זיך אַרויס זוכן נאַטירלעכע אוצרות אין די נאָך ניט אויסגעפֿאָרשטע טיפֿענישן פֿון די וויסטענישן און מוז בלייבן נעכטיקן. זי איז אַ באַאָבאַכטונגס־פּונקט פֿאַר יעגער אויף עלעפֿאַנטן, לייבן און אַנדערע גראַבלייביקע חיות. יערע פּופּציק מייל געפֿינט זיך אַזאַ „אכסניא“ הויך צווישן די צווייגן פֿון בוים. טרעפֿלעך זיינען אויסגעהאַקט אין האָלץ פֿון בוים און האַלטנדיק זיך ביי די צווייגן דראַפּעט מען זיך אַרויף אין דער מאָדנער „דירה“, צו וועלכער ווילדע חיות האָבן ניט קיין לייכטן צוטריט. אַן אויסנאַם זענען די פֿלינקע מאַלפּעס באַבונס. טרעפֿט טאַקע ניט זעלטן, אַז די מענטשן יאָגן אַרויס מיט שטעקענעס און בייטשן די באַבונס, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין די „צימערן“ ווען קיינער איז דאָ ניטאָ.

דער לייענער וועט זיך מסתם דערמאָנען, אַז אויף אַזאַ מין שפּיץ־בוים האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט כדי איבערצונעכטיקן, מיט דריי יאָר צוריק, די פּרינצעסין עליזאַבעט (דאָס איז געווען אין קעניאַ) און פֿון דאָרטן איז זי שוין אַראָפּגעגאַנגען אַלס די קעניגין פֿון ענגלאַנד, ווייל אין דער זעלבער נאַכט איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן איר פֿאָטער דער קעניג דזשאָרדזש דער זעקסטער.

* *
*

דורכן בוים־פֿענצטער זע איך ווי דריי מיושב׳דיקע עלעפֿאַנטן גייען אוועק פֿון וואַסער איבערלאָזנדיק זייער פּלאַץ צו אַ לייב מיט אַ לייביכע, וועלכע האָבן

מיטגעבראַכט מיט זיך פינף פּיטשינקע גנלע „קינדערלעך". די ליבע טראָגט יעדן פון זיי צו דער אַזערע כאַפּן אַ „שלוק", זי לאָזט אָבער ניט צו איר מאַן דעם לייב צו די קעצעלעך, ווייל ס'טרעפט, אַז דער „קעניג פון די חיות" פרעסט אויף איינעם אָדער צוויי פון די ניי־געבוירענע קינדער, ווען די „מלכה" זעט ניט.

גרויע געפלעקטע היענעס האַלטן זיך פונוויטנס און וואַרטן ביז די לייבן־משפחה וועט ענדיקן טרינקען.

און דאָ זע איך דאָס ערשטע מאָל ווי אויך אַפּאַלאַס און אַפילו ווילדע בעק האַלטן זיך בשכנות מיט רויב־חיות, ווען עס קומט צו טרינקען, ווייל ווי מען אינפאָרמירט מיך, עקזיסטירט דאָ ביי די וואַסערן אַ מין פאַרשטענדעניש, אַז מען קוילעט ניט איינער דעם אַנדערן אין דאָזיקן נייטראַלן פּלאַץ. שפּעטער, טיפער אין „בוש", הויבט אָן דער שטאַרקערער שטילן זיין הונגער מיטן שוואַכערן, אָבער נאָכדעם ווי דער הונגער איז געזעטיקט ווערט פיל מאָל מקוים די נבואה פון ישעיהון: עס ליגט דער לייב און וואַרימט זיך אין דער זון און ניט ווייט שפּאַצירט זיך אַ לייכטזיניקע גאַזעל מיט הערנער...

נאָך האַלבן טאָג גייען מיר אַראָפּ לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אויף דער ערד. מיינע בעלגישע באַגלייטער מיט די שווערע ביקסן אין די הענט האָבן אויסגעזוכט און באַשלאָסן צו שיסן יענעם עלעפאַנט, וועלכער באַוועגט זיך מאַסיוו און שווער צווישן די הויכע גראָזן צוריק פון וואַסער.

איך בין „באַוואָפנט" נאָר מיט דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אָבער די הענט ציטערן מיר, ניט פון מורא, נאָר פון רחמנות צו דעם אָנגעמערקטן אומשולדיקן קרבן. ער באַמבלט זיך; ער איז אַרום 50 מעטער ווייט פון אונדז און זיין לאַנגער „כאָבאָט" זעט אויס ווי דער עלעפאַנט וואָלט געהאַט אַ פינפטן פוס, זיינע שאַרפע צוויי ציינער־קליקעס בלישטשען בולט אין דער זון. דריי פון מיינע באַגלייטער לייגן זיך אַוועק אויף די מאַטראַצן, וואָס די שוואַרצע האָבן אויסגעשפּרייט אויפן גראָז און די ביקסן זענען שטייף אָנגעשטעלט אויפן קאָפּ פון עלעפאַנט; די אַנדערע צוויי מיט די ביקסן אַראָפּגעלאָזן, שטייען אין רעזערוו לעבן מיר.

דער עלעפאַנט דרייט זיך פּלוצלינג אויס מיט זיין קאָפּ צו אונדז און הויבט אויף דעם „כאָבאָט", אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס דערשמעקט, אָבער אין דער מינוט דערהערן זיך דריי קנאַלן, וועלכע גיסן זיך צונויף אין איין ווידערקול. דער עלעפאַנט גיט זיך אַ שאָקל, אָבער אַ לאָז אין אונדזער ריכטונג. נאָך אַ שווערער טראַסק פאַרהילכט די לופט: דאָס שיסן שוין אַלע פינף. דער עלעפאַנט ווי אַ באַרג, גיט זיך אַ בויג אויס אויף אַ זייט און פאַלט, שווער מיט אַ טעמפּן קלאַפּ אויף דער ערד: ער ליגט איצט אינגאַנצן צען מעטער פון אונדז: אין זיין פאַרצווייפלונג איז ער אונדז געלאָפן אַנטקעגן האָבנדיק די ערשטע דריי קוילן

דירעקט צווישן זיינע צוויי אויגן. די לעצטע פינף קוילן האָבן געטראָפן אין האַרץ און בויך.

און איך? ניין! — איך האָב ניט פאָטאָגראַפירט, ניט געקאָנט קאַלטבלוטיק אַפילו פּאַסיוו אָנטיילנעמען אין מאָרד פון אַן עלעפאַנט, וועמענס מין איך האָב נאָך ליב באַקומען אַלס קינד אין די צירקן.

און געוווּסט האָב איך פריער, אַז אַ קאָנגאָ עלעפאַנט לאָזט זיך ניט כאַפּן לעבעדיקערהייט און קיין שום צירק אין דער וועלט קאָן זיך ניט באַרימען, אַז ער באַזיצט אַן אַפריקאַנער עלעפאַנט, ווייל מען קאָן זיי ניט אַקלימאַטיזירן און מושטירן (אַלע עלעפאַנטן וואָס מיר זעען, זענען פון אַזיע. מייסטנס פון אינדיע).

אונדזערע שוואַרצע באַגלייטער לאָזן זיך פריידיק און טאַנצנדיק צום קערפּער פון דער שטאָלצער דערשאָסענער חיה. איצט האָבן זיי אַ גרויסע אַרבעט: מער ווי צוועלף שעה וועט דויערן דאָס אויסשניידן און אָפּזעגן די קאָסטבאַרע „קליקעס"-ציינער, וואָס וועגן אפשר הונדערט פונט. און דאָס אַראָפּנעמען די פעל פון עלעפאַנט וועט דויערן דריי טעג און דאָס צעשניידן און פאַרפרירן דאָס פלייש, מיט וועלכן די הונדערטער אַפריקאַנער אין „פאָרם" וועלן זיך לאַנג פאַסמאַקעווען, וועט דויערן אַ גאַנצע וואָך.

מיר פאָרן צוריק שוין שפּעט פאַרנאַכט. מען זינגט צוזאַמען יענע סטודענטישע געזאַנגען, וועלכע טרימערי, זיינע אינזשענירן און טאַקע איך אַליין האָבן געזונגען אין די גאַסן פון דער אַלטער שטאָט-גענט בעת די קאַרנאַוואַלן, בעת די סטודענטישע „הוליאַנקעס". מער ווי פערציק יאָר זענען שוין אַריבער פון יענער צייט. אָבער איך טראַכט אַלץ וועגן עלעפאַנט, וואָס איז שוין אַלט געווען אפשר הונדערט יאָר, ווען מיר זענען נאָך יונג געווען, און ער האָט זיך דערוואַרט ביז אַ בכבודיקע גרופּע ציוויליזירטע צווייפיסיקע זענען געקומען און אים, דעם שטאָלצן תושב פון קאָנגאָ, אַוועקגעלייגט אַ טויטן אין העלן שיין פון דער גליענדער זון.

אין אַנאַ באָ׳ס הויפּט שטאָט

די צרות פון אַ שרייבער הויבן זיך אָן ווען ער פאַרלירט אַ בלעטל מיט נאָטיצן, ספּעציעל מיט נעמען פון פּערזאָנען, וועלכע ער האָט געוואָלט דערמאָנען אין דער באַשרייבונג און זיי זיינען אוועקגעפלויגן מיטן ווינט — בוכשטעבלעך און סימבאָליש.

אָט צום ביישפּיל, ווען כ'וויל איצט באַשרייבן מיין קורצן וויזיט אין דער אָריגינעלער הויפּט־שטאָט פון קעניאַ, — נאַראָבי (מזרח אפריקע) — מאַטערט מיך דער פאַקט, וואָס איך וועל ניט אומשטאַנד זיין צו דערמאָנען דעם נאָמען פון רעוורענד (איקס), דער חזן, דער שוחט, דער פּרעדיקער אין דער קליינער קהילה דאָרטן, וועלכער האָט מיר אַזוי פריינדלעך באַגריסט פרייטיק־צו־נאַכטס צום דאַווענען. דאָס צעטעלע, אויף וועלכן עס זיינען איילנדיק פאַרנאָטירט געוואָרן אייניקע נעמען און פאַקטן, — האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט בעת אַ שטורם־ווינט און פאַרטראָגן געוואָרן ערגעץ ווו בעת מיין אויטאָמאָביל־רייזע צווישן קעניאַ און אוגאַנדע. אָבער איך געדענק, פאַרשטייט זיך, אַז דער רעוורענד איז אַ גאַליציאַנער, אַ דאַרער, אַ בלאָנדער, שטאַמט פון שטעטל בוטשאַטש און האָט געשטודירט שחיטה אין ליווערפּול, ענגלאַנד.

ווער עס וועט לויט די דאָזיקע סימנים מיר צושיקן דעם נאָמען, וועט פאַרדינען די מצווה פון „השבת אבדה" און אַזוויאַרום וועט דער נאָמען פון חשובן רעווערענד זיין תיקון באַקומען.

אין דער אמתן האָב איך גאָרניט געוווּסט, אַז ניי נאַראָבי האָט שוין אַ חזן־שוחט. ווען איך בין דאָרטן געווען בעת אַ צופּעליקן באַזוך מיט זעקס יאָר צוריק — און גראָד ערב יום־כפּור, — האָט נאָך דעמאָלט געשאָכטן אַ בעל־הביתשער ייד פאַר די דריי פאַמיליעס, וועלכע האָבן דאָ כשר געגעסן.

איך האָב דאַן באַשריבן די פּראָצעסיע פון „כּפּרות": אין אַ פאָרנדיקן אויטאָמאָביל האָבן צוויי שוואַרצע דינער געקעמפּט מיט אַ טוץ ווייסע הענער, וועלכע האָבן זיך געריסן פון זייערע הענט — און הינטן זיינען נאָכגעפאָרן די מיטגלידער פון דער וואַרשעווער פאַמיליע מאָרדיקס, פאַר וועלכע די הענער האָבן דאָס געדאַרפט דינען אַלס די כפּרה. דער בעל־הביתשער ייד (געוואַלד, ווי הייסט ער?) האָט, ווייזט אויס, זיין מלאכה געטאָן ווי מען באַדאַרף, ווייל זינט דעמאָלסט האָט זיך די מערכה פון דאָס ביסל יידן דאָ שטאַרק פאַרבעסערט;

די קראָמען זייערע קוקן אויס גרעסער און רייכער, — הייזער אייגענע זיינען אויפגעבויט געוואָרן, — די אויטאָמאָבילן זיינען געביטן געוואָרן, — און די אייניקע צענדליק יידישע פאַמיליעס האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם דערמאָנטן חזן־שוחט און מען דאַוונט שוין בציבור שבתים און ימים־טובים.

דאָס מאָל בין איך אָנגעקומען צו גאָר א געהויבענעם פּרייטיק־צונאַכטס! צוזאַמען מיט מיר זיינען געקומען צופליען פון יאָהאַנעסבורג דער דאָרטיקער גענעראַל־קאָנסול פון ישראל מיין פריינד יצחק גולאַן און זיין ליבע פרוי שרה. ביידע היימישע ליטווישע יידן, וועלכע זיינען זייער באַליבט ביי דעם יידישן קיבוץ פון זיד־אַפריקע. איצט זיינען זיי געפאָרן אויפן קאָנגרעס קיין ירושלים און מיר אַלע האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף א פּאָר טעג אין דער פאַרשידנאַרטיקער מאַלערישער שטאָט נאַראָבי.

לכבוד די געסט זיינען געקומען אין דער קליינטשיקער סינאַגאָגע די פּאָר צענדליק יידן מיטן ערן־קאָנסול פון ישראל ש. זאַמען אין דער שפּיץ. דער לעצטער איז אן ענגלישער ייד וואָס איז קיין לאָנדאָן געבראַכט געוואָרן אַלס קינד פון פּוילן, אָבער ער וויל גאָר נישט נאָכגעבן פון זיין ענגלישן יחוס און חברט זיך ניט צופיל מיט די מזרח־יידן, וואָס זיינען דאָ געקומען בעת דער לעצטער מלחמה. מר. זאַמען איז רייך, וווינט אין א שיינעם פּאַלאַצל, אַרומגערינגלט מיט א גערדיכטן טראָפּישן וועלדל — און היינט פלאַטערט אויפן שפּיץ דאַך די ארץ ישראל פאָן לכבוד דעם גענעראַל־קאָנסול, וועלכער פאַרברענגט דאָ שבת.

מיט אייניקע טעג פריער, זיינען פון וועלדל אַרויס דריי לעאָפּאַרדן און געשפּאַציר־ט פראַנק און פריי איבער די אַלייען פון קאָנסולס גאָרטן; פאַר אַזעלכע „געסט" איז געוויינלעך אָנגעגרייט א ספּעציעלע שטייג מיט א שטיק פלייש, וואָס הענגט אויף דער אויטאָמאַטישער טיר. איין לעאָפּאַרד האָט זיך דאָך געלאָזן אַריינגאַרן א לעבעדיקער און די איבעריקע צוויי האָט מען פאַריאָגט מיט שיסערייען. פרייטיק איז געקומען א ספּעציעלע חיות־לימוזין מיט א יאַגד־וועכטער און מען האָט דעם געפאַנגענעם לעאָפּאַרד צוגענומען. שבת האָבן מיר שוין אַלע געגעסן מיטיק אין זעלבן גאָרטן, אויסקוקנדיק טאָמער אויסער אונדז — וועט זיך ניט באַווייזן אין די אַלייען א נייער אומגעבעטענער אורח. אגב איז דאָס געווען דער זעלבער טאָג, ווען מיינע לאַנדסלייט די שלאַפּאַקס, האָבן מיך אַרויסגענומען אויף א שפּאַציר אין „דזשאָנגל" און דאָרט זיינען מיר געווען עדות פון דער שוין דורך מיר באַשריבענער עפּישער דראַמע, ווען א לייב האָט געקעמפט מיט א ווילדן אָקס, אים בייגעקומען און אויפגעפרעסן.

און כאָטש די „דזשאָנגל" געפינט זיך נאָר א פּאָר מייל פון שטאָט — איז נאַראָבי א העכסט אַנטוויקלטער האַנדלס־צענטער — א פעסטער אָנהאַלט פון דער ענגלישער אימפּעריע.

נאראָבי האָט אינגאַנצן אַ פּאָר טויזנט ווייסע, צווישן די מער ווי 100 טויזנט נעגערס און הינדוסן, וואָס וווינען דאָ. דער צענטער פון שטאָט מיטן פּיבערישן האַנדל ליגט אין די הענט פון הינדוסן, וועלכע זיינען דאָ מיט צוויי דורות צוריק געקומען אַלס שוואַרץ־אַרבעטער און בילדן איצט דעם פּאַרמעגלעכן מיטל־קלאַס. די ניי־אָנגעקומענע פּאָר צענדליק יידן האָבן זיך אויך אַרויפּ־געאַרבעט, — זייערע געשעפטן באַשיינען די הויפּט־גאַסן — אָבער זיי זיינען ווייניק אין צאָל, — קיין נייע אימיגראַציע איז ניט דערלויבט, — זיינען די הינדוסן געבליבן דאָ דער דאָמינירנדער עלעמענט.

אַרום נייראָבי ציען זיך ריזיקע פּלאַנטאַציעס פון טיי און קאַווע, וועלכע געהערן שוין צו ענגלענדער און פראַנצויזן און די אייגנטימער פירן דעם באַקאַנטן לעבן פון קאָלאָניאַלע פּרינצן.

עס זיינען אויך איינגעדרונגען אין שטאָט אביסל פּאָליאַקן פון די, וועלכע מען האָט יאָרן לאַנג געהאַלטן אין די עמיגראַציע־לאַגערן. דעם גרעסטן טייל האָט מען עוואַקואירט קיין אויסטראַליע און קאַנאַדע (ענגלאַנד האָט ניט געוואָלט האָבן צו פיל פרעמדע ווייסע). די אייניקע הונדערט פּאָליאַקן לעבן אַן אָרימען לעבן, אַרבעטן אין פאַבריקן און געשעפטן (מערסטנטייל יידישע), טרעפן זיך יעדן זונטיק אין דער קאַטוילישער קירכע און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער דריטער וועלט־מלחמה, וועלכע וועט „געוויס" זיי ברענגען צוריק קיין וואַרשע, לעמבערג אָדער קראַקוי און באַפרייען פון „שוואַרצן אין יידישן גלות".

איינער פון די מיטגלידער פון דער יידישער פאַמיליע מאַרדיקס, דערציילט מיר, אַז נישט ווייט פון נאַראָבי אַרבעט אויף אַ פראַנצויזישער קאַווע־פּלאַנטאַציע דער פּוילישער פירשט עווסטאַכי סאַפּיעהאַ, דער אַמאָליקער אויסערן מיניסטער פון מאַרשאַל פּילסודסקי, דער זעלבער, וועלכער האָט אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך צווישן פּוילן סאָוועטן־רוסלאַנד אין יאָר 1920.

איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט, וואָס דער דערמאָנטער מאַרדיקס פאָרט זיך טרעפן מיט דעם פראַנצויזישן בעל־הבית פון דער פּלאַנטאַציע, און פאָר אויך מיט, כדי צו זען דעם אַמאָל עלעגאַנטן און איינפלוסרייכן פירסט.

און אַז מיר קומען אַריין אין שאָטנדיקן גאָרטן, דערזעען מיר צווישן די שמוציקע, שטרויענע הייזלעך, אַ גאַנץ לאַנגע ריי פון כמעט נאַקעטע שוואַרצע, וועמענס איינציקער צודעק איז אַ ברייטע שטרויענע הוט אויפן קאָפּ, וואָס באַשיצט פון דער ברענענדיקער זון. אין סאַמע סוף פון דער ריי, מיטן פּנים צו די נעגערס שטייט אַן אָרעם געקליידעטער אַלטער מאַן מיט אַן אָפּגעברענטן פּנים ער האַלט אין האַנט אַ טאַץ מיט מטבעות און צאָלט יעדן נעגער די זעלבע מטבע.

דאָס איז די איצטיקע פּאָזיציע פון שטאָלצן פירשט סאַפּיעהאַ, וועלכן דער גוט האַרציקער פראַנצויז האָט פון רחמנות וועגן געגעבן א שטעלע פאַר וועלכער ער באַקומט אַרום פופצן דאָלאַר א וואָך און א הייזקע פון באַמבוס, ווו ער וווינט מיט זיין אַלטיטשקער — די איינציקע טאָכטער פון אַמאָל ניט ווייניק רייכן און שטאָלצן פירשט זאַדזיסלאַוו לובאָמירסקי.

די סאַפּיעהאַס... די לובאָמירסקים... הונדערטער יאָרן זיינען זיי געווען די פאַקטישע הערשער פון פּוילנס רייכטימער — אירע דיפּלאָמאַטן, איר יחוס, מיט וועלכע עס האָבן זיך משדך געווען די קעניגלעכע דינאַסטיעס פון פראַנקרייך, שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

איז געקומען דער מבול און זיי, — ווי פריער די רוסישע פּרינצן און פירשטן — צעמאָלן אויף שטויב, צעשפּרייט אויף זיבן ימים.

איך געדענק ווי אומענדלעך ס'האָט זיך געצויגן די גיטער פון פירשט לובאָמירסקי אין מיין אַמאָליקער היימאַט: וועלדער, פעלדער, ברוויזן, פאַבריקן, כמעט אויף דער גאַנצער לענג פון טייך ניעמאַן.

און איצט... דער זעלבער סאַפּיעהאַ, וועלכער האָט אַלס דיפּלאָמאַט געטיילט מעדאַלען פון א גאָלדענער טאַץ — צעטיילט איצט די קופּערנע מטבעות — דעם וועכנטלעכן לוין פון פאַרקנעכטעטן שוואַרצן... און די פירשטין? איך געדענק איר באַשאָטן מיט דימענטן און מיט א פּערל־קרוין אין די גאָלדענע האָר, ווען זי האָט געעפנט אין וואַרשע א טאַנץ פון „רויטן קרייץ" מיט דרייסיק יאָר צוריק. זאָל דאָס זיין די זעלבע גרויע אַלטיטשקע אין דעם ציצענעם קליידל, וואָס גייט אונדז אַרויס אַנטקעגן און באַגריסט אין קלינגענדיקן פּויליש?

עס ווערט געבאָרן א זייער דעליקאַטער געפיל, ווען איר זעט א געפאַלענעם און צובראָכענעם. עס פאָדערט זיך אַן אומגעהויערע אָנשטרענגונג פון טאַקט און פאַרשטענדעניש, כדי יענעם ניט לאָזן פילן זיין אַזוי געענדערטע לאַגע.

און ווען דער פירשט ענדיקט אויסצאָלן די מטבעות — זעצן מיר זיך אַוועק אויף דער הילצערנער באַנק נעבן זיין כאַטקע און איך הער אויס דאָס קלאָגן זיך אויף דער איצטיקער לאַגע.

ער איז גליקלעך — זאָגט ער, — וואָס ער קען פאַרדינען זיין אָרעם שטיקל ברויט אַלס אַרבעטער. ער וואָלט ניט גענומען פילאַנטראָפּישע שטיצע פון רעגירונגען, — אפילו פון דער פּוילישער נאָמינעלער רעגירונג פון לאָנדאָן.

„די סאַפּיעהאַס און די לובאָמירסקים זיינען שוין פיל מאָל געווען אין גלותן. די אַלטע שטאַרבן, די יונגע דערלעבן פרייהייט. זיין אייגענער זון אַרבעט איצט ביי א יידישן פאַבריקאַנט אין ניירּאָבי, וועלכער באַהאַנדלט אים זייער גוט. ער — דער יונגער פירשט — וועט נאָך דערלעבן צוריקצוקומען אין פרייען פּוילן...

„איר זעט אַט די רעכטע האנט מיינע? דאָס האָט זי אונטערגעשריבן דעם שלום מיט די באלשעוויקעס אין יאָר 1920. דעריבער מסתם בין איך אזוי באשטראָפט געוואָרן פון גאָט... אויך פוילן האָט פיל־פיל געזינדיקט אין די יאָרן פון איר זעלבסטשטענדיקייט. אויך זי מוז געליטערט ווערן דורך ליידן. איך וועל שוין די בעסערע וועלט נישט זען — אָבער אנדערע וועלן דאָס דערלעבן״...

אין די אויסגעלאָשענע אויגן צינדט זיך אָן א פייערל פון מיסטיציזם, — וועלכער ווייזט אויס — דערהאלט דעם פירשט ביי זיינע כחות און גלויבן.

די פרוי זיינע, — די פירשטין — האָפט אז ווען די אליאירטע וועלן צוריק אוועקגעבן די בילדער, וואָס מ׳האָט צוגענומען פון די נאַציס, וועלכע האָבן בארויבט זייער פאלאַץ — וועט מען קאָנען לעבן אנדערש אביסל.

* *
*

אויף דער הויפט גאַס פון נייראָבי שטייט אָן אימפּאַזאנטע דריישטאָקיקע געביידע מיט א טורם־זייגער, וועלכן מען זעט אין דער גאַנצער שטאָט: דאָס איז דער פאלאַץ און געבעט־הויז פון דער הינדוסיש־מאַכמאַדאַנישער סעקטע פון די איזמאַאילאַס, וועמענס הויפט און הערשער איז דער בארימטער אגא־כאן. בעת מיינע פריערדיקע וויזיטן אין נייראָבי האָב איך גאָר פארגעסן אז דאָ געפינט זיך דער אפריקאַנישער צענטער פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער סעקטע, וועלכע איז ספּעציעל באַרימט אין דער וועלט דורך זיינע הערשער — ליבע־יונגען, דער טאַטע אגא־כאן — איינער פון די רייכסטע מענטשן אין דער וועלט און דער זונדל זיינער אלי — וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געג׳גט מיט דער בארימטער אַקטריסע ריטאַ הייוואָרט. שוין לאַנגע יאָרן האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן די לעגענדעס וועגן אגא־כאן, ווי אזוי מען האָט אים אַמאָל געוווגן מיט גאָלד און לעצטנס מיט דימענטן.

באַשליס איך דעריבער צו באַזוכן זיין פאַלאַץ און זיין געבעט־הויז.

א סימפּאַטיש־אויסזעענדער יונגער הינדוס, — דער הויפט־גייסטלעכער פון טעמפּל און פּאַרט־ויאונגסמאַן פון אגא־כאן — פירט מיך ארום איבער דער געביידע.

ער הייסט איבראַהים אלי און זיין בילד קאָן מען זען אויף אַלע בילדער, וועלכע שטעלן פאָר פּאָמפּעזע צערעמאָניעס.

„אונדזער הערשער אגא־כאן שטאַמט דירעקט פון נביא מכמד. ער איז דער 48־טער אייניקל פון נביאס איידעם אלי. ער איז אויך דער געזעצלעכער יורש פון אייניקע אמאָליקע דינאַסטיעס פון פּערסישע שאכן. זיין זיידע כאסאַן־אלי האָט מיט הונדערט יאָר צוריק געקעמפט צוזאַמען מיט די ענגלענדער קעגן די

רוסן אין טאווריז. פון דעמאָלסט אָן זיינען מיר פריינד פון די ענגלענדער און האלטן ניט מיט יענע מוסולמענער וואָס העצן אזוי ביטער קעגן זיי. אונדזער אגא־כאן איז נאָך געווען א פריינד פון עדווארד דעם זיבעטן און איז נאָך איצט א פריינד פון זיין אייניקל דעם איצטיקן קעניג.

„מיר די איזמאילאס, האָבן מיליאָנען נאָכפאָלגער אין אינדיע, פאקיסטאן און אפריקע. אונדזער איסלאמישע שיטה איז נישט אזוי שטרענג אָרטאָדאָקסיש ווי אלע איבעריקע. מיר באציען זיך ליבעראל צו אנדערע רעליגיעס, מיר זיינען פראָגרעסיוו בנוגע פרויען״..

איבראהים אלי באמערקט מיין פיל זאָגנדיקן שמייכל און גיט צו איילנדיק:

„איך וויים, די וועלט פארשטייט ניט, פארוואס אונדזער אגא־כאן האָט ניט לאנג צוריק ווידער חתונה געהאט מיט א יונגער פראנצויזין, — און זיין זון אלי האָט אזוי שנעל זיך גע׳גט מיט זיין דריטער פרוי ריטא הייוואָרט. אונדזערע הערשער האָבן ניט קיין סך פרויען גלייכצייטיק, דעריבער דארף פארשטענדלעך זיין, ווען זיי בייטן זיי״...

מיר גייען דערווייל ארויף אין די הייליקע זאלן פון טעמפל. דאָ טוט אונדז א דינער אויס די שיך און מיר שפרייזן אין זאָקן.

א ריזיקער פארביקער בילד פון אגא־כאן שטייט אויף א פאָדיום. ארום ליגן אויסגעצויגן מיט די געזיכטער אויף דער פאדלאָגע אייניקע צענדליק הינדוסן. מען הערט ניט קיין געזאנג, קיין מוזיק, נאָר א שטילן שעפטשען מיט די ליפן, ווי וואסער גיסט זיך פון א רואיקן קוואל.

אָבער מיין איינדרוק איז דאָך, דאָס זיי דאווענען צום בילד פון אגא־כאן...

א מאָדנע סעקטע, וועלכע פארגעטערט אין פעטן, מגושמדיגן הערשער זייערן, דעם גייסט פון מאכמדן — וואָס איז אין אים אריין דורך קרובהשאפט. ווייל אויב ניט דער דאָזיקער אלטער יחוס, טאָ וואָס זשע דען איז געבליבן פון א רעליגיעזן פירער און זיבעציק יאָריקן אייגנטימער פון די בעסטע ארבישע פערד, פון געווינער פון דערבים, פון מאן פון א פראנצויזישער לייכטער און יונגער אקטריסע, וועמענס נאָמען די איזמאאילן רעדן ארוים מיט פרומקייט און ערפורכט (דער פולער טיטל: איר האָהייט די בעגום חביבי אגא־כאן) — כאָטש פיל מיטגלידער פון דער אינטערנאציאָנאלער יוגנט, רופן זי נאָך היינט: פיעראָטקא די ציגיינערין...

אָבער אָט זעט איר דאָך! אין ליכטיקן הייליקן זאל שטייט עפעס א מאָדנער טראָן — אזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען: אז איר ווילט איז דאָס א קעניגלעכער שטול און אז איר ווילט איז דאָס גאָר א וואָג, אויף וועלכער מען וועגט בהמות אויף די באן סטאנציעס.

אין דער אמתן איז דאָס ביידע זאכן: דאָס איז די באַרימטע קאָמבינאַציע פון טראַן און וואָג, אויף וועלכן מען האָט טאַקע דאָ געוווּיגן דעם אַגאַ־כאַן מיט דימענטן.

אָ, יענעם ליכטיקן זונטיק וועט נייראָבי ניט פאַרגעסן, עס זיינען געקומען אין צענדליקע טויזנטער די איזמאַילעס פון אוגאַנדע, טאַנגאַניאַקע, זאַנזיבאַר, בעלגישע קאָנגאָ, זיד־אַפריקע און פּאָרטוגעזיש מזרח־אַפריקע. סולטאַנען זיינען געקומען און פשוטע שוואַרצע אַרבעטער; דער מאַהאַראַדזשי מאַהאַראַני און דער ראַדזשאַ פון קאַשמיר. זיי האָבן געשיינט אין זייערע קרוינען און מאַנטלען מיט פּערל באַדעקט.

אַ שפּאַס, — היינט וועגט מען דעם אַגאַ־כאַן מיט קאַסטנס דימענטן. דער ריינער וואָג פון די דימענטן איז געווען גענוי: צוויי הונדערט מיט זיבן און פערציק פונט! (אין די לעצטע צוויי יאָר וועגט שוין דער אַגאַ־כאַן מיט צוואַנציק פונט מער).

דער שווערער קערפּער פון הערשער האָט זיך קוים אויסגעזעצט אויפן טראָן און אַנטקעגן אויפן וואָג האָט מען געלייגט די דימענטן, וואָס זיינע נאָכפאָלגער האָבן געבראַכט פון אַלע עקן וועלט אַלס מתנות.

דאָס איז דאָך ניט קיין גוזמא. פילע צייטונגען האָבן דאַן געהאַט די פאָ־טאָגראַפיעס און די באַשרייבונגען פון „דימענטענעם יובילעי".

וואָס איז געוואָרן מיט די דימענטן ווייס איך ניט. איבראַים אַלי זאָגט מיר דאָס אַגאַ־כאַן האָט דאָס געשענקט אויף צדקה... (מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן...)

אָבער אַרום מיר אויף די ווענט הענגען פיל, פיל בילדער פון יענער אומפאַר־געסלעכער געשעעניש.

און שטעלט זיך פאַר: אין צוויי יאָר אַרום איז ווידעראַמאָל אַ „בריי־ליאַנטענער יובילעי" פון אַגאַ־כאַן... וויפיל וועלן דאַמאָלסט וועגן די טייערע שטיינער און ווו וועט מען זיי נעמען?

* *
*

און דאָך קאָן איך מיר ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון טייערן גאַליציאַנער חזן־שוחט אין ניירָאבי. אַלע נאַרישקייטן געדענק איך און דער דאָזיקער נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון.

זאָל ער כאָטש געהאָלפן ווערן מיט אַ פּאָר פונט בריליאַנטן, — די שיריים, וואָס וועלן מסתם פאַלן, ווען מען וועט נאָכאַמאָל וועגן זיין קעניגלעכע הויכקייט, דעם אַגאַ־כאַן.

אַ כישוף־דאָקטאָר אין ניגעריאַ

צוזאמען מיטן ענגליש־אפריקאנישן זשורנאליסט דאנאלד וויליאמס שטעלן מיר זיך אפ אויף א טאג אין לאגאס, די הויפט־שטאט פון ניגעריא. עס רעדט זיך בלויז אזוי „הויפט־שטאט", ווייל די קרוב דריי הונדערט טויזנט שווארצע איינוווינער לעבן אין ערגסטן מין „סלאמס"־הייזלעך, אין א שרעקלעכער ענגשאפט, אן די מינדסטע באקוועמלעכקייטס־איינריכטונגען, כאטש דורכן פענצטער פון עראפלאן דערזעט מען די הערלעכע פאנאראמע פון גוינעאגאלף, וועמענס גרינע וואסערן שניידן זיך אריין ווי א שפיגל אויסגעשניטן פון בלויען אטלאנטיק, — זענען אבער די גאסן פון לאגאס, וואס ליגט אויפן סאמע גאלף, א שרייענדיקער קאנטראסט צו יעדער שיינקייט. שטורמישע רינשטאקן מיט אלערליי שמוץ קייקלען זיך בארג־אראפ אין גרינעם וואסער שפיגל און פארשוועכן די בונטע שיינקייט פון די קעניגלעכע פאלמעס, וועלכע טונקען צניעותדיק זייערע צווייגן אין די וואסערן צווישן רינשטאק־שטראם און זויבערן ים.

די פיר טויזנט ווייסע, מערסטנס ענגלישע באאמטע און גריכיש־אראבישע סוחרים, וווינען אין עטוואס בעסערע באדינגונגען אין טייל שטאט, וואס רופט זיך איקאי, ווו ס'געפינט זיך אויך אונדזער האטעל, — א מין נאענטער קוזין פון „באדרישעווער האטעלן", וועלכע ס'האט אזוי מייסטערהאפט באשריבן אונזער שלום־עליכם.

„זאל מען כאטש דא ניט קראנק ווערן!" — רייסט זיך ביי מיר ארויס, ווען איך דערזע דעם צימער און דעם עס־זאל ווו כ'דארף פארברענגען א גאנצן מעת־לעת.

אבער מיין באגלייטער וויליאמס שמייכלט אפטימיסטיש: „ס'זענען פאראן דא אין שטאט א פאר ענגלישע דאקטוירים. אבער אויב מ'כאפט אריין עפעס א קרעציקע קראנקהייט אדער א בלוטיקע קראנקהייט אדער א בלוטיקע דיזענטעריע, איז אמבעסטן זיך צו היילן ביי די „זשו־זשו" (כישוף) דאקטוירים.

„זיי האבן אזעלכע קרייטעכצער און גראזן, וועגן וועלכע מען ווייסט נאך נישט אין די מעדיצינישע פאקולטעטן... איך אליין קאן אזא איינעם, כאטש ער האט קיינמאל קיין שולע נישט באזוכט, — טרוי איך אים מערער, ווי די פאר ווייסע שכורים וואס פראקטיצירן דא מעדיצין. ס'וועט זיין פאר אייך אינטערעסאנט צו באזוכן זיין „אפטייק" און זיך באקענען מיט אים פערזענלעך. די „וויטש־דאקטוירים" געהערן דאך איבערהויפט צו די מערקווירדיקייטן פון „טונקעלן אפריקא".

גייען מיר נאָכן מאָגערן „לאַנטש״ פון אייער און קאווע (ס׳עקלט מיר צו קוקן אויף די פליישן: ווער ווייס פון וואָס פאַר א חיה מען האָט זיי גע־שניטן?...) צו דעם באַרימטן אידומאַגבא מאַרק, ווו א קנויל פון מענטשן אין ליילעכער און פאַרביקע קאָלדרעס געוויקלט האַנדלט, קויפט, פאַרקויפט, באַוועגט זיך, שרייט און שטופּט זיך. כאָטש מיר סטאַרען זיך נישט צו ווערן אָנגערירט דורך זיי, קאָן מען דאָס נישט אויסמיידן, — און אַז מיר גייען אַריין אין ענגן געסל, ווו דער „זשו־זשו״ אַפּטייק געפינט זיך, האָב איך דעם איינדרוק, אַז ס׳בייסט מיך דער גאַנצער קערפּער, אַז פליגעלעך פרעסן מיך אויף, אַז אָט־אָט הויב איך אָן ברעכן פון א מאָדנער נישט־גוטקייט.

וויליאַמס אָבער לאַכט פון מיר: „דאָס זענען אַלץ איינגערעדטע זאַכן; נישט ס׳בייסט אייך, נישט עס נודזשעט אייך. איר האָט דאָס זעלבע געפיל, וואָס יעדער אייראָפּעער דאָ אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען. עס שרעקט אייך די שמוץ און די אַנדערשקייט אַרום אייך. קוקט זיך בעסער צו צו די „סחורות״ וואָס זענען אַרויסגעשטעלט אין שווי־פענסטער פון דר. עראַנסעלע אָזעגאַלע, — מיין פריינט, וועלכן איר מוזט טיטולירן „דאָקטאָר״, אויב איר ווילט ער זאָל אויך אייער פריינט ווערן״.

אין פענצטער ליגן אָנגעוואָרפן „מעדיצינען״, וועלכע איר וועט אין דער גאַנצער וועלט, אויסער אין אַפריקע, נישט געפינען.

דערווייל קאָן איך נאָך אונטערשיידן ווידלען פון לייבן, טויטע־שאַרבנס, שנאָבלען מיט קעפּ פון פּאַפּוגייען, הויפן ביינער, ווייסן פּודער אין גלעזער און נאָך אויסגעטריקנטע אברים פון חיות, וועלכע מען ווייסט נישט וואָס זיי זענען.

אָבער דאָס אָנקומען פון צוויי ווייסע מענטשן איז שוין־דערגאַנגען צום אויער פון דעם כשוף־דאָקטאָר. ער שטופּט זיך דורך צווישן די פּאַציענטן, וואָס זיצן אויף דער ערד אין געראַימען צימער פון אַפּטייק און אין א גוטן פאַרשטענדלעכן ענגליש באַגריסט ער אונדז ביידע און פאַרבעט אונדז אין קראָם אַריין.

זיין אויבערשטער טייל פון קערפּער מיט א מעכטיקער מוסקולאַטור איז האַלב נאַקעט, אויפן אונטערשטן טייל איז אָנגעטאָן א שטרויען שטייף קלייד, דער צייכן פון זיין נאָבעלער הייל־פּראָפעסיע. אין האַנט האַלט ער די רויטע מאַסקע אין פאָרם פון א רויב־־פויגל, וועלכע ער טוט אָן אויפן געזיכט, ווען ער באַטאַפּט דעם קראַנקן. דאָס דערוועקט רעספּעקט און אביסל נויטיקע מורא.

„מר. וויליאַמס, איר זעט אויס געענדערט. איך קאָן אייך גלייך זאָגן אַז איר זענט פולשטענדיק געזונט. לײדער אָבער זעט אייער באַגלייטער אויס צו זיין א ליידנדער מענטש. מיר וועלן אים באַטראַכטן און זען העלפן״.

איך פיל, ווי א קאַלטער שווייס שלאָגט אַרויס אויף מיר, ווי מיין פּנים ווערט בלאַס... מיט א שטימע, וואָס ציטערט אביסל פּרוביר איך זיך ווערן.

„ניין, הער דאָקטאָר! איך פיל זיך גוט און איך לייד נישט פון קיין שום קראַנקהייטן. מיר זענען נאָר געקומען אייך זאָגן „העלאָ״ ווי וויליאַמס אַן אַלטן פריינט״.

א הייזעריקער געלעכטער, ווי פון א פוסטן פאַס טרייסלט אויף דעם שווערן קערפּער פון „דאָקטאָר״.

„מיינע אויגן זעען א סך. שלעכטע גייסטער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אייער בלוט. מיר וועלן זיי אַרויסיאָגן, ווען נישט קאָנט איר נאָך אַפילו די נאַכט נישט דורכלעבן. איך שרעק אייך נישט, איך וויל אייך ראַטעווען. האָט צוטרוי צו מיר, — פרעגט, אדרבא, וויליאַמס׳ן...״

וויליאַמס׳עס אויגן לאַכן. ער נעמט מיך אַן שטייף ביים האַנט, פירט מיך צו אין א ווינקל צום פענצטער און זאָגט שטיל:

„דער דאָקטאָר וויל מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר. זיי זענען אַלע די זעלבע שווינד־לערס, די ווייסע ווי די שוואַרצע. נישט דו וועסט נעמען זיינע מעדיצינען און נישט דו וועסט שטאַרבן היינטיקע און ניט אַפילו איבעראַכטאָגיקע נאַכט. אָבער דערפאַר לאָז אים דיך „באַהאַנדלען״ וועסטו כאָטש האָבן וואָס צו געדענקען און וואָס צו באַשרייבן״.

א שווערע משא פאַלט אַראָפּ פון מיין האַרצן: איך זע שוין אַז וויליאַמס נעמט די זאַך נישט צו ערנסט. אין ערגסטן פאַל וועט זיך דאָס אויס־לאָזן צו די עטלעכע דאָלאַר.

מיר גייען אַריין אין צווייטן צימער, וווּ אויפן טיש זענען אָנגעוואָרפן די זעלבע מעדיקאַמענטן, וואָס שטייען אין שוי־פענסטער.

דער דאָקטאָר טוט אָן די מאַסקע און ווערט פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַן אויסטערלישן רויב־פויגעל, וואָס רעדט אָבער אַ נישט שלעכטן ענגליש.

— זעצט אייך, — זאָגט ער, אָט דאָ אויפן פאָטעל. איך וועל צערייבן אין שטויסל די שטיקלעך מענטשלעכע ביינער, אויסמישן זיי מיט די געטריקנטע געשלעכטס־אָרגאַנען פון א שימפּאַנזע, באַשיטן מיטן גאַל־שטויב פון א פּאָפּוגיי. דאָס קאָסט אַליין אַן אוצר מיט געלט, אָבער וויליאַמס׳עס פריינט וועל איך מער נישט בעטן ווי צוויי ענגלישע פונט אָדער א פּאַפּירל פון פינף דאָלאַר וועט גענוג זיין.

רעדנדיק דאָס אַליין רייבט דער „דאָקטאָר״ די ביינער אין שטייסל, באַשיט זיי מיט די אַלע צוגעזאָגטע פּודערן, קוקט אויף מיר מיט די מאָדנע אויגן פון דער מאַסקע און שעפּטשעט עפּעס ענלעכעס אויף „באַרגילאַ, באַרגילאַ״.

„ווידערהאָלט דאָס דריי מאָל!״

ווידערהאָל איך.

דער פודער ווערט פיקס און פאַרטיק. ער שיט אים אַריין אין אַ שיסעלע, באַגיסט מיט עפּעס אַ גרינע פליסיקייט און שעפּטשעט לײדנשאַפטלעך: „בלאָזט דריי מאָל!״

בלאָז איך און טראַכט: „שאַרלאַטאַן דו אײנער, איך וועל זאָגן וואָס דו ווילסט, איך וועל בלאָזן וויפל דו ווילסט, איך וועל דיר אפילו געבן פינף אַמעריקאַנער דאָלאַרן, אָבער טרינקען דאָס וועל איך נישט, און שמירן מיט דעם וועל איך אויך נישט, — מעגסטו מיר אפילו שרעקן מיט אומפאַרמײדלעכן טויט״.

דער „דאָקטאָר״, אַזוי ווי ער וואָלט געלײענט מײנע רעיונות, גיט אַ זאָג:

„נײן, איר דאַרפט דאָס גאָרניט שלינגען. עס איז גענוג דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן שוין געטאָן. די בײזע גײסטער, וואָס זענען אַרײן אין אײער בלוט ווערן פאַרשווונדן פון דער עצם נאָענטקײט פון מײנע מעדיקאַמענטן. זײ וועפּן אויס! זײ זענען שוין מער ניטאָ. שרײט דרײ מאָל „באַרגילאָ, באַרגילאָ״.

שרײ איך דרײ מאָל און מיט מיר שרײט מיט װיליאַמס, װײל אין צװײען איז שטאַרקער.

און איצטער הערט און שטוינט: איך בין באַלד געזונט געוואָרן, שוין צוליב דעם אַלײן װײל אַ געלעכטער האָט מיך געשטיקט, װײל ס׳איז מיר גלאַט פרײלעך געוואָרן צוקוקנדיק צו דער מיסטעריעזער צערעמאָניע פון שרײען און בלאָזן. דערװײל האָב איך פאַרגעסן מײן הויט־בײסעניש און מײן קאַלטן שװײס. װיליאַמס האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אַז מײנע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן פון נײגעריקײט און ער האָט נאָר מורא געהאַט אַז איך זאָל נישט אַרויס־פּלאַצן מיט אַ געלעכטער, וואָס וואָלט געווים באַלײדיקט דעם חשובן „דאָקטאָר״ און װער װײס, צי ער וואָלט נישט אַרײנגעטריבן די בײזע גײסטער צוריק אין מײן בלוט.

מיר זענען פון „אַפּטײק״ נישט אַוועק מיט לײדיקע הענט.

איך האָב מיט זיך אַ קעסטעלע פּילן קעגן שונאים. כ׳דאַרף נאָר אײן פּיל אַרײנוואַרפן אין אַ גלאָז קאַווע אָדער טײ, וואָס מײן שונא טרינקט, — וועט ער גלײך ווערן מײן גוטער פרײנט, ווען נישט וועט אים זײן בויך געשוואָלן ווערן... דוכט זיך אַזוי פּשוט.

אויך אַנדערע פּילן האָט ער אונז מיטגעגעבן, וואָס הלוואי זאָל מען זײ נישט דאַרפן. און אַרויסבאַגלײט מיט ברכות פון כשוף־„דאָקטאָר״ זענען מיר אַוועק צוריק אין האָטעל.

איך האָב שפּעטער אַ סך געטראַכט וועגן די אַבערגלויבנס, וואָס זענען נישט נאָר אַ ספּעציאַליטעט פון ווילדן אַפריקאַנער. וויפל פון אונדז זענען אין

זייערע אייגענע קינדהייט־יאָרן אויך דורכגעגאַנגען „כשוף־ריטואַלן", וועלכע זענען נישט בעסער ווי די, וואָס די אַפריקאַנער פּראַקטיצירן?

האָט מען אייך קיינמאָל נישט אָפּגעשפּראָכן קיין „עין־הרע", אָפּבלאָזנדיק אייך דריי מאָל און שפּייענדיק אויף דער ערד, זאָגנדיק דערביי: „מכשפה לא תחיה"?

איך אַליין, אַלס „בכור" און „לוי", פּלעג אַלס קינד „באַנוצט" ווערן דורך מיין באָבען און שכנים אַלס דער „עין־הרע" אָפּשפּרעכער.

האָט מען אייך קיינמאָל נישט „געהיילט" קיין געשווילעכץ מיט קייקלען אויף איר אַ האַרט איי?

איך בין געווען טשיקאַווע אריינצוקוקן אין פאַרשידענע „סגולה־ספרים", מיט וועלכע מען האָט זיך ברייט באַנוצט אין אונדזערע „גלותן", נאָך אפילו אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. (אגב האָב איך די ביכלעך געפונען אין געבענטשן אייוואָ־בנין אויף פיפט עוועניו אין ניו יאָרק און געלייענט זייער אינהאַלט אין מיט מאַרמאָר באַגילדעטן געוועזענעם טאַנץ־זאַל פון די וואַנדערבילטס, ווו ס׳זיצן איצט יונגע געלערנטע און שטודירן אונדזער געשיכטע און וויסנשאַפט. וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע מעטאַמאָרפאָזע!)

אָט וואָס דער טאַרלער רבי פון לאָדזש דערציילט אין זיין סגולה־ביכל „רפאל המלאך": סגולה קעגן חיות: טראָגט מיט זיך אַ צאָן פון אַ שוואַרצן הונט...

סגולה קעגן אַ מגפה: אַ ווייסע ציבעלע מיט אַ שטיק קנאָבל ביי אַלע פענסטער און טירן...

סגולה קעגן כשוף: אָנטאָן אַ בייטעלע מיט „נאַפּטאַלין" באַשאָטן מיט קוועקזילבער...

סגולה צו אַ ברי: גלייך נאָכן אָפּבריען זיך זאָל מען זאָגן די „ברכת כהנים".

סגולה פאַר אָפּגעשוואַכטע מענערשאַפט: קאָכן שטעכיקע קראָפּיווע אין רעגן־וואַסער, צומישן מיט וויין און טרינקען פאַרן שלאָפן גיין...

סגולה צו פרנסה: מען זאָל דריי מאָל אַ טאָג זאָגן „קטורת" וואָרט ביי וואָרט...

ס׳איז אינטערעסאַנט אַז דער טאַרלער רבי האָט זיין דאָזיקן „סגולה" ספר געהאַלטן פאַר אַזוי הייליק, אַז ער האָט אים דערלויבט איבערזעצן פון העברעאיש אין „זשאַרגאָן", נאָר נאָך גרויסע השתדלותן.

אין אַ העברעאיש ספרל, געדרוקט מיט פופציק יאָר צוריק אין ירושלים, אונטערן נאָמען: „רפואה וחיים מירושלים, קמיעון גורלות", גיט הצעיר יצחק בר"ב אליעזר, הונדערטער אָריגינעלע עצות קעגן קראַנקהייטן. צווישן אַנדערע: „אויב עס טוט אייך ווי דער קאָפּ הענגט אָן אויפן שטערן פאָלגנדע קמיע: „הנניק צויתך הו"."

אויב איר ווילט געפינען רפואות קעגן געפערלעכע קראַנקהייטן, — גייט אין וואַלד מיטוואָך נאָך האַלבער נאַכט, ווען די לבנה איז פול. זייט זיך פריער טובל. דערגייט ביזן ערשטן אוילבירט־בוים, — ברעכט אָפּ פיר שטעקלעך, נעמט זיי מיט אין שטוב און שרייבט מיט זיי אויף די ווענט:

„אכתרא שר הפנים. אגלא, אגלא, אגלא... דאָס פאַרטרייבט אַלע קראַנקהייטן"

ווי איר זעט, האָבן מיר אַן אייגענע „אַפּטייק" פון „וויטש־רפואות" און מיר דאַרפן גאָרניט אַזוי אָפּלאַכן פון דאָקטאָר עראַנסעלע אָזוגאַלע, וואָס פּראַקטיצירט אין ווייטן, פינצטערן אַפריקע.

אגב, וויפיל אינטעליגענטע אייראָפּעער און אַמעריקאַנער „קנאַקן אין האָלץ" ווען זיי דערציילן עפּעס וואָס מ׳דאַרף מקנא זיין, און „קנאַקן אין האָלץ" איז אַ דירעקטע אַטאַוויסטישע איבערבלייבעניש פון צייטן, ווען „כישוף" איז געווען אַ שטיק „פילאָזאָפיע".

אין קעגנזאַץ צו דעם איז גוט זיך אָפּצופרישן מיט דעם רמב״ם׳ס מעדיצינישן בוך („רפואות הנפש ורפואות הגוף"), אין וועלכן, מיט מער ווי אַכט הונדערט יאָר צוריק האָט ער, — דער „ליכט פון גלות" און באַרימטער מעדיצינער, — געגעבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויסהיטן פון קראַנקהייטן. ווען מען לייענט זיינע קלוגע און אַזוי לאָגישע עצות, מיינט מען אַז עס רעדט אַ מאָדערנער דאָקטאָר:

„עס נאָר, ווען דו ביסט הונגעריק און באַפרידיק נישט דעם גאַנצן הונגער, ווייל פון עסן אַ סך שטאַרבט מען צו פרי".

„מאַך פיזישע באַוועגונגען יעדן אין דער פרי".

„שפּאַציר פאַרן עסן".

„עס נישט שפּעטער ווי דריי שעה פאַרן שלאָפן גיין".

און דאָן, די געזעצן פון היגיענע, וואָס דער רמב״ם עצה׳ט צו באַנוצן: זיי זענען אַזוי מאָדערן, ווי זיי וואָלטן היינט געשריבן געוואָרן, און ספּעציעל די אָנווייזונגען, ווי אייַנהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון פּסיכישן לעבן. דער רמב״ם אין דרייצענטן יאָרהונדערט און די פּסיכיאַטרען פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גייען דאָ האַנט ביי האַנט.

אונדזער תורה האָט פאַרבאָטן אַלערליי כשופים אין אַ וועלט, וואָס איז דאַן פול געווען מיט כישוף־מאַכער.

אין דעם ליכט זענען אינטערעסאַנט דעם נביא מיכה׳ס ווערטער: „והכרתי כשפים מידיך וכו׳ (און איך וועל פאַרטיליקן כישוף־מאַכעריי פון אונטער דיינע הענט, מיכה ה׳), און אַז מיר דערמאָנען זיך די עובדה, וואָס איז צוגעשריבן געוואָרן דורכן תלמוד צו דעם תנא ר׳ שמעון בן שטח, וועלכער האָט געטויט אַ גרויסע צאָל „מכשפים" אין זיינע סנהדרין־צייטן, — קומען מיר לייכט צו דער מסקנא, אַז די אַלע כישוף־סגולות זענען געווען קעגן דער יידישער מאָראַל.

אָבער ס׳איז דאָך שטוינענד, ווי אַזוי די „מכשפים" פון אַפריקע, וועלכע איך האָב באַגעגנט, האָבן ווערטער און עצות, וואָס דערמאָנען די „באַבסקע" סגולות פון אַלע פעלקער און אויך פון יידן.

ערגעץ ווו אין די טונקעלע פאַרטאָגן פון דער געשיכטע האָבן האַלב-ציייטיקע מענטשן פון אַ געמיינזאַמען קוואַל געטרונקען.

אין די דימענטן-גרובן אין דער בעלגישער קאָנגאָ

בעת מיין איצטיקן באַזוך אין אַפריקע, אויפן וועג פון יאָהאַנעסבורג קיין מצרים, האָב איך אויך פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין בעלגישן קאָנגאָ, דאָס איז לכתחילה ניט געווען אין מיין פּראָגראַם, ווייל כ'האָב זיך געאיילט קיין קאַיראָ אין אַ דינסט־שליחות אָבער אַ צופאַל, וואָס שפּילט אָפטמאָל אַ גרעסערע ראָלע ווי דער רייזע־פּלאַן, האָט מיר צוגעדינט: אונדזער עראָפּלאַן האָט צוליב אַ טעכנישן דעפעקט זיך געמוזט פאַרהאַלטן אויף דעם פלי־פעלד לעבן „וויקטאָריאַ וואַסערפאַל” אין דרום ראָדעזיע.

מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ דאַרפן נעכטיקן, ווייל דאָס פאַרריכטן דעם מאָטאָר וועט דויערן אַרום 12 שעה.

און אַ האָטעל איז דאָ פאַראַן, געבויט פון מאַרמור־שטיין, מיט הונדערט צימערן. און אַ גאַס אַ גאַנצע מיט סוווועניר־קראָמען, וווּ איר קאָנט קויפן פאַרשידענע „צאַצקעס” פון עלעפאַנטביין, פאַרשידענע פעלן פון חיות, אויסגעשטאָפּטע קעפּ פון לייבן, לעבעדיקע מאַלפּלעך, פּאָפּוגאַיען און אַלערליי פאַרביקע פייגעלעך. אָבער ניט צוליב דעם שטראָמען אַהער טוריסטן פון אַלע עקן וועלט. דער מאַגנעט פון פּלאַץ איז, פאַרשטייט זיך, דער גרעסטער וואַסערפאַל אין דער וועלט, וואָס איז דריי מאָל ברייטער און העכער, ווי אונזער ניאַגאַראַ. שוין אויף דער טעראַסע פון האָטעל, וואָס איז אַ מייל ווייט פון „וויקטאָריאַ־פאַל”, הערט איר דאָס דונערן פון פאַלנדע קאַסקאַדן וואַסער. זיי הילכן אָפּ אין די צימערן, ווען איר זענט וואַך אָדער ווען איר שלאָפט.

איך קאָן ניט איינזיצן, און צוזאַמען מיט איינִיקע מיט־פּאַסאַזשירן גייען מיר אָנקוקן דעם וועלטוווּנדער, כאָטש איך בין שוין דאָ געווען מיט יאָרן צוריק.

מען זאָגט אונדז אָן, סיי מינדלעך און סיי שרייענדע אויפשריפטן: „היט זיך פאַר ווילדע חיות!” דער וועג איז דאָ אָפן צום „בוש” פון קאָנגאָ און אוגאַנדע. עס ווימלט פון אַלערליי ווילדע חיות, וועלכע פאַרבלאָנדזשען אפילו ביזן גאָרטן אַרום אונדזער האָטעל. דאָ איז גאָרניט קיין נייעס צו טרעפן אַ ווילדן עלעפאַנט, וועמעס בעל־הבית איז די מאַמע־נאַטור. צו די וואַסער־רעזערוואַרן אויף דער נאָענטער באַן־סטאַנציע קומען לייבן טרינקען אין יענע פאַרטאָגן, ווען די טייכלעך

אין „בוש" זיינען אויסגעטריקנט. און ס׳איז שטרענג פאַרווערט דורכן געזעץ צו כאַפּן די חיות אָדער שיסן זיי, ווען זיי באַפאַלן ניט דעם מענטשן, — און דאָס טרעפט זייער זעלטן. אגב, אַן אינטערעסאַנטער שטריך, וואָס אונזער באַגלייטער, אַן אָנגעשטעלטער פון האָטעל, דערציילט אונדז: ווען אַ לייב האָט אויפצוקלייבן צווישן אַ ווייסן און אַ נעגער, עסט ער שטענדיק אויף דעם שוואַרצן, לאָזנדיק דעם ווייסן אַנטלויפן.

איצט ווערן מיר באַגאָסן מיט אַ גערדיכטן רעגן־שטויב, כאָטש דער הימל איז בלוי און קלאָר. דאָס איז די ערשטע באַגריסונג פון „וויקטאָריאַ פאַל". מיר קלעטערן אַרויף אויף די הילצערנע טרעפּלעך, וואָס שאָקלען זיך און זיינען גליטשיק. און פּלוצלינג ווערט אַזוי ווי פאַרשווּנדן דער וואַלד, די ערד און די הימלען און עס ענדיקט זיך די צעיוכטע, צעשטורעמטע וואַסער־וואַנט, וואָס פאַרטויבט אַלץ אַרום.

אויפן בריקל פון וועלכן מיר באַטראַכטן די דאָזיקע בראשית־שיינקייט פון נאַטור־וווּנדער, שטייט מיט אונדז אַ דיקער גרויער מאַן אין באַגלייטונג פון אַן אָפיציר אין אַ בעלגישן פליער אוניפאָרם.

מיר קוקן זיך אָן דורכדרינגלעך און כמעט גלייכצייטיק שרייען מיר אויס:

„טרימערי!"

„שאָשקעס"!

דאָס איז געווים אַ ווונדערבאַרע באַגעגעניש: טרימערי איז מיין חבר פון די אוניווערסיטעט־יאָרן אין דער בעלגישער שטאָט גענט. דאַן איז ער געווען דאַר און בלאָנד; איצט איז ער דיק און גרוי. מסתם האָב איך זיך אויך באַדייטנדיק געענדערט דורך די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר... אָבער מיט אַכט יאָר צוריק, ווען איך בין געווען אין בריסעל, האָב איך טשאַרלעס טרימערין אָפּגעזוכט. ער איז דאַן געווען צוגאַסט ביי זיין פאָטער — דעם אַלטיטשקן באַרימטן מאָלער. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט בעת יענער באַגעגעניש און דעריבער האָבן מיר זיך איצט אויך דערקענט. איך האָב שוין דאַן געוווּסט אַז טרימערי, דער צעלאָזענער, אין לערנען אָפּגעשטאַנענער, אָבער לוסטיקער, טאַנצנדיקער באָהעמיער, האָט זיך באַזעצט אין בעלגישן קאָנגאָ און דאָ געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ „דימענטן פעלד" נעבן דער שטאָט עליזאַבעטוויל. איך האָב אויך געוווּסט, אַז ער איז זייער רייך געוואָרן און איז שטאַרק אָנגעזען ביי דער בעלגישער רעגירונג.

טרימערי נעמט מיך גלייך אין דער אַרבעט. ער וויל גאָרניט הערן, אַז איך דאַרף מאָרגן פאָרן ווייטער. איך מוז אים באַגלייטן צו זיין „פאַרם", ווו עס „וואַקסן" רויע דימענטן. אויב איך פאַרלאַנג, וועט ער פאַר מיר ספּעציעל איינאָרדענען אַ „יאָג" אויף וואָס איך וויל, — אפילו אויף לייבן און עלעפאַנטן. ניין, ניין, מיר וועלן זיך ניט דאַרפן שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט מיטן צוג: קאָמאַנדאַנט דעווורייזע — זיין פריינט און באַגלייטער — וועט אונדז נעמען אין זיין פּריוואַטן

ערָאפּלאַן קיין עליזאַבעטוויל און צו זיין „פאַרם״. קיין קאַאירָא וועל איך פליען דירעקט פון עליזאַבעטוויל, אַזוי אַז איך וועל קיין צייט ניט פאַרלירן.

טרימערי איז ניט דער מענטש וועמען איר קאָנט אָפּזאָגן. זיין קול שרייט אפילו איבער דעם שטורם פון וואַסערפאַל. בקיצור, — איך האָב מסכים געווען.

דער אמת איז, אַז איך האָב ניט ליב צו פליען אין די קליינע פּריוואַטע ערָאפּלאַנען, וועלכע זעען אויס אינעווייניק ווי לימוזינען, אָבער שאָקלען זיך ווי באַלאָנען אין דער לופט, ניט אין פאַרגלייך מיט די מעכטיקע „קאָנסטעלייישאָנס״, וועלכע קאָנען זיך קעגנשטעלן די שטאַרקסטע ווינטן. אָבער ס׳האָט געדויערט ניט מער ווי צוויי שעה און מיר זיינען אין דער מאָדערנער שטאָט עליזאַבעטוויל.

ס׳איז שוין אָוונט און איך באַוווּנדער די לאַנגע, סימעטרישע גאַסן פון איירָאפּעאישן קוואַרטאַל, פאַרבויט מיט ווייסע הייזער. די געשעפטן זיינען געשלאָסן, אָבער באַלויכטן מיט נעאָן־פייערן, וואָס גיט־צו דער שטאָט אַן איירָאָ־פּעאישן אויסזען. ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז נאָך אין יאָר 1913, ווען טרימערי און איך זענען געווען סטודענטן, האָט די שטאָט אינגאַנצן ניט עקזיסטירט (זי איז אַ נאָמען נאָך דער אַזוי סימפּאַטישער און יידן־פריינטלעכער קעניגין עליזאַ־בעט, די פרוי פון קעניג אַלבערט, דער העלד פון ערשטן וועלט־קריג) און אַז אויפן פּלאַץ ווו אונדזער האָטעל שטייט, האָט מען נאָך אין יאָר 1911 געשאָסן עלעפאַנטן, ווערט איר פאַרשטיין פאַרוואָס בעלגיע איז אַזוי שטאָלץ מיט איר קאָנגאָ. איצט זיינען אין דער דאָזיקער שטאָט פאַראַן איבער צען טויזנט ווייסע איינוווינער און מער ווי הונדערט טויזנט שוואַרצע. טרימערי דערציילט מיר, אַז עס האָבן דאָ איינגעוואַנדערט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר ביז טויזנט יידן פון דער טערקישער שטאָט סמירנע (איזמיר) און פון אינדזל ראָדאָס, אויף דער הויפּט־גאַס זע איך טאַקע שילדן מיט ספרד׳יש־טערקישע נעמען איבער גרויסע טעקסטיל און גאַלאַנטעריע געשעפטן. ליידער האָב איך געמוזט גלייך פאַרטאָג אָפּפאָרן צו טרימערים „פאַרם״ און קיין צייט נישט געהאַט זיך באַקענען מיט דער דאָזיקער נייער בליענדיקער קהילה אין הארץ פון אַפריקע. איך ווייס אָבער אַז די יידן דאָ נעמען אַ באַדייטנדיקן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און געבן גרעסערע סומען פאַר ישראל צוועקן.

נאָך פיר שעה רייזע איבער אַ שווערן, ניט אַספאַלטירטן וועג, אין אַ גוט־געבויטן ענגלישן ספּאָרט אויטאָמאָביל, שטעלן מיר זיך אָפּ נעבן אַן אייזערנעם טויער, וואָס איז געמאַכט אין אַ פלויט דורכגעפלאָכטן מיט שטעכעדיקן דראָט. אַ באַטויבנדער בילן פון בייזע הינט באַגעגנט אונדז. צוויי כמעט אינגאַנצן נאַקעטע שוואַרצע וועכטער, פון אַזאַ הויכן וווּקס, וועלכן כ׳האָב געזען נאָר אין אַ צירק, ווען איך בין געווען אַ קינד, שטייען ביים טויער, יעדער פון זיי איז מער ווי זיבן פוס הויך, כאָטש די קעפּ זיינען קליין אין פאַרגלייך מיט זייערע קערפּערס.

טרימערי דערקלערט מיר: „דאָס זיינען די וואטיטסי גיגאנטן. זיי געהערן צו אַ שבט פון העכסטע מענטשן אין דער וועלט. זיי לעבן אין צענדליקער דערפער אין דער שכנות־דיקער רואנדא פּראָווינץ, וועלכע ווערט אדמיניסטרירט דורך בעלגיע. זיי זיינען אויך פיזיש שטאַרק. דעריבער האָב איך אַ צענדליק פון זיי געבראַכט אין מיין „פאַרם״, זיי זאָלן אָפּשרעקן גנבים״.

איך קאָן נאָך אַלץ ניט אָפּרייסן די אויגן פון די דאָזיקע „וועליקאַנען״, ווי איך מוז זיך פונאַנדערלאַכן, ווען צווישן זייערע פיס באַווייזן זיך מאָדנע באַשעפענישן, שוואַרצינקע ליליפוטן, וואָס זעען אויס ווי צען־יאָריקע קינדער, אָבער טראָגן געקרייזלטע בערדלעך. דאָס זיינען „מענטשעלעך״ פון פּיגמייען שבט, וואָס לעבן אין די קאָנגאָ וועלדער אין צפון. אַזעלכע מיאוסע מענטשלעכע באַשעפענישן האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען: געשוואָלענע בייכלעך, קרומע פיסלעך, מיט אַ שמאָלן פּאַס אויף די לענדן. אויב איך האָב נאָך אַמאָל געהאַט ספיקות אין דאַרווינס טעאָריע, אַז אַ מענטש שטאַמט פון אַ מאַלפּע, — האָבן די פּיגמייען, וואָס האָבן אַרויסגעטאַנצט פון צווישן די פיס פון די גיגאַנטן און מאַכן איצט פרייליכע קאָזיאָלקעס, דערזעענדיק דעם בעל הבית, — די דאָזיקע טעאָריע כמעט ווי באַרעכטיקט: זיי זיינען, וואַרשיינלעך, די „בריק״ צווישן מאַלפּע און מענטש.

טרימערי זאָגט, אַז ער האָט דאָ אַראָפּגעבראַכט די פּיגמייען ניט פאַר אַרבעט, — זיי קאָנען גאַרניט אַרבעטן, — נאָר גלאַט פאַר שפּיל: זיי קאָנען טאַנצן און זינגען מאָדנע לידער מיט אַ פּאַלצעט, און מיט זייער אָנוועזנהייט פאַרווילן זיי די מחנות שוואַרצע אַרבעטער, וואָס ער באַשעפטיקט אין זיין דימענטן־גוט.

די „פאַרם״ איז אַ פיר־סקווער מייל פעלד באַדעקט מיט העלן זשוויר־זאַמד (זאַמד געמישט מיט שטיינדעלעך). זי איז אינגאַנצן אַרומגערינגלט מיט שטעכעדיקן דראָט, אַזוי הויך ווי אַ מענטשנס וווּקס. אין צוויי באַראַקס, וואָס ציען זיך ביים זייט פון צוים, וווינען אַרום צוויי הונדערט שוואַרצע אַרבעטער. אינמיטן פעלד שטייט דאָס צוויי־שטאָקיקע ווייסע הויז, ווו ס׳וווינט טרימערי אַליין מיט זיינע דריי אינזשעניערן און פיר פּאָליציי באַאַמטע. קיין פרויען זיינען אין דעם גאַנצן „קאָמפּאַונד״ ניט דערלויבט צו זיין. דאָס גאַנצע פעלד אַרום איז צעגראָבן מיט לעכער, פון וואַנען ס׳ווערן אַרויסגענומען מיט שופלעס דאָס זאַמד מיט די שטיינדלעך, וואָס ווערן אַרויפגעוואָרפן אויף אַ פאַרמאַכטן טראָק. פון טראָק, אין אָנוועזנהייט פון די אינזשעניערן. ווערן די זאַמדן מיט די שטיינדלעך דורכגעזיפּט. איינער פון אַ מיליאָן שטיינדלעך איז אַ רויער דימענט. דער גאַנצער פּראָצעס, ווי איר זעט, איז זייער איינפאַך: מען דאַרף נאָר געפינען דאָס מיליאָנטע שטיינדל. ער ווערט דורכגעזיפּט מיט דער הילף פון אַ צענטריפוג און פאַלט אַרויס אין נעץ דורך דער קוואַליטעט פון זיין וואָג. פלינק ווערט ער אויפגעכאַפּט מיט די פינגער פון אַ גוט אויסגעשולטן ספּעציאַליסט.

אמאָל איז דער דימענט גוט פאַר אינדוסטריעלע צוועקן, — דאַן איז זיין פּרייז פאַרהעלטניסמעסיק ניט הויך. ניט זעלטן געפינט מען דאָ אין דעם פעלד שטיינער, פון וועלכע מען שלייפט בריליאַנטן. פון דעם ווערט מען שוין רייך...

טרימערי אליין האָט ניט קיין רעכט זיינע שטיינער צו פאַרקויפן. ס׳עקזיס־טירט א מעכטיקער וועלט־סינדיקאַט, קאָנטראָלירט דורך די אָפּענהיימערס פון זיד־אפריקע און רעגולירט דורך דער בירזשע אין לאָנדאָן. מיט דער הילף פון דאָזיקן סינדיקאַט, קאָנען די פרייזן פון דימענטן אויפן וועלט־מאַרק ניט צופיל שטייגן אָדער פאַלן, אפילו דאַן, ווען אַלע געפונענע שטיינדלעך וואָלטן דימענטן געווען.

מיר גייען איבערן פעלד און די שטיינדלעך סקריפּען אונטער אונדזערע פיס. מעגלעך, אַז אייניקע פון זיי זיינען טאַקע דימענטן. איך קאָן זיי איינער פון אַנדערן ניט אונטערשיידן. אָבער טרימערי קאָן דאָס יאָ און אַזוי אויך די שוואַרצע ספּעציאַליסטן וואָס גייען אונדז נאָך.

טרימערי דערקלערט מיר, אַז די שווערסטע אויפגאַבע דאָ אין פעלד איז אָפּהיטן זיך פון גניבות... „מיר, די גרופּע ווייסע, צווישן זיך, זיינען פריי פון יעדן חשד. מען האָט זיך איינגעאַרבעט יאָרן לאַנג. די אינזשעניערן, אויסער אַ גרויסן געהאַלט, באַקומען אַ סאָלידן פּראָצענט פון די געפונענע טייערע שטיינער. אָבער מיט די שוואַרצע... מיר לאָזן זיי אַרויס איינמאָל אַ וואָך פון „קאָמפּאַונד" אָבער זיי טרינקען אויס אַ פיינע פּאָרציע קאַסטאָר אויל און ווערן אויך „עקס־רעיד" ביים אַרויסגאַנג. אין די גרעסערע „פאַרמס" זענען שוין איינגעפירט ראַדאַר־אַפּאַראַטן, וועלכע לאָזן ניט דורך אַפילו אַ פּינטעלע אין קערפּער. און דאָך זענען די גניבות קאַלקולירט אויף 20 פּראָצענט. קומט, וועל איך אייך ווייזן מיין שטאָלענעם „סעיף".

לעבן שטאָלענעם צימער, ווו די דימענטן וואַרטן מען זאָל זיי עקספּאָרטירן קיין איראָפּע, שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע צוויי וואַטוטסי ריזן מיט ביקסן ביים זייט. פיר טויזנט קאַראַט רויע דימענטן זיינען פאַרטיק פאַר עקספּאָרט. אייניקע פון זיי זיינען פון צוואַנציק קאַראַט און העכער. נאָכן שלייפן וועלן זיי, פאַרשטייט זיך, ווענן פיל ווייניקער.

טרימערי איז שטאָלץ, וואָס מיט אַ יאָר צוריק האָט ער געקאָנט שיקן אַ מתּנה דער אַלטער בעלגישער קעניגין עליזאַבעט אַ פּערפעקטן בלוי־ווייסן שטיין פון 15 קאַראַט די גרויס. אויפן וואַנט פון זיין אָפּיס הענגט אין אַ ראַם אַן איינג־האַנטיק געשריבענער דאַנק־בריוו פון איר מאַיעסטעט.

פאַרשטייט זיך, מען קאָן ניט פאַרגלייכן דאָס אַזוי באַשיידענע מבומבי פעלד פון מיין פריינט טרימערי (כאָטש עס האָט אים געמאַכט פאַר אַ מיליאָנער) מיט דער „גרויסער גרוב" אין קימבערליי (זיד אפריקע), ווו אין אַ לאָך דריי

פערטל מיילברייט און 1,500 פוס טיף האָט מען אין משך פון די לעצטע 50 יאָר אויסגעגראָבן פופצן מיליאָן קאראט דימענטן!

אָבער אויפן גאנצן שטח פון זיד־וועסט און איסט אַפריקע זענען זיי צעשאָטן, די קלענערע פעלדער. אויף איינעם פון זיי געפין איך זיך איצטער. דורך אָט די קליינע בלישטשענדע שטיינדעלעך פליסט שפּעטער דורך אַ ים מיט קנאָה, מיט לוסט, מיט קאמף, מיט ליבע און אויך מיט מענטשלעכן אינדוסטריעלן פּראָגרעס.

דורך די אָפענע פענסטער פון גרויסן הויז, וווּ איך פארברענג די נאכט, דערטראָגט זיך די גרילצנדיקע וואָיעניש פון היענעס און שאקאלן. צי לאָכן זיי ניט אַמאָל איבערן מענטשלעכן געיעג נאָך די גלאנצנדיקע מעטאלן און גליענדע שטיינער, וועלכע ס׳וואַרפט ארויס פון מאָל צו מאָל די שטומע מאמע־ערד?

מאָרגן גאנץ פרי נעמט מיך טרימערי מיט אויף אַ יאגד. ער זאָגט צו פנים־אל־פנים באַגעגענישן מיט ווילדע חיות.

איך גלויב אַז דאָס איז טאַקע די סיבה, וואָס איך קאָן ניט אנטשלאָפן ווערן. טרימערי ווייס דאָס ניט. אָבער איך זאָג דאָך יעדעס יאָר: „מי בחרב ומי בחיה”. איין זאך איז געפינען דאָס אין ונתנה תוקף און אַ צווייטע איז זיך געפינען מיט דער חיה אין ווילדן וואלד...

בײַ ייִדן אין דאַקאַר

כ'האָב זיך דאָס מאָל איינגעשפּאַרט און אויסגעפונען די איניקע יידן אין וועסט־אַפריקאַנער דאַקאַר, וועלכע איז די הויפּט־שטאָט פון דער פראַנצויזישער פעדעראַציע פון מערב־אַפריקע (סענעגאַל, מוריטאַניע, פראַנצויזישער סודאַן און גווינעאַ, דער עלפאַנטביין־ברעג און ניגעריאַ). אינגאַנצן ווינען דאָ אַרום אַכצן מיליאָן שוואַרצע מענטשן און נאָר זעכציק טויזנט ווייסע.

בין איך אין דאַקאַר געוועזן כמעט אַ גאַנצן טאָג מיט איניקע יאָר צוריק. געזוכט, גענישטערט און ניט געפונען קיין איין ייד. האָט דאָס מיך שטאַרק פאַרדראָסן: וואָס איז שייך? ס'געפינען זיך דאָ אַכצן מיליאָן לעבעדיקע נפשות און קיין איין ייד צווישן זיי? איז צוליב וועמענס זכות לעבן זיי? — וואָלט געפרעגט מיין אַלטער רבי.

דאָס מאָל, — דאָס הייסט אין פרילינג 1955 — בין איך געפלויגן קיין יאָהאַנעסבורג (זיד־אַפריקע) דירעקט פון בראַזיל. נאָך פערצן שעה טראָגן זיך אין די וואָלקנס איבער דעם טויזנט מייליקן ווילד־אינדישן דזשאָנגל און נאָך אַ שטורעמדיקן שפּרונג איבערן שטיק אַטלאַנטישן אָקעאַן, וואָס טיילט אָפּ בראַזיל פון אַפריקאַנער קאָנטינענט, האָבן מיר געלאַנדעט אויפן לופט־פּאָרט פון דאַקאַר. דאָ דאַרף איך וואַרטן גאַנצע צוויי טעג ביז דער אַמעריקאַנער עראָפּלאַן פון ניו יאָרק וועט אַהער קומען צו פליען און מיך מיטנעמען אויף זיין ווייטער־דיקן לאַנגן וועג דורך דעם גאַנצן אַפריקאַנער ערדטייל ביזן אינדישן אָקעאַן.

ווען איך אין פראַנצויזישן האָטעל „קורא די סיד", בלאָנדזשע איך אַן איינזאַמער איבער די גאַסן פון אַ טראָפּיש אָנגעגליטער שטאָט ווו דער קאָלאָניאַלער פראַנצויזישער רעזשים האָט באַוויזן אויפבויען אַ ביסל מאָדערנע הייזער און אַ פּאָר דעפּאַרטמענט־סטאָרס. אַלץ קאָסט דאָ משונהדיק טייער. כ'וואָלט געזאָגט, אַז נאָך קאַראַקאַס, אין ווענעזועלאַ, איז דאַקאַר די טייערסטע שטאָט אין דער וועלט, אפילו אַ גלאָז קאַווע קאָסט דאָ אַרום 20 אונדזערע סענט, כאָטש קאַווע וואַקסט דאָרט טאַקע אין זעלבן סענעגאַל און פּאַר אַרבעט צאָלט מען שפּאָט־

ביליק. זעט איר גלייך אַרוים די עקספּלואַטאַציע פון אַ קאָלאָניאַלן רעזשים. דער שוואַרצער מענטש און זיין לאַנד ווערן אומ׳ברחמנות׳דיק אויסגעמעלקט און דאָס „שמאַנט״ ווערט אַריבערטראַנספּאָרטירט אין ווייטן פראַנקרייך דירעקט אין די קעשענעס פון אַנאָנימן קאַפּיטאַליסט.

און די גאַסן ווימלען מיטן קאָלירייכן געזעמעל פון אַפריקאַנער שבטים, וואָס קומען דאָ אָן פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. דער מאַרק אין דאַקאַר פאַרדינט צו פאַרפילמט ווערן אַלס איינער פון די פאַרביקסטע, וועלכע כ׳האָב ווען עס איז געזען. ס׳שטייען דאָ הויכע ווי דעמבעס בערדיקע מורן אין כאַלאַטן, וואָס בליצן מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן. ס׳וויגן זיך אויף זייערע היפּטן שלאַנקע נעגערטעס, וועלכע זיינען האַלב-אָנגעטאָן, צודעקנדיק דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער נאָר מיט קרענצלעך גאָלדענע אָדער זילבערנע מאָנעטן, וואָס באַמבלען זיך און קלינגען און פון די אויערן און נאָז הענגען רינגען גרויס ווי טעלערלעך.

זעק מיט געווירצן, שאַרפע און קיצלדיקע, פעפערס און צימערינג און נעגעלעך רייצן די טראָפּישע לופט.

אַזוי ווי דער פאָרטער פון מיין האָטעל וויים גאָרניט צי ס׳וווינען יידן אין דאַקאַר, האָט ער מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַן אַראַבער, וואָס וויים אפשר בעסער. שלעפּ איך זיך איבער די גאַסן זוכן דאָס געשעפט פון שרייב-מאַטעריאַלן, וועלכעס געהערט דעם אַראַבער. געפין איך אים. קויף ביי אים אַ בלייפעדער און פרעג דערוויילע פון וואַנען ער שטאַמט. זאָגט ער, אַז ער האָט דאָ אימיגרירט פון לבנון מיט צוואַנציק יאָר צוריק און איז אַן אַראַבישער קריסט, אַ מאַראָניט. פרעג איך צי קען ער עפּעס אַ ייד. גיט ער מיר, צו מיין פרייד דעם אַדרעס פון זיין לאַנדסמאַן אַ ייד פון ביירוט, יהושע פּאָליטים, אַן אייגנטימער פון אַ מאַנופאַקטור געשעפט. און ווייל ער איז ניט זיכער, אַז איך וועל אַליין קאָנען געפינען דאָס פּלאַץ, לאָזט דער אַראַבער איבער זיין אייגענע קראָם אויף אַ יינגל, זעצט זיך מיט מיר אין אַ טאַקסי און ברענגט מיך דירעקט צום טיר פון יידישן געשעפט.

„מיר לעבן מיט אים ווי ברידער״, זאָגט דער אַראַבער. „בראַז איז זיין נאָמען. הלואי וואָלטן די אַראַבער דאָרט אין דער אַלטער היים אַזאַ פריינטשאַפט אָנגעהאַלטן מיט יידן... עפּעס אַ קראַנקהייט איז זיי דאָרטן באַפאַלן, וואָס מיר דאָ, — און מיר האָבן אַן אַראַבישן קלוב אין דאַקאַר — קאָנען גאָר ניט פאַרשטיין...״

איצט שטיי איך פאַר מיין יונגן ברודער יהושע פּאָליטים און מיר ביידע זוכן די געמיינזאַמע שפּראַך: זי איז פראַנצויזיש, זי איז העברעאיש, אָדער נאָכמער איז זי די ניט-דערגרעדטע קאָנגזייטיקע יידישקייט, די בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט אויסדריקן אין ווערטער.

פּאַליטים איז גערירט, טרערן שטעלן זיך אין זיינע אויגן, ווען איך דערקלער אים, אז דער ציל מיינער איז נאָר צו זאָגן אים „שלום" און צו זאָגן דאָס זעלבע אנדערע יידן דאָ, אויב אַזעלכע זיינען פאַראַן.

„יאָ, פאַראַן דאָ א צענדליק משפּחות, אָבער זיי האַלטן זיך ניט צוזאַמען. זיי קומען פון פאַרשיידענע לענדער, זיי פילן זיך דאָ א ביסל דערשראָקן און פרעמד".

„פאַר וואָס דערשראָקן?"

„נאָך פון די צייטן פון היטלערן, ווען דער ווישי־רעזשים איז דאָ געוועזן באַלעבאָס, און א ייד צו זיין איז געווען א לעבנס־געפאַר — האָבן זיך דאָס ביסל פראַנצויזישע יידן, וואָס זיינען דאַן געווען, פאַרשטעקט אין די לעכער. איצט הערט מען ניט פון זיי, אפשר האָבן זיי זיך גאָר אויסגעשמדט.

„איך אליין בין געוועזן א חזן אין ביירוט, ניט געהאַט קיין פרנסה, האָב איך דאָ אויסגעוואַנדערט און, ברוך־השם, עס גייט מיר זייער גוט, אָבער כ'בין אַליין, קיין ווייב ניטאָ, קומט יום־טוב, פאַרמאַך איך זיך אין צימער און דאַוון און וויין. ס'דוכט זיך מיר, אז די עדה פון דער שול „מגן־אברהם" אין ביירוט הערט זיך צו מיין דאַוונען און ענטפערט „אמן". אנטקעגן מיין קראָם האָט זיין געשעפט א ייד פון מצרים, כ'וועל אים באַלד אריינרופן.

„דאַנאַן, דאַנאַן!" שרייט אויס פון טיר פּאַליטים.

קומט אריין אן אינטעליגענט אויסזעענדיקער יונגערמאַן. דאָס איז העגרי דאַנאַן פון אלעקסאַנדריע של מצרים. אויך ער מאַכט גוט. מען האָט אים פון דאָרט ארויסגעלאָזן, ווייל ער איז אן איטאַליענישער בירגער. ער האָט א פרוי מיט א קינד. זיין זונעלע האָט מל געווען א קריסטלעכער דאָקטאָר, ווייל קיין מוהל איז דאָ ניטאָ.

פאַראַן דאָ נאָך א ייד, א פראַנצויזישער אינזשעניר, ראָמאַן פינטאָ. איז ער א באַוווסטזיניקער ייד. אַרבעט אין דער אויל־סאָקאָני געזעלשאַפט. ס'איז ווערט כ'זאָל זיך מיט אים זען. אגב גיט פּאַליטים מיר די ציוניסטישע צייטונג אין פראַנצויזיש, וועלכע קומט אויף זיין אדרעס פאַר פינטאָ. דער נאָמען פון דער צייטונג איז „לאַ טערר רעטרואוועע", וואָס מיינט „די צוריקגעפונענע ערד". לאָכןביידע פריינט, ווען איך לייג פאָר ענדערן איצט איר נאָמען אויף „לע פרער רעטרואוועע" („די צוריקגעפונענע ברידער"). א פּאַסיק ווערטער־שפּיל.

טרעף איך זיך מיטן פריינטלעכן, נאַציאָנאַל־יידיש געשטימטן ראָמאַן פינטאָ. גרויס איז געווען זיין פרייד, ער פאַרלאָזט די אַרבעט. באַקענט מיך מיט זיין פרוי, זיין יונגער זון לערנט זיך אין פּאַריז. פאַראַן דאָ נאָך א פּאָר יידישע פאַמיליעס. פון אַלזשיר, פון טאַנזשיר, צוויי פראַנצויזישע אָפיצערן, וואָס זוכן א שטיקל יידישע סביבה און קאָנען ניט געפינען. אפילו יום כיפור איז נאָך דאָ קיין

דאַווענען בציבור ניט געווען. זאָג איך, כאָטש כ׳בין ניט קיין רב און ניט קיין רעליגיעזער עסקן, האָב איך דאָך געפּועלט ביים געוועזענעם בירוטער חזן יהושע פּאָליטים, אַז מען זאָל די נעקסטע ימים נוראים זען דאַווענען בציבור, — זאָל ער דעמאָלט תפילה טאָן ניט פאַר גייסטער, ווי ביז איצט, נאָר פאַר א לעבעדיקן מנין... בעט איך פינטאָן ער זאָל אין דעם באַהילפיק זיין. זאָגט ער מיר צו. כאָטש, באַמערקט ער, ער איז ניט רעליגיעז, אָבער נאָר ציוניסטיש, פאַרשטייט ער, אַז א מנין, דאָס ערשטע דאַווענען בציבור אין דאַקאַר, שאַפט א קהילה, א צוזאַמענבונד מיט ישראל, מיט כלל ישראל, — וועט ער מיטדאַווענען...

און דאָ דערוויס איך זיך אַן אינטערעסאַנטן פאַקט: ער, פינטאָ, איז מיט אייניקע חדשים צוריק געשטאַנען אויף דעם פלי־פּאָרט אין דאַקאַר. איז פון א דורכפליענדן עראָפּלאַן אַרויס א רב מיט א באָרד און הדרת־פּנים. האָט אים פינטאָ „שלום״ געגעבן. האָט זיך דער רב פאָרגעשטעלט אַלס הרב וויינבערג. מען האָט זיך צערעדט. פינטאָ האָט געגעבן זיין אַדרעס. ערב היינטיקן פּסח האָבן זיי דערהאַלטן א פּעקל מצה שמורה און א פּאָר תפילין, וועלכע זיינען געגאַנגען צו יהושע פּאָליטים, דאָס האָט געשיקט דער לובאַוויטשער „מרכז לעניני חינוך״ (אונטערגעשריבן הרב נ. כאַדאַקאָוו).

דער געבענטשטער לובאַוויטשער אינטערנאַציאָנאַל

מיט דער מצה־שמורה האָבן זיך צעטיילט די פאַמיליעס פּאָליטים, פינטאָ, חסוני, מימר, ברען...

דאָס דאָזיקע פּעקעלע מצה און זעקעלע תפילין זיינען געווען א רינגעלע פון יענער אייניציקער גאָלדענער קייט, וואָס וויקלט אַרום דעם ערד־קוגל מיט מיסטעריעזע וועגן...

זייט געזונט, פאַרוואָרפענע ברידער מיינע אין שוואַרצן, ווילדן סענעגאַל! אויך אייך וועט מסתם א געשיכטלעכער שטורעם־ווינט אויפנעמען און איבער ווייטענישן טראָגן און אין שכינה־פליגלען ברענגען, כדי צו פאַראייניקן זיך מיט אייער שטאַם. אזוי האָט דאָך דער נביא צוגעזאָגט.

* * *

פאַראַן אַן אינדזל ניט ווייט פון דאַקאַר, אַן אינדזל אינמיטן דעם אַטלאַנטיק מיטן נאָמען גאָריי. באַשטייט ער פון א גיגאַנטישן שטיין, אויף וועלכן ס׳טוליען זיך אור־אַלטע הייזלעך פון א שטעטל און אויבן, אין פעלדז וואָס קעניגט איבערן אינדזל, איז אויסגעהאַקט א פעסטונג. שטייען דאָ האַרמאַטן נאָך פון פופצנטן יאָרהונדערט, אָבער ס׳ווייזן זייערע בייזע מיילער לאַנגע מאָדערנע קאַנאָנען פון די גאָר לעצטע יאָרן.

די שטאָט דאַקאַר איז ניט מער ווי הונדערט יאָר אַלט, אָבער דאָס אינדזעלע גאָריי איז שוין געווען באַזעצט אין די גאָר אַלטע צייטן און האָט אַ געשיכטע פון פּאָרטוגעזער פּיראַטן, פון האָלענדישער הערשאַפט, פון ענגליש־פראַנצויזישן קאָנדאָמיניום און זינט 1817 — פון אויסשליסלעך פראַנצויזישער באַלעבאַטישקייט.

האָב איך געהאַט אַ האַלבן טאָג צייט, בין איך געפאָרן דעריבער אויף אַ קליין שיפל צו דעם מערקווירדיקן אינדזל, ספּעציעל צו „הויז פאַר שקלאַפן".

דראַפּע איך זיך אַרויף אויפן שפּיץ פון באַרג, וווּ די מאָדערנע פעסטונג געפינט זיך. לייען איך אַן אויפשריפט: „שטרענג פאַרבאָטן דער דורכגאַנג". גיי איך דעריבער דורך... כאַראַקטעריסטיש פאַר פראַנצויזן: כאָטש איך באַגעגן שוואַרצע סאָלדאַטן און ווייסע אָפיצערן, שטעלט מיך קיינער ניט אָפּ צו פרעגן, וואָס טו איך דאָ מיט מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט.

דער וועג צום שטעטל פירט דורך אַ געדיכטער אַלייע פון באַאָבאַבן, די זעלטענע דיקע משונהדיק־פאַרצווייגטעביימער, וואָס אין אַזאַ צאָל געפינען זיי זיך נאָר אויף דעם דאָרטיקן אינדזל.

פישערס שלעפּן אַרויס פון ים משונהדיק לאַנגע פיש מיט רויט־גרין־זילבערנע שופּן. מענטשן האַלב־פאַרשלאָפענע פון אַ געמישטער שוואַרץ־געל־ברוין־ווייסער ראַסע וווינען דאָ. קינדער פון שקלאַפן־האַנדל, וועמענס צענטער דער אינדזל איז אַמאָל געווען.

און אָט בין איך אין באַרימטן „הויז פון די שקלאַפן" — די מערקווירדיקייט פון גאָריי. צוויי רייען שטיינערנע טרעפּ פירן צו די קאַזעמאַטן, וווּ געשמידטע אין קייטן זיינען די קנעכט געלעגן און געוואַרט אויף דעם ווייטערדיקן וועג. אונטער די טרעפּ — דורך שטיינערנע טויערן צום ים זעט מען שיפלעך. אַמאָל פלעגט מען דורך די טויערן אַרויפנעמען אָדער אַרויספירן די קנעכט. איך באַטראַכט די ווענט, אויף וועלכע ס'זיינען אויסגעקריצט נעמען, צלמים, מיידלשע געזיכטער. דאָס זיינען די איבערבלייבענישן פון די לעצטע חלומות, לעצטע פאַרבינדונגען מיט אַ פרייער וועלט, וועלכע די אין קייטן געשמידטע שקלאַפן האָבן פרובירט פאַראייביקן אין שטיין.

אָבער וואָס איז דאָס? פּירקאַנטיקע שלעכט געקריצטע העבראַאישע אותיות? „שלמה" און נאָכהער מיט לאַטייניש שריפט „סאַראַגאָסאַ". געווען דאָ אין פינסטערן שטיינערנעם זאַק אַ שלמה פון סאַראַגאָסאַ (אַ שטאָט אין שפּאַניע). אין וועלכן יאָר? ווען האָבן פּיראַטן זיין שיף געכאַפּט און פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט? און אפשר איז ער געלאָפן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, אויף יענע הילצערנע „פלאָטן" קיין מאַראָקאָ, וועלכע זיינען מאַסנווייז דערטרונקען

געוואָרן, און ער, שלמה פון סאראגאָסאַ, איז געראטעוועט געוואָרן, כדי אין דאָזיקן „הויז פון די שקלאַבן" אַלס „סחורה" ווארטן אויף זיין ווייטערדיקן גורל?... די שטיינערנע ווענט וועלן מיר שוין די תשובה ניט געבן. און מיין האַרץ איז שוין פול מיט בענקשאַפט צום דאָזיקן אויפשריפט אויפן אינזל גאָריי, ווי עס איז פול מיט נאָגעניש נאָכן „אינדזעלע" פון אונדזער מנין יידן, נאָר וואָס אַנטדעקטע דורך מיר אין טראָפּישן ווייטן דאַקאַר.

מיט יידן אין איצטיקן עגיפטן

די געביידע פון דער יידישער קהילה אין קאירא געפינט זיך אין א געמישטן יידיש־עגיפטישן קווארטאל, ווו ס׳וווינען ארעמע מענטשן פון ביידע גלויבנס. זאגט מען מיר, אז די איינוווינער דא לעבן בשלום, קינדער שפילן זיך צוזאמען. די גרעסטע דאגה איז: ווי קומט מען אויס דעם טאג מיט פרנסה, און נישט וועלכער רעזשים זיצט אין זאטל.

גלייך נאכן וועלט־קריג זיינען נאך אין מצרים געווען ארום אכציק טויזנט יידן. איצט זיינען געבליבן נישט מער ווי ארום פופציק טויזנט.

מיט סטאטיסטישע דאטן האלט עס זייער שוואך אין דער יידישער קהילה; משום עין הרע וועגן ציילט מען נישט קיין יידן... איז וואס איז געווארן מיט די דרייסיק טויזנט יידן, וועלכע זיינען אוועק? כ׳וויים, פארשטייט זיך, די תשובה און אויך זייער אדרעס. אבער ווען איר פרעגט די שאלה די פירערס פון דער קהילה, „פאנפען" זיי אונטער דער נאז:

„אוועק קיין מארסעל, אין פראנקרייך, קיין בארי, אין איטאליע"...

איז, אז איר ווילט קענט איר מיינען, אז אונדזערע ברידער האבן זיך אוועקגעלאזט אלס טוריסטן קיין מאנטע קארלא אדער מאנטע קאטינא, — און ס׳ארט קיינעם נישט, אפילו די פריערדיקע און איצטיקע רעזשימען, — צו וויסן, אז דרייסיק טויזנט „ארעמע־לייט" וווינען איצט אין עמק, אין גליל אדער אפילו אין נגב, פון יענער זייט עגיפטישע גרענעץ.

ס׳איז מערקווירדיק, וואס בעת מיינע באגעגענישן מיט די אפיציעלע יידישע פירער, בעת מיין אנטייל אין די זיצונגען פון קהילה־ראט, אדער וויזיטן אין דער סינאגאגע, ישיבה אדער שולע, איז קיינמאל אויף קיינעמס ליפן (אויך נישט אויף מיינע) נישט געקומען דאס ווארט „ישראל". פארשטייט זיך, אז דאס איז נישט דער פאל אין פריוואטע געשפרעכן, און פאראן אויך א שפראך פון פאר־טרערטע, בענקענדע אויגן און אויך א שטילער יידישער קרעכץ, וואס רעדט מער ווי ווערטער...

די צייטונגען אין דער אַראַבישער, ענגלישער און פראַנצויזישער שפּראַך זיינען פול געווען די טעג, ווען כ׳האָב פאַרבראַכט אין קאַירא, מיט גרויל־ידיעות וועגן „ציוניסטישע״ מלחמה־פּלענער, מיט שיסערייען לעבן עזה, מיט קאָנצענטראַציע פון ישראל־מיליטער האַרט ביי דער גרענעץ, אונטער דער אָנפירונג פון „קליינעם נאַפּאָלעאָן״ בן־גוריון. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ מיט די „בירגער פון יידישן גלויבן״, וואָס וווינען אין מצרים? אין די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן צו די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן מצד דעם אינפאָרמאַציע־מיניסטער, ווערט דאָך בפירוש געזאָגט: „יידן אין עגיפּטן ווערן שוין פון טויזנטער יאָרן פאַררעכנט אַלס ברידער. נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן מצרים פון מוסולמענישן, קריסטלעכן אָדער יידישן גלויבן״...

אַלס אַ ביישפּיל אַז אַזוי איז עס אין דער ווירקלעכקייט, האָבן מיר די פאַרשטייער פון דער עגיפּטישער רעגירונג, אָנגעוויזן אויף דער טראַדיציאָנעלער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער קהילה, אויף איר רעכט צו מאָנען צוואַנגס־שטייערן, אויסהאַלטן שולעס און אויך אויף די געריכטס־פונקציעס פון הויפּט־ראַבינאַט וועגן אַלע יידישע פאַמיליע־ענינים: חתונות, גט׳ן, ירושות, רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן א. אַז. וו.

זיץ איך איצטער אין געריכטס־זאַל און וואַרט ביז ס׳וועט זיך אָנהויבן די סעסיע פון העכסטן געריכט (פאַראַן אויך אַ נידעריקערע אינסטאַנץ, ווו די ריכטער זיינען „דינים״). דורכן אָפענעם פענסטער רייסט זיך פּלוצלינג אַריין אַ האַרצרייסנדיק געוויין. איך קוק אַרויס און דערזע אַ פּראָצעסיע פון עטלעכע צענדליק יידישע פרויען, אַלע געקליידט אין שוואַרצן, מיט פאַרשלייערטע פּנימער, וואָס גייען מיט באַוועגלעך אויפגעהויבענע הענט און קלאָגן. אַ מין „אָרגאַניזירט געוויין״. דאָס זיינען באַצאָלטע קלאָגערקעס, מקוננות, וואָס קאָנען אויפרייסן מיט זייערע געוויינען אפילו אַ טויטן.

פון דעם צווייטן פענסטער, וואָס גייט אַרויס אויף אַן אַנדער גאַס, דערטראָגן זיך גאָר אַנדערע קולות. דאָס איז דער ספּאָרט־פּלאַץ פון דער שכנותדיקער יידישער שולע, ווו ס׳לערנען זיך אַרום צוויי טויזנט יידישע יינגלעך און מיידלעך.

דאָ שפּילט מען „באַסקעט־באָל״ און „פוט־באָל״ אין קורצע הייזלעך, דאָ שפּרינגען פון טראַפּעזע צו טראַפּעזע עלאַסטישע, ענטוזיאַסטישע „משהלעך און שלמהלעך״, מיט אויגעלעך וואָס בלישטשען ווי שטערנדלעך, די זעלבע ליכטיקע שטערנדלעך וואָס האָבן באַלויכטן אַלע גלותן.

צווישן זיי און די פּראָפעסיאָנעלע פאַרשלייערטע „קלאָג־מוטערס״, וואָס איך זע פון צווייטן פענצטער, ליגן דאָך די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר פון יידישן ישוב אין מצרים...

נאָר שאַ! אויפֿן טריבונע אין געריכטס־זאַל, גייען אַריין איינער נאָכן צווייטן אין טאָגעס־געקליידעטע מיט שוואַרצע און רויטע פּעזן אויף די קעפּ די מיט־גלידער פון העכסטן געריכט; דער בלינדער חכם־באַשאַ ר׳ חיים נחום עפענדי, געפירט אונטערן האַנט דורך זיין געהילף, דעם יונגן אַסיסטענט ר׳ אברהם שועייקאַ. הינטער זיי דער איראַפּעאיש־עלעגאַנטער הויפּט־רב פון אַלעקסאַנדריע של מצרים ר׳ אהרן אנזשעל, נאָכהער דער ראש־ישיבה חכם סעדיה מזיר אין זיין הויכן רויטן פעז, נאָכהער די 2 דינים.

צוויי אָריענטאַל־געקליידעטע פּאָליציי באַאַמטע, אייננטלעך בית־דין שמשים, פאַרנעמען די פּלעצער ביי די טירן. די פּראָטאָקאָל־שרייבער (אין אַראַביש און העברעאיש) זעצן זיך ביים טיש.

ס׳גייט אַריין דער אָנקלאָגער מיט זיין יונגער, בילד־שיינער טאָכטער. ער איז ווייס ווי אַ טויב און זעט אויס ווי אַ טערקישער פּאַשאַ, ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז דער דירעקטאָר פון דער עגיפּטישער מלוכה־באַנק און שטאַמט פון גרעסטן יידישן אַדעל — פון דער משפחה סידי קארו, וואָס ציט איר יחוס־בריוו אַזש ביז דוד המלך.

ער פאָדערט אַ גט פון זיין איידעם, אַ אינזשעניר, וואָס איז אויך אַ זון פון דער דיין־משפחה, אַ דירעקטער אור־אור־אייניקל פון די גאוני בבל.

צוויי באַרימטע אַדוואָקאַטן שטעלן זיך פון יעדן צד: איינער אַ ייד, איינער אַן עגיפּטער.

די סיבה פאַרוואָס דער פאָטער פאָדערט מען זאָל אָפּגטן זיין טאָכטער איז זייער אַ דעליקאַטע און אפילו ווען איך וואָלט פאַרשטאַנען די דעבאַטע צווישן די צדדים, וואָס איז געפירט געוואָרן אין אַראַביש, וואָלט איך אויך ניט געטאָרט באַריכטן וועגן אַזאַ אינטימען פּראָצעס. אָבער דער אַלעקסאַנדריער הויפּט־רב שטעלט זיינע פראַגעס אין פראַנצויזיש (ער שטאַמט פון איטאַליע) שטאַרק געמישט מיט תלמודישע ווערטער. מיינער אַ שכן דערציילט מיר דעם אינהאַלט פון סכסוך, ווערט מיר דער ענין קלאָר.

די יונגע, בילד־שיינע פרוי באַשולדיקט איר מאַן, אַז ער פאָדערט פון איר געשלעכטלעכע באַציאונגען „שלא כדרכו”... דער אַדוואָקאַט פון מאַן — דער עגיפּטער — וויל באַווייזן אַז זי איז אַן „אשה מורדת” (זי זאָגט אָפּ דעם מאַן זיין „רעכט”).

הונדערטער דראַסטישע דעטאַלן ווערן אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט, ביז דאָס געריכט אָנערקענט אַז אַ גט מוז געגעבן ווערן.

נאָכהער ווערן פאָרגעלייענט אין העברעיש דריי זייער כאַראַקטעריסטישע אַרטיקלען פון דעם נידעריקן בית־דין און זיי ווערן באַשטעטיקט דורכן העכסטן געריכט.

1) מר. דניאל פינטו שטעלט צו באַווייזן אַז זיין פרוי, די טאָכטער פון חכם אליעזר יבני, דערלויבט אים חתונה האָבן און אריינגעמען אין שטוב אַ צווייטע ווייב, אַ בתולה. אַלס פאַרגיטיקונג דאַרף דער מאַן צאָלן זיין ערשטער פרוי רבקה פינף עגיפּטישע פונט אַ וואָך.

דאָס געריכט באַשטעטיקט די „טראַנזאַקציע".

„אַ מזל פון אַ גביר", באַמערקט מיין שכן, „די ערשטע פרוי איז איבער זעכציק, די צווייטע, די בתולה, איז קוים זעכצן"...

2) חוזר בתשובה: יוסף ביזאַווי שרייבט צום געריכט אַ חרטה־בריוו, אין וועלכן ער דערקלערט אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט ער זיך צעקריגט מיט זיין משפּחה און איז אַריבערגעגאַנגען צום קריסטנטום. אַזוי ווי אָבער ער ליידט איצט פון דעם גרויסע יסורים און ווינשט זיך דעם טויט, וויל ער צוריקגיין צו דער אמונה פון זיינע אבות.

ער האָט זיך געשטעלט צום בית־דין אסרו־חג־של־פסח, זיך מתוודה געווען אויף זיינע זינד, מקבל געווען אויף זיך, דאָס אַזאַ נאַרישקייט וועט ער שוין מער ניט טאָן. האָט מען אים געגעבן אַ „היתר", אים טובל געווען אין דער כשרער קהילה־מקוה כנהוג, והרי הוא ישראלי גמור לכל עניניו והכל שריד וברי וקיים (און ער איז אַ פולשטענדיקער ייד און אַלץ איז קלאָר).

3) פאַרן בית־דין שטייט די 21־יעריקע, גריכיש־קריסטלעכע מיידל אליזבעט פּאַפּאַסרנטו: זי דערציילט אַז זי לעבט צווישן יידן, אַז זי האָט ליב זייער לעבענס־שטייגער און וויל דעריבער געהערן צום יידישן גלויבן.

דער בית־דין האָט איר געפרעגט די נויטיקע שאלות און האָט איר אויך מיטגעטיילט די עיקרדיקע מצוות ובפרט: „יחוד ד׳ יתברך" (גאָט איז איינער). די טבילה איז פאַרגעקומען דעם זעלבן טאָג. ווען זי איז געווען אין וואַסער האָט מען איר ווידערהאָלט אַלץ וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן און זי האָט דאָס אויף זיך ווידער מקבל געווען, אַז זי איז אַרויס פון וואַסער האָט זי געמאַכט אַ ברכה אויף דער טבילה. און אַ נאָמען געגעבן האָט מען איר לאה, זי זאָל פאַרעכנט ווערן פאַר אַ פולשטענדיקער יידישער טאָכטער.

כ׳בין פריוואַט־צו־נאַכטס אין דער מאָנומענטאַלער סינאַגאָגע, די אַזוי־גערופענע איזמאַאילאַ־שול. דעם לעצטן פּסח איז דאָ מיט אַ וויזיט געווען דער הויפּט פון דער רעגירונג, קוירנעל נאַסער, און פון דער בימה דערקלערט, אַז עגיפּטער זענען אַלע ברידער און אַז זיין רעגירונג וועט קיין אונטערשיד ניט מאַכן צווישן זייערע רעליגיעס.

איך זיץ צווישן דעם הויפּט־רב ר׳ חיים נחום און דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה, דעם גביר פּרחי. די סינאַגאָגע איז פול געפּאַקט מיט יידן אין פּעזן

און אין קאפעליושן. איבערהויפט איבערראשט די גרויסע צאָל קינדער און דער פאַקט וואָס זיי זינגען אַלע תפילות פון „קבלת־שבת" אויסנווייניק, אַט אַזוי ווי אונדזער דור, ווען מיר זענען קינדער געווען. דער נוסח התפילה איז שטרענג אָרטאָדאָקסיש־אָריענטאַליש, און כ׳מוז מודה זיין, אַז ס׳האָט מיר אימפּאָנירט די הארציקייט און הארמאָנישקייט, ווען די מער ווי טויזנט יידן האָבן צוזאַמען געזונגען די תפילות. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ באַוויי, אַז די פליגלדיקע ווערטער פון תהילים און פון אַנדערע תפילות, מיט די דעפיניטיווע צוזאַגן וואָס זענען דאָרטן געגעבן געוואָרן, ליגן טיף אין די הערצער און מוחות פון די דאַוונדיקע. און אין יענע תפילות רעדט זיך דאָך ניט וועגן איטאַליע אָדער פראַנקרייך, נאָר וועגן טאַטע ישראל אין אַלע זיינע שאַטירונגען און גלגולים. דאָ האָט מען ניט „געפּאַנפּעט", נאָר גערעדט קלאָרע דיבורים מיט דער שפּראַך פון דוד המלך און מיט ווערטער פון די „חכמי יבנה".

נאָכהער האָב איך געזען דעם מנהג ווי הונדערטער קינדער האָבן דעפילירט אויף דער בימה און געקושט דעם פרוכת און אויך די הענט פון הויפּט־רב.

אויף דער טומלדיקער גאַס סאָלימאַן פּאַשאַ וווינט דער רב ר׳ אברהם שועייקאַ. דאָרט בין איך געווען דער „אורח לשבת", דאָרט האָב איך געגעסן די געבראָטענע גרינע פעפערלעך, די מצרישע „קישואים", די פישעלעך מיט גאַל־דענע שופּן, דאָרט האָט מען קידוש געמאַכט אויף „יין קפריסין" און געגעסן אַליוון און כרעמזעלעך אין בוימאויל געפּרעגלט. די יונגע פרוי פון רב האָט נאָענטע קרובים אין גוואַטעמאַלאַ, גראָד מיינע פריינט, ביי וועמענס טיש כ׳האָב במעט אַזאַ שבת־סעודה געהאַט מיט אַכט יאָר צוריק, אַט דער דאָזיקער צופאַל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די נאָענטקייט ביים רב׳ס טיש.

נאָכהער באַגלייט מיך ר׳ אברהם צו מיין „האָטעל", וואָס איז נאָך אַלץ די קעניגלעכע יאַכטע פון ארויסגעטריבענעם פאַרוק. זי הוידעט זיך ריטמיש אויף די וואַסערן פון נילוס און סודותפול קלינגט די מוזיק אויפן דעק, ווו ס׳טרינקען „וויסקי" די אַמעריקאַנער טוריסטן.

אַלץ איז ווי אַ חלום: די פּיראַמידן פונדערווייטנס, די סינאַגאָגע, ווו אַזוי פיל לידער האָט מען געזונגען וועגן פּרעהן און „יציאת מצרים", און דער זעלבער טייך נילוס, ווו איינער פון די פּרעהס האָט באַפוילן די ניי־געבוירענע יידישע קינדער צו דערטרינקען, און דאָך האָבן הונדערטער פון זיי נאָר־וואָס געזונגען אַזוי שיין די הימנען אין דער איזמאַאילער סינאַגאָגע. נו, איך אַליין, — אויך אַ יידיש קינד, — שלאָף איך דען ניט אויף דער יאַכט, וועלכער דער לעצטער פּרעה, — פאַרוק, — האָט פאַר זיינע פאַרגעניגנס געבויט?

אַ די קאַפּריזן פון דער מענטשלעכער און ספּעציעל יידישער געשיכטע!...

אין רמבמ׳ס שול אין קאַיראָ

א מאָדנער מיסטישער געפיל כאַפּט אייך אַרום, ווען איר גייט אַריין אין הויף פון רמב"מ'ס שול... ווייסט איר דאָך, אַז קאַיראָ איז געווען דאָס געבענטשטע אָרט, ווו דער רמב"ם, נאָכן לאַנגן וואַנדער־וועג, נאָך אַרויסגעטריבן ווערן פון שפּאַניע, נאָכן וואָגלען איבער מאַראָקאָ און דורך די אַטלאַס־בערג און דורך די ליבישע מדבריות, איז ענדליך (אין יאָר 1166) דערגאַנגען קיין קאַיראָ, ווו ער האָט יאָרנלאַנג געדינט אַלס לייב־דאָקטאָר פון גוטן קאַליף סאַלאַדין. דאָ אין ער אויך געוואָרן דער אָנערקענטער פירער פון יחוס־דיקן יידנטום אין מצרים (דער „נגיד", דער „גרויסער אָדלער" פון תורה), און פון דאַנען האָט זיך זיין ליכט געגאָסן איבער'ן גאַנצן וועלט־יידנטום עד היום הזה.

ס'איז דעריבער אַ באַזונדער פאַרגעניגן געוועזן צו זען ווי איצט — כמעט אַכט הונדערט יאָר שפּעטער — לעבט זיין גייסט פאָרן מצרישן יידן אין דעם דאָזיקן לעגענדאַרן פּלאַץ, וואָס רופט זיך „בית הכנסת של הרמב"ם". די געביידע איז פאַרהעלטניסמעסיק נישט אַלט, זי איז געבויט אויפן אָרט פון די אָריגינעלע חורבות פון אַלטן בית־המדרש און איר גייט איבער די צימערן אויסגעשפּרייט מיט טעפּיכער, ווו פּילגרימען פון ווייטע לענדער ליגן איצט און שלאָפן נאָך אַ נאַכט, ווען זיי האָבן תפילות געזאָגט אָט דאָ אַרום ברונעם, וועמענס טונקעלע וואַסער'ן האָבן אפשר געזען די אָפּשפּיגלונג פון לעבעדיקן פּנים פון רמב"ם, ווען ער האָט אין די פאַרטאָגן זיך דאָ „אָפּגעגאָסן די נעגל".

איך טרעף דאָ אויך אַ רייכן סוחר פון העליאָפּאָליס, וועלכער איז מיט זיין גאַנצן הויז־געזינד געקומען דאַנקען דעם רבש"ע פאַר דעם, וואָס זיין יינגסטע טאָכטער, קלאַדעט, איז געזונט געוואָרן נאָך אַ שווערע קראַנקהייט.

ער האָט איינגעאָרדנט אַ מאָלצייט פאַר די אָרעמעלייט אין שכנות און עסט מיט זיי צוזאַמען. אויך אונדז (דעם רב ר' אברהם שוּעייקאַ און מיין ווייביקייט) לאַדט ער צו דער סעודה, פאַרזיכערנדיק אין אַראַביש און אין פראַנצויזיש, אַז דאָס שפּייז איז כשר לכל־הדעות.

מען עפנט פאַר אונדז דעם „ארון קודש". איינע פון די ספרי־תורות אין אַ ווייס מענטעלע איז באַדעקט מיט טויזנטער רויטע פלעקן ווי בלוט. דערקלערט מען מיר: דאָס איז „ליפּסטיק" פון די פרויען־ליפּן, וועלכע באַדעקן דעם דאָזיקן ספר מיט קושן, ווייל מען האַלט, אַז ער איז געשריבן געוואָרן פערזענלעך פון רמב"ם. אַנדערע צען ספרים ווערן דורך פרויען נישט געקושט. און איך דערמאָן זיך וועגן דער ריכטיקייט פון מאמר חז"ל, אַז „הכל תלוי במזל אפילו ספר־תורה שבהיכל" (אפילו אַ ספר־תורה אין טעמפּל דאַרף אויך האָבן מזל). ניט ווייט פון דאַנען, אין דער שול אויפן נאָמען פון בן־עזרא, געפינט זיך נאָך אַן עלטערע ספר־תורה, און די יידן דאָ גלויבן, אַז זי איז געשריבן געוואָרן פערזענלעך דורך עזרא הסופר און זי איז געבראַכט געוואָרן אין אור־אַלטן שכנות־דיקן שטעטל פאָסטאַט גלייך נאָכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש. דאָ אין מערב־ווינקל געפינט זיך אויך די באַרימטע אַנטדעקטע קאַירער גניזה, ווו אַן אוצר פון הונדערט טויזנט „שמות" האָבן פשוט באַלויכטן די יידישע פאַרגאַנגענהייט.

אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט דאָך אויף מיר געמאַכט נישט די מיסטיק פון די גרויסע טויטע שאָטנס, נאָר דאָס לעבעדיקע וואָרט פון די יונגע יידישע קינדער און בחורים, וואָס לערנען אין דער ישיבה „אהבה ואחוה". מיר גייען פון צימער צו צימער אין דער רחבותדיקער געביידע, ווו עס לערנען קינדערלעך פון „אלף־בית" ביז באַוווּסטע יונגעלייט, גמרא און מוסר־ספרים.

דאָ ווערן געשיקט יינגלעך אפילו פון זייער רייכע הייזער. אינדערפרי לערנען זיי אין די פאַרשידענע קאָלעדזשעס און נאָכמיטיק קומען זיי דאָ און מען לערנט מיט זיי יידישקייט.

די מלמדים טראָגן רויטע פעזן, אויף די טישן ליגן אָנגעוואָרפן ספרים: פון אַ סידור, געדרוקט אין ליוואָרנאָ, ביז אַ גמרא, געדרוקט אין זשיטאָמיר אין יאָר 1864, אויף וועלכער ס'געפינט זיך נאָך די רוסישע אויפשריפט: „דערלויבט דורכן צענזאָר לעאָן באַראָווסקי".

אָט זיצן „בר־מצוה" קינדער און לערנען די מסכתא חגיגא מיטן אָריענ־טאַלישן ניגון. די אַראַמייאישע זאַצן ווערן פאַרטייטשט אין לעבעדיקן העברעאיש. מען הייסט מיך שטעלן פראַגן, און ווען איך פרעג, פאַרוואָס, למשל, קומט „כרת", הויבן זיך אויף אַלע הענטעלעך. איינער שרייט אויס: „פאַרן עסן, יום־כפּור". אַנדערע גיבן אָן נאָך פיל עבירות אַלע אָבער זענען פּליסיק אין עברית און ווייסן וואָס זיי לערנען.

אין אַן אַנדער קלאַס לערנט מען אַ „ויקרא" מיט גאָר קליינע קינדער. זיי איבערזעצן דערווייל אין אַראַביש.

אויף די ווענט הענגען בילדער פון אלפסי, פון בעל־הטורים, פון רבינו תם, פון ר' יוסף קאַראָ. צווישן די פיל בילדער האָט זיך אויך פאַרוואַלגערט אַ בילד

פון מאַקס נאָרדוי. איך פרעג נישט פאַרוואָס דער דאָזיקער פּאָליטישער פירער איז באַערט אין דער ישיבה. מסתמא איז דאָס בילד געבליבן נאָך פון די צייטן ווען מען האָט געמעגט"...

די ספרים, פון וועלכע די קינדער לערנען, זענען שוין אַלטע פון פאַרשייד־דענעם גרויס, אָפטמאָל מיט זייער קלייניגקע אותיות, וואָס איז נישט געזונט פאַר די אויגן. דערקלערט מען מיר, אַז זינט מען איז אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער יידישער וועלט, קומען דאָך נישט אָן קיין נייע ספרים. אויף מיין ביטע גיט מען מיר אַ צעטל פון ספרים, וואָס זענען נויטיק אין דער ישיבה, צווישן זיי: דקדוק, גמרות, יידישע געשיכטע, קיצור שלחן־ערוך, עיקרי הדת א. א. וו.

איך האָב די רשימה שפּעטער איבערגעגעבן וועמען מען באַדאַרף, כדי ער זאָל די ספרים אַרויסשיקן פון אויסלאַנד. דער ראש־ישיבה ר' אהרן שועייקא (אַ ברודער פון רב) האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די רעגירונג וועט די ספרים אַריינלאָזן.

אין דער זעלבער ישיבה לערנען אויך אַרום 50 באַווייבטע יונגעלייט, צוזאַמען זענען דאָ פאַראַן מער ווי דריי הונדערט תלמידים. און נישט אומזיסט האָט מיר דער ראש ישיבה געזאָגט ביים געזעגענען זיך:

„אנחנו מצילים את היהדות בכל המזרח" (מיר ראַטעווען דאָס יידישקייט אין גאַנצן מזרח, מיינענדיק די מזרח־לענדער אויסער ישראל).

אויף מאָרגן האָב איך אויך באַזוכט די מאָנומענטאַלע געביידע פון דער „יידישער קהילה־שולע", אַ מין אַלגעמיינע שולע פאַר יידישע קינדער פון „אַליאַנס־טיפּ", כאָטש די לעצטע, צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, האָט איצטער קיין שום שייכות נישט מיט דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַגענטור.

די געביידע אַליין איז פאַרברענט געוואָרן בעתן גרויסן פּאָגראָם אין 1952, אָבער זי איז אויפגעבויט געוואָרן אין משך פון אַ יאָר מיט נאָך גרעסערן פּראַכט. די איצטיקע רעגירונג האָט צו דעם מיטגעהאָלפן מיט אַ סובסידיע פון פופצן טויזנט פונט (אַרום 45 טויזנט דאָלאַר); די איבעריקע, קרוב הונדערט טויזנט פונט האָבן געזאַמלט די יידן צווישן זיך. נאָך איצט זענען די מאַרמור ווענט פון דער געביידע פאַרקוילט.

„אַ נס, וואָס דער „פּאָגראָם" איז געווען אין אַ שבתדיקן טאָג, ווען די קינדער לערנען נישט", האָט מען מיר געזאָגט. (דעם זעלבן טאָג האָט מען אויך פאַרברענט דעם „בריטישן קלוב" און געהרג'ט פיל ענגלענדער; מען האָט אויך צעראַבירט און פאַרברענט די דעפּאַרטמענט סטאָר פון ס. קוירעלי און אַנדערע).

אין דער שולע לערנען איצטער 1.600 קינדער, צווישן זיי 50 מאַכמעדאַנישע. אַ שטאַב פון צוויי הונדערט לערערס באַדינען די שולע, פיל פון זיי באַרימטע

מוסולמאַנישע פּעדאַגאָגן. מען לערנט אַרום אַכט שעה אַ וואָך יודאַאיסטישן לימוד און מאָדערנעם העברעאיש. מיין איינדרוק אָבער איז, אַז יידישע לימודים לערנט מען צו־ווייניק.

אגב, טרעף איך אין איין קלאַס פון 40 שילער אַ גאַנצן יידישן אינטערנאַ־ציאָנאַל, אויסער די קינדער פון מצרים, אויך 5 יינגלעך פון בבל, דריי פון סיריע, צוויי פון טריפּאָליטאַניע און איינער, אַ קויל־שוואַרצינקער, אַזש פון אַביסיניע.

אויך דאָ זענען די ספרים זייער אַלטע, פיל פון זיי געדרוקט מיט 100 יאָר צוריק אין ווילנע, ווארשע און אפילו אין אָסטראָג (וואָלין). איך קאָן זיך נישט איינהאַלטן און דערצייל די לערערם — יידישע און עגיפּטישע — וואָס זאַמלען זיך אַרום מיר, די וווּנדערלעכע פּאָעטישע זאָגונג וועגן „אותיות פורחות באויר", וועגן די יידישע אותיות, וואָס פליען אין דער לופטן, נאָכדעם ווי די ספרים ווערן פאַרניכטעט. אָט האָט מען די ספרים געברענט אין פּוילן, דייטשלאַנד, וואָלין און גאַליציע; און אָט האָבן זיך די אותיות ווידער אַראָפּגעזעצט אויף די טישן אין די שולעם און ישיבות פון מצרים, פון לבנון, פון בבל און פון מאַראָקאָ. איך דערמאָן נישט, פאַרשטייט זיך, ישראל, כאָטש איך פיל ווי צייטיק ס'וואָלט געווען גראָד איצט צו זאָגן וועגן יענעם לאַנד אַ פּאָר ווערטער, אָבער די שיסערייען אַרום עזה געפינען זייער שאַרפן אָפּקלאַנג אין דער גאַס, וואָס הייסט „מוססא בן מיימאָנידעס (משה בן מימון)... מען מוז באַזיצן אַ שטאַרקע גבורה קעגן „יצר־הרע" נישט צו ענדיקן מיין „להתראות" (צום ווידערזען), וואָס איך זאָג צו די תלמידים און צו די לערער מיטן צוגאָב: בארץ (אין ישראל). דערווייל נאָך נישט!

מיטל-מזרח

א ייִדישער פּאָשאַ אין באַגדאַד

איך האָב דאָ ניט לאַנג דערהאַלטן די פּאַרשפּעטיקטע ידיעה, אַז אין באַגדאַד (איראַק, בבל) איז געשטאָרבן, אין עלטער פון פינף־און־פופציק יאָר, דער דאָקטאָר פון קעניגלעכן הויף מאַקס־פּאַשאַ.

איך האָב גוט געקענט דעם פאַרשטאָרבענעם הויף־דאָקטאָר פון זייערע מאַיעסטעטן פייזאַל דער ערשטער און גאַזי דער ערשטער, זיין זון.

ניט נאָר בין איך געווען זיין גאַסט אין באַגדאַד ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָר איך האָב זיך אויך געטראָפן מיט אים פילע־פילע יאָרן פריער, ווען ער איז, אַלס קליינער יינגל געשטאַנען ביים זייט פון זיין מאַיעסטעטישן זיידן ר׳ פייליט מאַקאָווסקי אין אונזער יחוסדיקן יחיאל־נעכעס בית מדרש, אין מיין היימאַטס־שטאָט ביאַליסטאָק. יאָ, דר. מאַקס־פּאַשאַ פון באַגדאַד איז געבאָרן געוואָרן אַלס מרדכי מאַקאָווסקי, אין אַ לומדישער ביאַליסטאָקער פאַמיליע.

ניט אַלע יאָרן פון זיין פאַנטאַסטישן וועג קיין באַגדאַד, צום קעניגלעכן הויף פון דער שטאָט פון „טויזנט און איין נאַכט”, זיינען גענוג קלאָר פאַר אַ מענטשן, וועלכער וואָלט געוואָלט שרייבן זיין ביאָגראַפיע, איבערהויפּט די יאָרן גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער יונגער מאַקאָווסקי האָט געדינט אַלס מעדיצינישער געהילף אין די קאַראַנטין פונקטן אין אַראַבישן מדבר, אויפן וועג וואָס פירט צו דער הייליקער, פאַר אַלע מוסולמאַנער, שטאָט מעקאַ. די פּילגרימען וואָס פלעגן זיך דערנענטערן צום שטאָט, זיינען קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, כדי ניט דערלאָזן אַז עפּידעמיעס זאָלן זיך פאַרשפּרייטן צווישן די הונדערטער טויזנטער גלויביקע וואָס האָבן דאָ געשטראָמט פון אַלע עקן וועלט.

דער יונגער מעדיצין־סטודענט מאַקאָווסקי איז געווען אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער קאָמיסיע. ווי אַזוי ער איז דאָ פאַרוואָגלט געוואָרן דירעקט פון דער רוסישער אַרמיי, אין וועלכער ער האָט געדינט אַלס סאַניטאַר אין אַ פעלד־האָספּיטאַל, וועגן דעם האָט מאַקאָווסקי ניט גערן גערעדט.

אין מדבר־קאַראַנטין, אויפן קרייץ־וועג צווישן בבל, סיריע, תימן און הערזשאַס ווי פּרינצן און בעטלערס זיינען הכנעהדיק געפאַלן אויף זייערע

פּנימער אין אנבליק פון די ווייטע מינאַרעטן און אַאזיסן ווו מחמד האָט צעפּלאַמט די רעליגיע פון „פייער און שווערד", — האָט דער יונגער סטודענט פלייסיק געלערנט די געהיימניספולע קראנקהייטן פון דעם מדבר, וועלכע צופרעסן די הויט און די ביינער פון גאנצע שבטים און די רפואה צו זיי קומט נאָך אלץ ניט פון די אוניווערסיטעטן, לאַבאראַטאָריעס אָדער קליניקעס.

צוזאמען מיט נאָך אנדערע נאָענטע באקאנטע פון פארשטאָרבענעם דאָקטאָר, גלויב איך אז אָט יענער קאַראַנטין־פּונקט אין ווילדן מדבר ביי די טויערן פון מעקאַ, איז אויך געווען דער אוניווערזיטעט ווו מאקאָווסקי האָט זיך גרינטלעך אויסגעלערנט די חכמה פון דער ספּעציעלער טראָפּיק־מעדיצין צוליב וועלכער ער איז געוואָרן א פריינט מיט ביידע האשעמיטישע פּרינצן פייזאַל און אבדאלא, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די קעניגן פון איראַק און עבר־הירדן.

און נאָך מער ווי די מעדיצין פון מדבר האָט דער פּעאיקער סטודענט זיך אויסגעלערנט די פּסיכאָלאָגיע פון דער מדבר באַפעלקערונג, פון יענעם קאָמפּליצירטן גייסטיקן מעכאַניזם, וועלכער באשטייט פון רעליגיעזן פאנאַטיזם, אומבאַגרענעצטער איינגעבילדקייט אין דער סופּעריאָריטעט פון מחמדס רעליגיע, פאַראַכטונג צו אלע „ניטגלויביקע" און קיין שום טקרופּולן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דערגרייכן צילן דיקטירטע דורך דורשט פון מאַכט.

אין יענער צייט, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט זיך ניט געפאָדערט אין יענע מקומות קיין שום אָנערקענטער אוניווערסיטעט־דיפּלאָם כדי צו פּראַקטיצירן מעדיצין. עס איז געווען געווען, ווען דער אספּיראַנט האָט זיך געקענט ארויסווייזן מיט גענוגנדער שפּיטאָל־פּראַקטיק און קענטעניש פון די אָרטיקע קראַנקהייטן. דאָס האָט מאַקאָווסקי פאַרמאָגט איבערגענוג.

(שפּעטער, ווי מיר איז באַוווּסט, שוין אלס הויף־דאָקטאָר האָט ער אויך פאַרפולקאָמט זיין מעדיצינישע בילדונג אין ווינער אוניווערזיטעט).

מערקווירדיק איז אז ווען איך בין אָנגעקומען קיין באגדאד, האָב איך גאָרניט געוווּסט אַז דאָרט וווינט ווער עס איז, וועלכן איך קאָן אָנרופן א באַקאַנטן.

איך האָב שוין אמאָל געשריבן, ווי מאַפּעטטי סאָלטאַני, — א סירישער פּאָרשטייער, וועלכער איז געקומען צו־גאַסט קיין וואַרשע אין געבראַכט געוואָרן צו מיר אהיים דורך מיין פריינט און קולטור טוער י. אבראַמסאָן (היינט אין מאָנטרעאָל), — ווי אזוי דער גוטער סאָלטאַני, דערווויסנדיק זיך אז איך פאָר קיין באגדאד, האָט מיר מיטגעגעבן א בריוו צום מאַרשאַל פון קעניגלעכן הויף, טאַקהים הילמי אל־אַמאַר.

צוליבן דאָזיקן בריוו בין איך טאַקע אָנגענומען געוואָרן אויף דורכן יונגן קעניג גאַזי דעם ערשטן, באַקומען א ספּעציעלן באַגלייטער און אַטאַמאָביל, מיט

וועלכן איך בין געפאָרן צו די רואינען פון דער שטאָט בבל און דורכגעפאָרן די נבוכדנצר רואינען אין מדבר צווישן פרת און חדקל (און אויב איר ווילט איז: „על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו בזכרנו את ציון" — אלץ דאָס איז שוין דורך מיר פאַרשריבן און אפילו „פערבוכט" געוואָרן...)

דער יונגער קעניג גאַזי דער ערשטער אליין האָט צום סוף פון זיין שמועס דער־מאָנט אַז עס וואָלט גוט געווען ווען איך זע זיך מיט זיין הויף־דאָקטאָר מאקס־פּאשא, וועלכער רעדט גוט רוסיש...

נאָך דעם זעלבן נאכמיטיק האָב איך טעלעפאָנירט צו זיין „מעדיצינישער עקסעלענץ", מאקס, — גערעדט טאקע רוסיש, און גאנץ שנעל איז ער צוגעפאָרן צו מיין „טיגרים" האָטעל אין א דעקאָראַטיווער קארעטע געשפּאנט מיט צוויי פערד.

איך געדענק נאָך איצט מיין דערשטוינונג, ווען איך האָב אין פּאשא דערקענט מיין לאנדסמאן און חבר פון היימישן בית־מדרש, — כמעט פון דער צייט ווען איך האָב אים דערמאָלט געזען בעת דער מלחמה אין מינסק אין א מונדיר פון א רוסישן סאניטאַר, — זיינען שוין מער ווי צוואנציק יאָר אַריבער.

— „אזוי גאָר, דאָס ביזטו מאקס־פּאשא?"

„און דו, חיים׳קע, ווי אזוי ביזטו קיין באגדאד פאַרטריבן געוואָרן?"

בקיצור, מיר האָבן זיך שוין נישט צעשיידט. מיר זיינען פריער פאַרפאָרן צו אים אין אמבולאַטאָריע, ווו דאָס אומגעוויינלעכסטע בילד פון א דאָקטאָרס וואַרט־צימער האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט: אין א הויף אונטערן אָפענעם הימל זיינען געזעסן אויף די הייסע שטיינער אָדער געשטאַנען בוכ־שטעבלעך הונדערטער פרויען, געקליידעט אין שוואַרצן, מיט פּנימער צוגעדעקט מיט שוואַרצע שאַלען; אויף א צווייטן הייפל זיינען געשטאַנען אַלטע און יונגע אַראַבער, געוויקלט אין ווייסע אבאיעס מיט ווייסע אָדער גרינע „טאַרבושן" אויף די קעפּ. אין א באַזונדערן ווינקל איז האַלב־געזעסן, האַלב־געלעגן עפּעס א ווייס־באַבערדלטער אַראַב, — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, א שייך פון בעדואַס, — אַרום וועלכן דינער האָבן געפאַכט מיט פערדן־עקן אויף שטאַנגען, כדי שאַפן א געקינסטלטן ווינטל.

דר. מאקס מיט צוויי פרויען־געהילפן, האָט אָנגעהויבן היילן; דאָ א שמיר מיט א פּליסיקייט, דאָ א שפּריץ מיט א נאָדל, דאָ געגעבן איינשלינגען א פּאַרטיקן טאַבלעט.

נאָך דעם שייך האָט ער אַרויפגענומען צו זיך אין צימער, געמאַכט איינ־שפּריצונגען אין זיינע ביידע הענט און געשמירט מיט א פּינזל אין זיין האַלז.

עטלעכע פּאַציענטן זיינען נאָך געבליבן צו דערליידיקן, ווען ער האָט אַלץ איבערגעריסן אינמיטן, איבערלאָזנדיק די חולאים צו זיינע געהילפן, און אַליין

האָט ער מיך גענומען צו זיך אין שטוב, אין א פּאַלאַץ־ווילא, ווייט הינטערן שטאָט. דאָרט האָב איך אויך געטראָפן זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט ניט לאַנג צוריק געהייראַט, — א בלאָנדע שיינהייט פון דער יחסנדיקער ביאַלער משפחה אין לאָדז.

אראַבישע דינער אין לאַנגע ווייסע העמדער האָבן כסדר געטראָגן קאַלטע דערפרישונגען און פרוכטן, און איך האָב געהערט „די מעשה פון טויזנט און איין נאכט" אין באגדאד גופא, אין דער שטאָט ווו יענע פּאָעטישע דיכטונ־גען זיינען טאקע געבאָרן געוואָרן. אָבער דאָס מאָל איז דאָס געווען א שטיק ווירקלעכקייט, והא ראיה: אָט דער דיקלעכער ברונעט, דער הויז־דאָקטאָר פון די יורשים פון גרויסן קאַליף מארון־אלי־ראשיד, איז דאָך פאָרט דער אייניקל פון ביאַליסטאָקער למדן פּייליט מאקאָווסקי, וועמענס „שטאָט" אין מזרח איז געווען נעבן מיין זיידנס ר' לייזער ליפּשיץ.

„דאָרט, לעבן מעקא, האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם פּרינץ פייזאַל, וועמען איך האָב שטענדיק געהיילט און פאַרלייכטערט זיינע שמערצן, פאַראורזאַכט דורך א טראָפּישן מאָגן־פיבער. ווען פייזאַל איז געקרוינט געוואָרן אלס קעניג פון איראַק, — בין איך נאַטירלעכערוויז געבליבן זיין לייב־דאָקטאָר. ווען זיין ברודער, דער עמיר אבדאַלא (דער ניט לאַנג דערמאָרדעטער מלך פון ירדן. — ח. ש.) האָט אָנגעהויבן ליידן פון דערזעלבער קראַנקהייט, פלעג איך פון צייט־צו־צייט פאָרן קיין אמאַן און אים קורירן, פאַר דעם טאקע בין איך באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל פּאַשא (גענעראַל־ראַנג). ווען דער מלך פייזאַל איז געשטאָרבן, בין איך שוין געבליבן מיטן „הויף" אלס זיין דאָקטאָר. כאָטש געגוג ענגלישע און דייטשע קאָנקורענטן זיינען פון דאַן אָן אָנגעקומען, — צוטרוי האָט מען אָבער דאָך צו מיין וויסן פון אָרטיקע קלימאַטישע קראַנקהייטן. דו האָסט דאָך מסתם געזען, אז פּראַקטיק פעלט מיר ניט. מיין נעטער איינקונפט איז ארום טויזנט דינאר א מאָנאַט (פינף טויזנט דאָלאַר, לויטן דאַמאַלטדיקן קורס. ח. ש.)"

אונדזער געשפּרעך קומט פאָר אין רוסיש, יידיש, און ווען זיין ווייב, די בילד־שיינע פלאַטין־בלאָנדינקע פון לאָדז קומט אריין, גייען מיר אריבער אויף פּויליש. זי, די חסידישע טאָכטער פון אלטן יחוס, האָט ניט געוואָלט באַנוצן קיין אנדער שפּראַך. איר באַליבטער ספּאָרט איז אויך אָביסל אומגעוויינ־לעך: אין דער געזעלשאַפט פון דיפּלאָמאַטן פאָרט זי אָפט ארויס צו יאָגד אויף שאקאַלן און לעאָפּאַרדן, באנוצנדיק די פאַלקאָן־פויגל (סאָקאָל) אלס ארויס־העלפער. פאַר מיר, וועלכער איז נאָך אליין אויפן יאַגד דאַן ניט געפאָרן איז דער דאָזיקער פאַלקאָן־וואָפן פון די אמאָליקע רוסישע פירשטן, באַוווּסט געווען נאָר פון ביכער און לידער.

„איך פרעג דעם דאָקטאָר:

האַלט איר אָן א קאָנטאַקט מיט דער היסטאָרישער יידישער קהלה דאָ? קענט איר דעם חכם באשא רואבא ששון כדורי? ער האָט אויף מיר געמאכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק מיט זיין אויסזען פון א פאַטריאַרך".

ענטפערט דער דאָקטאָר:

„ניין! מיר האָבן דאָ גאָרניט צו טאָן מיט די יידן. זיי זיינען ניט פון די באַליבטע בירגער פון זיין מאַיעסטעט. דו ווייסט דאָך, — ציוניזם איז ביי אונדז פאַרבאָטן. קיין גרויסע סימפּאַטיעס פאַר די „ציוניסטלעך" האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט, זאָלן די יידן שוין בעסער בלייבן ווי מיר ווילן זיי זאָלן זיין: איראַקער פון משהס גלויבן. פאַר יידישן נאַציאָנאַליזם זיצט מען דאָ אין תפיסה".

„אָבער איך האָב היינט געזען, ווי אין די גאַסן זיינען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס מיט אויסגעשרייען: „א טויט די יידן!" מען האָט אויך געקליבן געלט אין פושקעס, כדי צו שיקן קעמפער, — אייגנטלעך מערדער, קיין פּאַלעסטינע..."

מישט זיך אריין די פלאַטין־בלאָנדינקע, די אסימילירטע הסידישע טאָכטער פון לאָדז:

„איר וועט ניט גלויבן, אַז איך בין נאָך אפילו ניט געווען אין יידישן קוואַרטאַל ופון באַגדאַד, כאָטש איך וווין שוין דאָ דאָס צווייטע יאָר. דאָרט איז דאָך אזוי שמוציק, מען קען נאָך כאַפּן א קראַנקהייט. מיר דאָ לעבן זיך אוים צווישן דער דיפּלאָמאַטישער קאָלאָניע, עס איז געזינטער אזוי".

שפּעטער, ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, און מיר זיינען געווען אַליין, האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט דעם דאָזיקן געוועזענעם פאָלקס־יינגל אַז די יידן לעבן דאָ אין פּאָגראָם־שרעק, אַז די יידישע יוגנט מיט וועלכער איך האָב זיך געטראָפן, וויל זיך ארויסרייסן קיין ארץ ישראל, און אַז איך האָב היינט געלייענט אין דער אַרטיקער ענגלישער צייטונג וועגן א געזעץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט דאַרף אָפּשטימען די נעקסטע וואָך, אַז יעדער ייד, וועלכער וועט שולדיק זיין אין ציוניסטישע סימפּאַטיעס, קען פאַרמשפּט ווערן צו ד"יי יאָר טורמע און העכער.

„פאַרוואָס זאָלסטו, מיט דיינע פאַרבינדונגען, ניט זען פאַרלייכטערן אזעלכע שרעקלעכע גזרות. אזוי פלעגן דאָך האַנדלען יידישע הויף־דאָקטוירים אין אַלע צייטן, אזוי האָט דאָך אויך געהאַנדלט דער יידישער הויף־דאָקטאָר פון קאַליף האַרון־אַל־ראַשיד" (א רופא מיטן מערקווירדיקן נאָמען ד"ר. יהושע בן נון, געווען הויף־דאָקטאָר פון דעם דאָזיקן גרויסן קאַליף מיט צוועלף הונדערט יאָר צוריק. ער איז אויך געווען פּראָפעסאָר פון דער מעדיצינישער שול אין באַגדאַד אונטער האַרון־אַל־ראַשיד. — ח. ש.).

מאַקס פּאַשאַ אָבער נעמט זיך ניט צום האַרצן מײַנע אַרגומענטן. צווישן טויזנט גאָלדענע דינאַר א חודש און א לעבן פון אָרעמע אימיגראַנטן — קלײַבט ער בעסער דאָס ערשטע.

עס איז אויך אינטערעסאַנט, בײַ דער געלעגנהייט, צו דערציילן די מעשה ווי אַזוי אונדזער מאַקס פּאַשאַ איז געקומען קיין וואַרשע זוכן א שידוך פאַר זיך און וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען. ער אַליין האָט מיר די געשיכטע דערציילט אין דער אַנוועזנהייט פון זײַן פרוי און אַלע האָבן מיר האַרציק געלאַכט.

געווען איז דאָס אין אָנהויב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען מאַקס פּאַשאַ, מיט קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט ענגלישע פונטן און מיט א דיפּלאָמאַטישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון הויף־דאָקטאָר פון זײַן מאַיעסטעט דעם מלך פון איראַק, איז געקומען זוכן זײַן באַשערטע אין אַמאָליקן פּוילישן פאָטערלאַנד.

פאַרפאָרן איז ער אין פײַנעם אייראָפּייסקי האָטעל אין וואַרשע, זיך געשמועסט דורך באַקאַנטע, אין קאָנטאַקט מיט די באַרימטע לאַנד־שדכנים און געהייסן זיך ווײַזן „סחורה״, — אַזוי צו זאָגן.

זײַנען פריער מיט אים געזעסן בײַם טיש פון עלעגאַנטן אייראָפּייסקי האָטעל שדכנים יידן מכל המינים: לאַנג־בערדיקע און מיט שירעמס; „דײַטש״־געבילדעטע מיט פּעק פאָטאָגראַפיעס פון כלה־מיידלעך. דערנאָך האָבן זיך אָנגע־הויבן ווײַזן די מיידלעך אַליין, — די שיינהייטן וואָס האָבן געחלומט פון ווערן א כלה פאַרן דאָקטאָר פון „טויזנט און איין נאַכט״...

פּוילישע געהיים־פּאָליציסטן, וועלכע זײַנען געווען אָפטע געסט אין „אייראָ־פּייסקי״, האָבן באַמערקט די דאָזיקע אומגעוויינלעכע באַוועגונג אַרום פעטלעבן יונגגמאַן, וואָס רעדט א גוטן רוסיש און א שלעכטן פּויליש, און וועלכער באַזיצט א דיפּלאָמאַטישן פּאַס אַזש פון סודות׳דיקן באַגדאַד.

„ניט אַנדערש נאָר א הענדלער פון לעבעדיקע סחורה״ — איז מען געקומען צום באַשלוס נאָכדעם ווי די נאָכשפּירער האָבן אונטערגעהערט די געשפּרעכן מיט די „פאַרדעכטיקע״ שדכנישע יידן און געזען שפּעטער די זיך בייטנדע גאַלעריע פון עלעגאַנטע כלה־אַספּיראַנטקעס.

בקיצור, מען האָט שטילערהייט דעם אורח אַרעסטירט און גענומען אויף א שטרענגן פאַרהער.

ער האָט געטענהט, אַז ער איז דער קעניגלעכער דאָקטאָר אין באַגדאַד, און די געהיימע פּוילישע פּאָליציי האָט זיך פּשוט אויסגעלאַכט.

„א פּאַשאַ פון באַגדאַד ווערט ניט געבוירן אין ביאַליסטאָק״.

צום אומגליק איז אין וואַרשע ניט געווען קיין געזאַנדשאַפט אָדער קאָנסולאַט פון איראַק, וועלכע איז דאָרט געווען פאַרטרעטן דורך דער ענגלישער אַמבאַסאַדע.

מיט גרויס מי האָט זיך אונדזער דאָקטאָר אײַנגעגעבן אויספועלן מען זאָל אַראָפּברענגען אין תפיסה א פאַרשטייער פון דער ענגלישער געזאַנדשאַפט, אָבער

ווען יענער איז געקומען, דערזען דעם דערשראָקענעם „פּאשא", וועלכער איז אזוי ענלעך צו אנדערע יידן אויף נאַלעווקאַס, — האָט ער מיט גרויס חשד געקוקט אויף אים און אויף זיין מאסיוון דיפּלאָמאטישן פּאַס.

„גוט, מיר וועלן טעלעגראַפירן קיין באגדאד און פעסטשטעלן די אידענ־טיטעט פון דאָזיקן פּאַרשוין. האַלט אים דערווייל פעסט הינטערן שלאָס. ער איז דוכט זיך, אזוי א פּאשא, ווי איך בין דער סולטאן פון טערקיי"...

דריי שווערע טעג זיינען ווידער אריבער ביז דערזעלבער ענגלישער באאמטער איז בחפזון געקומען אין דער געהיים־פּאָליציי, געוויזן די טעלעגראַמע פון איראַקער אויסערן מיניסטער, וואָס באשטעטיקט די פּערזענלעכקייט פון זיין עקסעלענץ, דעם הויף־דאָקטאָר מאקס פּאשא, און געבעטן אים באַלד צו באַפרייען. גאַנץ לאַנג האָט מען געדאַרפט איבערבעטן מיין דאָקטאָר, ביז ער האָט זיך באַרויקט און ניט געמאַכט דערפון קיין אינטערנאַציאָנאַלן אינצידענט.

די זעלבע וואָך נאָך איז אונדזער אויסקלייבערישער חתן אוועק קיין לאָדז און דאָרט תנאים געשטעלט מיט דער שענסטער קאַנדידאַטקע וואָס מען האָט געוויזן אין וואַרשע: מיט דער ביאַלער פּלאַטין־שיינהייט, פון גרעסטן חסידישן יחוס.

★ ★
★

און איצט דערוויס איך זיך אַז אויך ער, וואָס האָט איבערגעלעבט די שענסטע אראבישע מעשהלעך, איז אוועק מיטן וועג פון אַלע שטערבלעכע.

אכציק פּראָצענט פון די יידן אין בבל זיינען אויך אוועק, — גליקלעכ־ערוויז קיין ישראל. פאַרמאַכט האָבן זיך זייערע געשעפטן, הייזער, בתי־מדרשים און ישיבות, געבליבן זיינען נאָר די וועלכע האָבן מסכים געווען פירן די שקלאַפישע עקזיסטענץ פון „איראַקער פון משהם גלויבן".

איך האָב געהערט אַז אין זיינע לעצטע יאָרן האָט מאַקס־פּאשא זיך דערגענטערט צו זיינע פאַרפאָלגטע ברידער, זיך משתדל געווען אפילו פאַר אייניקע פריינט, וועלכע האָבן געשמאַכט אין די תפיסות.

אָבער די גאָלדענע פליגלען, וואָס זיינען אויסגעוואקסן אויף זיינע פּלייצעס, זיינען ווייזט אויס, געווען א צו שווערע מאַסע. זיי האָבן קיינמאָל ניט אויפ־געהויבן אין דער לופטן אונדזער העלד, וועלכער האָט זיין טעגלעכקייט פון א פּאַטישן פלי אין די הימלען, — פאַרענדיקט אזוי פּראָזאאיש.

שקלאַפן פאַר סאודי־אַראַביע

נאָך פינף שעה פליען פון טריפּאָלי (ליביא), לאַנדעט אונדזער ריזיקער ענגלישער עראָפּלאַן אין קאַנאָ (ניגעריאַ).

עס איז זעקס פאַרטאָג און דער מדבר אַרום גליט מיט אַן אויפשיינענדער טראָפּיק־זון.

נאָך נעכטן, צען אינדערפרי, בין איך געווען איינגעוויקלט אין געדיכטן, שטיקנדן לאָנדאָן־נעפּל. מיר זענען געפלויגן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט כאָפּן ערגעץ ווו וואַרעמע זונען־שטראַלן. נישט געפונען האָבן מיר זיי איבער דער מיט־שניי באַדעקטער שווייץ און נישט איבערן „שטיוול" פון איטאַליע, וועלכע איז עפּעס היינטיקס יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק פּראָסטיק רוסלאַנד.

דער ים צווישן אייראָפּע און אַפריקע בייזערט זיך און האָט אַ פינסטערן בליק; די נאַכט איבער ליביע און אומענדלעכן מדבר איז באַדעקט מיט שוואַרצן סאַמעט. ערשט זעקס פאַרטאָג, איבער קאַנאָ, גיט אַ בליץ אַן אויסגעבענקטע זון, וועלכע פאַרלאָזט אונז שוין ניט גאַנצע צוויי וואָכן.

ניגעריאַ... קאַנאָ... כ'בין דאָ קיינמאָל נישט געווען. מיר זענען אין האַרץ פון מערב־אַפריקע. מיר זענען אין אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט איבער דרייסיק מיליאָן איינוווינער צווישן וועלכע ס'לעבן נאָר אַרום צען טויזנט ווייסע. אַ טראָפּן אין ים. אָבער ענגלאַנד איז דאָ די הערשערין. דערווייל... ווייל אַזוי ווי אין שכנותדיקן גאָלד־קאָוסטלאַנד, אַזוי אויך אין ניגעריאַ, זענען די מענטשן שוין צייטיק פאַר זעלבסטשטענדיקייט. ווייל ס'זענען שוין דאָ טויזנטער אויסגע־בילדעטע אינטעליגענטן אין די ענגלישע און אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן, — וועלכע פאָדערן אָנגרייפעריש, אויף גאָר הויכע טענער, אַן אייגענע רעפּובליק.

אָבער היינט איז דער לופט־פּאָרט אין קאַנאָ באַצירט מיט ענגלישע פאָנען, עמבלעמען און טריאומף־טויערן. ס'דאַרף אַהער קומען די קעניגין עליזאַבעט די צווייטע און ניגעריאַ גרייט צו פאַר זייער הערשערין אַ גאָר פּאָמפּעזן קבלת־פּנים.

אונזער עראָפּלאַן וועט דאָ שטיין זעקס שעה, און ווייל עס פאָרט מיט מיר צוזאַמען אַ לעבעדיק־לוסטיקער ענגלישער זשורנאַליסט דאָנאַלד וויליאַמס,

וועלכער איז אויך אַ מיטאייגנטימער אין צוויי ניגעריער ציטונגען, — פּיל איך זיך — ווי אין דער היים.

ער קאָן דאָס לאַנד, די מענטשן און ער זשאַלעוועט נישט קיין דערקלערונגען, אָן וועלכע כ׳וואָלט דאָ אין אַזאַ קורצער צייט אַזוי פיל ניט געזען.

ביי דער געביידע פון לופט־פּאָרט שטייט אַ סלופּ מיט אַן ארויפגעשלאָגן ברעט, אויף וועלכן איר לייענט.

ביז קאַיראָ — 1933 מייל; ביז ירושלים — 2176 מייל; ביז בוענאָס־איידעס — 5479 מייל; ביז וועלינגטאָן (ניי־זעלאַנד) — 10,251 מייל; ביז מעקקאַ — 2,189 מייל.

דאָס אַליין צינדט אָן די פאַנטאַזיע פון יעדן דורכרייזנדן: אָט זענען מיר, הייסט עס, אין אַ מיטל־פּונקט, וווּ ס׳קרייצן זיך די וועגן פון די גרעסטע איירָאָפּעאישע לופט־ליניעס (קיין אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען פליען נישט פאַרביי) און פון דער דאָזיקער שטאָט, ארומגערינגלט מיט אַ געמויערטע וואַנט, ציען זיך סטעזשקעס ווייט און טיף אין דער וועלט אריין.

און אַזוי ווי איך שטיי און פאַרצייכן איינדרוקן און די מיילן גיט אַ מעכטיקן „זשום" און לאָזט זיך אַראָפּ עפּעס אַ צוויי מאָטאָרדיקער עראָפּלאַן מיט אַ מוסולמענישער האַלבע־לבנה אויף די פליגלען.

וויליאַמס גיט אַזש אַ צאַפּל.

„קוקט גוט אויפן דאָזיקן עראָפּלאַן און אויף די פּאַסאַזשירן, איר וועט דאָס שוין נישט פאַרגעסן. זיי פליען קיין מעקקאַ. אָפיציעל דאַרף עס הייסן אַ פּילגרים־רייזע צום הייליקסטן פּלאַץ פאַר די מאַכמעדאַנער, אָבער קוקט נאָר ווער ס׳פאָרט דאָ!..."

פון די טרעפּלעך פון עראָפּלאַן גייען אַראָפּ איינציקווייז, צען כמעט קינדערשע פּרויען פיגורן מיט פנימער פאַרדעקט אין ווייסן טיול. נאָך זיי, אייניקע עלטער־ע אַראַבער אין ווייסע, לאַנגע אַבאַיעס, מיט רויטע טורבאַנען אויף די קעפּ. און צולעצט, אַן אַטלעטישע, שוואַרץ־בערדיקע פיגור אין אַ גרינעם טורבאַן, — אַ סימן, אַז ער איז שוין געווען אין מעקקאַ און טראָגט דעריבער דעם טיטול „כאַדזשאַ".

וויליאַמס דערקלערט:

„די דאָזיקע „פּילגרימען", אויסער די עלטערע, וועלן שוין צוריק צו זייערע אַפריקאַנער לענדער נישט פאָרן. מען וועט זיי פאַרקויפן פאַר קנעכט, — יעס סער, — פאַר קנעכט, אין סאַודי־אַראַביע. — די דאָרטיקע פרינצן קאָנען זיך דאָס דער־לויבן מיטן גאָלד וואָס זיי באַקומען פון אייער אַמעריקע פאַרן אויל. אַזעלכע עראָפּלאַנען פאָרן דאָ דורך צוויי מאָל אַ וואָך און אויך דורך אַנדערע לופט־פּאָרטן פאַרן זיי. אין דער פּרעסע פון אַפריקע און אויך פון ענגלאַנד פּרובירן מיר

פּראָטעסטירן קעגן דעם, אָבער סאַודי־אַראַביע איז דאָך א „טרייע אַליאירטע", העלפן נישט דעריבער די פּראָטעסטן".

איך דערוויס זיך שפּעטער די איינצלהייטן: מען קויפט ביי די נעגערישע טאַטעס זייערע טעכטער פאַר א פּאָר צענדליק דאָלאַרן א „שטיק" און מען פאַר־קויפט זיי פאַר א פּרייז פון ארום טויזנט דאָלאַר. א גאָלדן געשעפט.

אַן עקל כאַפּט מיך ארום, ווען איך דערמאָן זיך אַז דער דאָזיקער טראַנספּאָרט פון „לעבעדיקע סחורה" גייט צו דערזעלבער מלוכה, וועלכער מיר פאַרקויפן עראָפּלאַנען, קאַדילאַק־אויטאָמאָבילן און לעצטנס אויך טאַנקן... און דאָס זע איך מיט מיינע אייגענע אויגן אין יאָר 1956 אין דער זעלבער ניגעריאַ, פון וועלכער, צווישן די יאָרן 1800—1750 זענען ארויסגעפירט געוואָרן הונדערט טויזנט שוואַרצע שקלאַפן קיין ניו־אָרלעאַנס אויף צעבראָכענע שיפן. פון יעדע צען קנעכט זענען זיבן געשטאָרבן אין וועג, און דער פּרייז איז געווען דעמאָלט אביסל ביליקער: צען דאָלאַר פאַר א שקלאַף אין ניגעריאַ און פיר הונדערט דאָלאַר, ווען ער איז געקומען אין אונדזער געבענטשטער סאַוט... כמעט אַלע איצטיקע אַמעריקאַנער נעגראָס שטאַמען פון יענע שקלאַפן־שיפן, וועלכע זענען געשווומען איבערן טייך ניגער. געשמידטע אין קייטן, אין דומפּיקן צווישן־דעק האָבן זיי געזונגען די זעלבע לידער פון בענקשאַפט און פּיין, וועלכע מען זינגט נאָך איצט אין די וויטע דערפער פון דאָזיקן גרויסן לאַנד, וואָס כאַפּט זיך איצט אויף צו זעלבסטשטענדיקייט.

דער עראָפּלאַן מיט די שקלאַפן פליט אָפּ דורך כאַרטום (סודאַן) קיין דזשעדדאַ (סאַודי־אַראַביע). אין אכצנטן יאָרהונדערט, ווען מ׳האָט די דאָזיקע שוואַרצע אריינגענאַרט צו שקלאַפן־אַרבעט קיין אַמעריקע, פלעגט מען זאָגן: „איז דען נישט בעסער פאַרקויפט צו ווערן אַלס קנעכט אין א „רואיקער" היים מעבר־לים איידער דערמאָרדעט ווערן אין דזשאָנגל, אָדער אויפגעפרעסן ווערן פון קאַניבאַלן?" דאָס איז געווען די „מאָראַלישע" באַרעכטיקונג. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָגט מען גאָרנישט. מען רוקט אין יד אריין דעם שוואַרצן, אָרעמען טאַטן, א פּאָר דאָלאַר אָדער פונטן און ער ווערט גערן פטור פון אַן „איבעריק" קינד, וואָס וועט שוין איצט לעבן און אָטעמען מיט דער הייליקער לופט פון מעקקאַ. אַלנפאַלס זענען זיי באַזאָרגט מיט „עולם הבא".

* *

*

מיין געניטער „טשיטשעראָנע", וויליאַמס, דינגט א טאַקסי און מיר פאָרן אויף א פּאָר שעה אין דער שטאָט קאַנאָ.

נאָך איצטער פילט איר א שלייער פון געהיימנישפולקייט, ווען מיר פאָרן דורך איר הויפּט־טויער. די מויערן ארום שטאָט זענען שוין אביסל צעבראָכן,

אמאָל אָבער זענען זיי געשטאַנען אזוי פעסט ווי די כינעזישע וואַנט אַרום פעקין, און איר דערזעט גלייך נעבן די מויערן מאָדנע „געביידעס" פון א פּיראַמידאַלער פאָרם. דאָס זענען אָבער נישט „פּיראַמידען" ווי אין מצרים, — דאָס זענען צענדליקער בערג פון „פּענוטס", פון ניס, דער הויפּט עקספּאָרט־אַרטיקל פון צפון־ניגעריא. די ניס עסט מען נישט, אָבער מען קוועטשט פון זיי בוימל. צוויי הונדערט טויזנט טאָן ניס שטעלן צונויף די דאָזיקע מאָדנע פּיראַמידען.

אינעווייניק אין שטאָט לעבן די ניגעריער יחסנים, די „נאָרדערנערס". אין דיביידלעך אַרום די וואַנט לעבן די אומרויקע, באַוועגלעכע, אונטערנעמערישע דרום־ניגעריער פון שבט איבאָ. דער אונטערשייד אין כאַראַקטער צווישן צפונ־דיקן און דרומדיקן ניגעריער זענען אזוי ווייט ווי א יאַפּאַנעזער איז אַנדערש פון א פראַנצויז. די ניגעריער פון צפון זענען מוסולמענער, האַלטן זיך סטאַטעטשנע, זענען לאַנגזאַם אין באַוועגונגען און גלויבן אין דעם קאָראַן.

די איבאָס זענען געצענדינער, אָבער דערפאַר דינאַמיש און ענערגיש. אין א ווינקל לעבן דער הילצערנער געביידע פון דיסטריקט געריכט, זעען מיר א געלאַף. מיר שטופּן זיך דורך דער ווייסגעקליידעטער געדיכטער מאַסע און זעען ווי אויפן באַלקאָנדל ליגט אָנגעשפּאַרט אויף א קלאָץ א ריזיקער מאַנסביל, אינגאַנצן נאַקעט און א באַבערדלטער נעגער שמייסט אים געלאַסן און מעטאָדיש...

וויליאַמס לאַכט:

„צוויי מאָל א וואָך אין א מאַרק־טאָג שמייסט מען דאָ די מוסולמענער, וועלכע מען האָט געכאַפּט שיכורערהייט. אזוי הייסט דער קאָראַן. די שמיץ, ווי איר זעט, זענען נישט זייער הייס, אָבער די חרפּה איז גרויס..."

א קורצער שפּאַציר דורך די גאַסן אין קאַנאָ אַנטדעקט פאַר אונדז א ים מיט פאַרבן: ראָזבלויע בלעטער אויף די ביימער, די קליידונג פון די סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן (רויט־גרינע קאָלדרעס איבער שוואַרץ־פּאָלירטע קערפּערס), די מאַרמאָר באַלוסטראַדע פון עמירס פּאַלאַץ (א מין האַלב־זעלבסטשטענדיקער מלך, וואָס הערשט איבער דריט־האַלבן מיליאָן נאָרד־ניגעריער, — דאָס אַלץ באַגאָסן מיט זון און מיט דער מיסטעריע פון טויזנטיעריקע וואַנט, — זינגט א באַלאַדע וועגן צייטן, וואָס זענען אין דער געשיכטע נישט פאַרשריבן. פאַרגעסט נישט, אַז דער ערשטער ווייסער מענטש, — אַן ענגלישער קאַפּיטאַן, — האָט זיך דאָ באַוויזן ערשט אין יאָר 1824, און קאַנאָ אַליין איז באַהערשט געוואָרן פון די ענגלענדער ערשט מיט פופציק יאָר צוריק.

וויליאַמס, וועלכער ווייסט שוין מיין אינטערעס צו אַלץ וואָס איז יידיש, אינפאָרמירט מיך מיט א שמייכל:

„אויב איר ווילט זען אַן אמתן ווייסן יידן, איז ער דער ענגלישער דיסטריקט־קאָמישאָנער עדווין קאָהען פון מאַנטשעסטער, ער איז אָבער איצט אין דער שטאָט לאַגאָס, באַשעפטיקט מיט די פּאַרבאַרייטונגען צו דער קעניגין עליזאַבעטס באַזוך. אָבער שווארצע יידן וועל איך אייך ווייזן...״

ווער איך דאָך גאָר ניינגעריק:

„אדרבא, וויליאַמס, — לאָמיר שוין לויפן צו זיי...״

לאַכט וויליאַמס:

„אָ, ניין! כ׳מיין נישט יידן ממש. אַזעלכע זענען דאָ נישט פאַראַן, נאָר מיר ענגלענדער רופן די ניגעריער פון שבט איבאָ „די יידן פון אַפריקע״. די סיבה איז, — און איך בעט אייך זיך נישט באַליידיקן, — וואָס זיי האָבן דאָ פאַרכאַפּט דעם האנדל, די בעסטע מלוכה־שטעלעס, וואָס זיי מאַכן געלט. זיי ציילן אַרום פיר מיליאָן נפשות און לעבן אין די גרעסערע שטעט, וווּ זיי בילדן דעם מיטל־קלאַס. זיי זענען מל זייערע קינדער, אָבער נישט נאָר די ייִנגלעך, נאָר אויך די מיידלעך... זיי מישן זיך נישט מיט אַנדערע שבטים. אויב זיי וווינען אין אַ ווייטן דאָרף עסן זיי נישט קיין פלייש, צוליב דער מורא טאָמער איז דאָס פון אַ מענטש... פאַלן פון קאַניבאַליזם זענען נאָך אַלץ דאָ פאַראַן. אין יאָר 1947 האָט מען געכאַפּט, געמשפּט און דערשאָסן אַרום זיבעציק מענטשן־פרעסער.

דער איבאָ שבט איז זיך נישט מתחתן מיט אַנדערע שבטים. מען האָט זיי פיינט צוליב זייער אָפּגעזונדערטקייט. און דאָ, — אין קאַנאָ, — טאָרן זיי נישט האָבן קיין וווינונגען אין שטח פון די אינערלעכע מויערן. זיי מעגן נאָך האַנדלען דאָ בייטאָג, אָבער נעכטיקן מוזן זיי אויסער דער שטאָט.

נו, איז דאָס נישט קיין שלעכטער פאַרגלייך מיט די יידן אין מיטלאַלטער?

כ׳האָב קוים אַרויסגעקוועטשט אַ שמייכל פאַר דאָזיקן ענגלישווייסן פאַרגלייך.

אָבער שפּעטער, אויפן לופט־פעלד, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ גרופּע שווארצע סטודענטן, וואָס זענען געפאָרן נאָך די וואַקאַציעס אין זייער קאַלעדזש אין שטאָט איבאַדאַן. אַזעלכע פיינע, גוט געבויטע בחורים און מיידלעך. אָרעם, אָבער ווייס־ציכטיק געקליידעט. זיי שטודירן מעדיצין אין יענעם באַרימטן אוני־ווערזיטעט, וווּ די געביידע פון גלאָז, מאַרמאָר און מעטאַל דערמאָנט אונדזער קונסט־מוזיי אויף פינפטער עוועניו אין ניו יאָרק. יעדער סטודענט האָט דאָ אַ באַזונדער צימער, מיט אַ „שאַוער״. אין דעם אוניווערזיטעט ווערט אויסגעשמידט די פירערשאַפט פון דער מאָדערנער אַפריקע.

זעט נאָר ווי טרוימעריש־סימפּאַטיש עס זעט אויס די סטודענטין פלאָרענס מאַרטינס מיט די צעפּ, ווי אַ קרוין אַרום קאָפּ; ווי יונג און שלאַנק עס באַוועגט זיך דאָנאַלד אַקווייאַי. ביידע זענען זיי פון שבט איבאָ, וועמעס קינדער ס׳בילדן פופציק פּראָצענט פון אַלע סטודענטן אין איבאַדאַן קאַלעדזש. זיי זענען נאָר

אַן אכטל פון דער גאַנצער ניגעריער באַפעלקערונג, אָבער רייסן זיך צום ליכט און אַנטלויפן פון „מענטשן־פרעסער״. אפשר זענען טאַקע די ענגלענדער גערעכט, ווען זיי רופן זיי „די יידן פון אפריקע?״...

מיר לויפן אַן אָטעם צום אויטאָמאָביל, כדי נישט צו פאַרשפעטיקן דעם עראָפּלאַן. אַ רעגן פון הונדערטער שמעטערלינגען פון די משונהדיקסטע קאָלירן יאָגן נאָך אונדזער אָפענער קאַר.

הינטער אונז, צווישן גרויע ווענט און גרינע נים־פּיראַמידן, זינגט אַ באַלאַדע די סודותפולע שטאָט קאַנאָ.

באַגעגענישן מיט ייִדן פֿון לבנון

נאָכדעם ווי דער אַמבאַסאַדאָר פון לבנון אין קאַירא האָט מיר געגעבן די וויזע (דער קאָנסול האָט מיר פריער אָפּגעזאָגט צוליב מיין יידישן גלויבן), פּלי איך אין אַ ליכטיקן פאַרטאָג פון מצרים קיין ביירוט.

די לופט איז דורכזיכטיק און גאַנץ קאַירא ליגט אונטער מיר אַ שלאָפיקע אַרומגערינגלט מיט גאָלדענעם מדבר־זאַמד.

ס'באַווייזן זיך נאָסטאַלגיש, די פּיראַמידן און דער ספינקס. זיי דערמאָנען וועגן פינף טויזנט יאָר געשיכטע. ס'שוועבט איבער זייער אידעאַלער געאָמעטרישער סטרוקטור — די אייביקייט, וועלכע שפּאָט פון די צייטווייליקע הערשער אין די פּאַלאַצן מיט זייערע פּאָמפּאַרישע באַרימערייען, מיט זייער אויפגעבלאָזענער גרויסקייט. פון אויבן זעט מען דעם דאָזיקן קאָנטראַסט אַזוי גוט, אַז די קעפּלעך פון די צייטונגען, וועלכע האָבן מיך נאָך נעכטן אַזוי אויפגערעגט, שיינען איצט צו זיין אַ בינטל ווערים, אַזעלכע נישטיקע אין אָנבליק מיט די פייערדיקע ריזיקע אותיות, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן דורכן מאַרש פון הונדערטער דורות דורך די מדבריות, וואָס שפּרייטן זיך איצט טיף אונטן, ווו דער שאָטן פון עראָפּלאַן באַוועגט זיך אויפן העלן פאַרשטיינערטן זאַמד.

און אַז איר ווילט דערזעט איר דאָ נאָר די גרויסע מיסטעריע פון אַלע צייטן, ווי משה רבנו פירט אַרויס פון צווישן די פּיראַמידן זיין פאַרקנעכט, פאַרפּייניקט פאָלק אין דער ריכטונג צו יענעם בערגל — אַזוי קליין אין וווּקס, אַזוי ריזיק אין פאַרנעם, דעם באַרג סיני, — ווו אויסגעשמידט פון פייער זענען אויפגעגאַנגען אין דער זון די מאָראַלישע יסודות פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

נאָר אונדזער עראָפּלאַן פאַרקירעוועט זיך ניט אויפן וועג צום ים־סוף, — דאַקעגן פליט ער איבערן מיטלענדישן ים דורכן קירצערן וועג.

מיר זענען אינגאַנצן פערציק מינוט פון ארץ ישראל אַנשטאָט די פערציק יאָר, וואָס האָט געדויערט די וואַנדערונג פון אונדזערע עלטערן, אָבער מיר קאָנען זיך דאָך ניט אָפּשטעלן אָט אין יענעם לענדעלע אויף רעכטס, וואָס ציט ווי אַ מאַגנעט זינט די צייטן פון אברהם אָבינו: ס'איז דאָך דאָ קיין גרעניץ נישטאָ, נאָר אַ פראָנט, אַ קינסטלעך געשאַפענער פראָנט פון שנאה און — שפּיזן.

פלי איך ווייטער — און אין א שעה ארום לאַנדן מיר אויפן פלי־פעלד אין ביירוט. פאַרשטייט זיך, אז מ׳פרעגט מיך ווידער די רעליגיע און מען סמאַטשקעט פאַרוואונדערט מיט די ליפּן, וואָס כ׳האָב אַזאַ פּריווילעגירטע וויזע אויף מיין פּאַספּאָרט. אָבער מען איז זייער העפלעך און גאַסטפריינטליך. כ׳מוז דאָס אויף אַן אמת אונטערשטרייכן: אַזאַ פריינטלעכקייט ווי איר באַגעגנט אין לבנון זעט מען ווייניק אין אַנדערע מלוכות. זי דערמאָנט מער שווייץ, ווי פראַנקרייך אפילו, וועמענס שפּראַך און קולטור הערשן דאָ.

ווידער עפנט מען ניט מיין באַגאַזש. א סימן אַז כ׳דערוועק צוטרוי ביי זיי. ווער רעדט נאָך, ווען פון וואַרט־צימער קומט אַרויס עפּעס א געוויקסיקער פאַרנעמער הער, שטעלט זיך פאָר פאַרן צאָלבאַאַמטן, אַז ער איז זשאַן פּעררע, אַן אַלטער באַקאַנטער מיינער פון דער שווייץ. מען האָט צו אים טעלעגראַפירט דעם טאָג פון מיין אָנקומען, כדי ער זאָל מיך באַגעגענען. ער איז געבוירן אין ריגע און רעדט א גלענצנדן רוסיש.

פאַרשטייט איר דאָך, ווי כ׳האָב זיך דערפרייט, וואָס אין אַן אַראַביש לאַנד איז מיך „מכניס־אורח״ אַזאַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט.

מיר פאַרפאָרן אין דעם סט. זשאָרזש האָטעל, ווו כ׳האָב נאָך געוווינט מיט אַכצן יאָר צוריק, ווען מיינע רייזע־אַרטיקלען האָט געדרוקט דער אומפאַרגעסלע־כער וואַרשעווער „היינט״ פאַר די אומפאַרגעסלעכע פּוילישע יידן.

די זכרונות פון יענעם אַריינפאָר אין זעלביקן האָטעל גיבן ווידער א שטאָך דער נאָך ניט פאַרהיילטער וווּנד.

און זשאַן פּעררע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א שאַרמאַנטן חבר. ער איז א שווייצאַרישער בירגער און זיין פליכט איז צו העלפן עמיגרירן אין פאַרשידענע לענדער די אַראַבער, וואָס זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן צוליב דער מלחמה. ער האָט פיל צו טאָן אויך מיט די פּאַלעסטינער פליכטלינגע, פאַר וועלכע ער האָט א סך האַרץ און ענערגיע. אים זענען אָבער גאָרניט פרעמד די פּאָליטישע סיבות, וואָס שטערן אין אייניקע אַראַבישע לענדער דאָס איינאָרדענען פון די פּליטים. ער דריקט דאָס אויס אין פאָלגנדע ווערטער:

„ווען מיר בויען פאַר די פליכטלינגע גוטע פונדאַמענטאַלע הייזער צו לעבן, — הערן מיר א מורמל פון די „פּאָליטישענס״: דורך אַזעלכע וווינונגען נעמט איר דאָך צו ביי די פּאַלעסטינער אַנטלאָפענע דעם חשק זיך צוריקצוקערן צו זייער לאַנד... ווען אָבער צוליב די אָדער יענע סיבות ווערן די אינטערנאַציאָ־נאַלע הילפס־באַדינגונגען ערגער, הערט זיך א געשריי: „איר פאַרהונגערט אונדז! וואָס טוט איר מיט די מיליאָנען דאָלאַרן?״

זשאַן פּעררע נעמט מיך מיט אין דער פּריוואַטער וווינונג פון דער פאַרשטייערין פון „ראַט פון די קירכעס״, — פרוי האַלינאַ באַטשקאָווסקאַ, וועלכע איז פון פּוילישער אָפּשטאַמונג און איר מאַן איז א פּראָפעסאָר אין וואַשינגטאָן.

מיר פאַלן אַריין אין אַ דירה, וואָס איז פול מיט אינטערעסאַנטע מענטשן, וועלכע זענען זיך אַלע געקומען געזעגענען מיט דער בעלהביתטע, וואָס פאָרט אוועק אויף אַ קורצן „וואַקיישאַן" צום מאַן קיין וואַשינגטאָן.

מען טרינקט דעם שמעקעדיקן שאַרפן לבנון־אַראַק און טערקישע קאַווע. מען שמועסט אין פאַרשידענע לשונות און מען באַגריסט וואַרים דעם גאַסט וואָס שטעלט זיך פאָר אָפן און קלאָר, אַז ער איז אַ יידישער שרייבער פון אַמע־ריקע, וואָס אינטערעסירט זיך הויפּטזעכלעך מיט דער לאַגע פון די יידן, ווי זיי זאָלן ניט וווינען.

און ס'האָט זיך קיינער ניט צופיל געוווּנדערט, וואָס אויך מיר יידן וויזן אַרויס אַן אינטערעס צו וועלן העלפן אונדזערע ברידער אין די אַראַבישע לענדער אין אַלע זייערע נויטן. פאַרשטייט זיך אַז דאָס רעדט זיך ניט וועגן ישראל. דאָס וואָלט געווען געפערלעך. אָבער ס'זענען דאָך פאַראַן אַזויפיל לענדער, ווו די לבנון־יידן האָבן נאָענטע פאַמיליעס און יענע ווילן אָננעמען זייערע קרובים.

דערציילט מיר פעררע, אַז ער האָט אייניקע פאַלן, ווען צוזאַמען מיט די אַראַבער ווען זיי זענען געלאָפן פון ארץ ישראל, זענען מיטגעלאָפן זייערע יידישע פרויען. אייניקע פון זיי, זענען געבליבן עגונות אָדער אלמנות. ווילן זיי צוריקפאָרן אָבער וווּהין? זיי זענען זיינע קליענטן אפשר קאָן איך זיי העלפן?

אפשר...

קומט אַריין אין אונדזער געמישטער געזעלשאַפט אַ מערקווירדיקער גאַסט: די הויפּטין, — די „איגומעניע" — פון אַפּאָן־קלויסטער אין אַלט־ירושלים. מיט דער מינוט ווען זי קומט אַריין ווערט זי דער צענטער פון אַלעמענס אויפ־מערקזאַמקייט: זי איז געקליידט אין ווייסן מיט אַ שוואַרץ סאַמעטן היטל אויף איר שטאָלצן קאָפּ. זי איז אַ רוסישע אָבער רעדט אַ גלענצנדן פראַנצויזיש, — די שפּראַך וועלכע ווערט באַנוצט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. זי ברענגט אַ גרוס פון איר מאָנאַסטיר, ווו די פּערציק שוועסטער־נאָנעס באַגרענעצן זיך ניט נאָר מיט דאַווענען, נאָר העלפן אויך די אַראַבישע פּליכטלינגע מיט לערנען זיי, מיט פאַרטיילן שפּייז מיט פאַרנעמען זיך מיט יתומים.

ווען איך ווענד זיך צו איר אויף רוסיש, — ווערט זי גאָר אויפגעלויכטן: „רופט מיך „מאַטושקא (מוטערל) וואַרוואַראַ". אַמאָל, — אין מאָסקווע בין איך געווען וואַרוואַראַ איספּענסקאַיאַ, — יאָ, אַ פירשטין, — אויב ס'האָט איבערהויפּט וואָס פאַר־עס־איז באַדייטונג... פלעגט קומען צו אונדז אין הויז דער פאָטער יאָהאַן קראָנשטאַטסקי (אַ באַרימטער שוואַרץ־מאַהניק און שונא ישראל. ח. ש.). און ער האָט דאָס מיר געעפּענט די אויגן אויף דעם הבל־הבלים פון דער וועלט. בין איך אַלס יונג מיידל אוועק אין מאָנאַסטיר, געלאָפן פון די

באָלשעוויקעס, געוואַנדערט, ביז איך האָב מיין רו געפונען אין אָפּאָנער־קלויסטער, וואָס איז אַנטקעגן „הר הזיתים".

„איך זע פון מיין פענסטער אויך די נייע, די יידישע ירושלים, און איך בין מתפּלל צו גאָט זיי זאָלן פּאַראייניקט ווערן אין שלום און אָן בלוט־פאַרגיסונג. ס'איז אָבער אַ לאַנגער וועג. ווי אַזוי אים צו דערגרייכן? פאַראַן פאַרשידענע וועגן, אויסער מלחמה. מיר דאַרטן מיינען אַמאָל, אַז גאָלד קאָן פאַרטרעטן בלוט... איז דאָך די אָרעמקייט אַזוי גרויס אין יענע לענדער און די עלנט פון די פּליטים וועלכע מען דאַרף איינאָרדענען פאָדערט טייכן גאָלד... בלוט — דאָס וועט דעם עלנט נאָכמער פאַרגרעסערן..."

די קלוגע אויגן פון „מאַטושקאַ וואַרוואַראַ" שיינען אַרויס פון צווישן דעם נאָנע־שלייער, וואָס באַדעקט אַ גרויסן טייל פון איר אַריסטאָקראַטישן געזיכט.

די אָנוועזנדע פרעגן מיך, צי וועל איך אויך באַזוכן ישראל. און איך ענטפער, אַז יאָ — דורכן אינדזל ציפּערן.

איצט פירט מיך זשאַן פעררע צום הויף פון דער סינאַגאָגע אין ביירוט. און ביים אייזערנעם טויער פון דעם קאָמפּלעקס געביידעס, וואָס בילדן די יידישע קהילה, — לאָזט ער מיך איבער, אָפּרעדנדיק זיך שפּעטער צו טרעפן אין האָטעל.

איך גיי אויפן דריטן שטאָק צו דער וווינונג פון הויפּט־רב. אויפן טיר אַ בלעכל:

„בן־ציון הלוי לכטמן, רב ואב"ד בבירות".

די טיר עפנט מיר די רביצין, — אַ געבוירענע אשכנזית פון אַ יחוסדיקער ירושלימער פאַמיליע.

דער רב אַליין — אַ הדרת־פּנימדיקער ייד — הויבט זיך אויף אַנטקעגן פון טיש, וווּ ס'ליגט אַן אָפענע גמרא און באַגעגנט מיך מיט אַ יום־טובדיקן „שלום־עליכם".

ער איז ניט קיין טיפּ פון אַ חכם־באַשאַ, — נאָר אַ ייד אַ למדן, וואָס שרייבט ספרים. זיין לעצטער פירוש אויפן שולחן־ערוך, „אוצר התורה" (פון גמרא־פאָרמאַט) קאָנט איר געפינען אפילו ביי צענדליקער אַמעריקאַנער רבנים. און די רעגירונג פון לבנון דערלויבט אים זיינע ספרים צו עקספּאָרטירן.

כאָטש דער הויפּט־רב לעבט שוין אין לבנון אַרום צוואַנציק יאָר, רעדט ער אָבער נאָר העברעאיש און אויך אַ גוטן וואָלינער יידיש. ווען כ'פרעג אים, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט דורך דער צייט אויסגעלערנט אַראַביש אָדער פראַנצויזיש, — די שפּראַכן פון לבנון, — ענטפערט ער מיר בתמימות: „דאָס וואָלט דאָך געווען אַ "ביטול תורה", — איך קאָן דאָך ניט פאַרבייטן די צייט, וואָס

איז נויטיק אויף לערנען גמרא, למשל, אָדער שרייבן ספרים, — מיט לערנען פרעמדע שפּראַכן!...״

אָבער אַזוי ווי די אָנפירער פון דער קהילה רעדן אַלע עברית, גיט זיך ר׳ בן־ציון אַן עצה.

דערציילט ער מיר: „ניין, עס לעבט זיך גאָרניט שלעכט די קרוב זיבן טויזנט יידן־בירגער פון לבנון. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז דריי פערטל פון אַלע יידן האָבן זיך לעצטן זומער געקאָנט פּאַרגינען אַרויסצופאָרן אין די בערג אויף פרישער לופט. און איר ווייסט דאָך, מסתם, אַז מיר האָבן דאָ אויך אַריינגענומען, מיט דער דערלויבעניש פון אונזער רעגירונג, — אַ פּאָר טויזנט יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון די פאַרפאָלגונגען אין שכנותדיקן סיריע. און אויך זיי האָבן זיך ברוך השם איינגעאָרדנט.

„פאַרשטייט זיך, ס׳זענען דאָ פאַראַן אַראַבישע פירער, וואָס הערן ניט אויף צו זידלען ישראל און אויך אונדזערע יידן. נעכטן, צום ביישפּיל, האָט אַזאַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט געפּאָדערט מען זאָל אויך אונדז בירגער פון לבנון פון יידישן גלויבן, באַגרענעצן אין די באַוועגונגען איבערן לאַנד, ווי דאָס טוט די ישראל רעגירונג אין באַצוג צו אַראַבער... אָבער דאָס זענען נאָר איינצלנע שטימען. אין אַלגעמיין האָבן מיר אַ טאָלעראַנטע רעגירונג, — די בעסטע פון די אַראַבישע לענדער. פאַרגעסט נישט אויך, אַז די מערהייט דאָ איז גאָר אַ קריסטלעכע, און אויך, אַז די היגע באַפעלקערונג געדענקט גוט וויפיל הכנסה מען האָט געהאַט פון יידן, ווען די גרענעצן זענען געווען אָפן און די קור־ערטער אויבן אין די בערג זענען געווען פול מיט געסט פון ארץ ישראל...

„און אויך אונדזער קהילה איז גוט אָרגאַניזירט. אָט וועלן מיר באַלד גיין צום פּרעזידענט פון דער געמיינדע, דר. עטיה — וועט ער אייך אַליין דערציילן״.

מיר גייען אַראָפּ אויפן גרויסן הויף פון דער סינאַגאָגע; דורך די אָפענע טירן טראָגט זיך אַ תפילה־געזאַנג פון קינדער. גייען מיר דאָרט אַריין. אַרום פּופּציק בר־מצוה יינגלעך, אונטער דער אָנפירונג פון אַ מלמד אין אַ רויטן פעז, זאָגן תהילים „צוליב די ספירה־טעג״, — דערקלערט מיר דער רב.

דער אומעטיקער אָריענטאַלער ניגון, די האַרציקייט פון געזאַנג, — פאַרכאַפּט מיך ממש. און אַ גערירטער זאָג איך צו זיי אַ פּאָר ווערטער אין עברית. „זענט איר פון ישראל?״ — פרעגן אייניקע קינדער. „ניין פון ניו יאָרק! אָבער כ׳וועל וועגען אייער תהילים־געזאַנג דערציילן אויך די יידן פון ישראל, ווייל איך פאָר אַהין קומענדע וואָך״. אַ שטיל שעפּטשען פון באַוווּנדערונג האָט אויסגעדריקט די בענקשאַפט מער ווי ווערטער.

מיר גייען אַרויס אין דער טומלדיקער יידן־גאַס פול מיט יאַטקעס, מיט שפּייז־קרעמלעך, מיט פאַרחלומטע אַלטע יידן און ווייבער אויף די טראָטואַרן.

הינטער אונדז, ווי די קלאַנגען פון אַ סימפאָניע, טראָגן זיך די יונגע קולות פאַר זיך, פאַר איך און פאַר דער גאַנצער אומעטיקער וועלט.

★ ★
★

כ׳האָב ליב דאָס קליינע לאַנד פון לבנון, כאָטש זי געהערט צו דער „אַראַבי־שער ליגע", כאָטש איינציקע פירער אירע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט זידלען דאָס לאַנד ישראל מיט ברייט־צעעפנטע „פיסקעס".

זיי זידלען — און איך גלויב ניט זייער ערנסטקייט, אַזוי ווי כ׳גלויב ניט דער „אַראַבישקייט" פון דאָזיקן לאַנד פון קריסטלעכער מערהייט, פון פראַנצויזישער קולטור, פון טראַדיציאָנעלער פריינטשאַפט מיטן יידישן שכן אַפילו אונטערן בריטישן מאַנדאַט: אַ שפע פון גאָלד האָבן דאָך יידן אַריינגעבראַכט אין די מאָדערניזירטע האָטעלן צווישן די שנייאיקע בערג. די מיידלשע שיינקייט פון חרמונס באַרגן־קייט האָט טויזנטער טוריסטן צוגעצויגן, מערסטנס יידישע, פון אַלע וועלט־טיילן, אָבער ספּעציעל פון שכנותדיקער „פּאַלעסטינע". איצט איז דאָס אויס! ס׳פּוסטעוועןן היפּשלעך די קורערטער, כאָטש דריי פערטל פון אַלע היימישע לבנון־יידן פאַרברענגען דאָרטן די וואַקאַציע חדשים. נו, און אויך דער אינטערנאַציאָנאַלער יידישער טוריסט איילט זיך ניט צו ברענגען דאָלאַרן אין אַ לאַנד, וועמענס קאָנסולן זאָרגן וועגן רעליגיע, און אויב מען איז אַ ייד, דאַרף מען באַקומען אַזש אַ טעלעגראַפישע דערלויבעניש פון מיניסטעריום, כדי אַ וויזע צו באַקומען. אַפילו מצרים איז דאָך ליבעראַלער אין דער דאָזיקער הינזיכט, כאָטש מען קאָן ניט, פאַרשטייט זיך, פאַרגלייכן די ברוטאַלע בייזקייט פון די דאָרטיקע הערשער מיט דער געמאַכטער רשעות פון לבנון.

און שיין איז די האַלב־מיליאָניקע הויפּטשטאָט ביירוט, די מיניאַטור פּאַריז פון אָריענט, אַז ס׳פאַרכאַפּט אַזש דאָס אויג. דער מיטללענדישער ים אַרום, מיט די ווייסע קרויזן, ווי שפּרינגנדע ציגעלעך, איז דאָך אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון זעלבן ים, וואָס וואַשט די ברעגעס פון חיפה. און דער חרמון און דער כרמל? זיינען זיי דען ניט לייבלעכע ברידער, אין תהילים באַזונגען אין „שיר השירים", מיט האַרפעס צאַרטע געשפּילט? מאַלע וואָס בייזע צייטן האָבן אַ פּראָנט דאָ געשאַפן, כאָטש טריאומף־טויערן פוןביידע זייטן דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן, כדי קעגנזייטיק פעסט צו באַגריסן.

איר זעט וואָס פאַר אַ וויזיע איך זע פאַר, און דווקא ניט „באחרית הימים", נאָר „במהרה בימינו".

ווייל גערעדט האָב איך מיט מענטשן אין לבנון: מאַכמעדאַנער, קריסטן און יידן. כ׳האָב מאַנכע פון זיי געטראָפן אויף גרויסע שטעלעס אין דער מאָנומענטאַלער געביידע פון די „יונאַיטעד נעישאַנס", און מיט אַנדערע האָב איך

גערעדט אין האָטעלען און קראָמען און מיט יידן האָב איך גערעדט אין סינאַ־גאָגע און אין די שולעס. מען פרעגט מיך: „ווען וועט דער ברוגז אויפהערן? פאַרוואָס לייגט זיך אַמעריקע טאַקע באמת ניט אַריין אין שלום? ווי לאַנג וועט אָנהאַלטן דער דאָזיקער אומנאַטירלעכער „לעבלעכער" קריג צווישן נאַטירלעכע פריינט? און אפשר ווייס איך דעם פּרייז פון שלום?"

אמת, די צייטונגען שרייבן נאָך אַלץ וועגן „ציוניסטישן שטאַט", וואָס האָט זיך אַריינגעריסן ווי אַ קאַנסער צווישן דער „פּרעמדער אַראַבישער וועלט", וועגן דער „אכזריות קעגן אַראַבישע פּליכטלינגען", וועגן „אָוועקרויבן פון פאַרמעגן און היימען".

אמת, איך שעם זיך ניט און ענטפער וואָס כ'ווייס וועגן די אַלע זאַכן. דאָ האָב איך קיין מורא ניט, כאָטש אין מצרים האָב איך מער מורא געהאַט, ווי זיך געשעמט.

איך דערמאָן מיינע „מענטשן אויף פּאָזיציעס", אַז „שוין זיבן יאָר, ווי דאָס קליינע לבנון באַקומט אַריין הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן אויף שטיצן די „אומגליקלעכע פּליכטלינגען" און מיט דעם גאָלד ווערן אויפגעשטעלט מלוכה בנינים, ווערן אויפגעריכט אָרטיקע אונטערנעמער, באַאַמטע, סוחרים און אַרבע־טער, פאַרשטייט זיך". זאָג איך, „אַז איך גלויב ניט וואָס די פּליכטלינגען אַליין און פיל אָרענטלעכע אַראַבישע טוער דערציילן, אַז מער ווי אַ העלפט געלט ווערט צעגנבעט..."

אָבער אָט זע איך דאָך אַליין מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי צענדליקער טויזנטער אַראַבער אין די קעמפּס באַקומען ניט קיין אַרבעטס רעכט, פּוסט־און־פּאַסטעווען, ווערן דעמאָראַליזירט. און אַלץ דעריבער ווייל מען דערוואַרט עפּעס אַ נס, אַז ישראל זאָל פּלוצלינג עפענען אירע גרענעצן און צוריק אַריינגעמען אָט די אַלע, וועמען זייערע אייגענע פירער האָבן געהייסן „צייטווייליק" לויפן.

דערווייל וואַקסט אַ גאַנצער אַראַבישער דור פאַרלאָרן, אַ דור פון פּליטים, און ס'האַלט שוין ביי זייערע קינדער. צום „נס" איז נאָך גאַנץ ווייט. און די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן שטיצע מאַכן רייך דאָס לאַנד, נאָר ניט די פּליכט־לינגען...

איך קאָן פאַרזיכערן מיינע לייענער, אַז ניט איינער פון די, אין וועמענס הענט ס'ליגט די פאַרזאָרגונג פון די פּליטים, האָט שטילערהייט מסכים געווען מיט די אַרגומענטן, וועלכע כ'האָב אַרויסגעזאָגט.

כ'האָב זיך געפילט פריי אין די ליכטיקע גאַסן פון ביירוט, אפילו דאַן, ווען כ'בין געגאַנגען מיטן הויפּט רב, ר' בן־ציון ליכטמאַן. ס'האָט קיינער זיך ניט אַרומגעקוקט אויף זיין יידישער באָרד, אויף זיין רבנישן קאַפּעליוש און אויף אונדזער רעדן יידיש.

גייען מיר אָבער דורך אַ גאַס באַוווינט מיט סירישע יידישע פּליטלינגען, קרעכצט דער רב: „איר זעט די דירות מיט אַ סך קינדער? ס׳וואַקסן אונטער מיידלעך, מען קאָן מיט זיי קיין שידוך ניט טאָן, ווייל יידישע בחורים פאָדערן אַ סך נדן. גייען מיידלעך אַוועק מיט מוסולמענישע בחורים. קומען פּאָר געמישטע חתונות אין אַ צאָל, וואָס ס׳איז קיינמאָל ניט געווען. ערשט נעכטן איז אַן אומגליקלעכע מאַמע געקומען צו מיר מיט אַ געוויין: איר טאָכטער איז מיט אַ מוסולמענער אַוועק און מיט אים חתונה געהאַט.

„מיר פּרובירן קעמפן קעגן דעם דורך געבן גוטע יידישע דערציאונג אין דער „אַליאַנס שולע", אין דער מאָדערן איינגעריכטעטער תלמוד־תורה, אָבער קעגן דעם „נדן־מאַטעריאַליזם" פון די בחורים איז שווער צו קעמפן".

און אָט זיינען מיר אין דעם רייך־איינגעריכטעטן הויז פון קהילה־פּרעזי־דענט דר. יוסף עטיה. ער איז אַ שטאַרק באַשעפטיקטער מעדיצין־דאָקטאָר, אָבער ווען מען זאָגט אים, אַז אַ גאַסט איז געקומען און צוליב וואָס, לויפט ער אַרויס אַנטקעגן מיר מיט שמחה. שוין אין עלטערער מענטש, אַ טיפּ פון אַ פּראָנצויזיש געלערנטן, איז ער אַ הייסער ייד, און אַלס אַזעלכער באַוווּסט אין די פירנדע יידישע קרייזן פון דער גאַנצער וועלט.

ער איז אָבער אויך שטאָלץ מיט זיין לבנון־רעפּובליק, באַפריינדעט מיט אירע פירער, אָנהויבנדיק פון פּרעזידענט. ס׳איז מיר דעריבער ניט שווער אָנגעקומען צו פירן אַ געשפּרעך, וואָס איז פריי געווען פון דער אומפּאַר־מיידלעכער אין אונדזער לאַגע היפּאָקריזיע.

דר. יוסף עטיה איז שטאָלץ, וואָס ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן נאָכאַמאָל אויפבויען די „אַליאַנס" שולע, וועלכע שונאים האָבן מיט אייניקע יאָר צוריק מיט באָמבעס פאַרניכטעט. איצט לערנען דאָרט ווידער דרייצן הונדערט תלמידים און קריגן די טראַדיציאָנעלע יידיש־אַראַביש פראַנצויזישע דערציאונג, וועלכע איז זינט דורות דאָ געווען דער רוקן־ביין פון לבנון יידנטום. און נאָך מער צופרידן איז ער מיט דער תלמוד־תורה, ווו ס׳לערנען דריי הונדערט תלמידים ריין יידיש־קייט. אַ נייער שטאָק איז דאָרט אַרויפגעצויגן געוואָרן. איך האָב שפּעטער די תלמוד־תורה באַזוכט. געהערט דאָרט די רעליגיעזע און וועלטלעכע לימודים, געזען די קינדער זיך שפּילן אויפן דאַך, וואָס זעט אויס ווי אַ ספּאָרט־פעלד און כ׳מוז זאָגן, אַז אַ סך נחת האָבן מיר פאַרשאַפט סיי זייער וויסן און סיי זייער זינגען העברעאישע לידער.

אמת, ס׳האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט אַ זינג טאָן מיט זיי די „התקוה"... אָבער דער דאָזיקער „מוזיקאַלישער נומער" איז נאָך אַלץ לעבנס־געפערלעך אין די לענדער פון דער „אַראַבישער ליגע", האָבן מיר זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַן „עלטער" ליד „על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו בזכרנו את ציון".

* *
*

אין מיטן געשפרעך גיט מיך דר. יוסף עטיה א פרעג, צי איך ווייס אז ס'געפינט זיך איצטער אין ביירוט א פאָרשטייער פון דעם אמעריקען קאָונסיל פאַר דזשודאיזם, א ראביי.

„יאָ, ניט נאָר ווייס איך, נאָר כ'האָב היינט געלייענט אין דער צייטונג „ל'אָריאַן" א לויב־געזאַנג פארן ראביי, וואָס דערציילט דער אראבישער וועלט דעם „אמת" וועגן ציוניזם און וועגן אמעריקאנער יידן. כ'האָב פשוט מיינע אויגן ניט געגלויבט, ווען כ'האָב געזען וואָס דער ראביי האָט גערעדט וועגן די ציוניסטישע מעשים און וועגן דעם, ווי אזוי אמעריקאנער יידן דארפן זיך געזעגענען פון ישראל, ווי אזוי די אראבער דארפן אפּענטפערן אויף דער „ציוניסטישער געפערלעכער פּראָפּאַגאַנדע" און וואָס פאַר א טראַגישע קאָנסעקווענצן דאָס לאַנד ישראל און די אמעריקאנער ציוניסטן ברענגען פאַר די אראבער בפרט און פאַר דער גאַנצער וועלט בכלל.

אגב האָבן אויך די יידן פון עגיפּטן זיך געפילט גאָר שלעכט אין די טעג, ווען די דאָרטיקע צייטונגען האָבן געבראַכט די באַריכטן פון ראביי'ס געשפּרעכן מיט דער רעגירונג און אראבישע פירער, און וואָס פאַר א „רב" איז ער — האָבן זיך געוווּנדערט די העכסטע פירער פון קאַירער ראבינאַט, — ער איז דאָ געווען צוויי שבתים און ניט אָנגענומען אפילו אונדזער איינלאַדונג קומען צו א „קבלת שבת".

דר. עטיה מעלדעט מיר, אז מאָרגן וועט פאָרקומען א זיצונג פון קהילה־ראַט אין ביירוט מיטן אָנטייל פון דעם ראביי. דעם פאַקט אליין, וואָס דער ראביי איז דער גאַסט פון די אראבישע פּאָליטיקער דאָ און פון דער מעכטיקער „אַראַמ־קאָ" (אַראַביש־אַמעריקאַנער אויל קאָמפּאַני), שטעלט די קהלה אין א נויט־לאַגע אָנצונעמען דעם גאַסט. נאָר אזוי ווי איך בין דאָך אויך א גאַסט, לאַדן זיי מיך איין אָפיציעל צו דער זיצונג, — וועט שוין ממילא די פייערלעכקייט זיי א „געמישטע", אזוי צו זאָגן...

זיצן מיר אין זאַל פון קהילה־ראַט אין דער געזעלשאַפט פון די זייער חשובע אָנפירער פון לבנון־יידנטום און ווערן באַגריסט פון דר. עטיה.

ווען דער „דזשודאַאיזם"־ראביי נעמט דאָס וואָרט, דערקלערט ער צווישן אנדערע, אז זיין קאָמיטעט אין אמעריקע וועט אין גיכן צוטרעטן זאַמלען געלט אויף פילאַנטראָפּישע צוועקן און אזוי ווי ער איז זיכער, אז די יידן אין דעם אראבישן שטאַט לבנון וועלן דאָך ניט וועלן געניסן פון געלטער, וועלכע דער „דזשאָינט" באַקומט פון „ציוניסטישן" יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל, לייגט ער דעריבער פאָר זיין שטיצע פאַר די לבנון אינסטיטוציעס.

איך בין געווען דערשיטערט פון דער דאָזיקער דערקלערונג, געמאַכט אין אַן אַראַבישער מדינה פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט אַזעלכע „ערן־טיטלען״ ווי „ייד״ און „ראַביי״.

מיט אומגעדולד האָב איך דערוואַרט די תשובה פון די לבנון־יידן, וועלכע וועלן מסתם ניט וואַגן אָפּצוּוואַרפן אַזאַ „אַראַביש־פּאַטריאָטישן״ פאָרשלאַג. אָבער צו מיין איבערראַשונג האָב איך דערהערט דעם ווירדיקן ענטפער פון דר. עטיה, אַרויסגעזאָגט מיט עמאָציע און אַ ציטער אין שטימע:

„מיר דאַנקען אייך, חשובער ראַביי, פאַר פאַרלייגן אונדז הילף און פאַר דער אויפקלערונג, פאַרוואָס מיר טאָרן ניט אָננעמען קיין „יונייטער אַפּיל״ געלדער.

„מיר זיינען שוין אַ קהילה מער ווי צוויי טויזנט יאָר אַלט, אַן אויסגעפּרובירטע קהילה און מיר דאַרפן ניט האָבן אַזעלכע געלטער, ווי איר לייגט פאָר. ווי איר זעט, גיבן מיר זיך אַליין אַן עצה. און טאָמער האָט זיך צו אונדז געווענדט די פאַרוואָרפענע קהילה אין דאָרף קאַמישלי, וואָס איז אין שכנותדיקן סיריע, געווענדט זיך נאָך הילף בעת צרה, זיינען מיר אַרויס אין גאַס דעמזעלבן טאָג און יידן בני־רחמנים האָבן זאָפאָרט אויפגעזאַמלט די נויטיקע סומע.

„אָבער אַ פראַגע מוז איך שטעלן אייער אַמעריקאַנער קאָמיטעט: צי שוין זשע האָט מען אייך געדאַרפט שיקן דאָ אַלס אינסטרוקטאָר צו די אַראַבער, צו די אַראַבישע לענדער, איר זאָלט זיי לערנען ווי אַזוי מען דאַרף פיינט האָבן ציוניזם און וואָס פאַר אַ שלעכטע בירגער זיינען יענע אַמעריקאַנער יידן, וואָס שטיצן ישראל? איז דאָס אַן אויפגאַבע פאַר יידן? פעלן דען אַזעלכע אינסטרוקטאָרן אַן אייך? דאַקעגן, וואָלט באמת נויטיק געווען אייער מיסיע, אויב איר וואָלט געקומען צו אייער גאַסט־געבער, די אַמעריקאַנער אַקציאָנערן פון „אַראַמקאָ״ און געלערנט מיט זיי אַ קאַפּיטל אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און טאָלעראַנץ! פאַרוואָס צום ביישפּיל, פירן איין די אַמעריקאַנער דאָ אַ דיסקרימינאַציע קעגן יידן, בירגער פון לבנון, און מען וואַרפט זיי אַרויס פון די שטעלעס? פאַרוואָס איז אונדזער רעגירונג דוקא טאָלעראַנט צו אירע בירגער פון יידישן גלויבן און אייערע גאַסט געבער, וואָס האָבן נעכטן ביי דער קאָקטעיל פאַרטי אַזוי געלויבט דעם מוטיקן „ראַביי״, נעמען צו דאָס שטיקל ברויט פון די גלויבנס־גענאָסן פון דעמזעלבן ראַביי?״

כ׳מוז אייך זאָגן, אַז די דאָזיקע מוטיקע ווערטער פון דר. עטיה האָבן מיך איבערראַשט מיט זייער שטאָלץ און אָפנהאַרציקייט.

ער האָט דאָך יאָ מיט וואָס צו ריזיקירן און דער ראַביי ריזיקירט מיט גאָרניט...

דער דזשודאַאיזם־ראַביי האָט זיך דערפילט זייער ניט געהויבן, ווען דער ראש־הקהל פון ביירוט האָט מיט אַ בייסיקן און שטאָלצן סאַרקאַזם געלערנט מיט אים „דרך ארץ״.

צי האָט דאָס געהאָלפן? איך גלויב, אַז ניט. דער ראַביי איז ווייטער געפאָרן קיין סיריע, קיין ירדן, גערעדט צו די אַראַבער אין ירושלים די זעלבע ווערטער, וואָס האָבן אויפגעבראַכט די יידן אין מצרים און לבנון.

ישראל האָט זיך ניט דערשראָקן און האָט אים אַריינגעלאָזן אָן אַ וויזע (דורכן מאַנדלבוים טויער). געוועזן איז ער דאָרט זעקס טעג און קורץ פאָרמולירט זיין מיינונג „דאָס לאַנד איז טאַקע זייער שיין, אָבער דאָס פאָלק?”

כאָטש וואַרף אַריין „דאָס פאָלק” אין ים און באַזעץ דאָס „שיינע לאַנד” מיט יענע מאַסן אין די אַראַבישע לענדער, וואָס האָבן ענטוזיאַסטיש אויפגענו־מען דעם ראַביי.

* *

*

כ׳פלי פון ביירוט קיין ציפערן. די תנ״כישע „ארזי הלבנון” שפאַרן אונטער די הימלען מיט זעקס טויזנט יאָריקע שפיצן. מיט זייער האָלץ האָט מען דעם בית המקדש געבויט. קיין פייער צווישן די צעדער פון לבנון זע איך ניט. זיי שטייען גרייט און וואַרטן ביז די צייט וועט קומען און ווידער וועט מען קענען אין ישראל פעסטע געביידעס בויען מיט זייער אין הייליקע לעגענדעס באַזונגענעם געהילץ.

ציפערן, אין פּאָליטישן שטורם

דער אינזל ציפּערן איז איצט אין צענטער פון די נייעס: ס'רייסן זיך אַרום אים גריכנלאַנד, טערקיי און ענגלאַנד.

ציפּערן איז אַ העלפט די גרויס פון מדינת ישראל און האָט מער ווי אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער. אַרום פיר הונדערט טויזנט פון זיי זענען גריכן; אַרום הונדערט טויזנט זענען טערקן און די איבעריקע פאָר טויזנט געהערן צו אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

די געשיכטע פון ציפּערן איז אַזוי אַלט ווי די געשריבענע געשיכטע פון דער מענטשהייט, — מען געפינט נאָך איצט אויפן אינדזל טעפּ און אַנדערע מכשירים, מיט וועלכע ס'האָבן זיך באַנוצט אַמאָליקע איינוווינער מיט מער ווי פינף טויזנט יאָר צוריק.

נאָך אין חומש בראשית צווישן די תולדות בני נח ווערט דערמאָנט כתים, וואָס איז דער אַלטער נאָמען פון ציפּערן. דער דאָזיקער נאָמען ווערט נאָך עטלעכע מאָל דערמאָנט אין תנ"ך. לויט אַלטע קוועלן האָבן שוין ייִדן זיך געפונען אין ציפּערן אין דער צייט פון די מלכים.

אין „נייעם טעסטאַמענט" ווערט באַשריבן דער „נס" וואָס האָט געטראָפן מיט די „שלוחים" ברנבא און שאול (שפּעטער באַוווּסט אַלס די אַפּאָסטאָלן פּאַאול און ברנאַבא), וועלכע האָבן געוואָלט איבערקערן צום קריסטלעכן גלויבן דעם רוימישן פּראָ־קאָנסול אין ציפּערן, סערגיוס פּאַאולוס. דערביי איז געוועזן אַ ייִד, בר־ישוע, אַ מקורב צום הערשער. דער ייִד האָט קריטיקירט די טענות פון די „שלוחים". פּאַאול האָט אים געזידלט מיט די האַרבסטע ווערטער און האָט אים פאַרשאָלטן ער זאָל בלינד ווערן. „פאַרשטייט זיך", איז דער ייִד זאָפּאָרט בלינד געוואָרן און דער רוימישער הערשער, צוזעענדיק דעם „נס", איז גלייך „זעעוודיק" געוואָרן. נו, און אַזוי ווייטער. די זעלבע „שלוחים" האָבן אויך געדרשנט אין די בתי־מדרשים פון דער שטאָט סאַלאַמיס. דאָרט זענען מסתמא קיין נסים ניט געשען, ווייל פון דער געשיכטע ווייסן מיר, אַז ייִדישקייט האָט זיך גראָד אין סאַלאַמיס צעבליט נאָכן 45־טן יאָר (ווען די „שלוחים" האָבן באַזוכט ציפּערן) און זיבעציק יאָר שפּעטער זענען די ייִדן אין סאַלאַמיס געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער אימ־פּעריע. דער רוימישער היסטאָריקער דיאָ קאַסיוס פאַרזיכערט, אַז די ייִדן האָבן

געקוילעט מער ווי צוויי הונדערט טויזנט אָנהענגער פון דער רוימישער מאַכט (מערסטנטיילס גריכן). און אין צוויי יאָר שפּעטער, ווען די רוימער האָבן געשיקט זייערע בעסטע לעגיאָנען כדי דעם אויפשטאַנד צו דערשטיקן, זענען אַלע יידן אין סאַלאַמיס פאַרניכטעט געוואָרן. און אַ פאַראָרדענונג אין דאָן אַרויס, אַז קיין יידישער פוס טאָר זיך מער אויף ציפערן נישט שטעלן. אַז אַפילו ווען אַ שיף צעברעכט זיך טאָר זיך אַ ייד ניט ראַטעווען אויפן אינדזל (ס'איז אינטערעסאַנט, אַז מער ווי דרייצן הונדערט יאָר שפּעטער איז די זעלבע פאַראָרדענונג אַרויסגעגעבן געוואָרן בנוגע די גולי־שפּאַניע). און פאַרגעסט ניט, אַז דער אויפשטאַנד פון די יידן אין סאַלאַמיס איז פאָרגעקומען פינף און צוואַנציק יאָר פריער ווי דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא (אין יאָר 143).

שטיי איך איצטער, אין יאָר 1955, לעבן די רואינען פון דער געהיימניספולער שטאָט סאַלאַמיס (זי געפינט זיך זעקס מייל פון דער שטאָט פאַמאַגוסטאַ), באַטראַכט די מאַרמאָרנע סלופּעס אויפן אַמאָליקן מאַרק, די אַרבעטער וואָס גראָבן אויס די פאַרשאָטענע הייזער־חורבות און סימנים פון גאַסן, און פאַרטראַכט זיך אויפן גורל פון מענטשן, גלויביקן אין קאַמף פאַרשווּנדענעם יידישן ישוב אָט דאָ אויפן זעלבן פּלאַץ. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן דאָ אַמאָל געלעבט. ערגעץ ווו איז פאַרשריבן, אַז זיי פלעגן „עולה־רגל" זיין קיין ירושלים, ברענגען רייכע מתנות אין בית־המקדש. די געשיכטע פון זייער קאַמף פאַרן גלויבן געפינט זיך נאָך איצט אין אַלע היסטאָרישע ביכער, כאָטש ווייניק איינצלהייטן זענען וועגן דעם באַוווּסט, און אין די גריכישע לערביכער ווערן דערציילט גוזמאות פריער וועגן „פּאָגראָם" וואָס יידן האָבן געמאַכט אויף זייערע נאָך דאָן געצנדינערישע שכנים, און שפּעטער וועגן דער אויסראָטונג פון יידישן שטאַם אויפן אינדזל ציפערן.

מיינע מחשבותן טראָגן זיך אַריבער אויף די חורבות פון דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָבן אויך אַזוי אויסגעזען אין טאָג ווען איך האָב זיי באַזוכט. איצט געדענקען מיר אַלץ אַזוי גוט, יעדן טאָג פון די קאַמפן און אויך די פריערדיקע יאָרן פון שאַפן, — די אַכט הונדערט יאָר געשיכטע אין אַלע אַנדערע יידישע קהילות פון פוילן, וואָס ליגן איצט אין רואינען. וואָס וועט זיין אין צוויי טויזנט יאָר אַרום? וויל די רואינען פון סאַלאַמיס זענען שוין איצט אַכצן הונדערט יאָר אַלט און גאַרניט, גאָרניט איז געבליבן צו דערציילן וועגן דער הייליקער קהילה אין סאַלאַמיס, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן דער רוימישער מאַכט און אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך...

אָפּגעווישט געוואָרן? אָבער ניין! מיין ליבטיקער פאָרגייער, דער רייזנדער ר' בנימין מטולעדא, האָט אין יאָר, 1155 (פּונקט מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק) געפונען יידישע קהילות אין אַלע שטעט פון אינדזל. ער האָט אַפילו אַנטדעקט אַ סעקטע מאָדנע אַפּיקורסים, וואָס האַלטן ניט פון פרייטיק־צו־נאַכט און היטן אָפּ דעם רו־טאָג פון שבת פרי ביז זונטיק פרי... (וועגן דער זעלבער

סעקטע דערציילט אויך ר' אברהם אבן עזרא). און וועגן **יידן** אין ציפּערן דערציילט ר' עובדיה מברטנורא, וועלכער האָט באַזוכט דעם אַרכיפּעלאַג פון אינדזל מיט מער ווי דריי הונדערט יאָר שפּעטער. און וועגן דעם ביסל יידן וואָס זענען איצטער נאָך געבליבן, קאָן איך אויך עפּעס דערציילן, און אַלע ווייסן די ראָלע פון אינדזל ציפּערן אין דער צייט פון דער גרויסער „אומלעגאַלער" אימי־גראַציע קיין ישראל נאָכן וועלט־קריג, ווען ענגלאַנד האָט ניט דערלאָזן, אַז די אַנטלויפנדיקע יידן פון אייראָפּע זאָלן לאַנדן אין ארץ ישראל און זיי אינטער־נירט הינטער שטעכעדיקע דראָטן אין לאַגערן פון ציפּערן.

אינטערעסאַנט איז, אַז כ'האָב שוין קיינעם פון יענע אינטערנירטע מער ניט געפונען דאָ, — קיינער האָט קיין חשק ניט געהאַט זיך צו באַזעצן צווישן די גריכן און צווישן די טערקן אויפן דאָזיקן פולווער־פאַס. ווי קלוג זיי זענען געווען זעען מיר דאָס אַלע איצט, ווען די לופט איז אַזוי אָנגעגליט, אַז יעדן טאָג איז צו דערוואַרטן אַן אויסברוך פון אויפשטאַנד קעגן די ענגלענדער, וועלכע זענען די הערשנדע מאַכט אויפן אינדזל און אויך קעגן די טערקן, וואָס שטיצן די ענגלענדער און וועלכע זענען געווען די הערשער פון אינדזל אין משך הונדערטער יאָרן ביזן יאָר 1878, ווען ענגלאַנד האָט ציפּערן באַקומען אַלס „מתנה" פון טערקיי פאַר שטיצן זי מאָראַליש קעגן רוסלאַנד.

פאַרשטייט זיך, ווייל קיינער ניט, אַז מענטשלעך בלוט זאָל זיך גיסן אויפן אינדזל, און אַז גריכן זאָלן ווידערהאָלן דעם „פּאָגראָם", וואָס די טערקן האָבן אויף זיי געמאַכט ניט לאַנג צוריק אין אינסטאַמבול. אָבער ס'איז גוט צו ווייסן, אַז אויב אַזאַ זאַך זאָל חלילה טרעפן, וועלן ניט זיין קיין סך יידישע קישנס, פון וועלכע פעדערן זאָלן פליען, ווייל די יידישע משפּחות קאָן מען ציילן דאָ אויף די פינגער.

* *

*

אין דער הויפּט־שטאָט ניקאָסיאַ, וווּ כ'בין דער גאַסט פון ישראל־קאָנסול ש. קדרון און זיין ליבנסווירדיקן וויצע־קאָנסול — זאַמלט מען צונויף אַ מנין, נאָר „ימים נוראים".

אין פאַמאַגוסטאַ זענען פאַראַן אַ פּופצן יידן און זייער „ראש הקהל" איז אַ פרוי, שרה פרסיץ, פון דער אַמאָל באַרימטער מאָסקווער פאַמיליע. אַגב, דערציילט מען מיר אַ קוריאָזן פאַקט: אין גאַנץ ציפּערן זענען פאַראַן נאָר צוויי מזוזות אויף יידישע טירן: אין ישראל־קאָנסולאַט און אין נאַכט־קאַבאַרעט „אַמבאַסאַדאָר", וועמענס אייגנטימערין איז אַ פּוילישע פרוי סאָניאַ וויינריב... ר' לוי יצחק מבארדיטשעוו וואָלט געוויס מלמד זכות געווען אויפן פאַקט, וואָס יידישקייט שטייט אַיין אַפילו אין אַ נאַכט־קאַבאַרעט, — אָבער וויפל האָבן מיר ר' לוי־יצחק'ס?

אַלענפאַלס: אויך מזוזות, ווייזט אויס, — ווי „ספרי־תורות״ — האָבן זייער מזל.

כאָטש ס'איז אומרואיק אין די גאַסן פון ניקאָסיא, — מען האָט נאָר־וואָס געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַן ענגלישן פּאַטרול, — נעמט מיך פונדעסטוועגן דער ישראל־קאָנסול מיט אין דער אַמאָליקער קאָלאָניע פון יק״א, מאַרגאָ, וועל־כע געפינט זיך איניקע מייל אויסער שטאָט.

קיין גרויס מזל האָט יק״א ניט געהאַט מיטן גרינדן קאָלאָניעס אין ציפּערן (אנהויבנדיק פון יאָר 1885) אַזוי ווי אַ כמו קאָנקורענט מיט ארץ־ישראל (באַראָן הירש „ווערסוס״ באַראָן ראָטשילד...) דוכט זיך די ערד איז דאָ פעט, דער קלימאַט פּראַכטפול, און געלט האָט אויך ניט געפעלט, אָבער ס'האָט ניט „אָנגעריסן״, — צו שטאַרק זענען די עלעמענטן, וואָס ציען אַ יידן אַוועק פון גריכיש־פרעמדן באָדן אין דער שכנותדיקער „היים״. און דעריבער איז אָט וועמען כ'האָב געפונען אין דער אַמאָליקער קאָלאָניע פון יק״א: דעם אינזשעניר פון רוסלאַנד, מיכאל ווײנער, און זיין ענערגישע פרוי מער קיינעם ניט! אַרום אונדז איז 500 אַקער גוט פאַרם־לאַנד. אין די פעסט־געבויטע ווייסע שטאַלן געפינען זיך מער ווי הונדערט קי, איניקע הונדערט שעפּסן און אַ צאָל בערד. צווישן אַלייען מיט געוויקסיקע ציפּרוס־ביימער (מיר זענען דאָך אין סאַמע ציפּרוס) שטייט דאָס ווייסע הויז פון די ווײנערס. די אַנדערע געביידעס און דער גרעסטער טייל פון דער ווירטשאַפט איז אַרענדירט צו גריכן.

און די ליבנסווירדיקע ווײנערס דערציילן זייער געשיכטע ביי אַ גלעזל שוימענדן וויין, יענעם „יין קפריסין״, וואָס איר געדענקט פון „קטורת״, אויב איר פלעגט דאַוונען „פון פאַרנט״. זיי שטאַמען פון מעליטאָפּאָל, שפּעטער געלעבט אין אָדעס, געלאָפן פון רוסלאַנד בעת דער רעוואָלוציע און געלאַנדעט אין בולגאַריע. דאָרט האָבן זיי אַ גרויסע פאַרם געהאַט. געלאָפן בעתן צווייטן וועלט־קריג פון בולגאַריע און זיך באַזעצט אין ציפּערן, ווו זיי האָבן די ערד פון יק״א אָפּגעקויפט. איצט קוקן זיי אויפן צווייטן זייט ים, דאָרט ווו עס שאָטענען זיך די ברעגעס פון ישראל.

„כ'וויס, — באָמבעס פּלאַצן, מיר זענען דאָ אַליין אויפן פעלד צווישן גריכן, צו וועלכע מיר פאַרפאַכטן ערד... פאַרשידענע מחשבות קענען דאָך קומען אין אַזאַ אומרואיקער צייט... וועלן אונדז אָט די צוויי ביקסן וואָס שטייען אין ווינקל באַשיצן?״

און אַזוי ווי אונטערשטרייכנדיק, אַז די קאַפּיטלען ציפּערן אין דער יידישער געשיכטע געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, — פירן מיך די ווײנערס צום בית־עולם, — דעם פאַרהעלטניסמעסיק נייעם בית־חקברות, וועלכער געפינט זיך ניט ווייט פון זייער פאַרם־קאָלאָניע.

נײַנציק קברים פֿון ייִדישע קינדערלעך געפֿינען זיך דאָ, — פֿון יענע קינדערלעך, װעמענס „אומלעגאַלע" טאַטעס און מאַמעס זענען געהאַלטן געוואָרן הינטער די שטעכעדיקע דראָטן דורך די ענגלענדער, ביז ישראל האָט זיך באַפֿרײַט און געעפֿנט ברייט אירע טירן פֿאַר דער „שארית הפליטה". אָבער נײַנציק קינדערלעך זענען אין דערבײַיאיקן קעמפּ אויסגעשטאָרבן און ניט דערלעבט צו וואַקסן אין ייִדישן לאַנד!...

עפּעס דערציילט אויך די מצבה פֿון פּאָליציי־אינספּעקטאָר סידני מייטנער, — אַן ענגלישער ייִד, וואָס איז געוועזן אַ פּאָליציי־שעף אין ציפּערן און געקומען דאָ צו „קבר־ישראל", כאָטש מדינת ישראל ליגט ערשט 150 מייל ווייט צום צפֿון. ווי ס'איז גרויס די טעריטאָריע פֿון „קבר־ישראל" אין פֿאַרגלײַך מיט דער קלײנטשקער לעבעדיקער מדינה?

ווידעראַמאָל קומט מיר אויפֿן געדאַנק די באַגראָבענע שטאָט סאַלאַמיס, פֿון וועלכער ס'סטאַרטשען נאָר די איינציקע מאַרמאָרנע סלופּעס, וואָס מען האָט באַוויזן אויסצוגראָבן. וויפֿל היסטאָרישע סודות, אַלגעמיין־מענטשלעכע און ייִדישע זענען באַגראָבן אונטער די האַרטע זאַמדן!...

זאָגט מיר דער אינטעליגענטער גריך, דער אייגנטימער פֿון מײַן האָטעל: „די ענגלענדער זענען גאָרניט פֿאַראינטערעסירט אין באַאַרבעטן דעם דימענט אונדזערן, וואָס הייסט ציפּערן, זיי לאָזן גאָרניט אַנטוויקלען די פּרוכטבאַרע בערג און טאָלן און די אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן און די היסטאָרישע אוצרות, וועלכע זענען אומאָפּשאַצבאַר. זעט, ווען מען האָט געגראָבן דעם פֿונדאַמענט פֿאַר מײַן האָטעל האָב איך אַליין אָן גרויסע שוועריקייטן געפֿונען אָט די פֿיגורן פֿון אַלטע געטער, און די לעמפּעלעך און די וואַזן און די זעלטענע האַק, וועלכע געהערן צו דער נעאָליטישער (זעקס טויזנט יאָר צוריק), צו דער קופּערנער און אײַזערנער עפּאָכע (פֿינף־און־דרײַ־טויזנט יאָר צוריק) פֿון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. די ענגלענדער זענען נאָר אינטערעסירט אין זייער מיליטערישער באַזע און אין באַקעמפֿן אונדזער „ענאָזיס" (באַוועגונג צו פֿאַראייניקן דעם אינדזל מיט גריכנלאַנד). איך וועל אײַך זאָגן נאָך מער: די גרעסטע פּלאַנטאַציע פֿון ציטרוס־פּרוכטן אויפֿן אינדזל איז געשאַפֿן געוואָרן דורך ייִדישן קאַפּיטאַל און פֿאַך־קענטעניש געבראַכט פֿון ישראל (ער מיינט די „סייפּרוס־פּאַלעסטיין פּלאַנטיישאָן", וועלכע ווערט פֿאַרוואַלטעט פֿון אַמבאַסאַדאָר אַבאַ איבנ'ס שוועד. ח. ש.).

אַזוי זאָגט דער גריך. די טערקישע מינדערהייט, אָבער, איז אויך שאָוויניס־טיש און פֿאַרביסן און געדענקט די „גוטע" הונדערטער יאָרן פֿון דער אָטאָמאַ־מאַנישער אימפּעריע, ווען גריכן זענען געווען פֿאַרקנעכטעט און צוזאַמען מיט די אַרמענער פֿלעגט מען זיי אויסשעכטן פֿעריאָדיש אין די צענדליקער טויזנטער.

דער פּאָגראָם אין אינסטאַמבול קאָן עפּעס דערציילן וועגן דער דאָזיקער פֿאַרביסענער שנאה. און ענגלאַנד קאָן זיך אויף ביידע דערווײַל ניט פֿאַרלאָזן;

ליגט דאָך ציפערן אויף א שייד־וועג פון דער וועלט: 240 מייל פון מצרים, זעכציק מייל פון לבנון־סיריען, 150 מייל פון ישראל און פערציק מייל פון טערקיי. פון אלע די פונקטן האָט מען שוין די ענגלענדער ארויסגעקוועטשט, — נו, מוז מען כאָטש האַלטן אַן אויג (אָבער אויך באוואָפנטע כוחות) אין דאָזיקן נעווראַלגישן אינדזל־קנופּ. שלעכט איז ווען אלע זענען גערעכט.

אָבער ניט נאָר ענגלאַנד האַלט דאָ אַן אויג. די זייער גוט אינפאָרמירטע פּערזאָן, וועלכע האָט מיך באַגלייט צום עראָפּלאַן, וואָס האָט מיך אין צוויי שטונדן געדאַרפט ברענגען קיין ישראל, — האָט עפּעס צו זאָגן:

„איר זעט יענעם לאַקריץ־זיסן הענדלער מיט „אַנטיקן״? דאָס איז א מצרישער אַגענט, וואָס קוקט גוט נאָך, וועלכע פּאַסאַזשירן גייען אַרויס פון עראָפּלאַנען, וואָס קומען פון אַראַבישע לענדער און פאָרן קיין ישראל, אָדער פאַרקערט. און יענער שמייכלענדיקער פאָטאָגראַפער, וועלכער נעמט אַראָפּ די בילדער פון יעדן רייזנדן, כלומרשט צו פאַרדינען א פּאָר שילינג, — איז א געשולטער שפּיאָן... אַט זענט איר געקומען פון ביירוט און פאָרט קיין ישראל, — זייט זיכער, אייער בילד וועט זיך שוין געפינען אין די געהעריקע אַרכיוון. פאַרגעסט ניט, אַז ציפּערן דינט איצט אַלס די איינציקע טראַנספער־סטאַנציע צווישן ישראל און די לענדער פון דער אַראַבישער ליגע״...

מיין פריינט שרעקט מיך, אָבער עפּעס האָב איך איצט ניט קיין מורא, דורך די חורבות און דורך דער ווירקלעכקייט אויף אַט דעם קליינעם אינדזל לערן איך א לעקציע פון טויזנטער יאָרן, וואָס פאַרשווינדן ווי א נעכטיקער טאָג, פון רייזן־מלוכות, וואָס ליגן באַגראָבן אונטער ליימיקע מדבריות, — און פון אייביקע אמתן, וועלכע ווערן קיינמאָל ניט פאַרניכטעט. צעשטויבט איז געוואָרן די מאַטעריע פון ברוטאַלן כוח, אָבער דער גייסט פון די יידישע אויפשטענדלער אין סאַלאַמיס, וועלכע האָבן געוואָגט אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ מיט 1838 יאָר צוריק, — נאָך פאַר בר־כוכבא, צו פירן צוויי יאָר א מלחמה קעגן דער רוימישער אימפּעריע, — לעבט נאָך אַלץ. והא ראיה: פּלוּ איך דאָך איצט אויף אַן „אל־על״ עראָפּלאַן אונטער דער יידישער פאָן צום פּלאַץ ווו זיי האָבן — מיט א געוויסער „פאַרשפּעטיקונג״, דעם קאַמף געווונען — צו די ברעגעס פון ישראל!...

א י נ ד י ע

באַגעגעניש מיט גאַנדי׳ס זון

איך שרייב דעם דאָזיקן אַרטיקל אין עראָפּלאַן, וואָס פירט מיך קיין צענטראַל־אַמעריקע.

איך געפין זיך אונטערן איינדרוק פון דער ידיעה, וועלכע איך האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט אין „טיימס", אַז מאַנילאַל גאַנדי, — דער זון פון גרויסן מאַהאַטמאַ גאַנדי, — איז געשטאָרבן אין זיין גוט לעבען דורבאַן אין זיד־אַפריקע.

און מערקווירדיק: ניט ווייסנדיק וועגן זיין טויט האָב איך זיך גראָד געקליבן באַשרייבן מיין צווייטע באַגעגעניש מיט אים, ווען ער איז שוין געלעגן קראַנק אין זיין באַשיידן הויז אין פעניקס, נאַטאַל פּראָווינץ, — אַרומגערינגלט מיט זיין איבערגעגעבענער פאַמיליע, — ווייב און קינדער, — און מיט אַ געדיכטן גאָרטן פון ליידנשאַפטלעך־צעבליטע מאַנגאָליע־בוימער, וועלכע וואַרפן אַ ראָזע שיין אויף דער טעראַסע, ווו מיר שמועסן.

עס איז שפּעט נאָכמיטיק. איך געפין זיך נאָך אונטערן איינדרוק פון דער לעצטער נאַכט פאַרבראַכט אין זולו־טעריטאָריע אין אַ קיילעכדיק ווייס־הייזל באַדעקט מיט שטרוי אינמיטן אַ נידעריק־צעוואַקסענעם אייקאַליפּטוס־וואַלד. דאָ, צווישן די בוימער, בערגלעך און זאַמדיקע טאָלן, האָדעווען זיך נאָך די ווייסע רהינאָס („נאָסאָראָגען"), — די בייזע חיות מיט אַ קערפּער ווי אַ שמאָל־געשמידטע טאַנק און מיט אַ האָרן אויפן נאָז, — לאַנג און שאַרף, גרייט צו אַטאַקירן די באָפאַלאָס און די הינדן, וואָס פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס.

אונדזער אויטאָמאָביל אויפן וועג צום הייזל אויפן באַרג, האָט זיך געטרייסלט אויף אַ שליאַך פול מיט גריבער, ווען אַ רהינאָ האָט זיך באַוויזן לויפנדיק אין אַן אַטאַקירנדער פּאָזיציע. מיר זענען קוים אַנטלאָפן: אַ רהינאָ איז ניט קיין לייב אָדער אַ לעאָפּאַרד, וועלכע מיידן אויס אַן אויטאָמאָביל, אַ רהינאָ באַפאַלט, קערט אים איבער און זוכט די פלייש פון די פּאַסאַזשירן. זאָל אַזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט.

פאַרטאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון זולו־לאַנד אויפן וועג צו נאַטאַל, וועלכע איז שוין אין די גרעניצן פון זיד־אַפריקע.

ווערער גליטשן מיר זיך איבער די אויסגעצייכנטע אַספּאַלט־שאָסייען דורך פּעלדער באַוואַקסן מיט געדיכטע צוקער־שטאַנגען, און ווידער פּאַרקירעווען מיר זיך אויף דעם שטויביקן, קוים ברוקירטן וועג, וואָס פירט צו פעניקס, — די אַבציק אַקרעס פאַרם, וואָס האָט נאָך געהערט צום אַלטן מאַהאַטמאַ גאַנדי, ווען ער האָט דאָ מיט פופציק יאָר צוריק פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט.

אויף דער מיט גלאָז פּאַרמאַכטער ווערענדע ליגט אויף אַ קאַנאַפּע, אַנגעטאָן אין אַ הינדוסישן כאַלאַט, מאַנילאַל גאַנדי. אַרום טיש טרינקט טיי זיין פאַמיליע.

ווען ער באַמערקט אַז אַ גאַסט גייט אַרויף אויף די טרעפּ פון ווערענדע, הויבט ער זיך אויף, שפּאַרט זיך אָן אויף קוליעס און מאַכט אייניקע טריט אַנטקעגן.

די קינדער, — צוויי זין מיט אַ טאָכטער, אייראָפּעאיש געקליידעט, — גייען אַריין אין די אינערע צימערן, און זיין ווייב, — שוין שטאַרק פאַרעלטערט, — אין אַ בונטער הינדוסישער סאַרי אָנגעטאָן, — טראָגט מיר גלייך צו אַ טעפּל גרינעם טיי.

אויך גאַנדי האָט זיך באַדייטנד פאַרענדערט אין די אייניקע יאָר וואָס איך האָב אים ניט געזען: ער האָט דאַן אויסגעזען פעסט געבויט, אַביסל צו־דיק פאַר אַ מענטש, וועלכער האָט גראַד יענעם טאָג פון מיין ערשטן באַזוך געענדיקט אַ תענית פון דריי וואָכן.

איצט אָבער שפּרייזנדיק אויף קוליעס קוקט ער אויס שטאַרק אָפּגעצערט און דאָס געזיכט האָט באַקומען יענעם ליידנד־אומעטיקן אויסזען באַלויכטן מיט אַ פּאָר פייער אויגן, וועלכע דערמאָנען דעם אַלעמען באַקאַנטן בליק פון זיין גרויסן טאַטן.

גאַנדי דערקענט מיך און דאַנקט פאַרן צוגעשיקטן אינטערוויו, וואָס איז אויך געווען דאַן געדרוקט אין ענגליש, און גיט צו מיט אַ רעזיגנירטן שמייכל: „איך פיל זיך היינט אַזוי שלעכט, אַז מסתמה וועט שוין אייער איצטיקע באַשרייבונג צונויפפאַלן מיט מיין נעקראָלאָג״.

און ווי איך זעט האָט ער נביאיש געטראָפן: איך שרייב דאָך אָן הספר, — און שרייב אים אין עראָפּלאַן, — הויך אין די הימלען, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ גאַנדי, וועמענס נשמה האָט זיך נישט געפּאַסט פאַר דער ערד און אויך האָט די ערד ניט „אַדאָפּטירט״ אַזעלכע נשמות.

איך אַנטשולדיק זיך, וואָס ניט ווויסנדיק פון זיין קראַנקהייט בין איך אַריינגעפאַלן אומגעבעטענערהייט.

פאַרשטייט זיך, ער איז מיר מוחל, אָבער קיין לאַנגן געשפּרעך ווי דעמאָלט קענען מיר שוין ניט האָבן.

ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע און רעדט שטיל:

„זינט איר זענט דאָ ניט געווען האָב איך ווייטער און שטאַרקער געקעמפט מיט דער רעגירונג פון „אַפּאַרטהייד", מיט דער שענדלעכער אָפּטיילונג פון שוואַרצע און אויך הינדוסן פון דער קליינער מינדערהייט פון די הערשנדע ווייסע. איך האָב געזוכט צו פאַראייניקן אין קאַמף דעם האַלבן מיליאָן הינדוסן מיט די ניין מיליאָן שוואַרצע, אָבער ווי איר ווייסט פרעדיג איך, ווי מיין פאָטער, דער מאַהאַטמאַ, אַ קאַמף דורך פּאַסיוון ווידערשטאַנד, און אין אונדזערע אַגרע־סיווע צייטן איז דאָס ניט צו שטאַרק פּאָפּולער. דער „הינדוסישער קאָנגרעס" אין זיד־אַפריקע האָט מיך פאַרלאָזן. זיי זיינען איצט דאָמינירט דורך עקס־לינקע און דעריבער דורך אידייען פון אַקטיוון ווידערשטאַנד.

זיי באַטראַכטן מיינע דעמאָנסטראַציעס, פאַר וועלכע איך בין פיר מאָל אין משך פון די לעצטע דריי יאָר אין תפיסה געזעסן, פאַר ווייט ניט גענוג און אפשר אויך פאַר לעכערלעך, און אַזוי באַציִיכענען זיי אויך מיינע תעניתים... דער פאַקט וואָס דער דאָזיקער פּאַסיווער ווידערשטאַנד וואָס מיין פאָטער האָט אָנגעפירט קעגן די ענגלענדער אין אינדיע האָט דאָרט באַפרייט אונדזער מעכטיק פאָלק, — איז פאַר זיי ניט קיין פאַרגלייך.

האָט מען מיך אַרעסטירט אין 1952 פאַר אַריינגיין אין אַ „פּאָבליק לייב־רערי" פון דורבאַן, און אַ יאָר שפּעטער האָט מען מיך אַרעסטירט פאַר זעצן זיך אויף אַ באַנק אויף וועלכע עס איז געווען אַן אויפשריפט: „נאָר פאַר אייראָ־פּעער". נאָכהער האָב איך געפאַסט דריי וואָכן און אַן אָפּגעשוואַכטער אַרויס אין גאַס, בין איך אַרונטערגעפאַלן אונטער אַן אויטאָמאָביל און צעבראָכן ביידע פיס. אָבער ווען איך האָב זיך דערפילט אַביסל בעסער, בין איך אויף קוליעס געגאַנגען בראש פון אַ הינדוסישער דעמאָנסטראַציע, אַריינמאַרשירנדיק קיין דזשערמיסטאָן, לעבן יאָהאַנעסבורג, אַ מין געטאָ אויסשליסלעך פאַר שוואַר־צע. פאַר דעם בין איך געזעסן פינף וואָכן אין תפיסה...

„און געדענקט מיינע ווערטער: אויב אַלס רעזולטאַט פון אָט די אומדער־הערטע ראַסן־דיסקרימינאַציעס אין אונדזער צייט פון דערוואַכנדע נאַציאָנאַ־ליזמען, וועט ווען עס איז אויפשטיין אַ „שוואַרצער היטלער", וועט ער איבער־נעמען די „ווייסע תורה" פון „אַפּאַרטהייד" פיל גרויזאַמער און בלוטדורשטיקער ווי די איצטיקע רעגירער. אָ, הלוואי זאָל איך ניט דערלעבן צו יענער צייט!"

און ער האָט טאַקע ניט דערלעבט:

ווייל איך באַערן זיין אָנדענק מיט ברענגען פאַרן לייענער אַ טייל פון דעם פאַרצייכענטן געשפּרעך בעת אונדזער ערשטער באַגעגעניש איר יאָר 1951, ווען גאַנדי איז נאָך געווען פול מיט אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות.

אויך דעמאָלט, אַזוי ווי איצט, האָבן די מאַגנאָליעס געבליט און געשיכורט מיט זייערע ראָזע פאַרבן און צאַרטן מאַנדל־ריח.

אין ווינקל פון צימער האָט געשיינט אויף דורכזיכטיק־באַלויכטענעם גלאָז, — ווי אויף אַ איקאָנע, — די אַסקעטישע נאַקעטקייט פון מאַהאַטמאַ גאַנדי, זיין זון האָט, רעדנדיק מיט מיר, אַפּט געקוקט אויפן אַפּשיין פון זיין פאָטער.

איך: ווי איז אייך געגאַנגען אייער לעצטער צוואַנציק טאָגיקער תענית?

גאַנדי: אַ פאַרהעלטניסמעסיק לייכט. איך האָב געטרונקען נאָר וואַסער מיט לימאָנען זאַפט, כאָטש מיין פאָטער פלעגט אונז אויך דערלויבן ציגן־מילך.

איך: נו, האָט דער תענית געהאָלפן?

גאַנדי: מיר אַליין האָט דער תענית געוואַלדיק געהאָלפן. ער האָט מיר געגעבן די מאָראַלישע קראַפט, דעם ספּירימועלן כוח צו דערפילן, אַז איך בין גערעכט. ווען גערעכטיקייט שטראַלט פון אונדז אַרויס, מאַכט דאָס שוואַך דעם קעגנער. ווען מיר רייניקן זיך אַליין פון בייזע געדאַנקען, ווען מיר דערהויבן זיך מאָראַליש צו דער מדרגה פון אַ העכערער באַשעפעניש, ווען דורך ליידן ווערט דורכזיכטיק די גערעכטיקייט, דאַן איבערצייגן מיר דער וועלט די עוולות וואָס ווערן קעגן אונדז באַגאַנגען. האָט איר אַמאָל פּרובירט בעטן צו גאָט אומאויפהער־לעך און מיט אַ וואַרעם האַרץ? — האָט איר דען נאָכדעם ניט דערפילט ווי די רשעים ווערן שוואַכער אין זייער אַנגריף אויף אייך, פיל שוואַכער ווי איר וואָלט זיי באַקעמפט מיט געשמידטן געווער, ווייל דער שונא, דער רשע, איז נאָך אַלץ שטאַרקער מיט זיינע מעכאַנישע מיטלען; ער וועט אָבער אונדז ניט באַזיגן אין מאָראַל, אין תפילה. אָט אַזוי האָבן דאָך געזיגט אין אינדיע מיין פאָטער און נערו און זייערע אָנהענגער קעגן דער געפּאַנצערטער ענגלישער אימפּעריע...

איך: און וואָס איז איצט דער קאָנקרעטער ציל פון אייער קאַמף?

גאַנדי: דער אוממענטשלעכער געזעץ פון סעגרעגירן די ראַסן. אייגנטלעך דער זעלבער געזעץ, אָבער אין אַ שאַרפערער פאָרם, קעגן וועלכן אָט דאָ, אין דעם זעלבן פּלאַץ, האָט געקעמפט מיין פאָטער, דורך פאַסטן, מיט פופציק יאָר צוריק. דער פאַקט אַליין, וואָס איך קען ניט אָננעמען אייער איינלאַדונג צו עסן מיטיק מיט אייך אין אייער האָטעל אין דורבאַן, ווייל איך טאָר דאָך ניט אַריבערטרעטן זיין שוועל, דאָס אַליין באַרעכטיקט שוין אונדזער קאַמף.

איך: אָ, ווי איך פאַרשטיי אייך אַלס ייד און אַלס מענטש:

גאַנדי: עס איז גוט וואָס איר פאַרשטייט מיר אויפן ווונק, אָבער אויב איר מיינט, אַז מיט גוואַלד־מיטלען קען מען אומגערעכטיקייטן אויסהיילן, האָט איר אַ טעות. מיר זענען דאָ האָפענונגסלאָז שוואַך, אָבער מיר זענען גערעכט! און דעם דאָזיקן וואָפן אונדזערן קענען מיר אַרויסברענגען נאָר דורך פאַסטן,

דורך תפילה, דורך ווייזן דער וועלט דעם אונטערשיד צווישן אונדז און די אונטערדריקער, דעם ריזיקן כוח פון יושר, וואָס איז אָקומולירט אין אונדזער מאָראַלישן פאַרמעגן... אזוי האָט מיר געלערנט מיין טאַטע...

איך: זייט ניט פאַרוווּנדערט, ווען איך וועל אייך זאָגן אַז פונקט אַזוי האָט מיך געלערנט מיין טאַטע און טויזנטער אַנדערע יידישע טאַטעס אין משך פון אומציייליקע דורות. אין דעם וואָס איר זאָגט שטעקט אסך פון אונדזער אייגענער תנ"כישער מאָראַל. ווייזט אויס אַז ערגעץ ווו אין פאַרגעסענע צייטן, האָבן אונדזערע אבות געשעפּט פון אַ געמיינזאַמען, געטלעכן ברונעם...

איך קוק אַרויס פון פענסטער פון עראָפּלאַן און דערזע פאַר זיך דעם וואַסער־שפּיגל פון מעקסיקאַנער גאָלף. און עס דוכט זיך מיר אַז צווישן די בלויע הימלען און די בלויע וואַסערן שוועבן ווייסע און שוואַרצע מלאכים, — די אראלים און די מצוקים, — און קעמפן פאַרן „מיראַזש", וואָס רופט זיך יושר. ווער וועט זיגן, — אָ, ווער וועט זיגן אין דער דאָזיקער וועלט אונדזערער אָנגעפילט מיט אומעט און מיט טרערן?...

אייראָפּע

איינדרוקן פון טאָלעדאָ

ווען איך בליק צוריק אויף די כמעט זעכציק יאָר, וואָס איך געדענק, לויכט אויף, פריער פאַר אַלץ, מיין טאַטנס־זיידנס שטוב מיט דער איינגעוואָרצלטער יידישער טראַדיציע און רעגלאַמענטירטע וואָכנטעג, שבתים, ימים־טובים, וועלכע האָבן זיך געביטן ווי דורך אַ פּערפעקטען מעכאַניזם מיט שכינה־שטראַלן באַהויכט.

אהבת ישראל און אהבת הבורא (ליבשאַפט צום באַשעפער) זענען געווען די זיילן אויף וועלכע די געביידע פון מיין פריסטער דערציאונג האָט זיך אָנגעשפּאַרט.

און דער אַלטער פאַמיליען־בית־מדרש אין ביאַליסטאָק איז געווען דער קאָנטאַקט־פּלאַץ סיי מיט יידן און סיי מיטן בורא.

געדענק איך די קינדער־יאָרן, ווען צוגעדריקט און אַמאָל צוגעדעקט מיטן טאַטנס טלית, האָב איך געפילט אַזוי נאָענט די הימלען און די אייביקייט, די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט: אברהם אָבינו און משה רבנו האָבן דאָך ערשט נעכטן געלעבט; און דער מלך המשיח ווערט דאָך דערוואַרט אָט־אָט יעדן טאָג ער זאָל אָנקומען.

אַלע שפּעטערדיקע שטורעמדיקע יאָרן, אַלע אויסטערלישע וואַנדערונגען און געשעענישן, די גויאישע שולעס און די גויאישע סביבה האָבן ניט געקאָנט אויסרייסן אָדער אפילו אָפּמעקן יענע איינגעזאַפּטע זכרונות, וועלכע זענען אין אַ צווייטער נאַטור פאַרוואַנדלט געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דורכגעמאַכט די אינערלעכע רעוואָלוציע קעגן אַלץ, וואָס דער טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל שפּעטער טייער האַלטן, ווי אויך די אויסערלעכע רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן אין דער צע־שטערונג פון אונדזער אַלטן לעבנס־שטייגער.

אָבער אַלע שטורעמען פון לעבן מיט די מלחמות, מיט די פאַרוויסטונגען, מיט דער סביבה־פאַרפרעמדיקייט, האָבן נישט באַוויזן אויסצוּוואָרצלען די בענקשאַפט פון דעם שטילן נשמה־געזאַנג אין אַ „שבת־בין־השמשות", אָדער דעם אָפּקלאַנג פון ווייטן געוויין פון אַן עדה יידן, צום שופר־בלאָזן און צו נעילה.

אַ דאַנק אַ מאָדנער איינגעשאַפּט פון מיין זכרון, געדענק איך, צום ביישפּיל, אַלע פּלעצער, ווו כ'האָב פאַרבראַכט אַ פּסח, אָדער אַ ראש־השנה, אָדער אַ יום־כפּור — כאָטש זינט כ'בין אַוועק אין דער פּריסטער יוגנט פון טאַטנס שטוב, זענען די פּלעצער און די לענדער און די סביבה געווען פאַרשידן פון יאָר צו יאָר. און נישט אַלעמאָל, שוין נישט אַלעמאָל, בין איך געווען דאָן צווישן יידן. און ס'איז אפילו קיין מנין נישט געווען, כדי דורך אים זיך צו באַהעפטן מיט די תפילות פון כלל־ישראל. אַמאָל זענען דאָס געווען די ביימער אין אַ וואַלד, וועלכע האָבן דורך אַ ווידער־קול געענטפערט „אָמן"; און אַמאָל זענען דאָס געווען די צעשטורמטע כוואַליעס פון אַ ים, וועלכע האָבן געוויגט אַ שיף צום טאַקט פון אַ ימים־נוראימדיקער תפילה, געזונגען אויף אויסנווייניק.

נישט אַפּצומעסטן, נישט אָפּצושאַצן אַ מענטשלעכע נשמה אין איר טיפקייט, אין אירע פאַרלאַנגען און אין איר בענקשאַפט.

בין איך דאָך מיט דריי יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן פון אַן אינדישן דערפל אין די טיפענישן פון עקוואַדאָר, כדי צו ווערן אַ צענטער צום מנין אין שטעטל אַמבאַטאָ, ווו אַביסל פאַרוואָגלטע יידן האָבן ראש־השנה געדאַווענט אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט (בוכשטעבלעך), וואָס האָט זיך געעפנט נאָך אַן ערדציטערניש, וואָס האָט באַגראָבן דערפער און הונדערטער מענטשן. דער וועג צו אַמבאַטאָ איז געלעגן דורך צעטרייסלטע בערג, וואָס האָבן שטיינער געוואָרפן, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין לוסט צו זיין מיט זיי, מיט די יידן, מיט זייערע תפילות אין זייער איינזאַמקייט. ס'איז גאָרנישט געווען אין דעם פון „תשובה־דראַנג", ווי אַנדערע וואָלטן געמיינט. כ'האָב דאָך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין צוגעדריקט צום טאַטנס טלית אין די אַלע אויסטערלישע פאָרמען, וואָס ער האָט אָנגענומען, — קיינמאָל נישט, קיין איין טאָג נישט, — בין איך באַפרייט דעריבער פון ווערן אַ „בעל־תשובה"...

* * *

פון די אַלע איבערלעבענישן און ימים נוראים איז דאָך די שטאַרקסטע געווען אין יענע טעג, ווען כ'בין פון מאַדריד אַוועקגעפאָרן אין שכנות־דיקן טאָלעדאָ, כדי דאָרט ראש השנה צו האַלטן.

דאָס איז געווען אַ געשעעניש, וועלכע האָט מיך אויפגעטרייסלט ביזן גרונט, און וועלכע האָט אויך געלאָזן אַ טיפן שפּור אויף מיינע שפּעטערדיקע נעגאַטיווע באַציאונגען צו יענע פון אונדזערע דיכטער און שרייבער, וועלכע זענען פּלוצלינג פאַרכאַפּט געוואָרן מיט פּראָ־קריסטלעכע געפילן.

טאָלעדאָ... אַ שטאָט, וועמענס געשיכטע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין שאָטן פון אומבאַקאַנטע יאָרטויזנטער, טאָלעדאָ, ווו נאָך אין פינפטן יאָרהונדערט

האָבן קריסטן געשאַפן אַ פאָרמולע, ווי אַזוי יידן זאָלן גענויט ווערן צו אָנער־קענען יעזוסן. טאָלעדאָ — ווו פון אַכטן ביזן דרייצנטן יאָרהונדערט האָט געבליט די „גאָלדענע עפּאָכע" פון אַראַביש־יידישן צוזאַמענלעבן, פון ווונדער־באַרער טאָלעראַנץ, פון פּאָעזיע, קונסט, וויסנשאַפט און — תורה; ווו אין וויין־קעלערן האָט געזונגען זיין ליידנשאַפטלעך ליבעס־ליד דער אומשטערבלעכער יהודה הלוי; ווו אברהם אבן־עזרא האָט זיין פירוש אויף תנ"ך געשאַפן; ווו אומצייליקע פילאָזאָפן, געלערנטע דאָקטוירים און אַסטראָנאָמען, מלוכה־לייט און פּאָעטן האָבן גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון שפּאַניע און דעם רום פון זייער פאָלק. דאָס אַלץ האָט אויפגעהערט זינט דעם גירוש־שפּאַניע, מיט 463 יאָר צוריק.

און זינט דאַן האָבן שוין מער קיין יידן אין טאָלעדאָ נישט געלעבט, כאָטש די שטאָט איז פון יענע מערקווירדיקע פלעצער אין דער וועלט, וואָס האָבן זיך אויסערלעך כמעט נישט געביטן אין משך פון יאָרהונדערטער. איצט, ווי דאַן, קעניגט די אַלקאַזאַר־פעסטונג אויפן שפּיץ פון באַרג און די גלאָקן פון דער פּראַכטפולער קאַטעדרע, דער ווונדער פון אַרכיטעקטור און קונסט, רופן אומעטיק צום דאַווענען די גלויביקע אין די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן. די הייזער, די פלעצער זענען די זעלבע ווי מיט פינף הונדערט יאָר צוריק; און די צוויי בתי־מדרשים, ווו יידן האָבן געדאַוונט פאַרן „גירוש", שטייען נאָך היינט נישט באַרירט אין זייער אויסערלעכער סטרוקטור און אין זייער אינערלעכער אָרנאַ־מענטור, אַזוי ווי נאָר־וואָס וואָלט מען דאָרטן אַ תפילה אָפּגעריכט. מער נישט... מער נישט, צלמים זענען אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער סינאַגאָגע. די אַרים־טאָקראַטישע שול פון ר׳ שמואל הלוי הייסט איצט „על טראַנזיטאָ", און דער גרויסער בית־מדרש אין דער געוועזענער יידישער געטאָ הייסט איצט די קירכע פון „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ" (די ווייסע הייליקע מאַריע).

איך בין נאָר־וואָס געקומען קיין מאַדריד פון אַ רייזע איבער אַנדאַלוזיע, די בלייענדיקסטע געגנט פון שפּאַניע; באַזוכט סעווילאַ, מאַלאַגאַ, האַדיקס און גראַנאַדאַ; געשפּרייזט איבער גאַסן, ווו צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געוווינט; איבער פלעצער, ווו די „שייטער־הויפנס" פון דער אינקוויזיציע האָבן געפלאַ־קערט; באַזוכט אין גראַנאַדאַ דעם פּאַלאַץ אַלהאַמבראַ, ווו אין טראָן־זאַל איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך פערדינאַנדן און איזאַבעלאַן דער אַקט פון „גירוש". אָבער צוליב דעם ווונדערלעכן קאַפּריז פון דער געשיכטע איז אין דעם זעלבן זאַל, כמעט אין זעלבן טאָג, אונטערגעשריבן געוואָרן אַ „לייסענס" איינעם אַ ים־וואַנדערער — כריסטאָפער קאָלומבוס איז זיין נאָמען — מען זאָל אים געבן שיפן ער זאָל זוכן אַ קורצן וועג קיין אינדיע. כ׳האָב זאָגאַר שפּעטער אונטער דער זילבערנער חופּה, וואָס שטייט אויפן קבר פון איזאַבעלאַ דער מרשעת (זיי רופן זי הייליקע...), זיך געריצט מיט איר שאָטן, אַז קאָלומבוס

האט נישט נאר געפונען א „וועג קיין אינדיע", נאר אויך א מקום־מקלט פאר מיליאנען יידן, וואס איז געווים נישט געווען אין איר מיין...

און פול מיט די שטימונגען בין איך אנגעקומען ערב ראש־השנה אין שיינענדן מאדריד. קיין יידישער מנין איז נאך דאן אין גאנץ שפאניע נישט געווען — נישט קיין קהילה, נישט קיין רב, נישט קיין בית־תפילה.

זיצן אין האטעל, גיין אין די מוזייען, אדער גאר אויף אן אקסן־קאמף — דאס האב איך אויך נישט געהאט בדעה. איז מיר פלוצלינג איינגעפאלן איך זאל נעמען אן אויטאבוס און פארן קיין טאלעדא, דארט וועל איך טאקע קיין יידן נישט געפינען, אבער יידישע בתי־מדרשים, יידישע גאסן און אפילו יידישע הייזער זענען נאך געבליבן אומבארירט, אזוי ווי ערשט נעכטן וואלט מען זיי פארלאזן.

פאר א קליינעם טרינק־געלט האט פאר מיר דער קירכע־דינער געעפנט די על־טראנזיטא סינאגאגע, ווו שוין איינציקע צענדליק יאר ווערן נישט אפגעריכט קיין קריסטלעכע תפילות; זי איז פארוואנדלט געווארן אין א מוזעאום, כאטש אויף איר דאך הענגט א גלאק און אויף איר טורעם שטייט א צלם.

אפילו אין שפאניע, וואס פארמאגט א שלל קונסט־אוצרות, ווערט די סינאגאגע פאררעכנט פאר איינע פון אירע אלטערטימלעכע צירונגען.

דער „מזרח" איז אויסגעלייגט מיט טויזנטער פארביקע מאזאאיק־שטיינדלעך. דורך צוויי שמאלע פענסטער מיט דיקן בלויען גלאז ווערט שטיל באלויכטן די וואנט, ווו די ספרי־תורות זענען אמאל געשטאנען און וואס זעט אויס ווי אן ארגיע פון דעליקאט־אויסגעשטריקטע שפיצן פון אלערליי מוסטערן און קאלירן, און צווישן זיי איז אינקרוסטירט דער קאפיטל צ"ט פון תהילים.

ס'בלישטשעט ארויס דער פסוק: „ד' אלוהינו אתה עניתם, אל נושא היית להם ונוקם על עלילותם" (דו, גאט וועסט זיי ענטפערן — א גאט פון גדענקעניש ביסטו צו זיי געווען און נקמה נעמסטו פאר זייערע עוולות...)

אויף רעכט איז דער שטול פון נשיא ר' שמואל הלוי, וועלכער איז דאן געווען דער פינאנץ־מיניסטער פון מלך דאן פעדרא... דער סופיט איז געמאכט פון באצירטן צעדער־האלץ, וועלכן, לויט אלטע שריפטן, מען האט פאר דעם צוועק געבראכט פון לבנון.

אנטקעגן איז דער באלקאן פאר פרויען, דורכגעפלאכטן מיט געשמאקפולע אראבעסקן.

און אינמיטן דער פאדלאגע — יא, אין סאמע מיטן פון דער דאזיקער אומבאשרייבלעכער שיינקייט — ליגן דריי שטיינערנע פלאטן אויף דריי קברים פון מיטלאלטערלעכע ריטער, פון דעם בלוטיקן קאלאטראווא ארדן — פון

יענע ריטער, וועלכע האָבן זיך דאָ די ערשטע אַריינגעריסן בעתן פּאַגראָם אויפֿן יידן־קוואַרטאַל, און, ווייזט אויס, זייער טויט געפֿונען פֿון די לעצטע פּאַרטיידי־קער, וואָס האָבן נקמה גענומען, ווי אין פּסוק, וואָס איז דאָ פּאַר מיינע אויגן אויסגעקריצט, שטייט...

איך פֿאַרגעס אין די דאָזיקע מיאוסע קברים, — דער צייכן פֿון דער קעמפּנדער „סאָלדאַטעסקאַ״ אונטערן סימבאָל פֿון צלם — און קער מיך אום מיט מיין פּנים צום מזרח. אויף די טרעפּ פֿון פּוסטן ארון־קודש שטיי איך, אין אָנבליק פֿון די תהילים פּסוקים וואָס שרייען אַראָפּ פֿון וואַנט, ווי זידנדיק בלוט, וואָס מ׳קאָן ניט פֿאַרשטילן. קיין טלית האָב איך דאָן נישט געהאַט, קיין מחזור אויך נישט. אַליין בין איך געווען אין דער צוגערויבטער, פֿאַרשטומ־טער שול, וועמענס תפילות און דאַוונערס מען האָט דערשטיקט מיט קרוב פֿינף הונדערט יאָר צוריק. אָבער, אָט בין איך דאָך דאָ, אויף צו להכעיס די יאָר־הונדערטער, אויף צו להכעיס דעם צלם אויפֿן דאַך, וואָס וויל מיך אָפּטיילן פֿון מיין גאָט אין די הימלען.

אַ סך תפילות פֿון ראש־השנה געדענק איך אויף אויסנווייניק, האָב איך זיי שטיל אויסגעוויינט, צודריקנדיק מיין הייסן קאָפּ צום קאַלטן מאָזאַאיק פֿון מזרח. איך האָב דערפֿילט ווי מיין טאַטע ביי דער זייט פֿאַרוויקלט מיך מיט זיין טלית, אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „שרעק זיך נישט, מיין זון, פֿאַרן צלם איבער דיר, און פֿאַר די מערדער־קברים פֿון די „ריטערס״ אונטער דיינע פֿיס! ניטאָ קיין מחיצה פֿאַר דער שכינה! הייליק איז דאָס אָרט!״

און איך האָב געזאָגט, וואָס איך האָב געדענקט פֿון „מלכיות, זכרונות, שופרות״, פֿון „ונתנה תוקף״ און פֿון „וידוי״.

ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַן עדה יידן דאַווענען הינטער מיר, שאָקלען זיך און זאָגן נאָך:

„אין שכחה לפני כסא כבודיך, ואין נסתר מנגד עיניך. ובריות בו יפקדו, להזכירם לחיים ולמות״.

אַ מחנה שאָטנס, פֿאַרמאַטערטע, פֿאַרפּייניקטע, „על קדוש־השם פֿאַר־בּרענטע שאָקלען זיך אין האַלב פֿינסטער פֿון דער סינאַגאָגע — און איך בין נישט אַליין.

אויפֿגעוועקט פֿון מיין עקסטאַז האָט מיך דער קלאַנג פֿון שליסלען הינטער מיר און דאָס קול פֿון אַלטן וועכטער וועלכער בעט דעם סיניאָר פֿאַרלאָזן די „קירכע״, ווייל ער דערוואַרט אַ גרופּע מאָנאַכן וואָס דאַרפֿן באַלד אָנקומען אויף אַ באַזוך.

גיי איך ווייטער איבער די מיטלאַלטערלעכע גאַסן פֿון טאָלעדאָ און פֿרעג זיך נאָך אויפֿן קלויסטער „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ״. אָט בין איך אינעווייניק

און ווער פאַרבלענדט פון דער ווייסקייט פון טעמפּל, פון דער פּרעפּעקטער ליניע פון די האַלב־קיילעכדיקע אַרקאַדן, באַציִט מיט די זעלבע פאַרביקע אינקרוס־טאַציעס ווי אין דער „על טראַנזיטאָ״ סינאַגאָגע. פון דער געשיכטע ווייס איך שוין, אַז אין שמואל הלוים סינאַגאָגע האָבן געדאַוונט די רייכע און די „ווייסע״ שול איז געוועזן פאַרן המון. אַרום טויזנט מתפּללים האָבן געקאָנט אַנפילן דעם פּלאַץ צווישן די רייען מאַרמאָרנע סלופּעס, וועלכע זעען אויס גיכער ווי אַ מוסולמענישער מעטשעט, ווי אין אַ קריסטלעכער קירכע. די שול איז געבויט געוואָרן צוויי הונדערט יאָר פאַר דער „על טראַנזיטאָ״, דעריבער איז נאָך אַזוי שטאַרק די מויריטאַנישע ווירקונג.

ס'איז פאַרשריבן אין די געשיכטע־ביכער פון טאָלעדאָ:

„זונטיק, דעם 12־טן מאַי, 1405, האָט זיך סאַנט־וויצענטע פערער (ער איז שפּעטער פאַררעכנט געוואָרן אַלס „הייליקער״ פון דער קאַטוילישער קירכע) אַריינגעריסן אין דער שפּיץ פון אַ מחנה גלויביקע אין דער יידישער „ווייסער״ שול״, אַרויסגעוואָרפן פון דאָרטן די מתפּללים און פאַרוואַנדלט די סינאַגאָגע אין אַ קירכע״...

שטייען אין אַ ווינקל שוואַרץ־געקליידעטע נאָנעס און דאַוונען פאַר אַ „הייליקער״ סטאַטוע. שטייט אין אַ צווייטן ווינקל מיטן פּנים צום מזרח אַ וואַנדערנדיקער ייד און דאַוונט פאַרן גאָט, וואָס האָט נישט קיין געשטאַלט. איז זיין תפילה איצט נישט קיין געבעט, נאָר אַ פּראָטעסט. דריקט ער אויס זיין צאָרן מיט די ווערטער פון אַ איוב, ווייל ער ווייסן: מה יצדק אנוש עם אל... לא יעננו אחת מני אלף״ (ווען אַ מענטש וויל זיך משפּטן מיט גאָט... נאָר איינער פון טויזנט באַקומט אַן ענטפער...) פאַרוואָס זענען צענדליקער טויזנטער יידן אָט אין דעם שטאָט־טייל, וואָס רופט זיך נאָך איצט אויך „פּלאַזאַ דע לאַ כודעריאַ״, פּלאַץ פון יידנטום, אויסגעוואָרצלט געוואָרן, פאַרברענט און פאַרטריבן געוואָרן, און אַנדערע האָבן געירשנט זייערע הייזער, זייערע שולן און אפילו זייערע קולטור־ווערטן?

וואָלט איך געלעבט אין זעלבן טאָלעדאָ מיט פינף הונדערט יאָר צוריק, וואָלט איך מסתם איצט געגאַנגען אויף קידוש צו דעם הויז פון ר' שמואל הלוי, וועלכעס שטייט גאַנץ און אומבאַרירלעך, אַזוי ווי עס וואָלט נאָר־וואָס פאַרלאָזן געוואָרן פון זיינע בויער.

אין הויז בין איך אַריין, אָבער עס איז איצט אַ מוזיי פון מאָלער על גרעקאָס אומשטערבלעכע ווערק.

איך גיי פון צימער צו צימער, זע די לייוונטן פון די אַפּאָסטאָלן, וועלכע על גרעקאָ האָט געמאָלן מיט פרום־רבנישע פּנימער און מיט קליידונג, וואָס דערמאָנט טליתים. אָדער — דוכט זיך מיר אויס אַזוי, ווייל ס'איז היינט ראש־

השנה און איך וויל האָבן יידן ארום זיך, פאַרוואַנדל איך צוריק פּאָול אין שאול פון תרשיש? נאָר אָט איז דער קעלער, פאַרצוימט מיט שטעכעדיקן דראָט. ער ציט זיך דורך פינצטערע קאָרידאָרן צוויי מייל הינטער דער שטאָט. אפשר ווייסט איר, צו וואָס האָט א יידישער פינאַנץ־מיניסטער פון א מלך געדאַרפט האָבן אַן אונטערערדישן אַרויסגאַנג, געגראָבן אונטער זיין פּאַלאַץ? אפשר וועט אויף דעם געבן א תשובה די גאַלעריע אַפּאָסטאָלן, געמאָלן דורכן אומשטערבלעכן על גרעקאָ, וועלכע באַצירט איצט די ווענט פון ר׳שמואל הלוים אַמאָליקן פּאַלאַץ? אין אַלע צימערן הענגען זיי, די בילדער, חוץ אין איינעם, ווו אין דער וואַנט איז איינגעמויערט א קליינער ארון־קודש — פאַרשטייט זיך, איצט אָן ספרי־תורות.

מיר ווייסן פון דער געשיכטע אַז דער הייליקער וויצענטע פערער האָט אין שבועות פון יאָר 1405 פאַרגראַמירט די „וויסע". שול אין טאָלעדאָ. וועלכער דער שפּעטערדיקער „הייליקער" האָט דאָס הויז פון ר׳ שמואל הלוי באַרויבט און די תורות צוגענומען?

אָ, ניין! איך וועל שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ראש־השנה, ווען איך האָב געדאַווענט מיט די מתים פון דער הייליקער קהילה טאָלעדאָ און געפילט דאָן ווי קיינמאָל נישט שפּעטער, דעם לעבעדיקן גייסט פון „נצח־ישראל".

צווייטע טייל:

פון קרעמל

ביז די

פיראמידן

יידישע טראַגעדיעס אין רוסלאַנד וואָס
איך קאָן ניט פאַרגעסן

דעם חודש אויגוסט, 1956, האָב איך פארבראכט אין ראטן־פארבאנד. איניקע טעג פריער בין איך געווען אין ווארשע און איניקע טעג שפּעטער אין — בוקארעשט.

אין סך־הכל בין איך צוריקגעקומען מיט א מענגע איינדרוקן און איבער־לעבענישן, מיט דאָקומענטן און פאָטאָגראפיעס, מיט אומפארגעסלעכע בילדער איינגעקריצט אין זכרון און אין הארצן, — אזוי אז איך דארף איצט ניט א קוק טאָן אין מיינע נאָטיץ־ביכלעך, כדי זיי צו ברענגען פארן לייענער.

דאָס זיינען געווען וואָכן פון פיינלעכע און פרייידיקע באגעגענישן, פון אויפטרייסלונגען, וועלכע האָבן אוועקגעטריבן דעם שלאָף פון מיר. לאָמיר זאָגן דעם אמת: איך בין דאָס ערשטע מאָל געשלאָפן א פולע נאכט נאָר אין בוקארעשט, רומעניען. אזוי פלעג איך „ארייינכאפּן" א 4-5 שעה שלאָף, איבערגעריסן מיט קאָשמארן.

מיינט ניט אז ס'איז אזוי לייכט צו באגעגענען יעדן טאָג, און אמאָל איניקע מאָל א טאָג, — אלמנות פון גע'הרג'עטע, קינדער פון דערשאָסענע, — און יעדער פון זיי איז דאָך אליין אויך געווען פארשיקט אין תּפיסות און לאגערן. און זיי ווילן מיט אייך גאָרניט ריידן, האָבן מורא צו דערציילן. אָבער איר פילט דעם אמת, איר שטוקעוועט אים צוזאמען פון ברעקלעך.

און מיינט ניט ס'איז אזוי לייכט צו טרעפן זיך מיט די שאָטנס פון אמאָליקן שטאָלצן רוסישן יידנטום ערגעץ ווו אין א שול צווישן מנחה און מעריב, אָדער צופעליק אויף א באנק אין א שטאָט־גאָרטן, אָדער טאָקע בא א ייד אין שטוב, אויב ער איז בראוו גענוג אייך איינצולאדן.

און איך מוז זאָגן, אז איך בין געווען פריי אין מיינע באוועגונגען, אזוי פריי, אז ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט כמעט פאר אומווארשיינלעך. א חוץ אָדעס, — וועגן וואָס איך וועל דערציילן באזונדער, — האָב איך גאָרניט באמערקט, עמיצער זאָל מיר נאָכגיין אָדער שפּיאָנירן. אין דער הינזיכט הערשט איצט אינגאנצן א נייע טאקטיק בנוגע צו אויסלענדישע געסט; מען באלעסטיקט זיי ניט.

אמת, איך האָב געוווינט נאָר אין לוקסוס־האָטעלן אָנגעפּירט דורך דער רעגירונג, און איך בין געפאָרן אין אויטאָמאָבילן, וועמענס שאָפערן זיינען אין דינסט פון „אינטוריסט". פאַר אַלץ האָב איך פאָרויס באַצאָלט אין דאָלאַרן נאָך אין ניו יאָרק, — און געגעבן האָט מען מיר סיי אין שפּייז, סיי אין אַלערליי באַדינונג מער ווי די דאָלאַרן זיינען ווערט.

יעדער שאָפער מיינער האָט פאַרצייכנט אין זיין ביכעלע, ווו איך פאָר און מיט וועמען איך טרעף זיך (אויב ס'האָט זיך נאָר געלאָזן...). דאָס איז נאַטירלעך. אָבער איך האָב געמאַכט אייניקע מאָל „זייטנשפּרונגען", וועלכע זיינען אין פּראָגראַמען פאַר טוריסטן ניט פאָרויסגעזען: איך בין געפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל דעם לאַנגן וועג פון מינסק קיין ווילנע, כאָטש אפילו פאַר דיפּלאָמאַטן איז דערוויי ל פאַרווערט אריינצופאָרן אין ליטעס הויפּט־שטאָט. עס האָט מיך טאַקע באַגלייט א הויכער סאָוועטישער באַאַמטער. אָבער געשטערט האָט ער מיר ניט בעת מיינע דאָרטיקע קאָנטאַקטן.

איך בין אייניקע מאָל ארויסגעפאָרן פון מאָסקווע אין ווייטע אָפּרופּלעצער, דאָס זעלבע פון קיעוו, דאָס זעלבע פון אָדעס.

צי די אנטשפּרעכנדע ביוראָען פון „אינטוריסט" האָבן באַקומען א שטילן ווונק זיך צו מיר „ליבעראַל" באַציען, — ווייס איך ניט, אָבער א פאַקט איז, — און דאָס האָבן באַשטעטיקט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן פון אמעריקע און ענגלאַנד, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געוווינט אין די האָטעלן, — אַז איך האָב געהאַט פיל מער פרייהייט, ווי זיי, וואָס וווינען שטענדיק אין מאָסקווע.

ס'איז כדאי צו אילוסטרירן מיט איין ביישפּיל: ווען איך האָב געוואָלט עפּעס מיטטיילן פון מאָסקווע צו מיין רעדאַקציע אין ניו יאָרק, האָב איך פּשוט פון מיין צימער באַשטעלט א טעלעפאָניש געשפּרעך און ארויסגערופן מיין רעדאַקטאָר ד. ל. מעקלער, מיט וועלכן איך האָב פריי גערעדט אין יידיש. איך האָב זיך איינמאָל אפילו דערלויבט אויף א וויץ: ווען מעקלער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס מען דערלויבט שעכטן אַזוי פיל אָקסן אויף „כשר" אין מאָסקווע, האָב איך א זאָג געטאָן: „מען האָט אויפגעהערט שעכטן מענטשן, האָט מען דערלויבט א גרעסערע שחיטה אויף אָקסן"...

מיט אייניקע טעג שפּעטער, אויף אַן אָפיציעלער אויפנאַמע האָבן אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן ארומגערינגלט דעם קאָלעגע־מיטגליד פון אויסערן מיניסטעריום א. קיסעלעוו (וויצע־מיניסטער) און ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן באַשאָטן אים מיט פראַגן. אין א געוויסן מאָמענט פרעגט מיך דער פאָרשטייער פון לאָנדאָנער „רויטער", פאַרוואָס מען זעט מיך ניט אין צימער פאַר קאָרעספּאָנדענטן אויפן הויפּט־טעלעגראַף. ענטפער איך בתמימות, אַז איך שיק ניט קיין טעלעגראַמעס, נאָר רעד מיט מיין רעדאַקטאָר דירעקט דורכן טעלעפאָן אין ניו יאָרק. ווערט א טומל געמישט מיט טענות צו קיסעלעוון: „פאַרוואָס מוזן

מיר ברענגען א פּראָיעקט פון א טעלעפאָנישן געשפּרעך פריער צו דער צענזור און ערשט אויף מאָרגן באַקומט מען א תשובה—און דאָ אזא פריייהייט? זאָל דאָס זיין אן ענדערונג צום בעסערן אויך פאר די שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן? ענטפערט דער שוועריבּיקער, גוט־מוטיקער קיסעלעוו: „דאָס איז א פּריווילעגיע נאָר פאר געסט. איבעריקנס צי מיינט איר, אז מיר אין אויסערן מיניסטעריום האָבן ניט קיין איבערזעצער פון יידיש?" ווערט א געלעכטער, ווייל אלע האָבן פארשטאַנען, אז מיין טעלעפאָניש געשפּרעך פון האָטעל־צימער איז גלייכצייטיק געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: איינע צו דער רעדאקציע אין ניו יאָרק און די צווייטע צו דער פּראכטפולער געביידע פון אויסערן מיניסטעריום צום איבערזעצער... איך האָב זיך נאָר דערלויבט אויף דעם צו רעאַגירן מיט א כלומרשט נאַאיוון זאָג: „הייסט עס דאָך אז אין אויסער־ן מיניסטעריום ארבעטן נאָך יידן?" אן אַלגעמיינער געלעכטער. אָבער א באַמערקונג פון קיסעלעוון:

„און איר וואָלט זיך פארוואונדערט, ווען איר ווייסט זייער צאָל"...

א קיצלדיקע טעמע, וועלכע עס איז בעסער ניט פארצוזעצן...

אין מיין רייזע איבערן ראטן־פארבאנד האָב איך געהאַט דעם פאָרצוג איבער דער מערהייט פון אנדערע טוריסטן, וואָס איך קען רוסיש. פון אלע זייטן פלעג איך הערן קאָמפּלימענטן, אז איך רייד נאָך אלץ אָן דעם מינדסטן פרעמדן אקצענט. דאָס האָט מיר א סך געהאָלפן. איך האָב געוווינט פיל יאָרן אין מאָסקווע און כאַרקאָוו. בין באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און פאָלקלאָר. האָב איך זיך באַנוצט מיט וויצן און שפּריכווערטער, דורך וועלכע איך האָב זיך דערגרייכט צוטרוי פון צופעליק באַגעגנטע פּערזאָנען.

ווען איך פלעג זען יעדן פרימאָרגן ווי אמעריקאַנער, אָדער בּינעזער אָדער פראנצויזן זאַמלען זיך אין בּיוראָ פון „אינטוריסט", כדי איינע פון די פּעאיקע איבערזעצערינס זאָל זיי פירן ווי א סטאדע גענז איבער די מוזייען, פּארקן, מערקווירדיקע געביידעס און דערקלערן זיי אין זייער שפּראך אלץ וואָס מען ווייזט זיי — האָב איך פארשטאַנען ווי ווייניק אַזעלכע „טוריסטן" קענען ארויסטראָגן איינדרוקן פון ראטן־פארבאנד. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איך אליין בין אויף אזא אופן געפירט געוואָרן אין אינדיע, בינע, יאַפּאַן, סיאַם אָדער פּאַקיסטאַן... איך פלעג א סך זען און ווייניק פארשטיין. סיידן ס'פלעגט זיך שוין מאַכן עפּעס א ייד, וואָס האָט דערגענצט מיין דאָרטיקע לאַנד־קענטעניש אויפן היימישן שטייגער...

אנדערש איז דאָך אין רוסלאַנד, איך פלעג נאָר בעטן אן אויטאָמאָביל און מען האָט מיר אים געגעבן אויף א גאַנצן טאָג אָן יעדן באַגלייטער.

אמאָל פלעג איך דעם אויטאָמאָביל פּלוצלינג אוועקשיקן פון מיטן וועג און אליין „פארפאַלן" ווערן אין די פאַרדרייטע געסלעך פון מאָסקווער ארבאַט אָדער קיווער פּאָדאָל. מיין איינדרוק איז געווען, אז קיינער גייט מיר ניט

נאָך... „מבינים״ אָבער, פלעגן זאָגן אז איך בין נאאיוו און אז מען לאָזט מיך ניט אָפּ פון אויג אפילו אויף א מינוט.

די הויפּט זאַך אָבער איז, — איך האָב דאָס גאָרניט באַמערקט און זיך געפילט אין מיינע וואַנדערונגען אַזוי פריי, ווי אין יעדן אַנדערן לאַנד. איך פלעג זיך אָפּשטעלן אַמאָל אינמיטן גאַס און עפּעס איינשרייבן אין מיין ביכעלע און אַמאָל פלעג איך מאַכן אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע.

שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ זאַך, וואָס איך האָב קיינמאָל ביז איצט ניט געקענט: איך פלעג פאַרשרייבן אַ נאָמען אָדער אַדרעס, באַמער־קונג אין ביכעלע ניט אַרויסנעמענדיק די האַנט פון קעשענע. דאָס האָט מיך אויסגעלערנט אַ דיפּלאָמאַט, ביי וועמען עפּעס אַ גאַסן־יונג האָט מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעכאַפּט אַ נאָטיץ־ביכעלע, ווען ער האָט דאָרט אינמיטן גאַס אריינ־געטראָגן אַ באַמערקונג. דער דיפּלאָמאַט האָט אפילו געזאָגט, אז ער האַלט, אז דאָס שטיקל אַרבעט האָט געטאָן ניט קיין פּשוטער גאַסן־יונג, ווייל די לעצטע באַפּן געווייינלעך אַרויס טייסטערס מיט געלט און ניט קיין נאָטיץ־ביכלעך, — אָבער מסתם איז מיין דיפּלאָמאַט אַ חושד בכשרים...

* * *

און באַגעגענישן מיט מענטשן געדענק איך, וואָס וועלן שוין אויף אייביק איינגעקריצט בלייבן אין מיין נשמה.

אָט יענע באַגעגעניש אין דער ווילנער שול מיטן מעדיצין דאָקטאָר פון מאָסקווע. ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע נאָך אַכט יאָר שווערער קאַטאָרגע. מען האָט אים באַפרייט, אָבער מען באַטראַכט נאָך אַלץ צי זאָל מען אים רעהאַביליטירן. זיין זינד איז באמת שווער. ער איז געווען באַשולדיקט לויט פּאַראַגראַף 58, פאַר געהערן צו אַ רעליגיעזער שפּיאָנען־אָרגאַניזאַציע.

שטייט ער איצט ביים שטענדער אין טלית און תפילין און דאַווענט בכונה, די אויגן געשלאָסן. זיין לאַנגע גרוי־געלבלעכע באָרד שאָקלט זיך, ווי אין עקסטאַז.

ער אַליין וויל גאָרניט רעדן, אָבער אַנדערע דערציילן: מען האָט אים מער ווי 150 מאָל אויסגעפרעגט, געשלאָגן און געפּייניקט ער זאָל זיך מודה זיין אין שפּיאָנאַזש. און ער האָט זיך מודה געווען נאָר צו איין זאַך: „איך געהער צום רעליגיעזן אינטערנאַציאָנאַל פון אברהם, יצחק און יעקב״... ער איז צעבראָכן, קען ניט פּראַקטיצירן, ווייל ער האָט נאָך ניט קיין רעכט... לעבט אויף טרוקן ברויט און וואַסער, אָבער גלויבט באמונה שלמה, אז ער וועט נאָך דערגרייכן די ברעגעס פון הייליקן לאַנד. צוליב דעם האָט ער דאָך דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן...

און איך קען ניט פארגעסן דעם בין־השמשות אין א יידישער־שטוב אין באַרקאָוו. דריי חסידישע יידן זיצן מיט מיר, שטום־דערשלאָגענע, וואָס זייער גרויסע שטאָט בלייבט אָן איין בית־המדרש אויף ימים־נוראים.

„אלע טאָג זינגט מען תפילות אין צענדליקער אויסגעפוצטע קירכעס, נאָר אונדזערע תפילות זיינען מיט געוואלט פארשטומט געוואָרן".

די זעלבע יידן זיינען מיט מסירות־נפש פון די חסידים הראשונים געפאָרן קלאָפּן אין די טירן פון מאָסקווע, פון קיעוו, אָבער געקומען צוריק מיט ליידיקע הענט. אין ווינקל ביים אויוון שטייט א יידענע און ווישט די אויגן מיטן פארטוך.

און איך באַהעפט אויך מיין שטימע צו זייער איינזאַמען, „והוא רחום" ווען דער אָוונט פאלט צו...

און די אלמנה געדענק איך אין ווייטן ווינקל פון אוקראַינע. זי איז אַן אלמנה פון א „רעהאַבּיליטירטן". מען האָט איר שוין געגעבן די פּריווילעגירטע קופּאָנעס, די דריי טויזנט רובל, די אַלטע דירה אפילו...

אָבער גראָד א וואָך פריער איידער איך בין אָנגעקומען אין יענער שטאָט האָט מען איר טעלעפאָנירט פון א געוויסער פּאָליציי־שטעלע: „ניט אלע האָבן מיר אייך באַצאָלט פאַר אייער מאַן. עס זיינען פארשריבן אויף אייער רעכענונג די גאָלדענע ציין, וואָס מען האָט אים ארויסגענומען פון מויל נאָך דער עקזע־קוציע. איר קענט דעם באַטרעף איינקאַסירן"...

זי האָט ספּאַזמירט, זיך אַנטזאָגט אפילו צו ענטפערן אויף דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. א וואָך קראַנק געווען.

זיי שטייען אלע פאַר די אויגן
מיט א טרויער־טיול פאַרצויגן"...

אָט צוליב דעם בין איך נעכט ניט געשלאָפן און ערשט איצט קום איך לאַנגזאַם צוריק פון די איבערלעבענישן פון מיין גורלדיקער רייזע.

מײַן באַגעגעניש מיט לאַזאַר
קאַגאַנאָװיטש

נאָכדעם ווי איך האָב שוין אין מאָסקווע פאַרבראַכט א שטיקל צייט, שוין געהאט געזען די רוסישע און יידישע שרייבערס, שוין געהאט גערעדט מיט פאַרשיידענע סאָוועטישע בירגער, ספּעציעל מיט יידן, — האָב איך דערפילט א נויטווענדיקייט צו האָבן כאָטש א קורצן שמועס מיטן איינציקן יידן, וואָס פאַרנעמט נאָך אלץ א הויכן פּלאַץ אין דער סאָוועטישער היעראַרכיע, — מיט לאַזאַר מאָסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש.

איך אונטערשטרייך: ניט מיט כרושטשאָוון אָדער בולגאַנינען, אָדער וואָראָשילאָוון, בין איך געווען נייגעריק זיך באַגעגענען, ווייל איך האָב פריער געקענט פּרוּווזן, אז אויב אפילו ס׳וועט זיך מיר איינגעבן מיט זיי צו כאַפּן א שמועס, וועלן זיי מיר ענטפערן מיט קאָנווענציאָנעלע פראַזן, וועלכע וועלן גאָרניט זאָגן און גאָרניט אויפקלערן.

אָבער איך האָב דאָך געוואָלט דערגיין צי ס׳איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין די הויכע ספערן בנוגע דער יידישער פּאָליטיק און דאָס האָב איך געקענט אויסגעפינען צום בעסטן, אויב ס׳זאָל זיך מיר איינגעבן צו האָבן א שמועס מיט קאַגאַנאָוויטשן.

אבער ווי אזוי? איך ווייס אַז קאַגאַנאָוויטש וווינט און ארבעט אין קרעמל. קען מען דאָרט ניט אריינגיין, ניט אפילו טעלעפאָנירן. דער „אינטוריסט", וואָס איז דער פאַרמיטלער צווישן די אָנגעקומענע געסט און די אָרטיקע אינסטיטוציעס, האָט נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, זיך אָפּגעזאָגט מיך צו פאַרייניקן טעלעפאָניש מיטן קרעמל, אפילו דאַן, ווען איך האָב זיי געגעבן דעם גענויען נאָמען פון מיינער אַן אמאָליקער חבר׳טע, — די אלמנה פון איינעם פון די גרעסטע באָלשעוויסטישע פירער, וועלכע וווינט דאָרטן, ארבעט אלס דאָקטאָרין פון קרעמל און איז אליין א מיטגלידערין פון קאָמוניסטישן „צע־קאַ".

אמת, איך האָב צו איר געפונען א וועג און זי איז אפילו געקומען מיך זען אין מיין האָטעל, — איינע פון די מערקווירדיקע באַגעגענישן, וואָס איך האָב געהאט אין מאָסקווע, — אָבער מיט קאַגאַנאָוויטשעם ביורא קען מען זיך ניט פאַרבינדן, כאָטש שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט...

האָט מיר אָבער מיין קרעמל־פריינדין געזאָגט, אז אין א פּאָר טעג ארום קומט פאָר א פייערונג אין דער געזאַנדשאַפט פון אינדאָנעזיע, — איר עלף

יאָריקער אומאָפּהענגיקייט־טאָג, — דאָרט וועלן זיין די העכסטע סאָוועטישע פירער, דאָרט קען איך אויך טרעפן קאָגאַנאָוויטשן.

בקיצור, ס'איז ניט אָנגעקומען לייכט, — אָבער שוין אויף מאָרגן האָט א שאָקאָלאַד־הויטיקער אינדאָנעזער „מעסענדזשער" איבערגעגעבן מיר א פּערזענלעכע איינלאַדונג אויף דער שמחה.

מיט א שטיקל נערוועזן ציטער בין איך אויסגעשטיגן אויף דער ברייטער גאַס סאַדאָוואַיאַ־סאַמאָטעטשנאַ, ווו די פייערונג דאַרף פּאָרקומען.

א געדיכטער עולם פון רוסישע מענער, פרויען, קינדער וואַרטן אויפן טראָטואַר ארום דער אָפּגעצאַמטער מיט פּאָליציי געביידע, כדי צו כאַפּן א קוק אויף די „באַרימטקייטן", פרעמדע און אייגענע, וואָס שטייגן ארויס פון די גלאַנציקע לימוזינען מיט די צייכנס פון קרעמל, פון דער ארמיי, אָדער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס.

אַזא נייגעריקער המון שטייט, אין אַזעלכע פאַלן, נעבן באָקינגהאַם־פּאַלאַץ אין לאָנדאָן, אָדער נעבן עליזיי־פּאַלאַץ אין פּאַריז, אָדער נעבן „ווייסן הויז" אין וואַשינגטאָן.

גראָד איז מיין אויטאָ אריינגעקומען צוזאַמען מיט צוויי אנדערע. פון איינעם גייען ארויס די מאַרשאַלן סאָקאָלאָווסקי און באַגראַמיאַן, שיינענדיק מיטן גאָלד פון זייערע עפּאָלעטן און מיט די געשטריקטע „אַקסעלבאַנדן" אויף די העלע מונדירן. און גלייך הינטער זיי שפּרייזט שטאָלץ, אויף די טרעפּ, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, באַצירט מיט א דעקאָראַטיווער ווייסער באָרד און מיט א הויכער ווייסער טיאַרע דער מיטראָפּאָליט ניקאָלאַי. זיין גאָלדענער צלם בלאַנקט אויף זיין ברוסט ווי דאָס גאָלד אויף די שליפעס פון די מאַרשאַלן. דער עולם אַפּלאָדירט שטורמיש די גאַנצע גרופּע. וועמען? די גאָלדענע פינפקאַנטיקע שטערנס, אָדער דעם גאָלדענעם צלם? ווער ווייס, ווער קען זיך פאַרטיפן אין די כוונות פון דעם אַנאָנימען המון?

איך פּאָלג נאָך לאַנגזאַם די הויכגעשטעלטע געסט, וועמען ס'באַגעגנט דער אַמבאַסאַדאָר פון אינדאָנעזיע, אינגאַנצן אין פּורפּור און זילבער איינגעוויקלט, לאַסין פּאַלאַר. ווען ער דריקט מיין האַנט, נאָכדעם ווי זיין אַדיוטאַנט האָט קאָנטראָלירט מיין איינלאַדונג, גיב איך אים א זאָג: „מיט א יאָר צוריק האָב איך באַזוכט אייער הויפּט־שטאָט און באַשריבן דעם פּראָגרעס, וואָס אייער פאָטערלאַנד האָט געמאַכט אין צען יאָר זעלבסטשטענדיקייט".

אויב אַזוי, — זאָגט ער, זענט איר דאָך פון די ווייניקע געסט, וואָס קענען פּערזענלעך אינדאָנעזיע, — וועט מען אייך דעריבער אריינפירן אין לעצטן צימער, ווו די רעגירונגס־געסט וועלן זיין. — דאָס איז געווען זייער,

באקוועם, ווייל גלייך האָב איך זיך געפונען דאָרטן, ווו מען האָט דערוואַרט די פירער פון קרעמל.

דער מיטראָפּאָליט ניקאָלאַי איז געבליבן שטיין אין ערשטן צימער, ווו, צוזאַמען מיטן הויפּט־מולא פון ראַטן־פאַרבאַנד, אין א טראַכט פון אן אַראַבישן שייך, — האָבן זיי אָנגענומען באַגריסונגען פון די אַלע ווייטער שטראָמענדע רוסישע און אויסלענדישע געסט.

אין לעצטן צימער האָב איך זיך פּלוצלינג דערפילט אַרומגערינגלט מיט א גרופּע יונגע רוסיש־רעדנדיקע געסט, וועלכע איר באַגעגנט אין אַלע מלוכות אויף אַזעלכע פּייערונגען. מען דאַרף גאָרניט זיין קיין צו־גרויסער פּראַקטאָקאָל־קענער, כדי צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע יונגע־לייט זיינען זיכערקייט־אַגענטן, וועלכע דאַרפן היטן די מלוכה־פירער פון מעגלעכע סורפּריזן. דער פאַקט וואָס מיך האָט אין צימער אַריינגעפירט דער אַדיוטאַנט פון אַמבאַסאַדאָר האָט זיי אַביסל, ווייזט אויס, באַרואיקט, אָבער זיי ווייסן דאָך אַלץ ניט, ווער איך בין און מיט וואָס „עסט” מען מיך... אַרום טיש אָנגעשטעלט מיט געטראַנקען און צובייסעכץ, שטיי איך צווישן די „יונגע־לייט” און רעד צו זיי אין רוסיש: „יאָ, — איך בין טאַקע אן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, אָבער איך האָב געלערנט אין א רוסישער גימנאַזיע און אוניווערסיטעט: פון דאָרטן מיין רוסיש”... דאָס איבער־צייגט זיי נאָך ניט און ס׳איז מיר נאָך אַלץ שווער צו באַוועגן זיך אַרום טיש, ניט אָנרירנדיק מיט מיין עלנבויגן איינעם פון די „יונגע לייט”. אָבער אָט קומט אַריין אין צימער דער פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, — ב. שאָו, באַגריסט זיך מיט מיר גאָר פריינטלעך און שטעלט מיך פאָר פאַר די אַמבאַסאַדאָרן פון לבנון און סיריע, וואָס נעמען אויך עפּעס אין מויל. דאָס באַרואיקט די זיכערקייטס־מענטשן און איך פיל פּלוצלינג. אַז איך קען זיך פריי באַוועגן.

איך מוז באַמערקן, אַז אין די קעשענעס פון מיינע הויזן האָב איך געהאַלטן דריי פילם־ראָלן און צוויי דיקע נאָטיץ־ביכלעך. מענטשן, וואָס קענען די באַ־דינגונגען, האָבן מיר גלייך ביים אָנקומען קיין מאָסקווע אָנגעזאָגט, אַז פאָטאָ־גראַפישע פילמען און פאַרשרייב־ביכלעך לאָזט מען נישט אין צימער, מען האַלט זיי שטענדיק אין קעשענע. מען האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז די הויזן, אין וועלכע זיי ליגן, דאַרף איך האַלטן צוקאָפּנס, מעגן זיי אפילו פון דעם צעקנייטשט ווערן... מעגלעך, אַז דאָס זיינען שוין אַלץ אומזיסטע אַלטמאָדישע שרעקן, ווייל, ווי געזאָגט אין א פריערדיקן אַרטיקל, האָב איך זיך באַוועגט איבער מאָסקווע פולשטענדיק פריי און דורך קיינעם נישט געשטערט. אָבער די הויזן האָב איך דאָך געהאַלטן צוקאָפּנס... איצט אָבער האָט זיך מיר געדוכט, אַז מען קוקט אויף מיין אָנגעבלאָזענער קעשענע מיט גרויס חשד: ס׳קען טאַקע זיין, אַז איך האָב דאָרט נאָר פילם־ראָלקעס, אָבער ס׳קען דאָך זיין אויך — א האַנט־באָמבע, חלילה.

גראַד דאַן גייען אַריין אין צימער און שטעלן זיך אויס האַרט נעבן מיר (איך קיי עפּעס אַ קלעפּיקן מזרח־טאָרט, וועלכער איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז): ל. מ. קאַגאַנאָוויטש, מ. ג. פּערוווּכין און מ. ז. סאַבוראָוו און הינטער זיי — מיניסטאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד און אויסערן־מיניסטער שעפּילאָוו פּאַרטרעטער.

לויטן אָרדענונג, ווי זיי שטייען, אַזוי האָט מען מיר דערקלערט, איז קאַגאַנאָוויטש דער ערשטער אין ראַנג — דער ערשטער, הייסט דאָס פון די ערשטע וויצע פּרעמיערן.

קוים אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן אין מויל, מאַך איך אַ טריט פאָרויס און שוין דריק איך די האַנט פון שמייכלענדיקן לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש.

„ענדלעך וועל איך רעדן מיט אַן אַמעריקאַנער אָן אַן איבערזעצער״, זאָגט ער צו פּערוווּכינען, וועלכער הערט זיך צו צו אונדזער געשפּרעך.

איך פרעג אים, צי וועט אים ניט שטערן, ווען אונדזער שמועס וועט נעמען אַביסל לענגער. ענטפערט ער, אַז גראָד פאַרקערט, ער וויל רעדן מיט אַן אַמע־ריקאַנער יידישן זשורנאַליסט.

ווער איך פעסטער ביי זיך און זאָג:

„מסתם האָט איר דאָך געהערט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, וועגן דעם, אַז מען טרעט צו אויפצולעבן די יידישע ליטעראַטור און קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער גאַנצער וועלט. ווי באַציט איר זיך צו דעם?״

קאַגאַנאָוויטש׳עס שמייכלענדיק, גלאַט־ראַזירט פּנים ווערט ערנסט:

„זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער דאַרף דען יידיש? די יידן דאָ? איך גלויב, די גרעסטע מערהייט לעבן זיך אויס אין דער מעכטיקער, אַלזייטיקער רוסישער קולטור. זיי לעבן דאָ ניט, ווי אין דער געטאָ אין ניו יאָרק, למשל, אויף איסט בראָדוויי, וווּ זיי דאַרפן באַזונדערע צייטונגען און טעאַטערס. ביי אונדז זענען יידן אַ טייל פון דעם פאָלק, צעשפּרייט צווישן אים און לעבן זיך אויס מיט זיין לעבן און זיינע אינטערעסן״.

דאָ הער איך שוין אויף צו שמייכלען און ווער ערנסט. איך באַשליס מיט אַ בליץ־שנעלקייט צו זיין אָפן און זאָגן וואָס איך האָב אויפן האַרצן. מען וועט מיר גאָרנישט טאָן, און נאָך אַזאַ געלעגנהייט וועט זיך נישט מאַכן. אַזוי ווי גראָד דעם זעלבן טאָג האָב איך געקויפט לעניג׳ס בראָשור וועגן מינדערהייטן, האָב איך, ווייסנדיק אַז איך וועל נאָך היינט מעגלעך רעדן מיט סאָוועטישע גדולים, גוט איינגעחזרט אַ פּאָר וויכטיקע שטעלעס, און איך ציטיר זיי איצט פון אויסווייניק צו קאַגאַנאָוויטשן:

„האָט דען לענין ניט געזאָגט דעם 31־טן דעצעמבער, 1922, אז „מען מוז אונטערשיידן דעם נאַציאָנאַליזם פון דער גרויסער נאַציע, וואָס אונטערדריקט, און דעם נאַציאָנאַליזם פון דער קליינינקער, וואָס מען צעקוועטשט און פאַר־פאָלגט? בעסער איבערזואַלצן און נאָכגעבן דער קליינער נאַציע, איידער ניט דערזואַלצן און דערדריקן איר קולטור. קיין זאַך צעשטערט נישט אַזוי די פּראָלע־טאַרישע סאָלידאַריטעט, ווי דאָס אומרעכט צו דער קולטור פון קליינע פעלקער!"...

איך האָב דאָס ארויסגערעדט אין איין אָטעם און האָב באַמערקט, אַז אפילו פערוווּכין האָט אויפגעהערט צו שמועסן און זיך מיט אַ שמייכל צוגע־הערט צום אַמעריקאַנער, וואָס דיסקוטירט לענינען מיט קאַגאַנאָוויטשן.

קאַגאַנאָוויטש ענטפערט ערנסט:

„איך וויל איר זאָלט מיך גוט פאַרשטיין און ריכטיק איבערגעבן מיינע ווערטער צו אייערע לעזער אין אַמעריקע: אויב ס'זענען אפילו פאַראַן פינף אָדער צען, אָדער מער פּראָצענט יידן, וואָס ווילן זייערע צייטונגען, טעאַטער און ביכער, דאַרפן מיר זיי געבן — דאָס איז לעניניזם, און איר האָט ריכטיק ציטירט. איך בין אָבער אין ספק, צי עס זענען דאָ אַזוי פיל בעלנים".

„אָבער לאָזאַר קאַגאַנאָוויטש", רעד איך שוין שנעל, „מיר האָבן נישט אין אַמעריקע, קיין געטאָ. דאָס זענען אַלץ ידיעות פון 50 יאָר צוריק. מיר, אין אַמעריקע, דאַרפן נישט קיין דערלויבעניש, כדי צו אַנטוויקלען נאַציאָנאַלע קולטורן. ס'גייען ביי אונדז נאָך איצט אַרויס צייטונגען און ביכער אין צענדלי־קער שפּראַכן פון מינדערהייטן".

קאַגאַנאָוויטש רייסט מיר איבער:

„ביי אייך איז געוועזן נאָר איין יידישער מיניסטער — מאָרגענטוי. מיר האָבן זיי פיל אין אַלע רעפּובליקן: נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, וואָס זאָל האָבן אַזוי פיל יידישע אַקאַדעמיקערס און גענעראַלן, ווי עס זענען דאָ אין ראַטן־פאַרבאַנד".

זאָג איך:

„ביי אונדז, אין אַמעריקע, פאַרנעמען יידישע געלערנטע פירנדיקע פּאָזי־ציעס אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט, כאָטש קיין אַקאַדעמיע איז איבערהויפּט נישטאָ".

און איך לייג צו:

„איך ווייס נישט צי עס זענען פאַראַן אין אַמעריקע פיל יידישע גענעראַלן, ווייל אין אַ פרידלעך לאַנד, ווי אונדזערס, זענען בכלל קיין סך גענעראַלן נישטאָ. וועגן צוויי יידישע אַדמיראַלן ווייס איך שוין. — שטראַוס און ריקאָווער, — ביידע וויסנשאַפטלער... אָבער, זאָגט מיר, חבר קאַגאַנאָוויטש, פאַרוואָס זענען

אזוי בולט די אנטיסעמיטישע שטימונגען אין די לעצטע יאָרן? פארוואָס האָט מען אזוי פיל יידישע שרייבערס פארניכטעט? פארוואָס האָט געקאָנט זיין אזא שרעקלעכע זאך, ווי דער דאָקטוירים־בלבול?״

איך האָב מורא, אז איך רעד צו שטארק און צו לאנג, אָבער קאגאנאָוויטש פארהאלט מיך פשוט מיט דער האנט, ווייזנדיק, אז ער וויל פאָרזעצן דאָס געשפּרעך.

„יאָ, יאָ״ — זאָגט ער, — מיר זענען דורכגעגאנגען א קורץ אָבער טרויעריק (ער האָט געזאָגט „סמוטני״) קאפּיטל פון אונדזער געשיכטע... דאָס וועט זיך ניט ווידערהאָלן. ס׳וועט ווערן פיל בעסער און גאָר שנעל. אנטיסעמיטיזם באקעמפן מיר ראדיקאל״...

„ניט נאָר יידישע שרייבער האָט מען פארניכטעט״, זאָגט ער ווייטער, „נאָר אויך פון אנדערע נאציאָנאליטעטן. דער דאָקטוירים־עפּיזאָד?... דאָס איז פּיינלעך צו דערמאָנען, אָבער גלויבט מיר, און גיט דאָס איבער דער וועלט: ס׳גייט צו בעסערע און ליכטיקע צייטן. און איך בעט אייך״, ווענדט ער זיך צו מיר, „גיט איבער ריכטיק אלץ, וואָס איך האָב געזאָגט״...

א וואַרעמער דרוק פון דער האנט און אביסל מיד פון דער אָנשטרענגונג, לאָז איך זיך צום צווייטן צימער.

דאָ אָבער ווער איך באגעגנט פון דער גאנצער גרופּע אויסלענדישע קאָ־רעספּאָנדענטן, וואָס האָבן די גאנצע צייט זיך צוגעקוקט צו דעם לאנגן שמועס צווישן קאגאנאָוויטש׳ן און מיר. זיי פאָדערן איינצלהייטן. אזוי ווי דאָ קען מען ניט רעדן, — נעמט מיך הענרי שאפּיראָ פון „יונייטעד פּרעס״ אין זיין אויטאָמאָביל צו דער געביידע פון הויפּט־טעלעגראף. דאָרט זענען שוין אין א צימער פארזאמלט ארום 20 פאָרשטייער פון דער וועלט־פּרעסע. איך גיב זיי איבער דעם שמועס.

זיי ווילן וויסן צי קאגאנאָוויטש האָט מודה געווען, אז די שרייבער־עקזעקוציעס און דער דאָקטוירים־פּראָצעס האָבן געהאט אנטיסעמיטישע טענ־דענצן.

באמי איך זיך זיי צו דערקלערן, אז כאָטש ער האָט געזאָגט א פּאָר מאָל „דאַ דאַ״ (יאָ, יאָ) צו מיין באהויפּטונג, אז זיי זענען געווען געווענדט קעגן יידן, — האָט דאָס אָבער אויך געקאָנט מיינען, אויף ענגליש: „וועל, וועל״, וואָס איז נישט קיין באשטעטיקונג.

איך האָב זיך פיל אָנגעשטרענגט, אז קאגאנאָוויטשעס ווערטער זאָלן ריכטיק איבערגעגעבן ווערן, איבערלאָזנדיק דעם אויסטייטש צו אנדערע.

קלאָר אָבער איז: וואָלט זיך דאָס געווענדט אין קאָנאָוויטשן, וואָלט מען ניט דערלויבט אויפצולעבן די יידישע קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האַלט זיך נאָך ביי די וויכוחים, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין די שווייצאַרישע קאַפייען אין די יאָרן 1904־1914. אפילו לעניניס ציטאַטן וואָלטן שוין ניט געהאָלפן, כדי צו ענדערן די פסיכאָלאָגיע פון אַן אַלטן יידישן באָלשעוויק, וואָס פלעגט דיסקוטירן מיט באָראָכאָוו׳ן מיט אַרום 50 יאָר צוריק.

מיינע באגעגענישן מיט באפרייטע
יידישע שרייבער אין מאָסקווע

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין קומען קיין מאָסקווע, בין איך געפאָרן אויף דער וואָראָווסקי גאס 52, ווו די געביידעס און ביוראָען פון „סאָוועטישן שרייבער־פאראיין" געפינען זיך.

די גאס איז אביסל אָפּגעלעגן פון צענטער מיט פיל אַלטמאָדישע אָפּגע־קראָכענע מויערן, ווו סאָוועטישע בירגער וווינען צו פיר און פינף פאמיליעס אין איין דירה. אָבער די געביידעס פון שרייבער־פאראיין זענען פון א געמישטן צוזאמענשטעל: אין צענטער — די מאָדערן אויסגעשטאטע ביוראָען פון דער הויפּט־פאַרוואלטונג; אויף לינקס, אין א באשיידענעם מויערל — די אָפּטיילונג פאר אויסלענדישער ליטעראטור, און אויף רעכטס — א מאָדערנער בנין, איבערגעבויט פון אן אמאָליקער מאסאָנען־לאזשע, מיט זאלן פאר פארזאמלונגען, פאר באנקעטן, פאר ספּעציעלע פייערונגען.

דער „פאראיין פון סאָוועטישע שרייבער" איז א מעכטיקע פּאָליטישע און פּראָפּאגאנדע קערפּערשאפט, וועלכע באווירקט דאָס גאנצע קולטורעלע לעבן פון לאנד. יעדע ענדערונג אין די קרעמל־ווינטן ווערט אויף א פּילבארן אופן רעגיסטרירט דורך די פעדערס און שרייב־מאשינען פון דעם דריי־טויזנט קעפּיקן „שרייבער־יוניאָן". א שרייבער אין ראטן־פארבאנד, — אלצאיינס, צי ער שאפט אין רוסיש אָדער גרוזיניש, אין אוקראאיניש אָדער טאָטעריש, — מוז צולייגן א שארפן אָנגעשטרענגטן אויער צו די טענער וואָס ווערן געגעבן אָט אין דער דאָזיקער געביידע, אײדער מען טרעט צו שרייבן א ראָמאַן אָדער א דראַמע, א פּאָעמע אָדער אפילו אן איינצלנעם ליד: יעדער אָפּנייג פון די ווינטן וואָס בלאָזן אין געגעבענעם סעזאָן הינטער די רויטע מויערן פון קרעמל און ווערן „געפיקסט" אלס די ריכטיקע „ליניע" אין דאָזיקן „שרייבער־פאראיין", קאָן זיין דער אונטערשייד צווישן רום און דערנידערונג, רייכטום און אָרעמקייט, און אין געוויסע פעריאָדן אויך — צווישן לעבן און טויט...

איך האָב וועגן דעם אַלץ געוווּסט, ווען איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועלן פון דער געביידע, כדי זיך צו זען מיטן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון פאראיין, אלעקסיי סורקאָוו, אליין א באוווּסטער פּאָעט. איך האָב אָבער אויך פון פריער געוווּסט, אז סורקאָוו איז די „אויג פון קרעמל" אויף דער שרייבער־משפּחה. מען האָט מיר געזאָגט וועגן אים אז ער האָט געהערט צו דער אַלטער „סטאַלין־זשדאַנאָוו גוואַרדיע" און איז א קאָמוניסטישער „יאַ־מענטש" אָן סקרופּולן...

און איך בין דאָך געגאַנגען צו אים מיט א געדאַנק, וואָס פילע האָבן באַטראַכט פאַר ניט אויספירבאַר: אויפהויבן דעם פאַרהאַנג איבער דער געהיי־מעניש פון די פאַרשוווּנדענע יידישע שרייבער; איבערן מאָ״ד איבער זיי און איבער דער יידישער ליטעראַטור; זיך טרעפן, אויב מעגלעך, מיט די איבער־געבליבענע לעבעדיקע שרייבער, איבער וועמענס גורל עס גייען ארום נעפּלהאַפ־טיקע קלאַנגען...

דורך צוויי סעקרעטאַרינס בין איך דורכגעגאַנגען ביז מען האָט מיך אריינ־געפירט צו א דריטער, — דאָס מאָל א שרייבערין איבער אמעריקאַנער ליטעראַ־טור, — מ. ראַמאַנאָווא. זי האָט מיט פאַרשטענדעניש און האַרציקייט אויפ־געהערט מיין ביטע, מען זאָל מיר דערמעגלעכן זיך טרעפן מיט די לעבן־געבלי־בענע יידישע שרייבער, זי איז געוואָרן זייער ערנסט, און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, אוועק וועגן דעם מעלדן סורקאָוון פּערזענלעך ערגעץ ווו אין דער טיף פון די ביוראָען.

בין איך דערווייל געבליבן זיצן מיט איניקע שרייבער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף דערליידיקונג פון פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן. איינער פון זיי באַמערקט: „שוין צוויי וואָכן ווי איך קום דאָ יעדן טאָג, און קאָן אַלץ ניט זען דעם זייער באַשעפטיקטן סורקאָוון. אפשר דורך אייער מזל?״ און דאָס מזל האָט אונדז ביידן צוגעשפּילט: ראַמאַנאָווא ברענגט ארויס מיט זיך א גרוילעכן הער מיט א שאַרפן ניט שמייכלענדיקן בליק. ער באַגריסט זיך פריער מיט מיר, נאָכדעם וואַרפט ער צו יענעם שרייבער א וואָרט, אויף וועלכן ער האָט לאַנג געוואַרט: „איר קאָנט פאָרן אויף אייער וואַקאַציע קיין קרים...״

און שוין זיצן מיר אויג־אויף־אויג מיטן אַלמעכטיקן פירער פון שרייבער־פאַרבאַנד. לכתחילה וויל ער מיין ביטע זיך צו טרעפן מיט יידישע שרייבער אָפּלייגן אויף א פּאָר וואָכן, „ווייל ס׳איז דאָך זומער און זיי זענען אַלע אויף דאַטשע״.

זאָג איך אָבער מיט דער גאַנצער ענערגיע און ערנסטקייט: „אין א פּאָר וואָכן ארום וועל איך שוין אין מאָסקווע ניט זיין. אָבער יידן אין אמעריקע, יידן אין דער וועלט, זענען באַרעכטיקט צו וויסן, אויב ס׳זענען נאָך איבערהויפּט געבליבן יידישע שרייבער אין רוסלאַנד. נאָך דער שרעקלעכער הריגה, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף די בעסטע פון זיי, און וועמענס נעמען זענען אונדז באַקאַנט... צי מיינט איר ניט, אַז איר וועט דינען בעסער די אינטערעסן פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווען איר וועט אראַנזשירן מיין באַגעגעניש מיט די יידישע שרייבער, איידער ווידער אָפּציען, אָפּלייגן און מאַכן אונדז אַלעמען גלויבן, אַז דער אמת איז נאָך שרעקלעכער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט?״

איך באַמערק, אַז דער „אייזערנער״ סורקאָוו הויבט זיך אָן וואַקלען. זאָג איך פאַר די אַטאַקע: „מען זאָגט ביי אייך און מען דערציילט ביי אונדז, אַז א

„פרילינג״ איז געקומען אין ראטן־פארבאנד (איך האָב זיך אויסגעדריקט אויף רוסיש: „אָטטיעפעל״ — וואָס מיינט: „די שנייען האָבן אָפּגעלאָזן״), דער פאקט, וואָס מען האָט מיך, און נאָך אזעלכע ווי איך, אריינגעלאָזן אין לאנד און מיר באוועגן זיך פריי און אומגעשטערט, מיינט דאָך עפּעס. איז פארוואָס זאָל אן אמעריקאנער יידישער שרייבער זיך ניט קאָנען באגעגענען מיט פּען־קאָלעגן אין דער דאָזיקער נייער אטמאָספער?״

סורקאָוו פארטראכט זיך אביסל און זאָגט:

„גייט אין אייער האָטעל און ווארט א שעה אָדער עפּעס מער אויף א תשובה. איך וועל אייך טעלעפאָנירן״.

און ער האָט טאקע טעלעפאָנירט אין א קנאפער שעה ארום: „איבער־מאָרגן, פרייטיק, איינס בייטאָג, וועט איר האָבן א מעגלעכקייט זיך טרעפן מיט יידישע שרייבער...״ דאָס איז פאר מיר געווען א גוטע בשורה: א סימן, אז מיין טאקטיק פון מאכן לעבער אין „פאָרהאנג״, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דעם „גרויסן סוד״, הויבט־אָן זיך איינצוגעבן. מען האָט מיר שפּעטער דערקלערט, אז סורקאָוו האָט זיך אָנגעפרעגט אזש אין קרעמל...

ווען איך דערצייל מיינע שכנים אין האָטעל, — די פאָרשטייער פון „ניו־יאָרק טיימס״, — וועגן מיין דערפאָלג מיט סורקאָוון, זאָגן זיי, אז עטוואָס ענלעכעס האָבן פּרובירט סיי זיי, סיי די פאָרשטייער פון אנדערע וועלט־צייטונגען אָדער „איידזשענסים״, אָבער שטענדיק זענען זייערע ביטעס דורכגעפאלן. „אפשר האָט איר אנטדעקט א נייע מעטאָדע פון האנדלען? אפשר?...״

איך האָב פארבראכט די איבערגעבליבענע צוויי טעג אין גרעסטן אומגע־דולד. זיך געזען מיט דיפּלאָמאטישע מענטשן, מיט פּריוואטע באקאנטע. געווען אזעלכע, וואָס וויסן א סך, אָבער זיי האָבן דערוואַרט, אז איך זאָל זיך דער־וויסן נאָך מער; די בלוטיקע דראמע ארום יידן אין די לעצטע סטאַלין־יאָרן 1948־1953 איז נאָך ווייט ניט אויפגעקלערט. מען מוז אלץ טאָן, כדי די געשיכטע זאָל וואָס מער קלאָרער אויפגעדעקט און פארשריבן ווערן.

זאָגט איינער: „אָט יענע שרייבער־הויז אויף וואָראָווסקי גאס אנטהאלט אין זיך מער סודות ווי אמאָליקע געהיימענישן פון מאדרידער קעניגלעכן הויף און אפשר מער ווי די פאלאצן פון דער שפּאנישער אינקוויזיציע... מיט אייניקע חדשים צוריק איז די וועלט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער ידיעה, אז דער פּרעזידענט פון „שרייבער־פארבאנד״ אלעקסאנדער פאדעיעוו האָט זיך דערשאָסן אין זיין קאבינעט, טאקע אין יענער געביידע, טאקע אין זעלבן קאבינעט, ווו איר זענט געזעסן... מ׳האָט געזאָגט, אז ער האָט דאָס געטאָן אין אָנפאל פון משוגעת און שכרות. אָבער וואָס האָט אויף אן אמת געטראָפן? פאדעיעוו איז ווירקלעך געווען א גרויסער שיכור און אין פרימאָרגן פון זעלבסטמאָרד האָט

ער אויך געזויגן פון פלעשל. פּלוצלינג זענען ניט געמעלדעטערהייט אריין אין זיין ביוראָ דריי יונגע שרייבערס. איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטאָן צו פאדעיעוון: „דו דערקענסט אונדז? דו זעסט, מיר לעבן נאָך אַלץ...״ דאָס זענען געווען דריי רוסישע פּאָעטן, וועלכע דער זעלבער פאדעיעוו האָט מיט יאָרן צוריק אריינגעפּאַקט אין איינעם פון די צפונדיקע טויט־לאַגערן און געווען זיכער, אַז זיי לעבן שוין ניט מער. און דאָ אַזאַ באַגעגעניש... ער האָט גאָרניט געענטפערט, און ווי נאָר די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיינע געסט פון יענער וועלט, האָט פאדעיעוו זיך אריינגעשאָסן אַ קויל אין שלייף...״

און אין דער זעלבער געביידע שפּילט דאָך אַ גרויסע ראָלע, אַ באַדייטנדע, כּמעט פון אַלעמען פאַראַכטעטע פיגור, „אונדזער״ איליאַ ערענבורג. אין וועלכן צימער דאָרטן אין פאַרבעריייט געוואָרן דער בלוטיקער בלבול וועגן די „אויס־לענדישע אַגענטן״ בערגעלסאָן, פעפער, מאַרקיש, נסתּר און אַלע אַנדערע? וואָס וואָלטן דערציילט די פּראָטאָקאָלן וועגן די „מאַטיוון״, וואָס ערענבורג האָט ארויסגעשטעלט קעגן זיינע קאָלעגן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וועלכע ער האָט געהאָלפן דערמאָרדן?

ווען סורקאָוו האָט בעתן געשפּרעך מיט מיר דערמאָנט, אַז ער וואָלט אויך איינגעלאַדן איליאַ ערענבורגן אויף אונדזער „באַגעגעניש״, נאָר יענער וווינט אויף זיין „דאַטשע״ (איינע פון די רייכסטע ווילעס) הונדערט קילאָמעטער הינטער מאָסקווע און אפילו קיין טעלעפאָן־פאַרבינדונג איז מיט יענעם פּלאַץ ניטאָ, האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסן:

„ניין, ניין, נאָר ניט ערענבורג!...״

סורקאָוו האָט מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און איך גלויב, אַז ער האָט פאַרשטאַנען...

⋆ ⋆

⋆

ווען איך בין פריידיק, איינס בייטאָג, געקומען נאָכאַמאָל אויף דער וואָראָווסקי גאַס, האָט מען מיך אריינגעפירט אין „אינטערנאַציאָנאַלן פליגל״ אויף לינקס.

דאָרט האָט מיך ווידער באַגעגנט די ליבענסווירדיקע ראַמאַנאָווא. עס האָט זיך באַוויזן אויף אַ קורצער וויילע סורקאָוו צוזאַמען מיט אַ געוויקסיקן געלן יונגערמאַן: „דאָס איז דער יידישער דיכטער אריה ווערגעליס...״ נאָכדעם באַמערק איך זיצן אויף דער סאָפע אַן עלטערן, דיקלעכן און קרענקלעך אויסזעענדיקן מענטשן. ער פּרובירט זיך אויפהויבן, אָנשפּאַרנדיק אויף אַ שטעקן, אָבער עס גיט זיך אים ניט איין. „דאָס איז שמואל האלקין, געהערט מסתּם?״. „אָ, געוויס געהערט און געלעזן״. איך דריק וואַרעם זיין האַנט. דערווייל קומט

אריין אין צימער א הויכער רוס מיט א טונקל אָפּגעברענטן פּנים מיט צוגעשוי־רענע וואָנצעס. ער איז אינגאַנצן — זעלבסטזיכערקייט און גבורה. דאָס איז דער באַרימטער רוסישער שרייבער און דראַמאַטורג קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו. מען זאָגט אויף אים, אז ער איז איינער פון די רייכסטע מענטשן אין לאַנד, א דאַנק די „ראָיאַלטיס", וואָס פליסן אריין פון זיינע דראַמעס און ביכער. עס קומט באַלד אָן דער קליינינקער און אַזוי סימפּאַטישער פּאָעט וואַסילי אַזשאַיעוו, אן אַרמעניער מיט פייערדיקע אויגן. נאָכדעם גייט אריין א בילד־שיינע ברונעטע, יונג־אויסזעענדע דאַמע, וועלכע ווערט מיר פאָרגעשטעלט מיטן פּיל־זאָגנדיקן נאָמען: פּירא (אסתר) מאַרקיש. זי איז עלעגאַנט געקליידעט און האַלט זיך די גאַנצע צייט מיט פּיל „פאַרשטענדעניש" פאַר דער לאַגע, וועלכע עס פאָדערט פון איר דער איצטיקער מאָמענט: דעמאָנסטרירן, אז כאָטש זי איז אן אלמנה פון טויטן מאַרטירער, אז כאָטש זי אליין און אירע קינדער זענען פינף יאָר געווען אין אן אַרבעטס־קאַמער נאָר דערפאַר וואָס איר מאַן איז געווען באַשול־דיקט אַלס „שווערער פאַרברעכער קעגן פאָטערלאַנד", פונדעסטוועגן, אָט זעט איר דאָך: „איך בין דאָ, פיין געקליידט, זע גוט אויס, און לאָמיר טאַקע זיך זעצן שמועסן אויף ליטעראַרישע טעמעס..."

איך בעט דער לעזער זאָל מיך פאַרשטיין: איך בין זייער ווייט צו באַשול־דיקן די פאַרנונפטיקע און טאַקטפולע פּירא אין עפּעס וואָס פּאַסט זיך ניט פאַר דער אלמנה פון פּרץ מאַרקיש, אָבער איך ווייס געווי, — דאָס איז עקזאַקט די ראָל, וועלכע זי האָט געמוזט, נעבעך שפּילן פאַרן גאַסט פון אַמעריקע...

זעט איר, ש. האַלקין האָט אַזוי שלעכט אויסגעזען און אַזוי פיל פּיין איז געלעגן אויף זיין געזיכט, אז ער האָט שוין קיין שום אַנדער ראָל, ווי די אין וועלכער איך האָב אים געזען, ניט געקאָנט שפּילן.

נאָכדעם זענען געקומען דער פּאָעט א. ווערגעליס, דער דראַמאַטורג יעקב שטערנבערג, נאָכדעם די שרייבער יהושע לובאָמירסקי און ישראל סערעברעני.

מען דערקלערט מיר: „דאָס איז אַלץ וואָס מיר האָבן געקאָנט איילנדיק צונויפברענגען אין מאָסקווע. אַלע אָנוועזנדע ווינען איצט אויסער דער שטאָט. האַלקין, צום ביישפּיל, איז אין א סאַנאַטאָריע, ווו ער דערהאַלט זיך („דערהאַלט זיך" פון די שווערע יאָרן אין תפיסה און קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווענן האַלקינען איז יאָ באַוווּסט, אז מען האָט אים געפּייניקט בעת די אויספאָרשונגען... — ח. ש.).

מיר זעצן זיך אַרום טיש: די רוסן מיט די יידן. קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו דריקט־אויס זיין פרייד, וואָס ענדלעך וועט אויך אַמעריקע זיך דערוויסן אז מען גייט איצט פאַרריכטן אַלע אומרעכטן קעגנאיבער ברידער־ליטעראַטן און קעגנ־איבער דער קולטור אויף יידיש. אָט באַלד וועל איך הערן עטוואָס, וואָס וועט

מיך געווים דערפרייען... דערוויייל דאַרף איך וויסן, אַז אַלע די ליטעראַטן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון „ווייטע געגנטן", האָבן צוריקבאַקומען זייערע דירות, זייער מעבל, באַקומען אַ פּענסיע פון דער מלוכה.

„וויפל באַקומט איר, חבר האַלקין"?.

„זיבן הונדערט רובל אַ חודש, חבר סימאָנאָוו".

„און איר, חברטע מאַרקיש?"

„אָ, איך?", ענטפערט פירא מיט איר צעשטראַלטן פּנים, „איך באַקום אויסער די זיבן הונדערט רובל, אויך דעם פּריווילעגירטן צוגאָב און פאַר יעדן קינד באַזונדער... איך באַקום אויך ספּעציעלע קליידונג־און שפּייז־קופּאָנען..."

און סימאָנאָוו זעצט פאָר:

„מיר דרוקן שוין אויף רוסיש די ווערק פון מאַרקיש, פון פעפער, פון קוויטקאָ... דער „שרייבער־פאַראיין" האָט דורך אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון 3 רוסישע שרייבער (אַזשאַיעוו, סיטין, וואַראַנקאָוו) און פון דריי יידישע (האַלקין, ווערגעליס, סערעברעני), אויסגעאַרבעט די פאָרשלאָגן וועגן אויפלעבן ליטעראַטור אויף יידיש, און אונדזער פּרעזידיום צוזאַמען מיט די העכסטע מלוכה־אינסטאַנצן, האָט זיי באַשטעטיקט. חבר ווערגעליס וועט אייך באַלד מיט זיי באַקענען. מיר רוסן וועלן פאַרלאָזן די זיצונג און איר וועט קאָנען רואיק פאָרזעצן אין דער יידישער שפּראַך, אויב איר ווילט".

אַ צופרידענער, אָפּגערוטער און דזשענטלמעניש עלעגאַנטער סימאָנאָוו לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. ער, מיט זיין אַנטוויקלטן חוש פון אַ גרויסן קינסטלער, האָט דאָך יאָ געדאַרפט פילן די טראַגישע מאָמענטן אין דער סצענע, ווען מען האָט דערציילט וועגן די „פּריווילעגירטע קופּאָנעס" און „יתומישע פּענסיעס" פאַרן פרייז פון פאַרשניטענע לעבנס פון מענער און טאַטעס וועלכע זענען געטויט געוואָרן דורכן רעזשים, פון וועלכן ער, סימאָנאָוו, אַלס מיטגליד פון קאָמוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, איז אַ לאַנג־יעריקער באַשטאַנדס־טייל.

מיר בלייבן צווישן זיך: מיר פירן די ווייטע־דיקע זיצונג אויף יידיש.

★ ★

★

ווען קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו און די אַנדערע רוסן האָבן פאַרלאָזן דעם צימער, בין איך צום ערשטן מאָל געבליבן אויג אויף אויג מיט דער גרופּע יידישע שרייבער. מיר זענען אַריבער אויף יידיש.

זיי האָבן געבעטן איך זאָל זיי עפּעס דערציילן וועגן די שטימונגען צווישן די יידישע קרייזן אין די לענדער, וווּ איך האָב באַרייזט.

איך האָב אָנגעהויבן מיינע ווערטער מיט פּעפערס ליד: „לאָמיר שווייגן אַ פּאָר רגעס און דערמאָנען שטילערהייט די, וואָס שטייען פאַר די אויגן מיט אַ שוואַרצן טיול פאַרצויגן"...

„ווי אנדערש וואָלט אונדזער שמועס אויסגעזען, ווען מיט אייך צוזאמען ארום טיש וואָלט אויך געזעסן: פעפער, מארקיש, בערגעלסאָן, קוויטקא, דער נסתר״...

איך באמערק, ווי דער ביז־איצט האַפּערדיקער אויסזען פון אסתר מארקיש בייט זיך און ווי טרערן פילן אָן אירע שווארצע קאווקאזער אויגן.

אויך האלקין און שטערנבערג לאָזן אראָפּ זייערע קעפּ אין טרויער.

איך רעד ווייטער וועגן דעם, אז ביזן יאָר 1948 האָבן מיר מער ווי אָפּט ניט מסכים געווען מיטן שרייבן פון די אלע אויסגערעכנטע דיכטער, ניט פארשטאנען, פונוואנען נעמט זיך ביי יידן אזא מין געצנדינערישער קולט פארן גרוזין סטאלין, — אָבער שפּעטער, ווען זיי צוזאמען מיט אייך דאָ זענען פאר־שווונדן געוואָרן פון אויבערפלאך, האָט זיך די שטימונג געביטן: מיטן חוש פון א פאָלק, וואָס דערפילט פריער פאר אנדערע פעלקער פּאָגראָם־שטימונג, — האָבן מיר דערשמעקט, אז ביי אייך האָט זיך אָנגעהויבן דער ריכטיקער פּאָגראָם, — נישט נאָר אויף איינצלנע פערזענלעכקייטן, נאָר אויף יידישקייט אלס אזעלכע, אויף יידיש קולטור אין אייער פאל. און קענען א פּאָגראָם אייניקן זיך אלע יידן. אביסל פארטייאישע קאָמוניסטן אין אונדזערע לענדער האָבן נאָך ביז גאָר נישט לאנג געפּרווט באהאלטן דעם שרעקלעכן אמת, אָבער זיי האָבן אויך געמוזט אנטשווייגן ווערן, ווען דווקא די קאָמוניסטישע ווארשעווער „פאָלקס־שטימע״ האָט פּובליקירט דעם לאנגן צעטל פון די דערמאָרדעטע „קאָריפייען״ פון דער יידישער ליטעראטור, פּרעסע, טעאטער... איר האָט מיך פריער פּריוואט געפרעגט: „נו, און ווי איז די באציאונג פון אונדזערע פריינט ב. צ. גאָלדבערג און נחמן מייזעל?״ איז מיין ענטפער: „יאָ, אויך זיי, — שפּעטער ווי פיל אנדערע, — האָבן אויסגעשריגן זייער ווייטיק און זייער פּראָטעסט...״

און דאָ אין דעם צימער פון זייער פּראָפעסיאָנעלן פאראיין — פון שרייבער פאראיין, — געפינען זיך מסתם איצט די גייסטער פון די אומשולדיק דערמאָר־דעטע קאָלעגן אייערע און מאָנען נאָך אלץ גערעכטיקייט פון די פירער פון פאראיין, פון די פירער פון דער מלוכה, וועלכע האָבן ביז איצט, ביז היינט פארשוויגן דעם שרעקלעכן טאָטאלן מאָרד איבער אונדזער יידיש קולטור. אָט זענען מיט אונדז נאָר וואָס געזעסן אייניקע פון די גרעסטע רוסישע שרייבער. האָבן זיי דען מיט עפּעס דערמאָנט, אז עמיצער איז דערמאָרדעט געוואָרן? זיי האָבן, אמת, גערעדט וועגן דער גרויסער באדייטונג פון פעפער, פון מארקיש, פון קוויטקא פאר דער רוסישער ליטעראטור און וואָס פארא שאָד וואָס זיי זענען אוועק... וווּ זענען זיי אוועק? קיין ישראל? קיין אפריקע? אָדער אויף דאטשעס קיין קרים?... מען האָט מיר נאָר וואָס געוויזן די פיר נומערן פון דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא״ (דער אָרגאַן פון רוסישער ליטעראטור) מיט גלענ־צנדע איבערזעצונגען פון מארקיש, פון פעפער, פון קוויטקאָ... נו, — איז דאָרט באַטש מיט איין וואָרט דערמאָנט, וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט די דאָזיקע

פּאָעטן? אפילו נישט, ווען זיי זענען „געשטאָרבן״, שוין נישט רעדנדיק וועגן דערמאָנען, אז מען האָט דאָך זיי דערמאָרדעט!... און דאָס זענען נומערן פון דער צייטונג פון יוני־יולי היינטיקס יאָר, — מער ווי דריי יאָר זינט סטאַלין איז געשטאָרבן, און פונקט פיר יאָר נאָכדעם ווי דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן. הערשט דעריבער אין דער גאַנצער יידישער וועלט א צער געמישט מיט צאָרן. מען דערוואַרט, אז די עוולות זאָלן פאַרריכט ווערן נישט דורך „פּריווילעגירטע שפּייז־קופּאָנעם״ פאַר די לעבן געבליבענע נאָר מיט א פולשטענדיקער רעהאַביליטירונג פון דער יידישער קולטור! אויב מען קען נישט לעבעדיק מאַכן די טויטע, זאָל מען כאָטש „מחיה מתים״ זיין די אותיות, די שאַפונג אין יידיש, פאַר וועלכער זיי זענען אוועק פון דער וועלט״...

פאַרשטייט זיך, איך גיב דאָ נאָר דעם תמצית פון מיין רעדע, וואָס האָט געדויערט א קנאַפּע שעה און אויפגעטרייסלט מיך און — ווי איך האָב באַמערקט — אויך די, צו וועלכע איך האָב גערעדט...

דעם פּאָרזיץ נעמט איבער דער דיכטער אהרן ווערגעלעס. ער איז דער יינגסטער, אָבער שוין אויפן ערשטן בליק זע איך, אז ער איז דער וואָרט־זאָגער פון די הערשנדע אינסטאַנצן און ניט די אייניקע „שברי כלים״ מיט מער באוווּסטע נעמען וואָס זיצן צוזאַמען מיט אונדז.

אגב, אויף מיינער א פראַגע באַקום איך א תשובה, אז ער, ווערגעלעס, איז דער איינציקער פון די אָנוועזנדע, וואָס האָט אויסגעמיטן תפיסה און קאָנצענטראַציע לאַגער אין די פּאָגראָם יאָרן פון סטאַלינען. ער האָט דאָס דערקלערט מיטן פאַקט וואָס ער איז געוועזן דאַן אין בירא־בידזשאַן און דאָרטן זענען קיין רעפּרעסיעס נישט פאָרגעקומען.

במשך פון מיין רעדע, ווען איך האָב באַנוצט זייער שאַרפע אויסדרוקן אין באַצוג צו די הערשער פון ראַטן־פאַרבאַנד און צו דער יידישער טראַגעדיע דאָרט, — האָט מיך ווערגעלעס פּרובירט, כאָטש אויף א דעליקאַטן אופן, — אָפּשטעלן. נאָר אלץ אין מיר האָט אַזוי געציטערט און געשטורעמט, אז איך האָב פשוט נישט געפאָלגט...

ווען אָבער איך האָב געענדיקט זאָגט ווערגעלעס: „און איצט וועל איך אייך איבערצייגן ווי נישט גערעכט איר זענט געווען צו די היינטיקע פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד, באַשולדיקנדיק זיי אין עקסטערמינאַציע פּאָליטיק בנוגע צו דער יידישער קולטור. פאַרשטייט זיך, מען האָט געמאַכט „פעלערן בעת דער עפּאָכע פון פּערזאָנען־קולט״, — אָבער זיי וועלן איצטער אָפּגעווישט ווערן. איר קענט זיך נעמען צו אייער נאָטיץ־ביכל און פאַרשרייבן וואָס איך וועל אייך אָפיציעל מיטטיילן:

„דער פרעזידיום פון רוסישן שרייבער־פארבאנד האָט באשלאָסן אָנ־צונעמען אלע רעקאָמענדאציעס וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן פון דער ספּע־ציעלער קאָמיסיע אויף אויפצולעבן די יידישע ליטעראטור אין ראטן־פארבאנד. צווישן זיי זענען די וויכטיקסטע:

1. אין די נאָענטסטע וואָכן וועט ארויסגעגעבן ווערן אויף יידיש א זאמל־בוך (אלמאנאך) פון די ווערק פון יידישע שרייבער. ער וועט אנטהאלטן 12 דרוק־בויגן. אזעלכע זאמל־ביכער זאָלן ארויסגעגעבן ווערן פּעריאָדיש, יעדער 2 חדשים. אזא אלמאנאך וועט אויך דערשיינען אין קיעוו.

2. די רעדאקציע פון „אלמאנאך" וועט אויך ארויסגעבן א קליינע מאסן־ביבליאָטעק פון די ווערק פון יידישע שרייבער.

3. עס פּלאנירט זיך ווידער עפענען דעם פארלאג „עמעס" און אין דער ערשטער רייע פּובליקירן דאָרט א יידישע ליטערארישע צייטונג.

4. מיר פּלאנירן צוזאמענצורופן א קאָנפערענץ פון אלע שרייבער אויף יידיש אין ראטן־פארבאנד.

דער „אלמאנאך" וועט פּובליקירט ווערן נאָך אין לויפנדן יאָר. די אלע איבעריקע פּראָיעקטן דארפן פארווירקלעכט ווערן אין משך פון קינפטיקן 1957 יאָר".

⋆ ⋆
⋆

איך מוז מודה זיין, אז דער דאָזיקער „מאניפעסט" וועגן אויפלעבן יידיש האָט אויף מיר געמאכט א שטארקן איינדרוק, כאָטש אלס קענער פון רוסישן לעבן, האָב איך געמעגט וויסן אז נישט אלע „מאניפעסטן" אין פארלויף פון דער געשיכטע זענען טאקע דורכגעפירט געוואָרן...

איך פרעג ווערגעליסן: און ווו וועט איר נעמען יידישע שריפט פאר אָט די אלע שיינע פּראָיעקטן?"

ענטפערט ער: דער דירעקטאָר פון דער רעגירונגס־צייטונג „איזוועסטיא" סטראָנגין (א ייד) האָט נישט פארניכטעט דעם זאץ פון „עמעס", וועלכן מען האָט דער דרוקעריי איבערגעגעבן נאָך דער קאָנפיסקאציע פון דער צייטונג. האָבן מיר גענוג דרוק־אותיות אויף צו זעצן".

אין ווייטערדיקן פארלויף פון צוזאמענקונפט דערוויס איך זיך, אז די ערשטע געלט־מיטלען אויף דרוקן יידישע ליטעראטור וועט געבן דער אלרוסישער שרייבער־פאראיין פון זיינע פארדינסטן. אז די רוסישע שרייבער ווייזן ארויס

אַן אומגעהויערן אינטערעס אין וועלן פאַררוכטן כאָטש א טייל פון חורבן וואָס יידיש האָט געליטן. זענען דאָך די דערמאָרדעטע שרייבערס געווען מערסטנטיילס נאָענט באַפריינדעט מיט די היינטיקע פירער פון דער רוסישער ליטעראַטור. זאָל דאָס זיין דער אייביקער זעלבסט־באַשולדיקונג קאָמפּלעקס אין דער רוסישער נשמה, — די דאָסטאָיעווסקי־שטריכן, וואָס שטויסן זיי כאָטש עפּעס גוט־מאַכן דאָרטן, ווו לעבעדיק־מאַכן איז אוממעגלעך?...

אַט, צום ביישפּיל, דערציילט מיר האַלקין: „אין א פּאָר חדשים ארום ווערט 50 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט פון נסתר. האָבן מיר געשאַפן א קאָמיסיע פון 4 חברים: האַלקין, שטערנבערג, ווערגעליס און אויסלענדער, — כדי מיט עפּעס דעם יובילײ צו פּאַראייביקן.

„מיר האָבן וועגן דעם אָנגעשריבן א בריוועלע צום דירעקטאָר פון שרייבער פאַרבאַנד א. סורקאָוו. אָבער ער האָט זאָפאָרט געענטפערט דורכן טעלעפאָן: „גוט, מיר וועלן באַשטימען די נויטיקע קרעדיטן דערצו און אַזשאַיעוו (א באַרימטער דיכטער) וועט זיך מיט דעם פאַרנעמען.

„אַט שיקט דער פאַרבאַנד שטערנבערגן מיט א קולטור־מיסיע קיין רומעניע. אַט האָט מען נאָר וואָס ארויסגעגעבן אויף רוסיש א ביכל פון שרייבער דאָבין, איבערזעצט פון יידיש, — און געגעבן דעם מחבר גאַנצע פופציק טויזנט רובל.

„מיר גייען ארויסגעבן אין רוסיש מאַרקישעס ניט פּובליקירט ווערק — א ראָמאַן איבער די מלחמה־יאָרן און געטאָ: „אין טראָט פון דורות". דער זשורנאַל „אָגאָניאָק" וועט ארויסגעבן אויף רוסיש מאַרקישעס „קינדער־לידער" (אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן...) דאָס זעלבע מיט די קינדער־לידער פון ל. קוויטקאָ".

איך קוק אָן האַלקינען און ער מיך. איך פרעג, — זאָל דאָס אַלץ אמת זיין? ספּעציעל בנוגע צו יידיש?

ענטפערט ער נאָך א קורצן ישוב־הדעת: „ווייזט אויס עפּעס האָט זיך יאָ ערנסט געריררט. כאָטש מיר האָבן נאָך א סך קעגנער אין די העכסטע ספערן, — אָבער מיר האָבן אויך פיל אָנהענגער".

(מיין שפּעטערדיקער געשפּרעך מיט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש האָט מיך טאַקע איבערצייגט, אז די קעגנער דאַרף מען זוכן צווישן די יידן, ווי ער, — קאַגאַנאָוויטש, — און ערענבורג, ווי צווישן די עכטע רוסן. יענע אַלטע געשיכטע...)

האַלקין פרעגט מיך, וואָס מאַכט זיין בן־עיר ס. דינגאָל. שטערנבערג אינטערעסירט זיך מיט זיין לאַנדסמאַן דר. ש. ביקל. נאָך מיט א יאָר צוריק וואָלטן אַזעלכע פראַגן וועגן אַמעריקאַנער באַקאַנטע גאַרנישט געקענט געשטעלט ווערן, אָבער מיט א יאָר צוריק אָדער מער זענען דאָך סיי האַלקין, סיי שטערנבערג

געוועזן אין א ווייטן צפונדיקן קאַטאָרגע־לאגער, פון וועלכן זיי זענען ביידע ארויס גאָר־שטארק געניזוקטע...

די צופעליקע באַגעגעניש איז באלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסער פרייד. שטעלט אייך פאָר פריינט זענען יאָרן געזעסן אין איין לאגער און גאָרניט געוווּסט איינער פון צווייטן... און אין א געפּרווירענעם וואַש־צימער פון קאַטאָרגע האָבן זיך „צעוואַרעמט" א גרויסער פּאָעט און א גרויסער דראַמאַטורג...

קיינער פון זיי האָט נאָך דאַן ניט געוווּסט, אַז ערגעץ ווו פון די זעלבע קאַזעמאַטן זענען שוין ארויסגענומען געוואָרן אויף עקזעקוציע בערגעלסאָן און מאַרקיש, פעפער און קוויטקאָ.

באַרימטער סאָוועטישער שרייבער
וואָס שלאָגט זיך „על חטא״

איך האָב פּרובירט איינלאַדן איינעם אָדער צוויי פון די שרייבער צו מיר אין האָטעל אויף מיטיק. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט... איך האָב געבעטן פּרוי מאַרקיש זי זאָל מיך באַקענען מיט אירע זין, וועלכע זי האָט אַזוי געלויבט אַלס גערעטענע אין טאַטן. האָט זי מיר צוגעזאָגט. אָבער שפּעטער האָט זי טעלעפאָנירט אין מיין האָטעל, אַז ליידער זענען זיי באַשעפטיקט און מיר קאָנען זיך ניט באַגעגענען.

נאָכדעם האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער „שרייבער-פאַריין" איז גרייט צו מאַכן אַן אויפנאַמע פאַר מיר צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר שריפטשטעלער, וועלכע איך האָב נאָך ניט געזען. מען האָט מיר אויך פון דער זייט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז נישט גוט, דאָס איך זאָל זוכן באַגעגענישן מיט איינצלנע שרייבער: אַלע צוזאַמען קאָנען זיי מיט מיר זיין, אָבער יעדער באַזונדער — ניט... זאָל איך פרעגן קשיות און זיך פאַררופן אויף די נייע ווינטן, אויף „געענדערטע אומשטענדן" נאָך סטאַלינס טויט?... איך האָב זיך בעסער נישט געוואָלט מאַכן נאַריש.

און איך האָב טאַקע באַקומען אַן איינלאַדונג אויף אַ גלעזל טיי דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון „שרייבער פאַריין". דאָס מאָל האָב איך געבעטן אַ דערלויבעניש צו ברענגען מיט מיר נאָך אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, אַזעלכן וועלכער קען פאָטאָגראַפירן. אַלזאָ מען האָט מיר דערלויבט. און איך האָב גענומען מיט זיך מיין שכן אין האָטעל, — דעם באַרימטן קאָרעספּאָנדענט פון „ניו יאָרק טיימס" אין מאָסקווע זשאַק ריימאָנד. ער איז אַ ייד און פאַרשטייט אויך יידיש. זאָל ער אויך זאָגן זיין מיינונג וועגן נייעם קורס בנוגע יידיש.

און די אויפנאַמע איז פאָרגעקומען אין אַ ווינקל פון גרויסן זאַל אין פאַראַדנעם פליגל פון דער נייער געביידע. דאָ איז אַמאָל געווען אַ מאַסאָנען-לאָזשע מיטן גאַנצן פּראַכט פון מעבל און איינריכטונג.

האַלקין איז דאָסמאָל נישט געקומען. מען האָט געשיקט נאָך אים אַ ספּעציעלן אויטאָמאָביל אין וויטן פּלאַץ ווו ער דערהאַלט זיך, אָבער דער אויטאָ איז געקומען אַ ליידיקער צוריק און דער שאָפער האָט דערקלערט: „ער קען זיך פון בעט נישט אויפהויבן"... און דאָס איז געווים געווען אמת.

דערפֿאַר זענען געקומען אויסער די שוין פֿריער אויסגערעכנטע דער דיכטער גאָנטאַר, די דיכטערין רחל בוימוואָל און דער שרייבער יוסף אוילבירט.

עס איז אויך געקומען דער באַרימטער רוסישער קינדער־שרייבער סערגיי מיכאַלקאָוו און אויסער אים יורי מעדוויעדיעוו און סעמיאָן קאָרסונקאָוו. די דאָזיקע — אָפֿיציעל, כדי די אַמעריקאַנער געסט זאָלן פֿילן אַז די אויפֿנאַמע פֿאַר זיי איז אַראַנזשירט דורכן גאַנצן „שרייבער פֿאַראיין" און נישט נאָר דורך דער גרופּע יידן.

איך מוז אייך זאָגן, אַז פֿון דער באַגעגעניש מיט סערגיי מיכאַלקאָוו האָב איך עפּעס געלערנט, ווייל ער האָט מיך שפּעטער גענומען צו זיך אין דער היים און מיר האָבן פֿאַרבראַכט דאָרט אין אַן אינטימער אַטמאָספֿערע.

נאָכדעם ווי די רוסן האָבן אונדז האַרציק באַגריסט, האָבן זיי פֿאַרלאָזן די „מסיבה" און מיר האָבן ווידער געשמועסט אין יידיש. עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו הערן דעם פֿאָלקסטימלעכן יידיש פֿון „טיימס"־מענטש זשאַק רייטאַנד. דאָסמאָל, צווישן איין גלעזל ווין און דעם צווייטן, האָט ער געשטעלט די פֿראַגעס, און איינע פֿון זיי איז געווען אַ קיצלדיקע: „זאָגט מיר, — פֿרעגט ער ווערגעליס, — פֿאַרוואָס איז נאָך ביז איצט נישטאָ קיין אָפֿיציעלע דער־קלערונג פֿון דער רעגירונג און פֿון שרייבער פֿאַראיין, ווער איז געטויט געוואָרן? איר רעדט אַלץ וועגן „געשטאָרבענע". איך און מיינע קאָלעגן באַמיען זיך אַ תשובה אין אויסערן־מיניסטעריום, וועלכע זאָל באַשטעטיקן די עקזעקוציעס, ווי זיי זענען געווען געבראַכט אין דער „פֿאָלקס־שטימע", אָבער איצט איז צייט איר זאָלט מיר דאָ אָנרופֿן די נעמען פֿון די, וועלכע זענען געשאָסן געוואָרן. ווער זענען זיי?

ווערגעליס פֿילט זיך אומהיימלעך. ער ווייס וואָס די „טיימס" איז, אָבער קיין תשובה גיט ער אַלץ נישט.

דערהערט זיך פּלוצלינג די צאַרטע שטימע פֿון דער דיכטערין רחל בוימוואָל: „פֿאַרוואָס זאָלן מיר שווייגן, נישט זאָגן? פֿאַרשרייבט, ביטע אַמעריקאַנער קאָלעגע: פֿעפֿער, בערגעלסאָן, מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפֿשטיין, דער אַרטיסט זוסקינד... און פֿריער כאַריק, קולבאַק, מיכאָעלס"...

איר שטימע ברעכט זיך איין, אָבער ס'איז טויט־שטיל אין אומהיימלעכן זאַל. און אין דער שטילקייט קלינגט ווי אַ גלאָק דער „יזכור", אַרויסגעזאָגט מיט דער איידעלער שטימע פֿון אַ גרויסער יידיש־רוסישער דיכטערין.

זשאַק רייטאַנד שטאַמלט אַרויס: „יאָ, עס איז צום ערשטן מאָל, ווי איך הער דאָס אָפֿיציעל. איך האָב שוין געגוג געהאַט דעם „שקר" פֿון „געשטאָרבן"...

מיר צעגייען זיך אין טונקעלן פֿאַרנאַכט.

עס ווארט אויף מיר דער דיכטער מיכאלקאָוו, וועלכער וויל איך זאָל אים באזוכן אין זיין דירה, פּונקט אנטקעגנאיבער דער געביידע פון „שרייבער פאַראיין״.

זשאק ריימאָנד איילט זיך צום טעלעגראַף מיט זיין באריכט וועגן דער באגעגעניש.

★ ★
★

סערגיי וואלדימיראָוויטש מיכאלקאָוו איז איינער פון די פירנדע און גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער פון היינטיקער צייט. ווען איך האָב אים, ווען מיר זענען געווען אויפן וועג צו זיין היים, געפרעגט וויפל עקזעמפּלארן פון זיינע ביכער זענען פארקויפט געוואָרן אין רוסלאנד, האָט ער מיט א באשיידענעם שמייכל געענטפערט: „זיבן־און־צוואנציק מיליאָן״... האָב איך דאָך ניט געגלויבט מיינע אויערן, האָט ער ווידערהאָלט: „27 מיליאָן״.

שפּעטער האָב איך פארשטאנען: מיכאלקאָוו איז א שרייבער פאר קינדער און איז פארערעכנט אלס דער מאָדערנער פאבל־קעניג קרילאָוו. זיינע ביכלעך זענען קליינע און אילוסטרירטע און אין יעדער הויז פארלאנגען די קינדער צו איינוקע קאָפּיעס פון זיינע „באסניעס״.

זיין סטיל איז בייסיק: זיין „לייב״ דערקענען אלע אלס דעם מעכטיקן פּארטיי־פירער; זיין „פוקס״ איז דער אייביקער כיטרער „לעקער״ פון די שטארקע און מאכט־האָבנדע; זיינע „האָזן״, — דאָס אָרימע פאָלק — האלטן אין איין ציטערן, לויפן, זיך פארענטפערן; זיינע אָנגעבלאָזענע „פאַוועס״, זיינע פארגיפ־טעטע „שלאנגען״ דערקענען סיי די קינדער און סיי די גרויסע. דערפון נעמט זיך זיין פּאָפּולאריטעט און אויך זיין רייכטום: מיכאלקאָוו באקומט „ראָיאלטיס״ וועלכע ווערן פארוואנדלט אין אויטאָמאָבילן, ווילעס, בילדער־גאלעריע, גאָלד און איידל־שטיינער, ווי אויך מזומן געלט אין באנק.

און איך פיל אַז דאָס אַלץ קומט אים. עס איז א רעזולטאט פון טאלאנט און ארבעט. ניט קיין סך אזעלכע זענען פאראן אין ראטן פארבאנד, אָבער דער אויבערשטער שיכט, וואָס פארמאָגט דאָס, — די שרייבער, אקטיאָרן, מאָלער, געלערנטע, דערפינדער, באלעט־טענצערינס, פאבריק־פארוואלטערס און צאָלרייכע מיליטערישע קאָמאנדירן, — לעבן זיך אויס אין באדינגונגען, וועלכע זענען אָפּטמאָל העכער און בעסער ווי די זעלבע שיכטן אין מערב־אייראָפּע און אמעריקע. זיי פארקערן מערסטנטיילס צווישן זיך. זיי טוען אויך שידוכים אין דער אייגענער ספערע. זשוקאָוו און בולגאנין און וואָראשילאָוו, למשל, זענען מחותנים...

און ס׳וואקסן אויך קינדער פון אָט די רייכע הייזער, קינדער דערצויגן דורך ענגליש־פראנצויזישע גוווערנאַנטקעס, אין לוקסוס־ווילעס ביים שווארצן ים;

קינדער, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין צעבאַלעוועטע „מאַמעס־זינדלעך״, פאַר וועלכע די הייליקייט פון קאַמף, וועלכן זייערע טאַטעס, — די אַלטע באָלשעוויקעס, — האָבן געפירט (איך מיין די יעניקע, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן נאָך סטאַלינס רייניקונגען...) איז אויסגערויכערטער ראָמאַנטיזם... אויך זיי שאַנעוועט ניט מיכאַלקאָוו, און ניט נאָר ער אַליין, נאָר די גאַנצע פּלעיאַדע הומאָריסטן און קאַריקאַטוריסטן, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם סאַטירישן זשורנאַל „קראָקאָדיל״, וועמענס בעסטע צייכנונגען, — שטאַרק פאַרגרעסערט, — זענען אויסגעהאַנגען אין די שויפענסטער פון מאָסקוועס בוך־געשעפטן און פאַרשאַפן נחת און געלעכטער די פאָלקס־מאַסן, וואָס קוקן זיי אָן און מאַכן דערביי שטעכיקע באַמערקונגען אויפן חשבון פון דער פאַרהאַסטער „נייער אַריסטאָקראַטיע״.

בעת סטאַלינס הערשאַפט האָט מען דאָס ניט דערלויבט, און איך וויל דעריבער רעגיסטרירן די דאָזיקע ענדערונג צום בעסערן.

מיכאַלקאָוו פירט מיך אַרויף אויפן 7־טן שטאָק פון דער מאָדערנער הויז, אין וועלכער ער וווינט. ניין, אין דעם הויז וווינען שוין ניט פינף פאַמיליעס אין פינף צימערן, מיט איין קיך און „טואַלעט״ פאַר אַלע. דאָ וווינט נאָר איין פאַמיליע מיט גאַנצע צוויי „טואַלעטן״ צו איר דיספּאָזיציע.

איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט פאַרוואָס דער באַרימטער שרייבער האָט אַזוי געוואָלט מיך האָבן אין זיין דירה. דאָס איז אַ ניט געוויינלעכע דערשיינונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; דער מאָסקווער רב, צום ביישפּיל, האָט קיינמאָל ניט איינגעלאַדן די רבנים־דעלעגאַציעס צו זיך אין הויז אויף „קידוש״... דער קיעווער ראש־הקהל האָט זיך אַפילו פאַר מיר פאַרענטפערט וואָס ער קאָן מיך ניט נעמען צו זיך אין דער היים, ווייל: „איר פאַרשטייט דאָך אַליין״... די יידישע שרייבער, ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריקן קאַפּיטל, האָבן מיר נאָר איינגעלאַדן צוזאַמען; קיינער באַזונדער האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן... (סיידן איך בין צו איייניקע געקומען אָן אַן איינלאַדונג, ווי איך וועל דערציילן שפּעטער).

און דאָ נעמט מיך אויף „קידוש״ („קאָקטעיל״ בלע״ז) אַ באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער. און אָט בין איך אין אַ דירה פון 6־7־ צימערן, מעבלירט לויטן אַלטן רוסישן אַדל־געשמאַק: אַנטיק בופעטן, שרייב־טישן מיט פיל שופלאָדן, ווייכע קאַנאַפּעס און ווערטפולע פּערסישע דיוואַנעס. און בילדער אויף די ווענט, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג, די בילדער זענען פון זיין זיידן, — איינער פון די גרעסטע רוסישע מאָלערס פון פאָריקן יאָרהונדערט, אַ. סוריקאָוו. ס׳שיינען אַראָפּ פון די ווענט די מאַסיווע פיגורן פון איוואַן גראָזנים „באָיאַרעס״, געוווּנער באַדעקט מיט צאַרטע פרילינג־לילאַקס (פויגל־מילך), דער „רויטער פּלאַץ״ מיטן קרעמל אין די צייטן פון די ערשטע צאַרן. דער פאַקט, וואָס אַזעלכע קונסט־אוצרות זענען דערלויבט צו זיין אין פּריוואַטער שטוב און ניט אין מוזעאום, זאָגט עפּעס וועגן דער פּריווילעגירטער לאַגע פון זייער באַזיצער.

מיכאלקאָוו נעמט מיך אריין אין זיין שרייב־צימער. מיר זעצן זיך אין טיף־ווייכע פאָטעלן און זופּנדיק א שמעקעדיק געמיש פון קאָניאַק און וואָדקאַ, רעדט ער צו מיר מיט זיין אביסל פארהיקעוועטער, הארציקער שטימע:

„איר האָט פריער בעת דער זיצונג מיט די שרייבער און אין אָנוועזנהייט פון דעם „ניו־יאָרק טאַימס" קאָרעספּאָנדענט גערעדט שארף און מיט פייער וועגן דער פארניכטונג פון דער יידישער קולטור און יידישע שרייבער. איר האָט דאָך אפילו אָנגערופן מיטן נאָמען „פּאָגראָם", א וואָרט, וואָס מיר האָבן ניט ליב אין ראטן־פארבאנד, ווייל עס דערמאָנט אונדז צופיל פון אנדערע, פון צארישע צייטן. איך האָב אפילו געמיינט, אז פאר א גאסט, ווי איר זענט ביי אונדז געווען, איז אייער ארויסטרעטונג אויסגעפאלן צו שארף. אָבער מיר האָבן פארשטאנען, ווייניקסטנס איך האָב פארשטאנען, די געפילן, וואָס האָבן אייך דערבראכט צו אזא אויפרעגונג. איר האָט געפרעגט: „און ווו זענען געווען די גרויסע רוסישע שרייבער, די פאראנטוואָרטלעכע פאר דער קולטור און מאָראל פון פאָלק, ווען מען האָט פארניכטעט זייערע קאָלעגן, זייערע חברים?" איר האָט קיין תשובה ניט באקומען... איך ווייס, איר קענט דעם אינהאלט פון כרושטשאָווס בארימטער רעדע אויפן צוואנציקסטן פּארטיי־קאָנגרעס. אויך אים האָט מען געפרעגט: „און ווו זענט איר געווען ווען מען האָט געמאָרדעט די מיטגלידער פון די קאָמוניסטישע צענטראל־קאָמיטעטן, די גענעראלן, די אלטע לעניניסטן?" און ער האָט דאָס דערקלערט מיט מורא און טעראָר, וואָס האָבן דאַן געהערשט... אז דאָס איז ניט קיין בארעכטיקונג, פארשטייען מיר ביידע.

„וועל איך אייך איצט ענטפערן: מיר אלע האָבן געזינדיקט! און ניט נאָר געזינדיקט מיט שווייגן, נאָר געזינדיקט מיט צופיל לויבן. מיר אלע האָבן דאָך אליין אויפגעבויט דעם פּערזענלעכן קולט. איר ווייסט מסתם (איך האָב דאָס טאקע ניט געוווּסט — ח. ש.), דאָס איך בין דער מחבר פון סאָוועטישן נאציאָ־נאלן הימן. נו, האָב איך דאָך אויך דאָרט געזינדיקט מיט ניט אויסמיידן סטאלינס נאָמען... איך בין באלוינט געוואָרן מיט מעדאלן, מיט געלט, מיט פיל כבוד, אָבער דאָס ווערימל פון געוויסן בויערט אלץ טיפער און טיפער, ווי שטענדיק ביי רוסישע מענטשן".

מיכאלקאָוו נעמט ארויס א בוך פון אָפענעם שראנק. ער בלעטערט אויף און ווייזט מיר זיינע איבערזעצונגען פון ל. קוויטקאָס קינדער־לידער.

„איר ווייסט, איך בין ניט קיין ייד און פארשטיי ניט קיין יידיש, האָב איך מיר געהייסן איבערזעצן קוויטקאָן אין רוסישער פּראָזע און איך האָב דאָס איבערגעדיכטעט. אלע קינדער אין גאנץ רוסלאנד דעקלאמירן און זינגען איצט אזעלכע לידער, ווי „טאָווארישטש וואָראָשילאָוו, פאָלקס קאָמיסאר". אָט וועט איר באלד עפּעס זען". מיכאלקאָוו רופט אריין פון צווייטן צימער א קליין מיידעלע, זיין פּלימעניצע, וואָס איז גראָד צו־גאסט אין שטוב, זי איז פינף

יאָר אלט, מיט רויטע בעקעלעך, בלאָנדע צעפּעלעך און בלויע אויגעלעך. זי גיט מיר איר הענטעלע און מיכאַלקאָוו בעט איר, זי זאָל מיר דערציילן די מעשה וועגן דעם קעצעלע, וואָס וויל ניט כאַפּן קיין מייזעלעך.

קאַטיעלע, דאָס מיידעלע, שטעלט זיך אוועק אין א פּאָזע פון אן אקטריסע און סקאַנדירט מוזיקאַליש:

„סליכאלי ווי פּראָ קיסאנקו,
פּראָ מילויו מאָיו״.

א. אז. וו.

א ליד וועגן א קעצעלע קיסאנקא, וואָס וויל ניט כאַפּן מייזעלעך, דאָס איז קוויטקאָס ליד, וועלכן ס׳זינגען אלע קינדער אין רוסלאנד.

„די מאמע האָט דאָס קעצעלע
פאר מייזעלעך געבראכט.
שפּילט זיך דאָס א גאנצן טאָג
און שלאָפט זיך גאָר ביינאכט...״

און אלע קינדער אין סאָוועט־רוסלאנד זינגען קוויטקאָס בריוועלע צו וואָראָשילאָוון פון יינגעלע וואָס וויל שנעלער וואקסן און פארנעמען זיין פּלאַץ אין דער ארמיי, אַנשטאָט זיין געהרגעט ברודער...

אָבער קיינער ווייסט ניט, אז דעמזעלבן קוויטקאָן האָט מען געשאָסן אלס פאררעטער פון סאָוועטן־פארבאנד...

מיכאַלקאָוו ציט דעם שארפן געטראנק דורכן שטרוי און פּאַרהיקעט זיך אלץ מערער: „אָבער איך ווייס דאָך יאָ, וואָס קוויטקאָ איז געווען פאר אונדזער מוטערלאנד („ראָדינו״) און פאר אונדזער פּאָעזיע. מיר זענען געוועזן אזוי פּערזענלעך נאָענט!

„אין אָקטאָבער, 1948, בין איך געווען אונטערפירער אויף דער חתונה פון קוויטקאָס טאָכטער. זי האָט חתונה געהאט מיטן זון פון בארימטן רוסישן מאָלער סערגיי געראסימאָוו. צווישן די געסט איז געווען דער בלום פון דער רוסישער ליטעראטור און קונסט. מען האָט געטרונקען און טומלדיק געטאנצט. איך האָב קוויטקאָן אָפּגעפירט אהיים. און דאָרטן האָט מען שוין אויף אים געוואַרט... פון דעמאָלט אָן איז ער פארשוווּנדן געוואָרן. מען האָט אָפּגעקלאַפּט מיינע טירן מיר זאָלן אים געפינען, מיר זאָלן כאָטש מיט עפּעס העלפן. האָבן מיר דאָך אלע געוווּסט, אז ער איז אומשולדיק. נו, קיינער האָט מיט א פינגער אפילו ניט גערירט. אלע, אלע זענען פארפרוירן געוואָרן, פּאַראַליזירט געוואָרן אין יענע שרעקלעכע טעג פון „פּערזענלעכן קולט״.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין די שאַרפֿע שטריכן פֿון דאָזיקן גרויסן שרייבער און פּלוצלינג הינטער זיי דערזען גאָר א העלד פֿון דאָסטאָיעווסקין, וועלכער שמייסט זיך אליין, וועלכער פּייניקט זיך מיטן קראַנקן געווייסן... יענע אָבער האָבן דאָס געטאָן מיט מער אָפֿנקייט, אָנגערופֿן די אומאָנגענעמסטע זאכן מיט זייערע ריכטיקע נעמען, אָבער מיכאלקאָוו איז נאָך איצטער איינגעהאַלטן; אפילו סטאַלין, דער מערדער פֿון זיין אינטימן פֿריינט, ווערט ניט דערמאָנט דירעקט.

מיכאלקאָוו גייט איבער צו באַווייִנען א צווייטן פֿריינט, — איציק פֿעפֿער. ער ציטירט מיר אין רוסיש פֿעפֿערס באַרימטן „לעק־הימן" צו סטאַלינען:

„זאָג איך סטאַלין, מיין איך מאַי,
מיין איך טעג, וואָס זשנען ניי.
אלע וועגן זענען אָפֿן,
אלע מענטשן זענען פֿריי..."

שריי איך שוין פּשוט אויס: „אָבער טייערער סערגיי וואָלדימיראָוויטש: דאָס איז דאָך שטענדיק געווען א ליגן! מאַי איז טאַקע געווען, אָבער פֿריי איז דאָך קיינער ניט געווען, קיינמאָל ניט, אויך איצטער ניט..."

זאָגט מיכאלקאָוו: „אלע האָבן מיר איבערגעכאַפּט די מאָס, אלע געזינדיקט! איך פּרוביר זיך באַהאַלטן הינטער מיין וועלט פֿון חיות און מיט זייער שפּראַך זאָג איך דעם פֿאָלק דעם אמת. טו איך דאָך מיין פֿליכט..."

ער נעמט ארויס דריי ביכער מיט זיינע „באַסניעס" און גיט דאָס מיר א מתנה מיט א געהעריקן אויפֿשריפֿט. ער בעט, איך זאָל אים דערציילן וועגן מיינע איינדרוקן פֿון דזשאַנגל. ספּעציעל אינטערעסירט אים די מעשה, וואָס איך האָב געזען אין די גראָזן לעבן נייראָבי (מזרח־אפֿריקע), א לייב האָט געטשאַטע־וועט אויף א באַפּאַלאָ (אָקס), וואָס האָט זיך באַוויזן אויף א בערגל. ווי אזוי די זעבראַס, וואָס האָבן ארומגערינגלט דעם ווילדן אָקס, האָבן דערשמעקט די געפֿאַר פֿריער ווי דער אָקס און זענען אנטלאָפֿן, איבערלאָזנדיק אים אליין. ווי אזוי די היענעס, וואָס גייען נאָך פֿון דער וויטנס דעם לייב האָבן זיך באַהאַלטן הינטער אונדזער אויטאָ, פֿילנדיק מיטן נאַטור־אינסטינקט, אז באַלד וועט דער לייב באַפֿאַלן דעם באַפּאַלאָ און וועט איבערלאָזן גענוג נבלה פֿלייש אויך פֿאַר זיי, די היענעס...

מיכאלקאָוו איז אנטציקט מיט דער מעשה: „אָ, איך זע זיי אלעמען ארום מיר, די זעבראַס, וואָס אנטלויפֿן, איבערלאָזנדיק א חבר אין געפֿאַר און די עקלהאַפֿטע היענעס, וואָס שפּייזן זיך מיט די נבלות, וואָס דער לייב וואַרפֿט זיי צו. איך וועל פֿון דעם מאַכן א „באַסניע". א שאָד, וואָס איך בין קיינמאָל נאָך אין אפֿריקע ניט געווען און ניט געזען מיינע „העלדן" אויף דער פֿריי".

* *
*

בעת דער צווייטער זיצונג מיט די שרייבערס איז אויך געווען אַנוועזנד דער שרייבער יוסף איילבירט. אמאָל האָט ער געשריבן אויך העברעאיש אונטערן נאָמען י. זיתים. דאָס האָב איך געהערט ווי פאַרבייגייענדיק און ניט געוואָלט צופיל זיך נאָכפרעגן: א געוועזענער שרייבער אין העברעאיש איז ניט קיין גרויסער יחסן אין ראטן־פארבאנד.

איך האָב פריער אין א געוויסן פלאַץ געלעזן איילבירטס א ליד, געדרוקט אין א יידישן אלמאנאך. און דאָס איז געווען א ליבעס־דערקלערונג צו סטאַלינס מאָסקווע. „אָ, מאָסקווע, ווי גליקלעך איך בין טרעטנדיק אויף דיין ערד...״ שרייט דאָרט אוים איילבירט מיט גרוים פאַטאָס. נאָכדעם „קושט ער די ערד״ אין פערזן... נאָכדעם האָט ער זיך „דערקושט״ ביז א שיינע פאָר יאָר תפיסה אין ארבעטס־לאגער, ווי אלע יידישע שרייבער אין ראטן־פארבאנד.

און איצט זע איך אים אן אומעטיקן און דערשלאָגענעם, ווי אנדערע קאָלעגן, וואָס האָבן פאר אים און אויך נאָך איצט ענטוזיאסטיש געקושט די ערד און דעם — בייטש.

פרעג איך אים, איידער די זיצונג האָט זיך אָנגעפאַנגען: „זאָגט מיר, איילבירט: איר קוקט אוים, ווי א ייד איינגעוואָרצלט אין א קליין שטעטל צווישן די יידישע פאָלקס־מאסן, פון וואנען נעמט זיך צו אייך אזא ענטוזיאזם צו דער „אספאלט־ערד״ פון דער הויפט־שטאָט מאָסקווע? — איך האָב געוואָלט מיט דעם גלאָט אביסל א „קיבעץ״ טאָן א היימיש־אויסזעענדן מענטשן. אָבער איך האָב אָנגערירט א ווונד, אומפאָרזיכטיק און גאָרניט דעליקאט. ער קוקט מיך אָן מיט טיף־אומעטיקע אויגן און גיט א זאָג: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקו־מו...״ (משפט ניט א חבר ביז דו אליין געפינסט זיך ניט אין זיין לאגע).

אין פארגלייך מיט איילבירטס שוואכע לויב־געזאנגען, קלינגען דאָך ווי די גלאָקן פון קרעמל סיי פרץ מארקישעס פּאָעמע וועגן סטאַלינען, סיי איציק פעפערס געצנדינערישע פארליבשאפט אין טיראן.
יענע האָבן פונדעסטוועגן באקומען הויכע מיליטערישע טיטלען, דעם לענין אָרדער און אלס צוגאָב — די בלייענע קויל אין ברוסט...

איילבירט און די אנדערע האָבן באצאָלט נאָר מיט איניקע יאָר תפיסה. קום איך, — א גאסט פון דער פרעמד, אָבער א צעווייטיקטער יידישער שרייבער, — און שיט נאָך צו זאלץ אויף די וווּנדן. איך מוז זאָגן אז איך האָב מיך פארשעמט ווען איילבירט האָט ציטירט דעם מאמר חז״ל...

גערהיימער פּראָצעס פון יידישע פירער
אין מאָסקווע

ווען איך בין געווען אין רוסלאנד האָב איך זיך דורך א צופאל דערוווּסט, אז די פּראָמינענטע סאָוועטישע יידן, מיטגלידער פון אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט, וועלכע מען האָט ארעסטירט אין יאָר 1948, — זענען נישט דערמאָרדעט געוואָרן אין געהיים, ווי אלע האָבן געגלויבט. נאָר א „משפּט" איז פאָרגעקומען אַ חודש פאר זייער עקזעקוציע. די פארמשפּטע האָט מען געשאָסן דעם צוועלפטן אויגוסט, 1952. אָבער אין משך פון חודש יולי האָט א מיליטעריש געריכט אין מאָסקווע, — פארשטייט זיך, געשלאָסן פאר דער עפנטלעכקייט, — געהאלטן אויף דער באשולדיקונגס־באנק א געוויסע צאָל (איך האָב ניט געקאָנט פעסטשטעלן גענוי די צאָל) בארימטע יידן, וועלכע מען האָט פאר דעם דאָזיקן צוועק געבראכט פון זייערע לאגערן אין די ווייטע געגנטן פון סיביר אָדער פון די טונדרעס ארום דעם פּאָלאר־קרייז.

איין זאך האָב איך יאָ פעסטגעשטעלט אויף געווים: צווישן די באשולדיקטע זענען געווען די גרויסע יידישע שרייבער דוד בערגעלסאָן, פּרץ מארקיש, לייב קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, איציק פעפער, יחזקאל (כאטשע) דאָברושין, — דער געוועזענער וויצע־מיניסטער פון אויסערן (אונטער ליטווינאָוון און אונטער מאָלאָטאָוון) סאָלאָמאָן לאָזאָווסקי, דער טאלאנטפולער שוישפּילער בנימין גלוסקין און די מיטגלידערין פון דער סאָוועטישער וויסנשאפטס־אקאדעמיע לינא שטערן — א בארימטע ביאָ־כעמיסטין מיט א וועלט־נאָמען. אויסער זיי זענען אויף דער באשולדיקונגס־באנק געזעסן נאָך צוויי פרויען: די סעקרעטארין פון אנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, באוווּסט אונטערן צונאָמען „טשאיקא", — וועלכער מען האָט געהאלטן אלס איינע פון די שענסטע פרויען אין מאָסקווע, — און די רעפּאָרטערין פון דערמאָנטן קאָמיטעט, וועמעס נאָמען איך באזיץ נישט.

דער פּראָקוראָר (באשולדיקער) איז געווען דער טרויעריק־בארימטער גענעראל און אינערן מיניסטער אבאקומאָוו, סטאלין־בעריאס פארטרויאונגס־מאן, וועמען מען האָט געשאָסן נאָכדעם ווי בעריא איז ליקווידירט געוואָרן דורכן איצטיקן רעזשים.

די איינציקע לעבנס־געבליבענע פון די אלע באשולדיקטע איז די אקאדעמי־קערין לינא שטערן. ווען איך האָב באזוכט רוסלאנד איז זי געווען שטארק קראנק און געצלעך איזאָלירט, אזוי, אז קיינער וועט איר נישט קאָנען חושד

זיין, אז איך האָב זי געזען אין געהיים און פון איר באַקומען די אינפאָרמאַציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן פּראָצעס.

אָבער פאַרגעסט נישט, אַז אַ צאָל באַאַמטע פון דעמאָלטדיקן מיליטערישן געריכטס־וועזן האָבן געהאַט אַ צוטריט צום פּלאַץ ווו דער משפט איז פאָרגעקו־מען. עס זענען אויך געווען ווערכטער, נישט די ערשטע, נישט די צווייטע זענען איצט אויף זייערע פריערדיקע שטעלעס, מערסטנטייל זענען זיי אויסער מאָס־קווע און אַרבעטן אויף פאַרשיידענע געביטן. עס איז דעריבער נישט אויסגע־שלאָסן, אַז איינער פון זיי האָט יאָ גערעדט מיט מיר ערגעץ ווו אויפן־גרויסן שטח פון סאָוועטן־לאַנד, נישט זייענדיק אפילו חושד, אַז ער רעדט צו אַן אויסלענדער, אָדער אפילו צו אַ יידן, — אַ צופאַל, איר פאַרשטייט דאָך...

דאָס וואָס ער האָט מיר דערציילט, קאָן דערווייל איבערגעגעבן ווערן אין דער עפנטלעכקייט נאָר אין אַ באַגרענעצטער מאָס. די גאַנצע געשיכטע איז געהעריק פאַרשריבן געוואָרן, און וועט נישט פאַרפאַלן ווערן...

איין זאַך אָבער, איז גאַנץ זיכער: די בלוטיקע פאַרניכטונג פון די הויפּט־אָנפירער פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד, שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די שפּאַנענד־טרויעריקע זייטן פון דער אַלגעמיינער יידישער געשיכטע. אין רוס־לאַנד גופא רעדט מען נישט וועגן דעם אפילו איצט, אַזוי ווי מען רעדט נישט אָפן וועגן כרושטשאָווס געהיימער רעדע, אין וועלכער ער האָט געמאַכט זיינע באַשולדיקונגען קעגן סטאַלינס מערדערייען.

פאַר דער רוסישער שרייבער־משפחה און פאַר דעם קליינעם גרופּקעלע מענטשן, וואָס שטייען נאָענט צו די ליטעראַרישע ענינים, הייסט דאָס, אַז די „קאַריפייען פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען געשטאָרבן". ווו, ווען, ווי אַזוי, — דאָס ווערט נישט דערקלערט ווען די מיליאָנען לייענער לייענען זייערע ווערק אין רוסישער איבערזעצונג.

און אויך די יידן אין רוסלאַנד ווייסן נישט וועגן גורל פון די שרייבער. עס הייסט, אַז די שרייבער זענען „פאַרשוווּנדן" צוזאַמען מיט דער ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור.

פאַר מענטשן, וואָס זענען געוווינט צו באַדינגונגען אין דעמאָקראַטישע לענדער קאָן דאָס אַלץ זיין פּשוט נית באַגרייפלעך, אָבער — אַזוי איז דאָס!

אָבער טיף אונטער דער ערד האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגישע פאַרניכ־טונגס־געשעעניש אין פיל פאַזן און פאָרמען, פון וועלכע קיינע איז ניט געבראַכט געוואָרן צו דער עפנטלעכקייט אפילו דורכן איצטיקן רעזשים.

נאָך מער: איך באַזיץ אין מיינע הענט אַ דאָקומענט, אונטערגעשריבן פון אַן איצטיקן גענעראַל־פּראָקוראָר, אין וועלכן יענער, ענטפערנדיק אויף אַן אָנ־

פראגע פון א נאָענטער קרובה פון א „פארשווּוּנדענעם", באצייכנט די געגעבענע פּערזאָן אלס „שווערן מלוכה־פארברעכער", וועלכער פארדינט די גרעסטע שטראָף. דאָס איז געשריבן געוואָרן שוין צוויי יאָר נאָכדעם, ווי יענער איז דערשאָסן געוואָרן... איז זעלבן דאָקומענט ווערט אויך באַרעכטיקט די דעפּאָרטאציע פון דער גאנצער פאמיליע פון „ארעסטירטן" קיין סיביר, ווייל זייער טאטע איז דאָך א „בוגד קעגן דער מלוכה", אין קיין שום געזעצגעבונג אין דער וועלט איז נישטאָ אזא וואָרט ווי „סעמיזראָד" (א פארקירצונג פון די ווערטער: „פאמיליע פון א פאררעטער קעגן פאָטערלאנד"), ווו א פאָמיליע, אין דעם פאַל, — א מאמע מיט קליינע קינדער, — ווערט דעפּאָרטירט אלס צוגאָב־שטראָף פאר „זינד", אין וועלכע זיי האָבן גאָרנישט אָנטיילגענומען. און איך באטאָן: די פּערזאָן, וואָס האָט דעם דאָזיקן גרויל־דאָקומענט אונטערגעשריבן האָט נאָך אלץ די זעלבע מאכט ווי אין סטאלינס צייטן.

* *
*

... אין א הערמעטיש־געשלאָסענער אָפּטיילונג פון מיליטער־געריכט אין מאָסקווע זענען אויף דער באשולדיקונגס־באנק געזעסן בערגעלסאָן, מארקיש, קוויטקאָ, פעפער, האָפשטיין, דאָברושין, לאָזאָווסקי, גלוסקין, לינא שטערן און די צוויי סעקרעטארינס.

דער נסתר, וועלכער האָט אויך באלאנגט צום זעלבן פּראָצעס איז פריער געשטאָרבן אין טורמע.

אלעמענס קעפּ זענען געווען אָפּגעהאַקט. לאָזאָווסקי האָט אָנשטאָט זיין בערדל געהאט אן אויסגעקרימטע, צעבראָכענע גאָמבע. אויף די קעפּ פון מארקיש, פעפער און קוויטקאָ זענען נאָך געווען לעכער פון די קוים פארהיילטע ווונדן, — א רעזולטאט פון פייניקונגען. בערגעלסאָן איז מערסטנטיילס געלעגן אויף צוויי שטולן, — אן אלטער צעבראָכענער שארבן פון זיבעציק יאָר. דאָברושין (אַמאָל א הינקענדיקער) האָט זיך געשלעפּט אויף קוליעס.

מער ווי צוואנציק טעג האָט אויף זיי געהאַגלט מיט באשולדיקונגען, און דאָס זענען א טייל פון זיי:

1) אז זיי האָבן באשולדיקט די קאָמוניסטישע פּארטיי אין אנטיסעמיטיזם;

2) קאָנטאקט מיט יידן אין אויסלאנד;

3) זיך באמיט צו באפרייען די בונדיסטן ערליך און אלטער;

4) גוטע באציאונגען מיט ציוניסטן און אנדערע „פאשיסטן" בעת די דעלעגאציע פעפער־מיכאָעלס האָט געווילט אין אמעריקע.

מען האָט פאַרגעלעזן דאָס „מודה״ זיין זיך פון אייניקע פון זיי, אָבער מאַרקיש און לאַזאָווסקי האָבן הויך און ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דעם אופן, ווי אַזוי מען האָט דאָס „מודה״ זיין זיך אַרויסבאַקומען. אַנדערע האָבן שוין פּשוט קיין כּוח נישט געהאַט צו רעדן, צו פּראָטעסטירן.

גענעראַל אַבאַקומאָוו האָט געזידלט מיט די געמיינסטע ווערטער, געסטראַשעט נאָך מיט אַזעלכע פּייניקונגען, פון וועלכע זיי וועלן שוין דעם „אמת״ זאָגן. ווען אַבאַקומאָוו האָט איינמאָל באַמערקט, אַז די אַקאַדעמיקערין לינאַ שטערן שמייכלט ביטולדיק אויף זיינע דראָאונגען, — האָט ער כּאַמיש צו איר אויסגעשריען: „און דו, אַלטע מויד״ וועסט נאָך אויך טייער באַצאָלן פאַר אָפּשפּאָטן פון סאָוועטישער גערעכטיקייט״.

און די קליינע עלטערע פרוי האָט זיך פּלוצלינג שטאָלץ אויפגעשטעלט פון איר פּלאַץ און איר שטים האָט אָפּגעהילכט אין זאַל:

„ווי וואַגסט דו, „פּאַדליעץ״, אַזוי באַליידיקן די איינציקע פרוי מעדיצינישע־אַקאַדעמיקערין אין ראַטן־פאַרבאַנד! עס איז אַ חרפּה, אַז אַזאַ פאַרשוין ווי דו זאָלסט זיין מיניסטער און טראָגן אַ גענעראַל־מונדיר...״ מען האָט זי צוגענומען צוריק אין תּפיסה, אָבער, ווייזט אויס, אַז מען האָט איר גאָרנישט געטאָן דאָרט, ווייל ביזן סוף פון פּראָצעס האָט זי זיך געהאַלטן מיט גרויס חשיבות און מען האָט זי מער נישט באַליידיקט. אַגבֿ, ווי דערמאָנט, איז זי געווען די איינציקע, וואָס איז אַרויס לעבעדיק פון דעם דאָזיקן „משפּט״.

ווען מען האָט געוואָרפן די באַשולדיקונגען פון פאַרראַט, פון קאָנספּיראַציע מיטן שונא, — אין פּנים פון מאַרקישן און לאַזאָווסקין, — האָבן זיי נישט אויפגעהערט שרייען: „ליגנער, ליגן!״

און דאָ קום איך צו אַ קיצלדיקן פּונקט, ווען איך האָב באַשלאָסן נישט אָנרופן ביים נאָמען אַ געוויסע פּערזאָן צווישן די באַשולדיקטע, וואָס האָט, ווייזט אויס, ניט געקאָנט ביישטיין די יסורים און זיך געשטעלט אַלס „רעגירונגס־עדות״ קעגן זיינע קאָלעגן. אויך די דאָזיקע פּערזאָן איז פאַרמשפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. אָבער ער האָט איבערגעלאָזן אַ משפּחה — פיינע, ליידנדע מענטשן, וועלכע האַלטן הייליק דעם נאָמען פון זייער טאַטן. איך וויל דעריבער נישט נאָך מער פאַרגרעסערן זייע־רע ליידן דורכן שטעלן צו דעם שאַנד־סלופּ דעם הויפּט פון זייער פאַמיליע. זאָל דאָס טאָן די געשיכטע אַ דור נאָך אונדז אַלעמען...

לאַזאָווסקי האָט זיין פאַרדעטערישן קאָלעגע די גאַנצע צייט גערופן סאַרקאַסטיש: „סווידיעטעל אָבוויניעניאַ״ (עדות פון דער באַשולדיקונג). ער איז געווען דער איינציקער צו וועמען מען האָט צוגעלאָזן שפּייז־פּעקלעך. איינמאָל אינמיטן פּראָצעס, — האָט מען אים אַפילו געבראַכט אין תּפיסה אַריין אַ יום־

טובדיקן אָנצוג מיט א שיינעם קראוואט. דאָס האָט מען אים גענומען אויף „גאַסטראָלן״ אלס רעגירונגס־עדות אין אן אנדער פּראָצעס...

אָבער אין א פּאָר טעג ארום האָט מען אים צוריקגעבראכט און ווידער אָנ־געטאָן אין די טורמע־שמאַטעס.

איז ווען מען האָט דעם „עדות״ קאָנפראָנטירט מיט די אנדערע און ער האָט געטייטלט אויף זיי מיט די פינגער, באשטעטיקנדיק וואָס אבאקומאָוו זאָגט, אז: „יאָ, דו געדענקסט דען נישט, ווען מיר האָבן זיך בארעטן וועגן קאָנטאַקט מיט אויסלענדישע יידן, ווען מיר האָבן באשלאָסן מיטטיילן וועגן סאָוועטישן אנטיסעמיטיזם קיין אמעריקע, ווען מיר האָבן קריטיקירט, וואָס מען באגרענעצט יידן אין דיפּלאָמאטישן־און אָפיצירן־קאָרפּוס״? א. אז. וו. — איז יעדעס מאָל געקומען אן ענטפער פון די אנדערע באשולדיקטע: „ניין! ס׳איז א ליגן! ס׳איז קיינמאָל נישט געשען! מיר האָבן אזעלכעס נישט געטאָן״.

ווייזט אויס, אז די דאָזיקע הארטנעקיקייט פון כמעט אלע באשולדיקטע בעת דעם אויספאָרשונג־פּעריאָד מיט עינויים, וואָס האָט געדויערט פון אָקטאָ־בער 1948 ביז יוני 1952, — האָט געשטערט די „רעזשיסאָרן״ פון פּראָצעס מאכן פון אים אן עפנטלעכן ספּעקטאַקל, ווי זיי האָבן דאָס געמאכט בעת די גרויסע פּארטיי־פּראָצעסן פון די שפּעטערע דרייסיקער יאָרן. צום שבח פון דער גרופּע יידישע שרייבער דאַרף געזאָגט ווערן, אז זיי האָבן זיך געהאלטן בעסער ווי ריקאָוו, פּיאטאקאָוו, בוכארין, ראקאָווסקי, ראדעק און אלע אנדערע פריערדיקע סטאַלין־קרבנות.

און מען האָט זיי אלעמען אויסער לינא שטערן, פאַרמשפּט צום שיסן. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן דעם 12־טן אויגוסט, 1952.

עס איז מיר אויך באוווּסט, אז א פּאָר טעג פאר דער עקזעקוציע זיינען זיי אלע געזעסן אין איין תפיסה. איציק פעפער האָט יענע נעכט איבערגעלעבט שארפער ווי אלע אנדערע. ער פלעגט אין דער שטילקייט פון דער נאכט וויינען און קלאָגן, רעציטירנדיק אויף אויסווייניק קאַפּיטלעך תהלים. זיינע יללות האָבן געהאלטן אין שפּאַנונג די גאנצע תפיסה, ביז מען האָט אים נישט צוגענומען פון זיין קאַמער.

דוד בערגעלסאָן האָט אויסגערעכנט, אז אין א פּאָר טעג ארום, — דעם 12־טן אויגוסט, — איז זיין געבורטסטאָג. זאָל דאָס זיין דער טאָג? — האָט ער געהאלטן אין איין פרעגן. יאָ, ס׳איז טאקע געווען דער „טאָג״, ווען מען האָט געפּייערט די קויל אין זיין הארצן.

*　*

*

דאָס זענען טיילוויי די איינצלהייטן פון א „פּראָצעס“, וועגן וועלכן מען האָט נישט געוווּסט און ס׳איז אויף מיין טרויעריקן גורל אויסגעפאַלן דאָס צו פאַרעפנטלעכן.

ס׳איז פאַרשטייט זיך, נאָר א פראַגמענט פון דער געוואַלדיקער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין רוסלאַנד במשך פון די אַלע יאָרן פון סטאַלינס הערשאַפט.

און מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט, וואָס איצט ווערט פּלאַנירט: כרושטשעווס און בולגאַנינס אויסראָטונגען זאָגן אָן שטורמען, אָטעמען מיט שנאה... צו פריילינג איז נאָך ווייט.

ס׳איז געווען נאָך איין וויכטיקער — אפשר דער סאַמע וויכטיקסטער עדות פון דער באשולדיקונג, און זיין נאָמען איז: איליא ערענבורג. אויך ער איז געווען א מיטגליד פון אנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. אָבער ער איז פריי, רייך, פּאָפּולער, ער באזיצט א הויז, א ווילע, מיליאָנען און — רום. אָבער ער איז דאָס דער אָנערקענטער בייזער גייסט הינטער דעם „שרייבער בלבול“. זינט זיין באַרימטן בריוו אין דער „פּראַוודא“ אין סעפּטעמבער 1948, אין וועלכן ער שפּאָט פון די אַלע, וואָס מיינען אז ס׳איז פאַראַן עטוואָס געמיינזאַמעס צווישן יידן אין דער וועלט, — האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. ער, — דער „קאָסמאָפּאָליט פאַר עקסעלאַנס“, דער אינטערנאַציאָנאַלער זשוליק, וואָס בעת דעניקינס ארמיי אין יאָר 1918 איז אָפּגעטראָטן פון קיעוו קיין סלאָבאָדקא־דאַרניצא (אויפן צווייטן זייט דניעפּער) איז ער געלאָפן צוזאַמען מיט די ווייס־רוסן; ער, וואָס האָט בעת זיין פאַריזער עמיגראַציע געהערט צו א „ווייסגווארדישן“ קלוב, ער, דער אינטערנאַציאָנאַלער ציניקער (אין רוסלאַנד רופן זיי אים מער בולט: „זונה“), איז דאָס פּלוצלינג געוואָרן דער וואָרט זאָגער פון רוסישן פאַנישן נאַציאָנאַליזם. אין זיין דערמאָנטן מסור־בריוו שרייבט ער, אז א וועלט־פאַראיין פון מענטשן מיט קורצע נעזער אָדער מיט געלע האָר וואָלט אייגנטלעך געקאָנט שפּילן די זעלבע ראָלע, וואָס אינטערנאַציאָנאַלער יידנטום. „וואָס פאַראייניקט דען א יידן פון אמעריקע מיט א יידן פון טוניס?“

ערענבורג איז געווים אָנוועזנד געווען בעת די זיצונגען פון אנטי־פאַשיסטן קאָמיטעט, אין די פריע פערציקער יאָרן, ווען פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן סטאַלינס אנטיסעמיטישע ליניע און זיינע ווערטלעך דערביי.

דאָס איז געווען דאַן, ווען דער פּוילישער גענעראַל אַנדערס (א זאָאָלאָגי־שער אנטיסעמיט) האָט א זאָג געטאָן צו סטאַלינען (דעם 12־טן דעצעמבער 1941), אז יידן דאַרפן נישט גענומען ווערן אין פּוילישן מיליטער. און סטאַלין האָט צוויי מאָל בעתן געשפּרעך ווידערהאָלט: „יאָ, יאָ, יידן זענען שלעכטע סאָלדאַטן, יידן טויגן נישט פאַר דער מלחמה“...

אַנוועזנד זענען געווען דערביי גענעראַל סיקאָרסקי און דער פּוילישער אמבאסאדאָר פּראָפּ. קאָט.

אַלץ איז פאַרשריבן געוואָרן. האָט דאָס געקענט דערגיין צו די יידן.

מעגלעך אַז דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט יאָ דיסקוטירט די פראַגע וואָס דוקא דאַן, ווען פיל טויזנטער יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן פאַלן אויפן שלאַכט־פעלד און צענדליקער טויזנטער ווערן באַלוינט פאַר העלדישקייט, — איז דער הסכם צווישן אַנדערסן דעם פאַשיסט און סטאַלין דעם קאָמוניסט נישט פאַרשטענדלעך... מעגלעך אַז מען האָט יאָ דיסקוטירט דעם אַרעסט פון ערליך־אַלטער, באַשולדיקטע אַלס היטלערס אַגענטן...

יידישע דיכטער, יידישע קינדער... זענען דאָך זייערע הערצער נישט פון אייזן. און ערענבורג האָט געמסרט, סיסטעמאַטיש. און דאַן איז דאָס געקומען. און דאָס איז דערווייל דער פינאַל. האָפנטלעך נישט פאַר ערענבורגן...

ווען מיט צוויי יאָר צוריק האָבן יידישע לינקע קולטור־טוער אין אַר־גענטינע (פנחס כץ און לינקאָווסקי) געפרעגט ערענבורגן בעת זיין באַזוך דאָרטן: „ווּ איז דוד בערגעלסאָן?” האָט ער געענטפערט: „בערגעלסאָן? איך קען אים גאָרנישט!”

די מעשה מיט — קין און הבל! אבער ערענבורג פלעגט דאָך אין די יאָרן 1918־1919 יעדן טאָג זיך טרעפן מיט בערגעלסאָנען אין דעם „גריכ׳ס קאפע” אין קיעוו”...

און דאָס בלוט שרייט פון דער ערד, קאָכט און זידט. מען קאָן עס נישט פאַרשיטן.

פּרץ מאַרקישס ליד וואָס פאַרדאַמט
מאָרד פון ש. מיכאָעלסן

איך גיב איצט איבער דער עפנטלעכקייט דעם פולן טעקסט פון פרץ מארקישעס ליד, אין וועלכן ער באצייכנט צום ערשטן מאָל אין סאָוועטן־רוסלאנד דעם טויט פון גרויסן ארטיסט ש. מיכאָעלס אלס „מאָרד".

מען דארף דערמאָנען, אז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין נאָוועמבער, 1947, נאָך דאן, ווען די גאנצע פלעיאדע פון יידישע שרייבער, אקטיאָרן און דיכטער האָט געלעבט; ווען די מאָסקווער „אייניקייט" איז נאָך דערשינען און דער אנטי־פאשיסטישער קאָמיטעט האָט נאָך עקזיסטירט.

פונקט מיט א יאָר שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאציע, די ארעסטן, די טויט־אורטיילן... און דער ערשטער אָנזאָג איז געווען דער רעטזעל־האפטער טויט פון ש. מיכאָעלס, אויף וועלכן א לאסט־אויטאָמאָביל איז ארויף אין דער נאכט ווען ער איז געגאנגען פון א זיצונג אין מינסק, און אים צעשמעטערט אויף טויט.

און אז דאָס איז ניט געווען גלאט קיין צופאל, האָט מען געוווּסט ניט נאָר פון דעם פאקט, וואָס דער אויטאָמאָביל איז פארשוווּנדן — כאָטש די מיליציע איז גלייך געקומען אויפן אָרט — נאָר אויך פון א צאָל פריערדיקע און שפּעטערדיקע ענלעכע פאלן, ווען די סטאלין־מאכט האָט, פונקט אויף דעם זעלבן פּחדנותדיקן אופן, דערמאָרדעט פּאָפּולערע פערזענלעכקייטן, וועלכע זי האָט געהאלטן פאר קעגנער.

א פאקט איז, אַז סיי אין די יידישע און סיי אין די סאָוועטיש־רוסישע אינטעלעקטועלע קרייזן איז קיין שום ספק ניט געווען, אַז מען האָט מיכאָעלס׳ן דערמאָרדעט.

דער סטאליניסטישער רעזשים האָט שוין נאָכן מאָרד פריער באשולדיקט מיכאָעלס׳ן אלס איינעם פון די געפערלעכע „קאָסמאָפּאָליטן", און נאָך סטאלינס טויט אים רעהאביליטירט.

אָבער מיכאָעלס׳עס מאָרד האָט אויפגעטרייסלט און דערשראָקן.

אין א שניייקן נאָוועמבער־טאָג האָט מען זיין צעקאלטשעטן קערפּער געבראכט מיט דער באן פון מינסק קיין מאָסקווע. אויפן בעלאָ־רוסישן וואָקזאל

האָבן אים באַגעגנט מאַרקיש, בערגעלסאָן, פעפער, גלוסקין און הונדערטער אַנדערע קולטור־טוער.

דעם אָרון האָט מען אַרויסגעשטעלט אין דעם נאָך דעמאָלט פונקציאָנירנדיקן יידישן טעאַטער אויף מאַלאַ בראָננאַיאַ און טויזנטער מענטשן האָבן דעפּילירט פאַרביי דער אָפענער טרונע.

דאָס איז געווען דאַן, ווען פּרץ מאַרקיש האָט אַזוי ווי אין פיבער אָנגעהויבן שרייבן די שורות פון דער דאָזיקער פּאָעמע.

איך באַזיץ דעם אָריגינאַל וואָס ער האָט אַליין אָפּגעקלאַפּט אויף אַ מאַשין, אין דער יידיש־סאָוועטישער אויסלייגעכץ מיט אייניקע אייגנהענטיקע קאָרעקטורן.

דער דאָזיקער אָריגינאַל איז נאָך זיין אַרעסט דעם 27־טן פעברואַר, 1949, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון זייער אַ נאָענטן פרייַנט, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אין אַ שטאָט אין דרום־רוסלאַנד. דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן און איך האָב דאָס ליד באַקומען.

וויטערדיקע איינצלהייטן זיינען דערוויַל ניט וויכטיק. פאַרגעסט נישט, אַז אפילו איצט האָט מען נאָך אין סאָוועט־רוסלאַנד נישט מיטגעטיילט, אַז די יידישע שרייבער, אַרטיסטן, געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען דערשאָסן געוואָרן. אָפיציעל שרייבט מען, אַז זיי זיינען געשטאָרבן און אַזוי ווערט אויך געדרוקט אויף זייערע ווערק, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך מלוכה פאַרלאַגן (אויסשליסלעך און נאָר אין דער רוסישער איבערזעצונג, יידיש איז נאָך אַלץ פאַרבאָטן, טראָץ אַלע אָפיציעלע צוזאָגן...).

.1

דיין לעצטער אויפטריט פאַרן פאָלק
צווישן בראָכשטיקער מיט שניי באַשאָטן.
נאָר — אָן דיין וואָרט, נאָר — אָן דיין קול.
בלויז דיין פאַרקילטער אָטעם...

אָבער מיר הערן אויך אצינד, ווי אַלעמאָל,
דעם אומזיכטיקן שאָרך פון אָדלער־פליגל דיינע,
וואָס אנגעטאָן האָט דיר דאָס פאָלק,
זאָלסט זיין זיין טרייסט, זיין אָפּקלאַנג און זיין טענה.

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך ניט אַראָפּ,
די לעמפּ אין זאַל זיינען ניט אויסגעלאָשן.

עס שטראַלט דיין שלאָפנדיקער לייבן-קאָפּ
און פון געשטאַלטן שוועבנדע — דאָס אומשטערבלעכע לשון.

געזעגענען מיט דיר מיר קומען זיך אהער,
דורכוואַנגען האָסט ווי אָפּקלאַנגען פון דורות פּיינען,
געטראָגן זינגענדיק שלום עליכם׳ס טרער,
זי זאָל זיך ווי אַן איידל-שטיין צעשיינען...

.2

א שטראָמיקער אָנשלאָג. מיט פאָלק איז פול,
דיין לעצטע פאַרשטעלונג. דיין לעצטע איבערראַשונג.
צום ארון לאָזן זיך אראָפּ אין ערן קאַראַאול
געשפּענסטער, וואָס באַלעבט דו האָסט ווי א מכשף.

עס פעלט ניט קיין פּאַריק אצינדערט דיר,
דער קעניגלעכער מאַנטל — איבעריק איז נאָך מער,
אויף צו דערזען, אז דו ביסט קעניג ליר,
וואָס אויסגעביטן האָט די קרוין אויף חכמה...

קיין קרים און קיין געדאַכט.
די פאַרבן וויינען אויף דיין טיש, פאַר׳יתומ׳טע. קוק אָן זיי...
נאָר האָצמאַך גיט א פאַל אין גאַנצן טראַכט,
כאָטש שטערן פאַלן ניט, כאָטש שטערן בלאָנדזשען.

זיי וואַכן אויף אונטער אבל׳שער מוזיק
און שוועבן אָן דורך פאַלדן פונעם פאָרהאַנג,
מיט שטילן שאָרך, אראָפּגעלאָזט אין פּיין דעם בליק, —
זיי וועלן אין דער אייביקייט אריינטראָגן דיין ארון.

.3

פאַרדעקט די וואונדן האָט אויף דיין געזיכט דער שניי,
באַרירן זאָל דיך ניט פון פינצטערניש דער שאָטן,
נאָר ס׳ברויזט אין דיינע אויגן, טויטערהייט, דער ווײ,
און ס׳שרייט דער פּיין פון האַרץ פון דיין צעטראָטנס:

„כ׳וויל קומען, אייביקייט, פאר דיין געשענדטער שוועל
מיט מאָרד-צייכנס און לעצטער אויפן פּנים,
ווי ס׳גייט ארום מיין פאָלק אויף פינף זעקסטל וועלט, —
געצייכנט פון דער האק און האס, — זאָלסט עס דערקאָנען.

„דו זאָלסט עס איבערלייענען, איינקריצן אין זיך,
מיט דיין ניט-צוטריטלעכן גלייכגילט פארגעדענקען:
— פאר יעדער וווּנד אויף מיין צעמאָרדעטן געזיכט
געמיטן האָט א מאמע מיט א קינד די הענקער...״

אָ, ניט פארטויבט האָט דיך די האַנט פון מאָרד,
דער שנײ האָט ניט פארהילט דעם מינדסטן סימן;
דער וויי פון די צעבײלטע אויגן דיינע מאָנט,
פון אונטער וויעס רייסט ער זיך, ווי בערג — צום הימל.

4.

א שטראָם פארביי און שטראָמען נייע קומען אָן.
און ס׳קייטלען איינס אין אנדערן זיך מענטשן-צוגן:
באערן וועלן דיך מיט אויפשטיין זעקס מיליאָן,
געמאָרדעטע, פארפייניקטע — הרוגים.

ווי דו האָסט זיי באערט מיט אומפאלן פאר זיי
אינמיטן נאכט, אליין, אין אומגעהויערע יסורים.
אויף מינסקער חורבות און אויף מינסקער שניי,
אין פינצטערן זאַווײ, אין ווירבלדיקן שטורעם.

גלייך וואָלסט זיך טויטערהייט נאָך איינגעשטעלט
פאר זייער פיין, פאר זייער רו, פאר זייער כבוד —
א בלוטיקער פאָרוווּרף צו דער וועלט —
מיט פראָסט אויף בראָכשטיקער פארקאָוועט...

און ס׳שטראָמט דער טרויער. שטומערהייט ער מאָנט.
אדורך דעם הארץ פון גאנצן פאָלק דיין בראָך אדורך איז:
ס׳באערן אין די קברים דיך מיט אויפשטיין זעקס מיליאָן,
ווי דו האָסט זיי מיט אומפאלן באערט אויף מינסקער חורבות.

.5

שלאָף רואיק, שלאָף, קיין זאָרג איז מער אויף דיר ניט הל.
עס דוכט, אז טויטערהייט באטראכסט
נאָך לייכט אויף דיר דער גייערישער שטערן פון מאָראל,
נאָך זינגט דורך דיר די דודע פון רבי לוי יצחק.

לעשט זיך דען ליבשאפט אוים פון א פינצטערן זאוויי?
צי קאָן א שנייי דען דעקן דעם צאָרן?
ווי אָנגעצונדענע ווי בענטש-ליכט צוויי
לייכטן די הענט דיינע ארוים פון ארון.

פלעגסט ליב האָבן די אויגן צומאכן פארקלערטערהייט,
ווען האָסט עפּעס דורכגעטראכט, כדי צו זען עס קלאָרער,
איצט האלסטו הינטער זייער שלאָס דעם וויי,
ניט אויספּליעסקען זאָל ער זיך דאָ איבער דעם אָרון.

אזוי פיל ליכט איז ארום דיר — פון שפּיגלען — הויל,
פונקט ווי גרימירן קלויבסטו זיך פאר א פּרעמיערע...
עס דוכט: — אָט באלד ועסט א באוועג טאָן זיך דיין מויל
און „מיט דער רעכטער פוס" זיך לאָזן צו די שטערן...

.6

אין שטאָף דיינע געזיכט-צוגן פארוואנדלען צוריק
נעמט זיך דער טויט באצייטנס די צעשטערערישע מי שוין;
זאפּ איין אין דיין געוועב צום לעצטן מאָל מוזיק,
זי — דיין געליבטע איז — פון מסעות בנימין השלישי.

אונטער די קלאנגען אָנגעזויגענע מיט טרערן און מיט ליכט,
גיי אין דער אייביקייט אריין מיט ניט-דערמאָלטע פארבן
און שעם זיך ניט מיט דיין פארוווּנדעט אוראלטן געזיכט,
מיט דיין אדורכגעלעבערט-מלכות'דיקן שארבן.

דאָס איז דיין וואָרט אין בלוט, דיין העכסטער גרים,
אין וועלכן טויטערהייט דו לעבסט איבער דער בינע, —

גיי אין דער אייביקייט אריין — דיין אויפטריט איז באַרימט,
דיך ווען פליעסקענדיק באַגעגענען די שטערן פון באַגינען.

ערגעץ אין הימל, צווישן בלאַנדזשענד-בלאַנקנדיקער שיין,
זיך טוט א שטערן אין דיין לויכטנדיקן שם אָן;
שעם זיך ניט מיט דיין געלעסטערטקייט און מיט דיין פּיין,
— זאָל די אייביקייט זיך שעמען!

יידישע שול אין קאיראָ איז איצט א
טורמע פאר עגיפּטישע יידן

די לעצטע צוועלף טעג פון חודש יאנואר 1957, האָב איך פאַרבראַכט אין קאַירא, מצרים...

פרעגן אַלע: „ווי אַזוי האָט איר באַקומען די וויזע? האָט איר דען געזאָגט, אַז איר זענט אַ ייד?"

דער ענטפער איז אַ גאַנץ פּשוטער: כ'האָב בייגעלייגט מיין פּרעסע־קאַרטע פון „טאָג מאָרגן־זשורנאַל" אין ניו יאָרק און מען האָט מיך גאָרנישט געפרעגט, צי איך בין אַ ייד. אגב איז די רובריק „רעליגיע" נישטא פאַראַן אין די אַפּליקאַציעס פון עגיפּטישן קאָנסולאַט (זי איז יאָ פאַראַן אין די פראַגע־בויגנס פון לבנון, סיריע, ירדן און איראַק). דער עגיפּטישער גענעראַל־קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק האָט זיך לייכט געקאָנט דערקונדיקן, אַז מיין צייטונג איז נישט נאָר געדרוקט מיט יידישע אותיות, נאָר איז נאַציאָנאַל־ציוניסטיש. דאָס האָט אים פונדעסטוועגן ניט געשטערט צו געבן מיר נישט די „טוריסטן"־וויזע, ווי מיט צוויי יאָר צוריק, נאָר די ספּעציעלע „קורטואַזיע־וויזע", אַ מין איינלאַדונג צו זיין זייער גאַסט. פאַרוואָס ער האָט אַזוי געטאָן, — ווייס איך טאַקע נישט. מסתם וואָלט ער זי אויך געגעבן אַנדערע יידישע זשורנאַליסטן, ווען זיי וואָלטן זיך וועגן דעם געווענדעט.

שווערער איז געווען מיט דער דערלויבעניש פון אונדזער אייגענעם שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט אין וואַשינגטאָן. צוליב דער באַגרענעצונג פאַר אַלע אַמעריקאַנער בירגער צו פאָרן אין די לענדער פון „מיטעלן מזרח" האָב איך געמוזט לאַנג איינטעניהן מיטן אַנטשפּרעכנדן באַאַמטן, מען זאָל מיר דערלויבן אַלס זשורנאַליסט פאָרן קיין עגיפּטן. ס'האָט גענומען דריי טעג און ווידעראַמאָל אַ ספּעציעלער בריוו פון פאַרוואַלטער פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" אַרטור דזשייקאָבס ביז מען האָט אויף מיין פּאַספּאָרט אַרויפגעשטעלט דעם שטעמפּל „גוט צו פאָרן קיין עגיפּטן". אָבער מען האָט גלייכצייטיק אַרויפגעשטעלט אַ צווייטן שטעמפּל: „דער פּאַספּאָרט איז נישט גילטיק פאַר פאָרן קיין ישראל, סיריע און ירדן"...

און אַז איך האָב שוין געהאַט ביידע דערלויבענישן האָט מיך מיין קאָלעגע ש. ל. שניידערמאַן צונויפגעפירט מיט דעם פּרעסע־שעף פון דער עגיפּטישער דעלעגאַציע ביי דער אונאָ, רעמסס נסיף, וועמען איך האָב דערקלערט מיין פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט דער יידישער לאַגע אין זיין לאַנד, וועגן וועלכער עס גייען אַרום אַזעלכע באַאומרואיקנדע קלאַנגען. און דער פּרעסע־שעף האָט אַפילו איינגעוויליקט צו שרייבן קיין קאַירא אַ פּאָר רעקאָמענדאַציע־בריוו, וועלכע

זאָלן מיר באהילפיק זיין אין אויספירן מיין מיסיע. איין בריוו צום רעדאקטאָר פון דער איינפלוסרייכער עגיפּטישער ציַיטונג „אכבאר־עליאָם” און דעם צווייטן צום קאָראָנעל קאדער האטעם, דעם מעכטיקן אינפאָרמאציע־און פּראָפּאגאנדע־שעף פון דער מצרישער רעגירונג. פאר דעם לעצטן האָב איך אביסל מורא געהאט, ווייל מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך וועגן אים געשריבן א פּאָר ביטערע ווערטער און נישט געוווּסט, צי זיי זענען צו אים דערגאנגען...

ווי איר זעט האָט רעמסס נאסיף געהאנדלט פונקט פאַרקערט ווי דער פּרעה רעמסס, וועלכער האָט די יידן פון מצרים ארויסגעטריבן: דער אונאָ־רעמסס האָט גראָד א יידן אריינגענומען אויף א ווייל קיין מצרים... אָבער ער האָט אפשר אליין נישט געוווּסט, אז מיט מיינע אויגן וועל איך זען און מיט מיין פּעדער באשרייבן דעם איצטיקן „גירוש מצרים”, וועלכער איז גרויזאם און טאטאַל.

אלזאָ, באלאָדן מיט אלע נויטיקע דאָקומענטן, זעץ איך מיך אריין אין עראָפּלאַן און פלי קיין מצרים.

דארף איך אייך דען דערציילן, אז מיין גאנצע „עגיפּטן־עקספּעדיציע” האָט באנגענט א שארפן פּראָטעסט סיי פון מיין פאמיליע און סיי פון מיינע גוטע פריינט? מען האָט פּרובירט מיך איבערצייגן וועגן די געפאַרן, וואָס לויערן אויף מיר דאָרטן פון אלע זייטן. מען האָט מיך דערמאָנט, אז אין יאָר 1951 האָב איך זיך „צעקריגט”, מיטן קעניג פארוק, און אין יאָר 1955 האָב איך אין ציַיטונגס־ארטיקלען קריטיקירט דעם איצטיקן רעזשים... קיין „קניפּ אין בעקל” וועט מען מיר פאר דעם ניט געבן... און דאָך בין איך געפאָרן. — אַזוי־ווי שטענדיק אין ענלעכע פאלן, ווען דער ציל האָט געצויגן (טאקע אפשר דעריבער), ווייל ער איז געווען געפערלעך. האָט דאָך שוין פרידריך ניטשע אונדז געלערנט, אז אויב מען וויל הנאה האָבן פון לעבן דארף מען „לעבן אין געפאַרן”...

א קורצער וויזיט אין פּאַריז. א פּאָר שעה אין רוים. א קאלטע נאכט אויפן פלי־פעלד פון אטען. און אָט קום איך אָן אין א זוניקן פרימאָרגן קיין קאירא. די איבער צוואנציק פּאסאזשירן שטעלן זיך אוים אין דער רייע פאר די פּאָליציי באאמטע און לאָזן זיך קאָנטראָלירן די פּעסער. ביים זייט שטעכן יעדן דורך מיט די בליקן „ציווילע ברונעטן” מיט שווארצע וואָנסעלעך און פינסטערע פנימער. די דאָזיקע „געהיים־אגענטן” זענען גאַרנישט אזוי „געהיים”, ווי זיי וואָלטן דאָס געוואָלט זיין.

פּלוצלינג זע איך, ווי אַן עגיפּטישער אָפיציר מיט דריי שטערנדלעך אויף די עפּאָלעטן דערנענטערט זיך צו דער רייע און רופט אוים מיין נאָמען. קאלט איז געווען יענעם פרימאָרגן, אָבער מיר איז געוואָרן נאָך קעלטער.

„איז דאָך מיין ווייב געווען גערעכט, וואָס זי האָט נישט געוואָלט איך זאָל פאָרן”, דאָס איז געווען מיין ערשטער געדאנק.

פונדעסטוועגן רוף איך זיך אָפּ מיט אַ שמייכל, — און דער אָפיציר פירט מיך ארויס פון דער רייע. די זאַך קלערט זיך גלייך אויף:

„איר זענט אַ שרייבער און אונדזער גאַסט, דאַרף מען אייך נישט מאַטערן מיט פאָרמאַליטעטן. גיט מיר אייער פּאַספּאָרט און דעם באַגאַזש־צעטל, וועלן מיר אַלץ באַלד דערליידיקן".

מיין פּאַס גיט מען מיר גלייך אָפּ אַ געשטעמפּלטן און מיין באַגאַזש עפנט מען אפילו נישט.

ניסים ונפלאות... אַט דערזעלבער אָפיציר, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אַלס שליח פון אינפאָרמאַציע־דעפּאַרטאַמענט פירט מיך אָפּ מיט זיין אויטאָמאָביל אין אַ נייעם האָטעל „אַמבאַסאַדאָר", ווו פאַר דעם פּרייז פון פיר דאָלאַר אַ טאָג גיט מען מיר אַ צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן אויפן צענטן שטאָק. פון באַלקאָן זעט מען די פּיראַמידן און דעם מדבר, ווי אויך דעם טייך נילוס. די דאָזיקע „חומש־דעקאָראַציע" לאָזט מיך שוין נישט פאַרגעסן די גאַנצע צייט סיי דעם פּיין פון מיינע ברידער אין די צייטן פון יענע פּרעהס, סיי דעם פאַקט, וואָס איצט, ווען כמעט פיר טויזנט יאָר זענען אוועק זינט יענער צייט, — ווידערהאָלט זיך די געשיכטע פון „יציאת מצרים". עס איז מערקווירדיק, וואָס די גאַנצע צייט פון מיין פאַרברענגען אין קאַירע האָבן זיך די פּסוקים פון חומש, ווי אַזוי די פאַרקנעכטעטע יידן האָבן געבויט אַט יענע פּיראַמידן (פּיתום ורעמסס), ווי אַזוי די שוטרים האָבן זיי געפּייניקט, ווי אַזוי דער שטאָלצער משה, האָט געטויט דעם מצרי, וואָס האָט געשלאָגן זיינע ברידער, — אויף אַ מינוט נישט אָפּגעטאָן פון מיין זכרון. איך האָב זיי ווידערהאָלט כמעט אויפן קול. נישט פון יעדן באַלקאָן אין דער וועלט זעט מען די פּיראַמידן, און נישט פון אַלע פענסטער זעט מען דעם טייך אויף וועלכן ס'האָט זיך געוויגט דאָס קעסטעלע מיט אַ קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו ווערן אַ משה רבינו.

און אָט פאָר איך איבער די טומלדיקע גאַסן פון מאָדערנעם קאַירע אין דער ריכטונג צו דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע. איר זעט אויף די ווענט פון די הייזער טויזנטער פאַרביקע פּלאַקאַטן, וואָס ווייזן אַ מגן־דוד צונויפגעפּלאָכטן פון שלאַנגען. אינמיטן דריי פיגורן־קאַריקאַטורן. איר דערקענט זיי גלייך: בן־גוריון און ביי די זייטן אידען און מאָלעי. אָבער בן־גוריון איז גרעסער... אַ מעכטיקע האַנט אין אַ מיליטערישן אַרבל, האַלטנדיק אַ שווערד, שניידט דעם דאָזיקן „שלאַנגענדיקן" מגן־דוד. עס רינט פון אים בלוט. אַן אויפשריפט אויף אַראַביש שרייט אויס:

„די העלדישקייט פון די עגיפּטישע סאָלדאַטן וועט פאַרניכטן אונדזערע נבזהדיקע שונאים"...

און ווידער פּלאַקאַטן: א מגן־דוד רינגלט ארום דעם וועסט־מינסטער פּאַלאַץ אין לאָנדאָן. און ווידער בן־גוריון, ווי ער ווערט נעבעך דורכגעשטאָכן מיט א שפּיז פון א ריזיקן מצרישן אָפיציר מיטן געזיכט פון נאַסער... אַן אימה באַפאַלט מיך פּשוט... וואָלט איך נישט געוווּסט, אַז מען בייט איצט אויס ערגעץ־ווו אין מדבר־סיני פינף טויזנט עגיפּטישע סאָלדאַטן פאַר גאַנצע פיר ישראַלדיקע, וואָלט איך דאָך אויך געגלויבט דעם „גרויסן ליגן״ וועגן די נצחונות און וועגן „בן־גוריונס מפּלה״, ווי ער שרייט אַראָפּ פון די פּלאַקאַטן איבער גאַנץ קאַירא. אָבער, — ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, — ווייסן אויך דעם אמת אַלע עגיפּטער, וועלכע האָבן ראַדיאָס און הערן זיך צו בכוונה, וואָס ירושלים און לאָנדאָן דערציילן אין אַראַביש, פראַנצויזיש און ענגליש.

אַי, וואָס קלערן די ניינצן מיליאָן אָרעמע, אָפּגעריסענע עגיפּטער, וואָס פאַרמאָגן נאָר איין העמד און אַ סך קראַנקהייטן און צרות? וואָס קלערן די אַכציק פּראָצענט, וועלכע קאָנען נישט לייענען און שרייבן, און געוויס פאַרמאָגן זיי נישט קיין ראַדיאָ? זיי אַליין האָבן געגעבן די תשובה, ווען זיי זענען באָרוועסע און דערשראָקענע, אָן איין פונק גייסטיקער דערהויבונג געלאָפן דורך די זאַמדן פון מדבר פאַר בן־גוריונס סאָלדאַטן...

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין עגיפּטן, ריימאָנד הייד, צו וועמען איך האָב געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע בריוו פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט אין וואַשינג־טאָן, איז גראָד איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. — נעמט מיך אויף זיין שטעל־פאַרטרעטער שניי און דער פּרעסע־שעף מעקלור. די צימערן פון דער אַמבאַסאַדע זענען אָנגעפילט מיט צענדליקער טויזנטער ביכלעך אין אַראַביש, וואָס קלערן אויף אין דער פאָרם פון „שאלות און תשובות״ די באַדייטונג פון דער „אייזענ־האָוער־דאָקטרין״. מען זעט, אַז די פאָרשטייערשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אַ נעם געטאָן צו באַקעמפן דעם קאָמוניזם דאָרטן, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן טיף איינצוואָרצלען.

צענדליקער אַראַבישע באַאַמטע זיצן ביי לאַנגע טישן און סאָרטירן דאָס פּראָפּאַגאַנדע מאַטעריאַל, וואָס וועט זיך באַלד צעשפּרייטן דורך פּאָסט און דורך שליחים איבער אַלע ווינקלען פון מצרים.

פון די געשפּרעכן, וואָס איך האַלט אָפּ מיט די פירער פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, ווערט קלאָר, אַז זיי האָבן דערזען די געפאַר, וואָס די „רויטע אַריינדרינגונג״ שטעלט מיט זיך פאָר, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַלע מכשירים לעשן דאָס פייער...

עס ווערט אָבער אויך קלאָר פאַר מיר, אַז זיי זענען דאָ געוועזן גאָרנישט גליקלעך פון דער נישט־געבעטענער „מיסיע״, וואָס דער אַמעריקאַנער עוכר־ישראל אַלפרעד ליליענטאַל — „דער פרינצ פון די אַראַבער פון יידישן גלויבן״

— האָט דאָ נאַר־וואָס פאַרענדיקט. איך בין צופרידן צו הערן, אז זיי האָבן דעם דאָזיקן פאַרשוין זייער גוט אָפּגעשאַצט, כאָטש יענער האָט זיך די גאַנצע צייט באַרימט מיט דער כלומרשטער שטיצע פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע. די אַמבאַסאַדע פאַרבינדט מיך מיט דער ביוראָ פון דער יידישער קהילה, און צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג דערהער איך די שטימע פון מיין אַלטן פריינט — דעם אַסיסטענט פון הויפּט־רב, ר׳ אברהם שועייקאַ. — „קומט תיכף ומיד אין דער קהילה־געביידע. אַלע וועלן מיט פרייד אייך באַגעגענען. אויך דער הויפּט־רב ר׳ חיים נחום עפענדי, וועט באַלד אָנקומען״....

פאַר איך צום יידישן קוואַרטאַל, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער גאַס אויפן נאָמען פון אַן אַלטן תושב פון קאַיראָ — „מיימאָנידעס״ (רמב״ם)...

גלייך אויפן ווינקל פון גאַס שטייט די מאָנומענטאַלע געביידע פון דער יידישער שול. דאָ האָב איך מיט צוויי יאָר צוריק געטראָפן מער ווי צוויי טויזנט יידישע קינדער, וואָס האָבן געהאַט אַרום הונדערט לערער. דאָ האָט מען געזונגען, דאָ האָט מען אויפן ריזיקן הויף ספּאָרטן געשפּילט. איצט, זעט! שטעכיקע דראָטן רינגלען אַרום די געביידע. זעלנער מיט ביקסן שטייען ביים אַריינגאַנג. די שולע איז געשלאָסן, אָנשטאָט איר האָט מען אַ תפיסה געעפנט, אַ תפיסה פאַר פירער פון עגיפּטישן יידנטום.

און גלייך אין שכנות איז טאַקע די ביוראָ פון דער קהילה, באַלאַגערט פשוט פון הונדערטער מענטשן. איך גיי אַריין אינעווייניק.

א באגעגעניש מיט פירער פון
עגיפטישן יידנטום

ווי נאָר איך בין אריין אין דער געביידע פון דער יידישער קהילה אין קאירא, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ פאַרשידנפאַרביקע מאַסע פון מענטשן, וואָס פּילן אויס דעם שטיינערנעם קאָרידאָר; הונדערטער מענטשן, וואָס זאַמלען זיך ביי פאַרמאַכטע ביוראָ־טירן.

לכתחילה ווייסט איר גאָרניט צי זענען דאָס יידן אָדער אַראַבער: רויטע פעזן אויף פיל קעפּ; פעלערינעס מיט שאַלן, וואָס זאָגן עדות, אַז די מענטשן זענען געקומען פון מדבר־שטעטלעך הינטער קאירא.

אָבער אויך פיל יונגע, פיין געקליידטע מענער און פרויען פון מזרחדיקן טיפּ, געפורעמט דורך הונדערטער יאָרן צוזאַמענלעבן מיט עגיפּטער אין שאָטן פון די פּיראַמידן און ביי די ברעגעס פון די קאַפּריזנע וואַסערן פון חומש־טייך „יאור" — נילוס.

איידער איך קלאַפּ אָן אין דער ווייסער טיר, וואָס טראָגט דעם אויפשריפט (אין אַראַביש, העברעאיש, פראַנצויזיש): „הויפּט־רב פון עגיפּטן", דריי איך זיך אַביסל צווישן עולם און הער זיך צו. די מענטשן אין די פעזן און אין די פעלערינעס רעדן אַראַביש. די אייראָפּעאיש־געקליידטע — פראַנצויזיש. מען האַלט אין די הענט פאַרשידענע פּאַפּירלעך, ווייזט אויס דאָקומענטן.

מען רעדט וועגן שיפן, וואָס וועלן באַלד אַוועקגיין, און מען זאָגט, ס'איז שוין אויף זיי קיין פּלאַץ ניטאָ. מען רעדט וועגן דירות, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך „פרעמדע שכנים" און די געוועזענע בעלי־בתים וואַלגערן זיך ביי קרובים. מען רעדט וועגן פראַנקרייך, וועגן איטאַליע, וועגן בראַזיל. מען דערמאָנט אָבער ניט דעם פּלאַץ צו וועלכן מער ווי זיבעציק פּראָצענט פון די אַנוועזנדע דאָ, — צי דאָס איז היינט, צי נעכטן, צי מאָרגן, — וועלן דער־שווימען: מען ברענגט ניט אויף די ליפּן דאָס וואָרט ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען די שיף „מיסר", אָדער אַן אַנדערע מצרישע שיף, וועט ברענגען אָט די גאַנצע מאַסע פּאָטענציעלע עמיגראַנטן צו די ברעגעס פון גריכנלאַנד אָדער פון איטאַליע, וועלן זיי זיך אין זייער גרעסטן טייל איבער־זעצן אויף אַן אַנדער שיף, וועלכע שווימט שוין אונטער אַ בלוי־ווייסער פאָן... דאָס קומט דאָך פאָר אַפילו פאַר די אויגן פון דער עגיפּטישער שיף־מאַנשאַפט, אָבער מען רעדט ניט דערפון...

א קהילה שמש, א ריז, מיט שווארצע וואָנצעס אין א רויטן פעז און אין א האלב-מיליטערישן אנצוג, באמערקט מיך, ווי איך דריי זיך שוין איבערן קאָרי־דאָר. איך קען אים שוין פון מיינע פריערדיקע באזוכן און וויים, אז ער איז א טייערער יידישער פאָלקס-מענטש, וואָס שטאמט פון א דאָרף אין מדבר. אָבער אז איר קוקט אים אָן אין זיין אראביש מיליטערישן טראכט דעם ערשטן מאָל, וואָלט איר ניט געוואָלט זיך מיט אים טרעפן ביינאכט אין א פינסטער געסל; איר וואָלט געמיינט אז ער דערנענטערט זיך צו אייך מיט א שאַרפן מעסער צווישן די ציין, — אָן אידעאַלער טיפּ פאר א האָליוווד „מערדער פון באגדאד". שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז דער דאָזיקער „מערדער" ליינט תפילין און דאַוונט דריי מאָל א טאָג. ער איז דער לייב-וועכטער פון הויפּט-רב (חכם־באשא) ר׳ חיים-נחום עפענדי.

פרעגט ער מיך אין אראביש „וועמען זוכט איר דאָ?" (יאָ, איך קען שוין אביסל פראַזן אין אראביש און „שווינדל" דורך מיט זיי מיין וועג אין די אראבישע לענדער).

ענטפער איך אז דער רב חיים אברהם שועייקא וואַרט אויף מיר. גייט דער ריז פאָרויס און מאכט פאר מיר א וועג צווישן דער מאסע, וואָס שפּארט זיך צו דער ווייסער טיר.

ער שטופּט מיך אריין אין א גרויסן אויפנאמס-צימער, איינהאלטנדיק דעם המון, קיינער זאָל זיך נאָך מיר ניט אריינבאקומען אינעווייניק.

אויפן פּאָדיום זיצט, אנגעטאָן אין זיין שווארצן סאמעט-קײלעכדיקן היטל און שווארצער ראַטאַנדע (דאָס איז אויך דער „טראכט" פון הויכע מאכמעדאנער גייסטלעכע) דער הויפּט-רב פון מצרים ר׳ חיים נחום עפענדי.

זיינע בלינדע אויגן זענען צוגעדעקט מיט שווארצע ברילן, די ווייסע פיין־צוגעשוירענע באָרד זילבערט ארוים פון דער שווארצקייט פון זיינע בגדים. נעבן אים שטייט דער אסיסטענט זיינער, — ר׳ אברהם שועייקא, — א העכסט געבילדעטער מאָדערנער מענטש (גראַדואירט פון קאיראָער אוניווערזיטעט און פון בארלאָפּ׳ס ישיבה אין ירושלים). ער טראָגט שטענדיק א רויטן פעז אויף זיין קאָפּ, וואָס גיט צו זיין סימפּאטישן אויסזען א באזונדער אָריענטאַלישן חן.

הרב שועייקא לויפט מיר אנטקעגן. מיר זענען אלטע פריינט און די, וואָס האָבן געלייענט די איינדרוקן פון מיין מצרישער רייזע מיט צוויי יאָר צוריק, וועלן זיך דערמאָנען, אז במשך פון א גאנצער וואָך האָט מיך הרב שועייקא באגלייט דאָן איבער די יידישע און רעגירונגס-אינסטיטוציעס פון קאירא.

איצט באַגעגענען מיר זיך אין א טראגישן מאָמענט פון דער יידישער געשיכטע אין מצרים. ניטאָ מער יענער שמייכל אויף זיינע ליפּן און יענע

יוגנט־פרייד, וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון פון דער דעמאָלטדיקער באַגעגעניש.

הרב שועייקא זאָגט מיר גלייך:

„ווען ניט דער טעלעפאָן־רוף פון דער אמעריקאנער אמבאסאדע, וועלכע האָט מיר אָנגעזאָגט וועגן אייער קומען וואָלטן מיר דאָ זיך שטארק מיישב געווען, צי דארף מען אייך אָננעמען, כאָטש מיר אלע קענען אייך גוט...״

ר׳ חיים נחום דריקט ווארים מיין האַנט און לאָזט זי שוין נישט ארויס בעת אונדזער געשפרעך. ער דערקלערט עס דערמיט, וואָס אזוי ווי זיינע אויגן זעען דאָך ניט, וויל ער פילן זיין מיטשפרעכער דורך דער דאָזיקער באַרירונג. דאָס פארטרעט אים די ראיה.

סיי דער אלטער „חכם״, סיי זיין יונגער פארטרעטער דריקן אויס זייער פרייד, וואָס א ייד פון אמעריקע איז געקומען צום ערשטן מאָל אויף א באזוך נאָך די סיני־געשעענישן.

דער אלטער רב פארהאלט זיך אויף א ווייל, וויל עפעס זאָגן און נאָך א קורצער פאוזע גיט ער שטיל צו:

„איך מיין אזא ייד ווי איר, יהודי משלנו (ער זעצט פאַר אויף העברעאיש, כאָטש פריער איז דער געשפרעך געפירט געוואָרן אין דער פראנצויזישער שפראך). „געווען דאָ מיט אייניקע וואָכן צוריק אן אמעריקאנער, אלפרעד ליליענטאל. ער זאָגט, אז ער איז א ייד, אָבער מיר מיינען אנדערש...״

פאַרן אזוי שטענדיק פאַרזיכטיקן ר׳ חיים נחום איז דאָס אויך שוין געווען פיל געזאָגט. אָבער אנדערע פירנדע יידן האָבן דערגענצט די אינפאָרמאציעס וועגן דער דריי־וואָכעדיקער שענדלעכער עפּאָפּיע פון ליליענטאלס וויזיט און איך וועל ספּעציעל וועגן דעם שרייבן. נאָכמער, אפילו אראבישע צייטונגען האָבן ליליענטאלן ניט געגלויבט און אים אויסגעלאכט, מיטן אויסנאם פון נאסערן, וואָס האָט אים גענומען, ווייזט אויס ערנסט... עס איז א פּיקאנטע געשיכטע און מיר וועלן זיך צו איר אומקערן.

„יעדן טאָג — אינפאָרמירט מיר הרב שועייקא, — וועט איר זען הונדערטער יידן באלאגערן די קהילה־ביוראָען. דאָס זענען די, וואָס ווילן פאָרן, אוועקגיין פון לאנד נאָך מער ווי צוויי טויזנט יאָר גוט־שכנה׳שאפט. יידן לעבן דאָך אין מצרים פון די צייטן פון אלעקסאנדער דעם גרויסן.

די רייכע, — איך מיין די אמאָל־רייכע, — יידן בירגער פון פראנקרייך און ענגלאנד אייניקע טויזנט אין צאָל, — האָט מען שוין פריער דעפּאָרטירט. זיי האָבן קיין צייט נישט געהאט צו קומען אין דער קהילה נאָך דאָקומענטן.

מיט א פּאָר פונט אין קעשענע און מיט אן עראָפּלאַן־בילעט, וועלכן מען האָט זיי דערלויבט קויפן פון זייערע סעקוועסטירטע געלטער, — זענען פיל הונדערטער אָפּגעפלויגן אין פאַרשידענע ריכטונגען...

(דער רב דערציילט נישט, אָבער איך ווייס, אַז זייער גאַנץ פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן, זייערע וווינונגען פאַרחתמעט מיט שווארצן טריוואקס און סיסטעמאַטיש איבערגענומען מיטן האָב־און־גוטס דורך איינפלוסרייכע אָפיצירלעך, וואָס וועלן איצט גניסן פון די דורך דורות לאַנג אָנגעזאַמלטע קונסט־אוצרות: טעפּיכער, קרישטאָלן, בילדער, מעבל...)

ר׳ חיים נחום עפענדי פאַרבעט מיך קומען אין דער איזמאַאילא שול — די הויפּט־שול אין קאַירא, — צום קבלת־שבת. הרב שועייקא וויל איך זאָל זיין ביי אים צום שבת מאָלצייט.

אָבער באַלד, — נאָך פאַר מנחה, — וועט אין דערזעלבער שול געשטעלט ווערן א חופּה פאַרן זון פון שמש מיט זיין אויסדערוויילטער.

מען וויל איך זאָל אויך בייזיין די שמחה. גלייך, זונטיק פאַרטאָג, פאָרט דאָס געהייראַטעטע פּאָרל אוועק אין „אומבאַוווסטע״ לענדער. אַלנפאַלס וועט די מצרישע שיף זיי נעמען ביזן פּאָרט פון אַטען, גריכנלאַנד. און פון דאָרט וועט מען פאָרן ווייטער.

גיי איך אין שול צוזאַמען מיטן רב שועייקא. אָבער איידער איך פאַרלאָז די קהילה־בירא ווייזט מען מיר א פענסטערל הויך אויף דער וואַנט וואָס גייט ארויס אין הויף פון דער אַמאָל אַזוי באַרימטער קאַאירער יידישער שולע. דורך יענעם פענסטער האָט מען, פאַר דער סיני־אַקציע, געקאָנט זען דעם צעשפּילטן און צעזונגענעם הויף מיט ארום צוויי טויזנט יידישע קינדער. איצט איז דאָס — די תפיסה פאַר יידישע פּירער. פון אָנפאַנג האָט מען דאָרט פאַר־שפּאַרט אייניקע הונדערט, — היינט זענען געבליבן ארום הונדערט. די מייסטנס באַפרייטע זענען גלייך דעפּאָרטירט געוואָרן.

וויל איך כאַפּן א קוק אויפן הויף, איז אָבער דאָס פענסטער פריש פאַרקראַ־טעט און פאַרקלעפּט.

בין איך דאָך אָבער א „נייגעריקע באַשעפעניש״, — בעט איך מען זאָל שטעלן א בענקל, אויף וועלכן איך קריך ארויף, רייס אָפּ א שטיקל פּאַפּיר און זע: עס שפּאַצירן מענטשן איבערן הויף צו צוויי אין א רייע... הינטער זיי — וועכטער מיט ביקסן... זיי זענען ווייט פון מיין באַאָבאַכטונגס־פּונקט. קיין פּנימער דערקענט מען נישט, אָבער פאַראַן אין בירא פון דער קהילה באַאַמטע, וואָס קאָנען געגעבן יעדן איינעם... צווישן זיי באַנקירן, אַדוואָקאַטן, באַרימטע סוחרים... די „ירושה״ פון צענדליקער מיליאָנען עגיפּטישע פונטן וועט ארייַנ־

פאלן — אָדער שוין אריינגעפאלן, — אין די הענט פון דער הערשנדער אַפּיצירן־קליקע.

מיט אייניקע טעג שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן מיט איינעם פון די עלף, וואָס זענען גראָד דעם טאָג באפרייט געוואָרן, — אן אלטן פריינט און פּרעזידענט פון דער אשכנזישער קהילה, אברהם זילבערשטיין. וועל איך יענע אויסטערלישע באגעגעניש שפּעטער באשרייבן. דערווייל איז ער נאָך הינטער די קראטעס, ווו עס שפּאצירט אין פּאָרלעך א גרופּע „פארברעכער", וועלכע דאָס גייע „מלחמה־געזעץ" באצייכנט אלס „ציוניסטן". עס ווערן, — הייסט דאָס, — געשטעלט אויסערן געזעץ, אין די ראמען פון יושרדיקן „נאסער־רעזשים" ענ־גלענדער, פראנצויזן און — „ציוניסטן". פיל פון די דאָזיקע „ציוניסטן" זענען שולדיק אין איינעם פון די שווערסטע פארברעכנס: זיי זענען רייך...

זייער „ציוניזם" איז נישט דערוויזן געוואָרן, אָבער זייער רייכטום האָט מען אָנגעטאַפּט מיט די פינגער, מיט גנבה׳שע פינגער...

* *
*

און אָט איז די איזמאַאילא־שול, דער הויפּט־אריינגאנג איז נאָך פארמאכט: גלייך ביים אָנהויב פון קריג האָט מען געשלאָסן די שול, די קהילה־פארוואלטונג, דעם שפּיטאָל, דעם מושב זקנים, די ישיבה „אהבה ואחוה", די ספּאָרט פאראיינען און נאָך, און נאָך...

איצט זיינען אָפן די שול פאר דאווענען און די קהילה, פאר רעגיסטרירן אויף עמיגראציע.

אָבער אין דער קהילה האָבן זינט הונדערטער יאָרן פונקציאָנירט די נידעריקע און העכערע געריכטן פאר יידישע פאמיליע־ענינים. זיי זיינען איצט ליקווידירט...

דורך דעם זייטיקן אריינגאנג גייען מיר אריין אין דער פּרעכטיקער שול. די בימה דעקאָרירט מיט בלומען, איבער די קעפּ פון חתן־כלה פארשפּרייט מען דעם טראַדיציאָנעלן טלית.

מען טיילט זעקלעך מיט זיסקייטן. דער אלטער בלינדער ר׳ חיים נחום איז מסדר־קדושין. דער חזן אין א ווייסער פּעלערינע מיט דער אסיריש שווארצער באָרד, זינגט: עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה"... (מען וועט נאָך הערן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאסן פון ירושלים דעם קול פון געגנוס און פון שמחה, די שטימע פון חתן און פון דער כלה...").

שטעט פון יהודה, גאסן פון ירושלים... די ווערטער זיינען פון נביא, מען קאן זיי ניט ענדערן. אבער די באדייטונג איז דאך רעוואלוציאנער־ציוניס־טיש. ווי מאדנע קלינגען זיי אין דער הויפט־שטאט פון איצטיקן מצרים אפילו אויף א יידישער שמחה...

אבער איך קוק אין די געזיכטער פון דעם יונגן פארל: אן עצבות איז אויף זיי אויסגעגאסן. און אומעטיק איז די שטימונג פון זייערע עלטערן, וועמען זיי דארפן פארלאזן אין א פאר טעג ארום. און קיין שמחה הערשט ניט צווישן די פיל געסט. אלע ווייסן אז דאס איז איינע פון יענע צאלרייכע „עמערגענץ חופות״, וואס קומען פאר אין די טעג פון „יציאת מצרים״, אבער די עשרה מכות האבן זיך דאסמאל פארשפעטיקט. — אפשר זיינען זיי שוין אין וועג?...

עס קומט אריין א נייער גאסט. מען שטעלט מיר פאר: „דאס איז סאלוואטאר סעקיורעל״, דער פראמינענטסטער ייד אין מצרים, דער שוואגער פון געוועזענעם פראנצויזישן פרעמיער מענדעס־פראנס. ער איז א בארימטע וועלט־פיגור, — דער אייגנטימער פון צען דעפארטאמענט סטארס אין אלע מצרישע שטעט. סיקורעל איז הויך געוויקסיק, מיט אן אויסגעשפראכענעם אריסטאקראטישן אויסזען.

ווען די סיני־אקציע האט אויסגעבראכן, האט מען זיין פארמעגן קאנפיס־קירט, כאטש ער איז אן עגיפטישער בירגער פון א קייט דורות, אים אליין האט מען אויך פארהאלטן. אין זיין קאירער דעפארטאמענט סטאר, — די שענסטע געביידע אין שטאט, — האט מען אוועקגעזעצט א קאמיסאר. אבער ווייזט אויס, קיין „ציוניסט״ האט מען פון אים ניט געקאנט מאכן. אגב האט א וועלט מיט איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן פאר אים אינטערווענירט ביי דער נאסער־רעגירונג (מען דארף אויך געדענקען, אז זיין שוואגער מענדעס־פראנס האט זיך ארויסגעזאגט קעגן דער פראנצויזישער אקציע אין סועץ־קאנאל).

דער רעזולטאט: מען האט סיקורעלן צוריקגעגעבן זיין פארמעגן, אוועק־גענומען דעם קאמיסאר און איצט איז ער ווידער בעל־הבית פון זיין געשעפט, אין וועלכן עס ארבעטן ארום אכט הונדערט באאמטע: העלפט מוסולמענער און קריסטן און העלפט יידן.

מען דערציילט מיר, אז סיי ווען סיקורעל איז געוועזן פארפאלגט און סיי ווען ער איז איצט פריי, — איז ער געבליבן דער זעלבער איבערגעגעבענער, שטאלצער און אויפריכטיקער יידישער פארשטייער. ער איז געבילדעט, קען אויך יידישע געשיכטע און ווייס, ווייזט אויס, אז מען קאן זיך ניט פארלאזן אויפן „חסד לאומים״ (גענאד פון פעלקער)...

ער לאדט מיך איין אויף זונטיק צו זיך אין שטוב, ווו איך וועל אויך קענען טרעפן אנגעזעענע פירער פון די יידישע קהילות אין קאירא און אלעק־סאנדריע.

* * *

די חתונה איז געענדיקט. די שול ווערט אויסגעפילט מיט מתפּללים, וואָס קומען „מקבל־שבת" זיין. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל קינדער און יוגנט, וואָס זיינען געקומען דאַווענען. אויך דער באַלקאָן פון די „עזרת נשים" ווערט אָנגעפילט מיט יונגע און עלטערע פרויען.

עס דערהערט זיך די קלינגענדיקע העלע שטימע פון חזן: „לכו נרננה!" — קומט מיר וועלן זינגען! מעג די שרעק שטיקן, מעגן די צרות דריקן, אָבער דער הייליקער שבת איז געקומען. איז „לכו נרננה!"

א מאָדנע פייערלעכקייט באַהערשט די אומעטיקע קהילה אין קאַירא...

ווי נאסער פירט דורך זיין פלאן
אויסצוראָטן די יידן

דעם „קבלת שבת" אין דער קאאירער הויפּט־שול (איזמאאילא) וועל איך לאנג נישט פארגעסן.

די סינאגאָגע איז פול געפּאקט, אָבער עס הערשט נישט איצט יענע שבת־דיקע אטמאָספערע, וואָס איך געדענק פון די פריערדיקע יאָרן.

מען דערקלערט מיר: דער גרעסטער טייל טאטעס, מאמעס, קינדער, זענען איצט געקומען זיך זעגענען מיט זייער סינאגאָגע און מיט מצרים בכלל; מאָנטיק פאָרט אָפּ א שיף פון אלעקסאנדריע מיט מער ווי טויזנט יידן, זענען איצט פיל פון זיי דאָ צום לעצטן מאָל.

נאָכן אויסזינגען דעם „אדון עולם" רופט אויס דער שמש, אז די קינדער וועלכע פאָרן אוועק, זאָלן דורכדעפילירן פארן ארון־קודש, שטעלט זיך אויס א לאנגע ריי פון קלענערע און גרעסערע יינגלעך און גייען אונטער דער ברכה פון ר' חיים נחום עפענדי, וואָס זיצט אויף דער בימה.

יעדער פון די קינדער רירט צו זיינע ליפּן צו די טירן פון ארון און קושט שפּעטער דעם רב'ס האנט. איך אָבסערוויר ווי עפּעס שעפּטשעט יעדער פון זיי אריין אינעווייניק אזוי ווי אויסדריקנדיק א לעצטן ווונטש. דאָס מאָל לאָזט מען אויך די יונגע מיידלעך זיך אויסשטעלן אין א ריי, נאָכפאָלגנדיק די יינגלעך, אלעמענס אויגן שיינען מיט טרערן, ביי פיל רינען זיי אויף די באקן.

נאָכדעם מאכט דער רב שועייקאָ צוויי מעלדונגען:

א) די נעקסטע שיף וועט אָפּפאָרן מיט צוויי וואָכן שפּעטער. אלע פּלעצער זענען שוין אויסגעפילט;

ב) די יידישע שולע אין העליאָפּאָליס (א שטאָט נעבן קאירא) וועט זיך עפענען זונטיק, אויב ס'וועלן זיין גענוג שילער און גענוג לערער.

(די שולע האָט זיך נישט געעפנט זונטיק, ווייל ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זייער ווייניק קינדער האָבן זיך רעגיסטרירט און דער גרעסטער טייל לערער איז שוין אוועקגעפאָרן אָדער קלויבן זיך דאָס צו טאָן אין די נעקסטע וואָכן...)

נאָכן דאַוונען גיי איך נאָך דעם הויפּט־רב און זיין געהילף צום אויסגאנג פון שול. פארשטעלט אונדז דעם וועג עפּעס א פרוי אין שווארצן. זי פאלט אויף די קני פאר ר' חיים נחום און פּרובירט קושן זיינע הענט. הרב שועייקא וויל זי אָפּשטופּן, אָבער דאָ הויבט זי עפּעס אָן צו רעדן שנעל־שנעל אין אראביש. אירע אויגן פיבערן און איר כאָרכלדיקע שטימע ווארפט אן אימה. א שמש הויבט זי אויף און פירט זי אוועק.

הרב שועייקאַ איבערזעצט מיר, וואָס זי האָט געזאָגט:

„אַ חלום האָב איך געזען... אַלע יידן וועט מען אויסשעכטן... פּאָרט אוועק! אויך איר, עפּענדי, פאָרט אוועק וואָס שנעלער; מען וועט אייך נישט שאַנעווען!״

„מיר אַלע לעבן איצט אין אַ פּסיכאָז פון שרעק״, גיט צו דער יונגער רב. „נישט קיין וווּנדער וואָס די שוואַכע הויבן אָן צו זען וויזיעס...״

אין דער שטוב פון רב שועייקאַ, ווי איך עס שבת, זענען שוין צוויי צימערן אויסגעליידיקט פון מעבל, כלים שטייען אָנגעשטעלט אַרום די ווענט, ווי ערב־פסח. די פאַמיליע פון רב מיט זיינע פינף קליינע קינדערלעך קלויבן זיך איינגיכן צו עמיגרירן, דערווייל קיין פראַנקרייך, ווייל זיין פרוי איז אַ פראַנצויזישע בירגערין, און דאָרט צאָלט מען טויזנט פראַנק אַ טאָג פאַר יעדן נפש פון אַן אימיגראַנטן־פאַמיליע. דאָס וועט זיין גענוג אויסצוהאַלטן ביז מען וועט קומען צום פּלאַץ, וווּ מען וועט זיך באַזעצן פּערמאַנענט.

פרעג איך: „פאַרוואָס זאָלט איר, אַ רב און אַן עגיפּטישער בירגער, עמיגרירן? אייך דעפּאָרטירט מען דאָך נישט...״

ענטפערט ער: „איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צוקונפט פון פינף קליינע קינדערלעך...״

אָן קאָמענטאַרן.

דעם נעקסטן טאָג טרעף איך זיך מיט אַ קליינער גרופּע איינפלוסרייכע יידן. עס זיצן דאָ נאָטאַבלען פון קאַיראָ און אַלעקסאַנדריע.

אין דער לוקסוס געביידע, וואָס געפינט זיך אין אַ פאָרשטאָט פון קאַיראָ, זענען פאַראַן אַכט וווינונגען. אויף די איינגאַנגס־טירן פון פינף פון זיי געפין איך דעם שוואַרצן טריוואַקס אויף אַ שטיק לייוונט וואָס פאַרקלעפּט די טירן. אַ סימן אַז די וווינונגען זענען סעקוועסטירט און זייערע אייגנטימער דעפּאָרטירט.

און אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען: אין אָנפאַנג פון דער סיני־אַקציע האָט מען די רייכע בירגער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — מערסטנטיילס יידן — און די, וואָס מען האָט חושד געווען אין ציוניזם, געשיקט צעטעלעך אין אַראַביש מיט אַן אינהאַלט פון פינף שורות, אין וועלכע מען האָט דער געגעבענער פּערזאָן געהייסן באַלד פאַרלאָזן עגיפּטן.

דאָ האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן און מען איז געלאָפן צו די שיפן און עראָפּלאַנען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס.

איצט מאַכט מען דאָס אַנדערש: די בירגער פון די „פיינטלעכע״ מלוכות זענען שוין מער נישטאָ; אַ פאַרמעגן פון איבער צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר איז שוין קאָנפיסקירט געוואָרן. האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו די אַזוי גערופענע „שטאַטנלאָזע״, וועלכע זענען אייגנטלעך די זעלבע עגיפּטער פון אַ ריי דורות,

נאָר ווייל זיי זענען יידן, האָט מען זייערע פּאַפּירן — אפילו געבורטס־שיינען פון זיידעס און עלטער זיידעס — נישט אָנערקענט.

צו די רייכערע פון זיי, אָדער צו דעם מיטלקלאַס, קומט אַריין אַ ציווילער „שליח״, אין באַגלייטונג פון אַ מיליטער־מאַן, און גיט אַ פרעג דירעקט: „ווען וועט איר אוועקפאָרן?״

די תשובה איז געוויינלעך:

„מיר קלויבן זיך גאָרניט אוועקצופאָרן! מיר זענען דאָך איינגעזעסענע אין מצרים פון דור־דורות...״

אָבער די ניט־געבעטענע באַזוכער זענען קאַלטבלוטיק מתרה:

„אויב אין משך פון דריי טעג וועט איר נישט זאָגן אונדז די גענויע דאַטע פון אָפּפאָר, וועלן מיר אייך פאַרשפּאַרן אין תפיסה...״

לויפט מען אין דער קהילה, נאָכדעם אין „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ״, נאָכדעם אין די רייזע־ביוראָען. מען באַזאָרגט זיך מיט אַן עראָפּלאַן אָדער שיף־בילעט אויף אַ שפּעטערדיקע דאַטע (אַלע פּלעצער אויף שיפן זענען שוין אויס־פאַרקויפט ביז מאַי, אויף די עראָפּלאַנען זענען געבליבן די זייער־קאָסטבאַרע בילעטן פון ערשטן קלאַס).

מען פּרובירט אין גאַייל פאַרקויפן וואָס עס לאָזט זיך. מען „שטופּט״ אַריין די מער ווערטבאַרע חפצים צו קרובים און פריינט, כאָטש מען ווייסט, אַז אויך יענע קענען אין אַ וואָך אַרום זיין אין דער זעלבער לאַגע. און דאַן קומען ווידער די רעגירונגס־שליחים. זיי קומען נאָך די רייזע־בילעטן. זיי זענען מסכים אָפּצולייגן די רייזע ביז דער געגעבענער דאַטע. אָבער אויב די דירה געפעלט דעם באַאַמטן אָדער אָפיציר, הייסט מען די אייגנטימער גלייך זי פאַרלאָזן מיט אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך. דערווייל פאַרחתמ׳עט מען די טירן מיטן שוואַרצן טריוואַקס און די פאַמיליע קלויבט זיך אַרוים וווינען ביזן אָפּפאָר צו שכנים אָדער קרובים.

דורך פאַרשידענע מאַכינאַציעס ווערט שוין די דירה מיט מעבל שפּעטער איבערגעגעבן דעם אָדער יענעם אָפיציר באַאַמטן...

דער דאָזיקער רויב קומט פאָר אָן שריפטלעכע דאָקומענטן און די מלוכה־פירער לייקענען אינגאַנצן, אַז אַזאַ גירוש און גזירה קומען איבערהויפּט פאָר.

זיץ איך אויף דער זיצונג מיט די יידישע נאָטאַבלען פון מצרים און הער זיך גוט איין צו דער טראַגעדיע וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונדזערע אויגן.

„שוין צען טויזנט יידן האָבן דאָס לאַנד פאַרלאָזן. מען דערלויבט יעדן פון זיי נעמען צוואַנציק פונט פון זיין פאַרמעגן״ (דאָס איז היינט קנאַפּער ווי פערציק דאָלאַר).

גאָלדענע קמיעות, צירונג אָדער אַנדערע קאָסטבאַרע זאַכן ווערן אָוועקגע־נומען אומבארחמנותדיק איידער מען זעצט זיך אויף דער שיף, אָדער עראָפּלאַן.

געבליבן זענען איצט אין מצרים אַרום פערציק טויזנט יידן, אָדער עטוואָס ווייניקער.

פון זיי האָבן עגיפּטישע פּעסער נאָר אַרום צוועלף הונדערט פאַמיליעס.

נאָך מיט פיר וואָכן צוריק האָבן די יידן אין עגיפּטן געוואָלט אויספּועלן ביי דער נאַסער־רעגירונג דעם אַזוי־גערופענעם „איראַקער־סטאַטוס" פון אַזעלכע יידן. דאָס מיינט, אַז אַזוי ווי אין איראַק האָט די רעגירונג אַנערקענט, אַז דאָס הייפל יידן, וואָס זענען דאָרט געבליבן (אינגאַנצן צען פּראָצענט) נאָך דעם עמיגראַציע שטראָם קיין ישראל, זאָלן באַקומען פולע רעכט צו לעבן און צו האַנדלען אַלס „איראַקער פון משה'ס גלויבן", זאָל מען אויך די יידן מיט עגיפּטישע פּאַספּאָרטן אַנערקענען אַלס „עגיפּטער פון משה'ס גלויבן", גלייכ־באַרעכטיקט מיט אַנדערע עגיפּטער פאַרן געזעץ... אָבער איצט, גראָד בעת מיין וויזיט, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן: לויט די געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס הויבן זיך אָן צו באַווייזן אין דער עפנטלעכקייט, קאָן מען שוין זען, אַז נאַסער וויל נישט נאָר עגיפּטיאַניזירן זיין לאַנד, נאָר עס איסלאַמיזירן. אַלע בענק, אַלע שטעלעס, אַלע גרויסע אונטערנעמונגען, דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע, קול־טורעלע און פּאָליטישע לעבן אין לאַנד מוז זיך געפינען אין די הענט פון מוסולמענער... ציטערט שוין די הויט אויף די רייכע קאָפּטן — די עלטסטע קריסטן אין לאַנד (פון אַביסינישער אָפּשטאַמונג), זענען אַריינגעפאַלן אין א פּאַניק די צאָלרייכע גריכישע סוחרים.

איז וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, קען שוין האָפן דאָס הייפעלע „פּריווילעגירטע" יידן, וואָס האַלטן עגיפּטישע פּאַספּאָרטן?

אַט דערציילט מען מיר, אַז מיט איייניקע טעג צוריק האָט מען אין דער סעקוועסטרירטער „שעל־קאָמפּאַני" צוגעשטעלט א צעטל פון פופצן עגיפּטער, וועלכע דאַרפן פאַרנעמען די שטעלעס פון די אַרויסגעטריבענע ענגלענדער און פראַנצויזן, דער קאָמיסאַר פון „שעל" האָט איבערגעהיפּעט די לאַנגיעריקע באַאַמטע פון קריסטלעכן און יידישן גלויבן, וועלכע, לויט זייערע פעאיקייטן, זענען געוועזן די ערשטע אויפן צעטל און האָט אָנגעהויבן פון נומער צען, פון א מוסולמענער...

עגיפּטיש־יידישע אַדוואָקאַטן ווערן אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס אין רעגירונגס־און מוסולמענישע אונטערנעמונגען.

עגיפּטיש־יידישע באַאַמטע, שוין נישט רעדנדיק וועגן „שטאַטלאָזע", זאָגט מען אָפּ פון די שטעלעס אין די סעקוועסטרירטע דורך דער רעגירונג אונטערנע־מונגען. מען וואַרפט זיי אַרויס נישט באַצאָלנדיק אפילו פאַר א וואָך פאַראויס.

ווען מען קומט צו דער רעגירונג, זאָגט זי, אז זי ווייסט גאָרניט פון אזעלכע פאַראָרדענונגען...

דער גרויסער „ליגן" איז אין פולן גאַנג, אבער די דאָזיקע אקציע איז ווייטער אָנגעגאַנגען אויך אין דער צייט ווען איך בין דאָרט געוועזן.

אלע אימפּאָרט־ליצענצן פאר יידישע פירמעס — אימפּאָרט איז פון לאַנגע יאָרן א יידישע ספּעציאַליטעט דאָ — זענען אָפּגערופן געוואָרן. אויך פאר יידן פון עגיפּטישער, אָדער איטאַליענישער און אנדערע „נייטראַלער" נאַציאָנאַליטעט.

אלע ספּאָרטיווע קלובן, אָדער קלובן פון א סאָציאַלן כאראקטער, האָבן אויסגעשלאָסן פּערזאָנען פון יידישן גלויבן פון זייער מיטגלידערשאַפט. צווישן די לעצטע געפינען זיך די פּראָמינענטסטע יידישע נעמען פון עגיפּטישער נאַציאָנאַליטעט.

א פאַראָרדענונג איז דערשינען בעת מיין ווײַלן אין עגיפּטן, אז פּערזאָנען פון יידישן גלויבן (ווידער אמאָל עגיפּטער איינשליסלעך) איז פאַרבאָטן כאַפּן פיש, גיין אויף יאַגד אויף חיות אָדער פייגל און באזיצן דעם שמאָלן געווער, וועלכער איז דערצו נויטיק...

פון דעם האָבן די יידישע פירער ארויסגעדרונגען, אז עס האָט מער קיין זין נישט זיך צו באמיען, אז מען זאָל אויסטיילן די יידן מיט עגיפּטישע פּעסער אין א גרופּע, פאר וועלכער מען דאַרף זיך סטאַרען צו באַקומען א גלייכבארעכטי־קונגס־סטאַטוס. מיט די באגרעניצונגען מיינט מען אלע יידן. — טא פאַרוואָס זאָל מען זיך דערנידעריקן און קריגן שפּעטער פון נאַסערן „איבער דער נאָז"?

אין מיינע געשפּרעכן מיט די נאָבעלע אָנפירער פון עגיפּטישן יידנטום האָב איך באַמערקט דעם ביטערן געפיל פון באליידיקונג, וואָס זיי פילן אין באַצוג צום איצטיקן רעזשים: אָט האָבן זיי אין משך פון מער ווי טויזנט יאָר געהאָלפן בויען מצרים, ליב געהאַט דאָס לאַנד, געשאַפן דאָ פאַבריקן, אונטערנעמונגען, קולטור־אינסטיטוציעס, דורכגעבראָכן דאָס פענצטער פון מדבר אין דער ברייטער וועלט אריין... דער פּאַטש פון נאַסערן פייערט אויף זייערע באַקן און זיי ווילן נישט פון דאָזיקן רעזשים די „חסדים", וואָס אפילו דאָס ביסל איראַקער יידן האָבן ענדלעך פון זייער רעזשים — אויך א פאַנאַטישער — דאָך באַקומען.

און דעריבער — די טאָטאַלע שטרעבונג צו עמיגראַציע, פאַרלאָזן דאָס אומדאַנקבאַרע לאַנד, וואָס פּרעסט אויף זיינע טרייע זין!

אמת, עס טוט ווי, וואָס מען באַרויבט א פאַרמעגן, וועלכער ווערט געשאַצט אין א האַלבן ביליאָן דאָלאַר, אפשר מער, אמת, זיי ווילן, אז די וועלט, אז די

אונגאַ זאָל עטאַבלירן עפּעס אַן אינסטאַנץ, דורך וועלכער די יידן זאָלן קאָנען טראַנספּערירן כאָטש אַ טייל פון זייער פאַרמעגן. האָט דאָך דאָס אַפילו היטלער געטאָן מיט זיין „טראַנספער־שטעלע" אין די דרייסיקער יאָרן...

דאָס איז דאָך אַן אומדערהערטער מאָסן־רויב פון אומשולדיקע לאָיאַלע בירגער. און זיי זאָגן אַביסל נאַאיוו: „האַמערשילד ווייסט דאָך וועגן אונדזער ביטע, צו שאַפן אַ „טראַנספער־שטעלע", וועלכע וועט כאָטש נישט אַלעמען אַרויסלאָזן נאַקעט און באָרוועס; און דאַלעס ווייסט דאָך אויך וועגן דער דרינגענדער נויטווענדיקייט עפּעס צו טאָן, כדי די פראַגע פון אונדזער פאַרמעגן זאָל מען רעגולירן, ווען נויטיק, אויפן באַזיס פון פיפטי־פיפטי..."

האַמערשילד!... דאַלעס!...

אַפילו דער שטיינערנער ספינקס נעבן די פּיראַמידן וועט באַלד זיך צעלאַכן...

* * *

סאַלוואַטאָר סיקורעל פירט מיך איבער דער אימפּאָנירנדער געביידע פון זיין גראַציעזן געשעפט, די „מייסים" פון קאַיראָ. טויזנטער קונים זשומען ווי אין אַ בינען־שטאָק אויף אַלע „עטאַזשן".

מיט פינף יאָר צוריק, בעת די גרויסע אומרוען, האָט מען אויך זיין דעפּאַר־טאַמענט־געשעפט צעראַבירט און פאַרברענט.

האָט ער אויפגעשטעלט אַ נייע געביידע אויף דעם אָרט, וואָס איז דער לעצטער אויסדרוק פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט. קיין שום דעפּאַרטאַמענט־געשעפט אין ניו יאָרק האָט נישט אַזאַ בנין. נאָר די אַרבאַך־סטאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס קאָן פאַרגליכן ווערן מיט דער איצטיקער סיקורעל־געביידע. און אַרבאַכס בנין איז איינער פון די שענסטע אין אַמעריקע.

אויפן העכסטן שטאָק פון געשעפט איז דער לוקסוס־ביוראָ פון סיקורעל אַליין. מיט צוויי מאָנאַטן צוריק האָט מען אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן, אַריינ־געזעצט אַ קאָמיסאַר און דאָס גאַנצע געשעפט סעקוועסטרירט.

נאָכדעם האָט מען די קאָנפיסקאַטע אַראָפּגענומען און ווידער זיצט אין זיין ביוראָ סיקורעל אַליין.

פילט ער זיך דאָ דען דער בעל־הבית? אָדער אפשר איז ער אויך אַ צוקונפ־טיקער עמיגראַנט מיט אַ רייזע־בילעט אין קעשענע?...

זאָגט מיר סיקורעל: „פון די פיר הונדערט יידישע אָנגעשטעלטע אין מיין געשעפט זענען שוין צוויי הונדערט אַוועקגעפאָרן און די איבעריקע צוויי הונ־דערט קלייבן זיך דאָס אויך צו טאָן. פון די איבעריקע פיר הונדערט מוסולמע־נער און קריסטן זענען נאָך אַלע דאָ...

„ניט איך, פאַרשטייט זיך, האָב די יידישע אָנגעשטעלטע אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס". זיי ווערן אָבער געיאָגט פון יאוש, פון האָפנונגסלאָזיקייט, פון מורא פאַרן גורל פון זייערע קינדער. און אַזוי זענען אַלע יידן פון מצרים...

א באגעגעניש מיטן עגיפּטישן
פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער

ווען איך בין געפאָרן קיין עגיפּטן, האָב איך אין האַרצן באַשלאָסן ניט צו זוכן קיין באַגעגענישן מיט הויכגעשטעלטע מלוכה־לייט: האָב איך זיך דאָך אויסגעלערנט בעת מיינע צאָלרייכע רייזעס איבער די דיקטאַטור־לענדער אָפּצו־שאַצן דעם נישטיקן ווערט פון זייערע צוזאָגן און דערקלערונגען. די צוזאָגן ווערן געוויינלעך ניט געהאַלטן און די אויפקלערונגען זיינען מערסטנטיילס א ליגן... דאָס איז געווען אמת בנוגע צו פערוּאָן און קאַגאַנאָוויטש, בנוגע דעם קעניג פון איראַק מיט 20 יאָר צוריק און דעם פּרעזידענט טרוכילאָ פאַר־צוויי־יאָרן.

דער „גרויסער ליגן" איז דאָך דער יסוד פון יעדן דיקטאַטור־סיסטעם, פאַרוואָס זאָל איך איצט אין עגיפּטן זוכן דעם אויסנאַם?

ווען איך האָב, זייענדיק אין קאַיראָ, זיך באַראַטן מיט דיפּלאָמאַטישע און אַנדערע פּערזאָנען, צי זאָל איך מיך באַמיען זען דעם קאָראָנעל נאַסער, האָט מען מיר אָפּגעראַטן: „עס וועט אייך באַגעגענען א שמייכלדיקער, פריינטלעכער געוויק־סיקער אָפיציר. ער וועט אפילו מעגלעך אייך אַרומנעמען, וועט אייך דערציילן וועגן זיין טאָלעראַנץ צום „ערנווירדיקן אַלטן יידישן קיבוץ אין מצרים", וועט א זאָג־טאָן, אז ער אליין קומט זיי באַגריסן אין דער „איזמאַאילאַ" סינאַגאָגע... ער, ער באַקעמפט „ציוניסטן", אָבער דאָס איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך... איז וואָס וועט איר פון דעם האָבן? סיידן איר קלייבט פּרעזידענטישע פאָטאָגראַפיעס און זייערע אויטאָגראַפן — האָט שוין מער ווערט א בילד מיט אן אונטערשריפט פון א שיינער האָליוווּדער אַקטריסע".

אלזאָ, האָב איך זיך ניט באַמיט צו זען דעם דיקטאַטאָר פון מצרים.

ביי מיר איז געבליבן א ביטערער טעם אין מויל פון א וויזיט, וואָס איך האָב מיט צוויי יאָר צוריק, אין זעלבן קאַירא, געמאַכט ביים שעף פון דער עגיפּטישער פּראָפּאַגאַנדע — קאָראָנעל אַבדעל קאַדער האַטעם.

דער דאַמאָלסטיקער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין עגיפּטן, הענרי בייראָוד, דער זעלבער, וואָס האָט אַזוי גענייאַל „פאַרשלאָפן" דעם אַראַביש־סאָוועטישן וואָפן־האַנדל, האָט מיר דעמאָלט יאָ געראַטן מאַכן א העפלעכקייטס־וויזיט ביי האַטעמען וועלכער איז אויך דער הויפּט פאַר פּרעסע־ענינים.

איך האָב דעמאָלט מיין דאָזיקן באַשריבן באַזוך מיט אַלע פּיטשעווקעס: האַטעם האָט מיך דאַן אויפגענומען זיצנדיק, מיט אן אָנגעבלאָזענעם פינצטערן געזיכט, קוים אויסגערעדט א פּאָר ווערטער און מיך גלייך איבערגעגעבן אין די

הענט פון איינעם פון זיינע געהילפן, אכמעד אניס, וועלכער האָט זיך ארויס־געוויזן פאר א פריינטלעכן קולטורעלן מענטשן, וואָס האָט מיר ווירקלעך געהאָלפן זיך אָריענטירן אין דאמאָלסטיקן פּאָליטישן „חושך מצרים״.

און איך האָב זיך שפּעטער געטיילט מיט מיינע לעזער וועגן דעם אונטער־שייד צווישן אָט די צוויי עגיפּטער.

פארשטייט איר דאָך, אז אויב איך האָב בעת מיין איצטיקן באזוך אין קאירא געוואָלט אימיצן אויסמיידן, איז דאָס אין דער ערשטער רייע געווען קאָראָנעל האטעם. א קשיא אויף א מעשה: טאָמער איז די איבערזעצונג פון יענעם ארטיקל, וועלכער איז אויך געווען פארעפנטלעכט אין מדינת ישראל, אריינגעפאלן אין האטעמס הענט, וועל איך קיין האָניק צוליב דעם ניט לעקן.

אָבער שוין אין דער ערשטער וואָך, וואָס איך בין געווען אין קאירא, האָט מען מיך צוויי מאָל געפרעגט, בעת געשפּרעכן אין דער אמעריקאנער אמבאסאדע, צי איך האָב שוין באזוכט דעם קאָראָנעל האטעם.

ווען דיפּלאָמאטן פרעגן אזא פראגע, און נאָך צוויי מאָל דערצו, קאָן דאָס הייסן, אז אָדער זיי האלטן, אז איך דארף אים באזוכן אָדער מען האָט זיי דערמאָנט פון דער רעגירונג, צו וועלכער זיי זיינען אקרעדיטירט, אז מען דערוואַרט אזא באזוך.

אלזאָ, האָב איך קיין ברירה ניט, האָב איך זיך נאָך באוויזן מישב צו זיין מיט א פאראנטוואָרטלעכן פירער פון דער יידישער קהילה און יענער האָט מיר געזאָגט:

„וועגן אייער ווייזן דאָ אלס א פּאָרשטייער פון דער יידישער פרעסע ווייס די רעגירונג. איר פארשטייט מסתם, אז מען ווייס וועגן יעדן שריט אייערן... וועט איר ניט באזוכן דעם מעכטיקן שעף פון פּראָפּאגאנדע און אינפאָרמאציע, קאָן דאָס אָנגענומען ווערן פאר א באליידיקונג. אלזאָ, איר דארפט גיין... איך ראט אייך אָבער זיין אָפנהארציק מיטן קאָראָנעל און רעדן צו אים אָפן און אָן מורא. ער איז א מענטש מיט קוראזש און וועט דורך אייערע פראגן זיך דערוויסן וואָס פאר א פּראָבלעמען אין היינטיקן עגיפּטן באאומרואיקן אמעריקע בכלל און אן אמעריקאנער יידן בפרט. איז טאקע „גוט פאר יידן״, ווען איר וועט רעדן צו אים מיט דער גאנצער דרייסטקייט און מיטן אמת. עס שפּילט ניט קיין ראָלע וואָס ער וועט אייך ענטפערן, אָבער דער עיקר איז, אז איר זאָלט אים אלארמירן מיט פראגן. און איר דארפט קיין מורא ניט האָבן. מען וועט אייך ניט ארעסטירן. עס לוינט זיך זיי ניט אָנצוהויבן מיט אן אמעריקאנער צייטונגס־מענטש, ווען מען די אמבאסאדע האָט אליין געראָטן זיך זען מיטן פּראָ־פּאגאנדע־שעף״.

גיי איך צו האטעמען.

די צען־שטאָקיקע געביידע אויף דער סאָלימאַן־פּאשא גאַס, ווו דאָס פּראָפּאַגאַנדע מיניסטעריום געפינט זיך, איז מיר שוין באַקאַנט פון פריער. עס ווימלט דאָרטן פון פיל מאָדנע פאַרשוינען אין אייראָפּעאישער קליידונג און אין אַראַבישע כאַלאַטן.

איך באַשליס פריער ווי אַלץ באַזוכן די ביוראָ פון מיין אַלטן באַקאַנטן אכמעד אַניס און דערוויי׳ל זיך דערוויסן, צי האַטעם האָט געלעזן מיין אַמאָליקן אַרטיקל וועגן אים, צי ניט.

אין עלעוואַדאָר, וואָס פירט צום אַכטן שטאָק, שטייען צוויי געזונטע, בלאָנדע אייראָפּייער און רעדן דייטש צווישן זיך. זיי פאַרמאָגן יענע זעלבסט־זיכערע, פרעכע פּנימער, וואָס וואָלט זיך אַריינגעפּאַסט אויך אין דעם עלעוואַדאָר, וואָס פלעגט פירן צו געבעלסעס פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ אין היטלערס בערלין... אַזוי ווי זיי האַלטן פּאַפּירן אין די הענט און טראָגן ניט קיין אויבערציער, פאַרשטיי איך, אַז זיי אַרבעטן דאָ ערגעץ־ווו אין דער געביידע.

מיין אַלטער באַקאַנטער אכמעד אַניס דערפרייט זיך מיט מיין קומען, יאָ, ער האָט געוווּסט, אַז איך בין אין קאַהיראָ. איך פרעג אים ניט ווי אַזוי ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט. ער איז צופרידן וואָס איך גיי זען זיין שעף. דערביי באַמערקט ער מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל: „דער קאָראָנעל האָט מיך מיט אַרום צוויי יאָר צוריק גערופן צו זיך און געוויזן אַן איבערזעצונג פון אַ צייטונג אין ישראל, ווו איר קריטיקירט אים און לויבט מיין ווייניקייט... נאָר דאָס דאַרף אייך ניט אַרן. ער וועט אייך גוט אויפנעמען”.

אביסל האָט מיך די ידיעה יאָ געאַרט, אָבער איך האָב שוין קיין ברירה ניט. איך פאָר אַרויף אויפן צענטן שטאָק און מעלד זיך צום קאָראָנעל האַטעם.

דאָס מאָל איז דאָס געווען אַנדערש. האַטעם לויפט אַרויס אין וואַרט־צימער, באַגריסט מיך זייער וואַרעם, פירט מיך אַריין צו זיך אין קאַבינעט, באַשטעלט אַ טעפּעלע טערקישן קאַווע...

„איצט שטעלט פראַגן. איר האָט דאָך שוין מסתם פיל מענטשן געזען, פיל זאַכן געהערט?”

„יאָ, קאָראָנעל, ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט דערבראַכט ווערן צו אַזאַ לאַגע, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג זאָל געצווּנגען זיין צו פאַרלאָזן עגיפּטן נאָך צוויי טויזנט יאָר צוזאַמענלעבן?”

דער קאָראָנעל שטעלט אויף מיר אַן אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

„ווער נויט זיי דען? ווער יאָגט זיי? אויב איר מיינט פראַנצויזישע אָדער בריטישע אונטערטאַנער, האָבן מיר זיי אַלע אַרויסגעשיקט אַן אונטערשייד פון גלויבן, אפילו מוסולמענער. איר מיינט מסתם „ציוניסטן”? נו, דאָס זענען דאָך אינערלעכע שונאים, בן־גוריונס אַגענטן. אויב איר וועט אַמאָל זען בן־גוריונען

זאָגט אים: כל זמן ער וועט פּראָקלאַמירן פאַר דער וועלט, אז אלע יידן שטייען אונטער דער שוץ פון דער ישראל־מלוכה, וועלן מיר האָבן א רעכט צו טראַקטירן די יידן פאַר שונאים פון עגיפּטן...

„טראַקטירט איר, הייסט עס, אלע יידן אלס שונאים פון דער מלוכה, נעמט צו דעריבער זייער פאַרמעגן, זייערע שטעלעס?"

האַטעם ענטפערט מיט א טאָן פון באַליידיקטער אומשולד:

„ביי עגיפּטן זענען אירע בירגער פון אלע גלויבנס גלייך... אנדערש איז מיט ניט־בירגער..."

רייס איך אים איבער:

„אָבער מען האָט דאָך יידן, איינגעזעסענע פון הונדערטער יאָרן, קיין בירגער־פּאַפּירן ניט געגעבן. די צאָל פאַרמעלע בירגער איז דאָך א נישטיקע..."

„כ'האָב ניט קיין גענויע ציפערן אונטערן האַנט. אלנפאַלס זענען מיר ניט קיין באַרבאַרן און באַרויבן ניט און אַרעסטירן ניט קיין אומשולדיקע מענטשן. בעת מען איז אויף אונדז אָנגעפאַלן האָבן מיר אַרעסטירט א געוויסע צאָל עגיפּטישע איינוווינער — יידן, קריסטן, מוסולמענער, — וועלכע מיר האָבן חושד געווען, אז זיי זיינען ניט לאָיאַל צום רעזשים. אזוי האָט דאָך אויך געטאָן אמעריקע, ווען זי האָט אַרעסטירט אירע אייגענע בירגער פון יאַפּאַנעזער אָפּ־שטאַם, נאָך פּוירל האַרבאָר... צי ווייסט איר, אז מיר האַלטן איצט אונטערן שלאָס אייניקע געוועזענע עגיפּטישע מיניסטאָרן און אפילו גענעראַלן?"

דאָס איז טאַקע זייער אינטערעסאַנט, אָבער איך פרעג אים ניט די נעמען פון די דאָזיקע עגיפּטער, כאָטש איך וואָלט דאָס זייער־וועלן וויסן... אגב, דאַרף באַמערקט ווערן, אז די עגיפּטישע צענזור האָט אויסגעמעקט די דאָזיקע ידיעה וועגן אַרעסטירטע מיניסטאָרן און גענעראַלן סיי פון מיין טעלעגראַמע, סיי פון טעלעפאָן פון „ניו יאָרק טיימס" קאָרעספּאָנדענט.

„אָבער קאָראָנעל האַטעם, איך האָב דאָך אָפענע אויגן און זע ווי יידישע געשעפטן ווערן סעקוועסטירט, ווי יידישע באַאַמטע ווערן אַרויסגעוואָרפן פון זייערע שטעלעס..."

„שקר וכזב! ניט יידישע געשעפטן, נאָר פיינטלעכער פאַרמעגן! און מיר דעפּאָרטירן קיינעם ניט מיט געוואַלט פון לאַנד, סיידן פיינטלעכע אויסלענדער. איר זאָגט, מיר אַנטזאָגן באַאַמטע פון שטעלעס? וואָס פאַר א פאַרלוימדונג! אָט אַרבעט ביי מיר אלס פירער פון דער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע א ייד פון אלעקסאַנדריע, א זון פון מיינעם א טייערן פריינט. זיין נאָמען איז עדמאָנד איבראַהים סאָלימאַן. ער איז מיין רעכטע האַנט... עס אַרבעטן נאָך א פּאָר יידן אויף ענלעכע אמטן ביי מיר גופא אין מיניסטעריום..."

איך לאָז אַלץ ניט אָפּ. איך נעם אַרויס דעם היינטיקן נומער פון דער עגיפּטישער צייטונג „לאַ בורס עדזשיפּטין״ און ווייז אים אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות איבער דער גאַנצער לענג פון דער ערשטער זייט: „מער ווי־טויזנט שונאים פון לאַנד האָבן היינט פאַרלאָזן עגיפּטן מיט דער שיף „מיסר״.

„אַזעלכע אויפהעצנדע אויפשריפטן קענען אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, וועמען מען באַצייכנט אָפיציעל אַלס שונאים, קאָנען דאָך דערפירן צו בלוטיקע אומרוען...״

אָבער קאָראָנעל האַטעם האָט אַ פאַרטיקע תשובה:

„די פרעסע ביי אונדז ווערט ניט קאָנטראָלירט. זי איז פריי צו שרייבן וואָס זי וויל...״

„איך בין היינט פאַרביי די געביידע פון דער יידישער שולע אין אַבאַסיאַ־קוואַרטאַל. זי איז נאָך אַלץ באַוואַכט. מען זאָגט, דאָרט זיצן הונדערטער אַרעס־טירטע יידן...״

ענטפערט האַטעם:

„האָב איך פאַר אייך בעסערע נייעס: עלף יידישע פירער האָבן מיר היינט באַפרייט. זיינען נאָך געבליבן אַרעסטירט אַרום זעכציק, מסתם וועלן מיר זיי אין אייניקע טעג אַרום באַפרייען. די מערהייט פון זיי וועלן מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל מיר זענען ניט זיכער אין זייער לאָיאַליטעט. איך וויל צוגעבן נאָך איין באַמערקונג: מיט אייניקע וואָכן צוריק האָט דאָ געוויילט דער אַמעריקאַנער ייד אַלפרעד ליליענטאַל, — אַגב, מיינער אַן אינטימער פריינט, אַלפרעד האָט אונדז אַזוי גוט פאַרשטאַנען... מיט אייך, זע איך, איז זייער שווער צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש...״

„לײדער, קאָראָנעל, אַזוי איז דאָס טאַקע!״

מיר פאָטאָגראַפירן זיך. אויפן בילד — צוויי שמייכלענדיקע געזיכטער, אָבער ווו נעמט מען אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל פאָטאָגראַפירן וואָס עס טוט זיך אין זייערע הערצער?

איך „קיי״ איבער אין געדאַנק: וואָס אַזוינס האָט מיר געענטפערט דער קאָראָנעל האַטעם, די רעכטע האַנט פון פּרעזידענט נאַסער?

עס איז דאָך אַלץ ליגן! ווייס ער דאָך אַזוי ווי איך ווייס, אַז עס קומט פאָר אַ פאַקטישער רויב פון יידישן פאַרמעגן, אַ ליקווידאַציע פון יידישע באַאַמטע אויף שטעלעס, אַ מינדלעכער „דעפּאָרטאַציע־קאַמפּיין״, וועלכער צילט פּטור צו ווערן פון אַלע יידן, איינשליסנדיק דאָס ביסל עגיפּטישע בירגער, — און ירשנען די הונדערטער מיליאָנען פונטן, וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון ערלעכער אַרבעט.

און אויב ער ווייס דאָס — און געוויס ווייס ער מער, — גלויבט ער דען, אז מיט אזעלכע פּראָפּאגאנדע שקרים קאָן מען פארבלענדן מיינע אויגן, וואָס זעען איצט די רשעות פון דער נאָענטן, אָדער פארטויבן דעם געשריי פון די קרבנות, וואָס טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן?

* *

*

דער פריצייטיק פארשטאָרבענער דזשאָרדזש אָרוועל האָט אין זיין געניאלן בוך „1984" געגעבן א שרעקנס־בילד ווי אזוי עס וואָלט אין יענעם יאָר אויס־געזען די שטאָט לאָנדאָן, ווען דער קאָמוניזם זאָל דאָרט איבערנעמען די מאכט.

הייסט אין אָרוועלס ווערק די שרעקלעכע תפיסה „דער פּאלאץ פון ליבע". ווערט דאָרט „מלחמה גערופן מיטן וואָרט „שלום", ווערט דאָרט א גרופּע פּראָ־פעסיאָנעלע ליגנער גערופן די „אמת־זוכער".

דאָס איז די אימה, וואָס כאפּט אייך ארום, ווען איר באזוכט א פּראָ־פּאגאנדע־צענטער אין מאָסקווע, צי אין מאדריד, צי אין קאירא. די קראפט פון „גרויסן ליגן" — די וואָפן פון דיקטאטאָרס — איז אָפטמאָל אזוי מעכטיק, אז זי ווירקט סוגעסטיוו אפילו, ווען איר זעט, אז פאר אייערע אויגן רופט מען „שווארץ" ווייס און „ליגן" — אמת.

און אָט דאָ אין קאירא, זעט איר טאקע דעם טריפהנעם בונד וואָס פּאראַיי־ניקט אין איין דיקטאטאָרישן „חוט המשולש" היטלערס דייטשן, כרושטשאָווס רוסן און די אָפיצירן־קליקע פון פעאָדאלן נאסער.

א טריפהנער „קשר", קאָן קיין קיום ניט האָבן...

אויף מאָרגן בין איך איינגעלאָדן צו דער דערעפענונג פון דער סאָוועטי־שער אויסשטעלונג. שוין היינט זענען די גאסן באצירט מיט סאָוועטישע און מצרישע פאָנען צוזאמען איבערגעפלאָכטן.

שקר און „שלים־מזל" האָבן זיך אין די אָרעמס געוואָרפן...

יידישער שונא־ציון אַטאַקירט אין
עגיפּטישער פּרעסע

די רעדאַקציע פון דער גרויסער עגיפּטישער צייטונג „אכבאַר־על־יאָם" געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון קאַירא. איך האָב באַשטעלט דורכן טעלעפאָן זיך צו באַגעגענען מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר מוסטאַפאַ אַמין, וועלכער האָט וועגן מיין אָנקומען קיין מצרים באַקומען אַ בריוו פון אַ מיטגליד פון דער עגיפּטישער יו־ען דעלעגאַציע אין ניו יאָרק.

מוסטאַפאַ אַמין געהערט צו איינער פון די אַריסטאָקראַטישסטע פאַמיליעס אין עגיפּטן. כאָטש ער איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגערמאַן — אַרום פערציק יאָר אַלט — האָט ער שוין באַוויזן צו באַקומען דעם טיטל „פּאַשאַ" בעת די לעצטע יאָרן פון קעניג פאַרוקס רעזשים און איז אויך געווען אַ פירנדער פּאָליטיקער אין זיין פּאַרלאַמענט.

קאָלאָנעל נאַסער, אָבער, האָט באַוויזן אַריבערצוציען אויף זיין זייט אַ צאָל איינפלוסרייכע מענטשן פון אַלטן רעזשים און איצט איז די צייטונג „אכבאַר־על־יאָם", צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר, איינגעשפּאַנט אין רייט־וואָגן פון נאַסעריזם. קיין אָפיציעלע אָפּאָזיציע איז דאָך איבערהויפּט ניט מעגלעך אונטער דער דיקטאַטור און דעריבער איז דער אויסוואַל אַ גאַנץ פּשוטער: אָדער מען גייט מיטן רעזשים אָדער מען גייט אין תפיסה.

די רעדאַקציע געפינט זיך אין אַן אַכט־שטאָקיקער מאָדערנער געביידע, און דאָרטן, אין אַ לוקסוס קאַבינעט, וואַרט אויף מיר אַ פריינדלעכער ברונעט, דער רעדאַקטאָר מוסטאַפאַ אַמין.

אין מיינע אָפטע באַגעגענישן, אין משך פון אַ רייע יאָרן, מיט אַראַבישע פירער אין אַלע אַראַבישע לענדער, פלעגט מיך איבעררעשן די דאָזיקע אָריענטאַלישע פריינדלעכקייט, דער פּאַרטיקער שמייכל, דער וואַרעמער האַנטדרוק, וואָס קומט אַזוי אָפט פון אַ באַקאַנטן אָפענעם לעבנס־שונא פון מיין פאָלק.

איצט דאַרף מען שוין גאָרניט נתפּעל ווערן פון אַ וואַרימען שמייכל, אויב ערגיץ ווו פון הינטן איז באַהאַלטן דער שאַרפער „קינזשאַל"...

מוסטאַפאַ אַמין ווייסט, פאַרשטייט זיך, אַז איך פאַרטרעט אַן אַמעריקאַנער יידישע צייטונג.

ער האַלט, אַז אַמעריקע האָט געראַטעוועט עגיפּטן פון דער ענגליש־פראַנצויזיש־ישראַלדיקער געפאַר.

מער אַמעריקע, ווי סאָוועט־רוסלאַנד...

מוסטאַפאַ אַמין וויל מיר פשוט ניט גלויבן אַז עגיפּטישע יידן פילן זיך באַדראָט; אַז מען באַרויבט זייער פאַרמעגן; אַז זיי ווילן, ווייזט אויס, אַלע מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ניין, ניין, אוממעגלעך! מיינע בעסטע פריינט זענען דאָך יידן... איר מיינט מסתם אויסלענדער; אויך פאַר זיי וועלן מוזן קומען בעסערע צייטן, ווען עס וועט זיך אַביסל באַרויקן. מיר זענען ניט קיין באַרבאַרן... אַ מען האָט אייך אַריינגעפירט אין אַ טעות. ניט געגעבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציעס״...

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

אַזאַ שמועס אין די געגעבענע באַדינגונגען האָט ניט קיין גרויס באַדייטונג, און איך וואָלט אים אפשר אינגאַנצן ניט דערמאָנט ווען ניט אַ פּיקאַנטער פאַקט, וואָס גראָד די דאָזיקע צייטונג, — ווי איך זע איצט, — האָט שאַרף און אומברחמנותדיק אָנגעגריפן דעם „עוכר ישראל״ (אַזוי איז דער טיטול, מיט וועלכן די פירער פון עגיפּטישן יידנטום האָבן אים באַקרוינט), דעם אַמעריקאַנער אורח אַלפרעד ליליענטאַל.

דאַרף איך דעם דאָזיקן „כאַראַקטער״ פאָרשטעלן פאַר די לעזער פון אַ יידישער צייטונג?

דאָס איז ער, — דער ראַטגעבער פון אַמעריקאַנער פּראָ־אַראַבישן קאָמי־טעט, דער נאָענטער מיטאַרבעטער פון דער אַמאָליקער פּעט־באַצאָלטער פּראָ־ציוניסטישער מגידיכע דאָראָטי טהאָמפּסאָן, וואָס האָט איבערגעקערט דעם פּעלץ און איז געוואָרן אַ ביטערע אַנטיסעמיטקע.

דאָס איז ער, — וועמען אַלע אַראַבישע מלכים נעמען אויף אין זייערע פּאַ־לאַצן און פאַר וועמען ישראל פאַרשפּאַרט איר טיר, ווי פאַר אַ פּעסט; דאָס איז דער מחבר פון אַ פּאָר ישראל־פרעסענדע ביכער („די יידישע פאָן איז ניט מיינע״, „וואָס פאַר אַ פּרייז צאָלן מיר פאַר ישראל״).

„כלבים בוכים, מלאך המות בא לעיר״, זאָגט די גמרא, וואָס לאָזט זיך אויסטייטשן: „ווען הינט וויינען איז אַ סימן אַז דער מלאך־המות איז געקומען אין שטאָט״ איז אַ סימן, אַז ליליענטאַל איז אין שטאָט.

מיט צוויי יאָר צוריק (אויך דאַן האָבן, „הינט געוויינט״), איז געקומען נאָסערס אַן אַדיוטאַנט צום הויפּט־רב ר׳ חיים נחום, און מיטגעטיילט, אַז ליליענטאַל איז אין קאַיראָ און פאַרלאַנגט, אַז די קהילה זאָל איינאָרדענען אַן אויפנאַמע פאַר אים מיט דער עגיפּטישער פרעסע צוזאַמען. ס׳איז קיין ברירה ניט געווען און אַזאַ אויפנאַמע איז פאָרגעקומען.

מען האָט געהערט ליליענטאַלן שפּייען גאַל אויף ישראל און אויף אַמע־ריקאַנער ציוניסטן.

די יידן זענען געזעסן אין געהאַקטע וווּנדן און גאַרניט געענטפערט.

דעמאָלט האָבן זיי דעם אורח באַשאָנקען מיטן פּיל־זאַגנדיקן טיטול „עוכר ישראל" (פאַררעטער פון יידן).

און אויך איצט, טאַקע גלייך נאָך דער סיני־אַקציע, ווען די ווונדן זענען נאָך געווען פריש, ווען צייטווייליקע תפיסות און מיליטערישע באַראַקן זענען פול געווען מיט אַרעסטירטע יידן; ווען דער פּראָצעס פון פאַרמעגן־קאָנפיסקאַציע איז אָנגעגאַנגען אַמשאַרפסטן און די דעפּאָרטאַציעס אומבּרחמנותדיק, האָט זיך „פּאַיאַוועט" אין קאַירא דער זעלבער אַלפרעד ליליענטאַל, געקומען דאָ כדי צו העלפן נאַסערן זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער לאַגע אין באַצוג צו אַמעריקע.

דאָס מאָל איז ער אַפילו אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אויך קאַלט אויפגענומען געוואָרן.

אויב מיט צוויי יאָר צוריק האָט דאָס אויסגעקוקט, ווי דער דאַמאָלטדיקער אַמבאַסאַדאָר הענרי באַיראָוד וואָלט געווען אַ שותף צו נאַסערס „יידישן" געהויבענעם גאַסט, האָט מען דאָס מאָל, ווייזט אויס, מער לויט אַ ווונק פון וואַשינגטאָן, ווי לויט אינערלעכער איבערצייגונג פון איצטיקן דיפּלאָמאַטישן פאָרטרעטער, זיך מיט אים ניט געוואָלט פאַרנעמען.

„מיר ווייסן ניט, וואָס ער זוכט דאָ", האָט מיר געזאָגט אַ פאַראַנטוואָרטלע־כער סטאַף־מיטגליד.

און צוגעגעבן: „ליליענטאַל איז אַ טיפּישער עקסטראַווערט (אַ מענטש, וואָס לעבט נאָר פאַר אויסערלעכע עפעקטן). אונז, זאָגט ער, אַז ער אַרבעט פאַר אַמעריקאַנער אינטערעסן; די אַראַבער זאָגט ער, אַז ער דינט זיי; איך אָבער מיין, אַז ער דינט נאָר איין־איינציקן אינטערעס, און דאָס איז: ליליענטאַל"...

זיץ איך איצט מיט אַ פירענדן אַראַבישן זשורנאַליסט, אין וועמעס צייטונג עס איז געווען מיט אייניקע טעג צוריק דער אָנפאַל אויף ליליענטאַלן.

ס'איז מיר באַקאַנט אַז דער פּרעזידענט נאַסער אַליין און ספּעציעל זיין פּראָ־פּאַגאַנדע־שעף קוירנעל האַטעם האָבן זיך געצאַצקעט מיט זייער „יידישן" גאַסט, און דאָך האָט די גרעסטע עגיפּטישע צייטונג אים אַטאַקירט. ווי אַזוי קאָן דאָס פּאַרקומען אין אַ לאַנד, וווּ די פּרעסע איז שטרענג צענזורירט?

ווייל איך זיך ניט נאַריש מאַכן און פרעגן מיין מיטשפּרעכער, דעם רעדאַק־טאָר, אַזאַ נאַאיווע פראַגע, ווייל די תשובה האָט מיר שוין געגעבן אַמאָל דער „דראַגאָמאַן" פון סירישן שייך:

„דער פאַקט, וואָס מיר נעמען־אויף מיט אָפענע אָרעמס אַ גאַסט בייטאָג, שליסט נאָך ניט אויס די מעגלעכקייט, מיר זאָלן אים שטעכן מיט אַ מעסער ביינאַכט"...

פונדעסטוועגן בעט איך מיין רעדאַקטאָר אַז ער זאָל זיך מיט מיר טיילן מיט זיינע איינדרוקן איבער ליליענטאַלן; איינדרוקן, וואָס זענען געווען געדרוקט אין אַראַביש און איך האָב זיי דעריבער ניט געקאָנט פאַרשטיין.

אָנשטאָט אַ תשובה, נעמט מוסטאַפאַ אַמין אַרויס אַ פראַנצויזישע איבער־זעצונג פון דערמאָנטן אַרטיקל און גיט דאָס מיר איבער מיט אַ שמייכל, זאָגנדיק:

„אדרבא, דערציילט טאַקע אייערע לעזער, וואָס מיר טראַכטן וועגן אַ יידן, וועמעס „ליבעס־דערקלערונגען" מיר געטרויען ניט"...

און אָט זענען אויסצוגן פון יענער באַגעגעניש, ווי זי איז באַשריבן אין אַראַביש אין „אכבאַר־על־יאָם".

„אויב איר גייט אַריין אין לאָבי פון האָטעל טעמיראַמיס און דערזעט דאָרטן אַ קורצגעוויקסיקן נפש מיט אַ האָרבאַטן נאָז, גרינע ליפּנדע אויגן און אַ געלבלעך געזיכט; אויב דאָס מענטשל באַגריסט אייך, כאָטש איר קענט אים ניט; אויב ער דערציילט אייך וועגן יידן ניט געפרעגטערהייט; אויב ער שרייט אויס, אַז ער דינט די אַראַבישע יידן אָן קאָמפּענסאַציע, — איז דאָס אַלפרעד ליליענטאַל.

„פרעג איך אים: „וואָס טוט איר איצט אין עגיפּטן? „ענטפערט ער: „איך בין געקומען זען, צי מען פאַרפאָלגט יידן אין אייער לאַנד. איך האָב אָבער פעסטגעשטעלט אַז יידן לעבן דאָ רואיק און זיכער... איך בין אויך געקומען אייך זאָגן, אַז די פאָן פון ציוניזם איז ניט די פאָן פון אַמעריקאַנער יידן; מיר זענען יודאַאיסטן, אָנהענגער פון דער יידישע רעליגיע און ניט קיין ציוניסטן, אָנהענ־גער פון ישראל. זעט נאָר אין וואָס פאַר אַ געפאַר ציוניזם שטעלט אַלע יידן פון דער וועלט; טאָמער פאָדערט די פּאָליטיש קאָניונקטור, אַז ישראל זאָל זיך פאַרייניקן מיט די סאָוועטן, שטעלט דאָס אין געפאַר די יידן, פון די אַראַבישע לענדער, מאַכט דאָס אוממעגלעך, אַז יידן זאָלן לעבן צווישן אַראַבער"...

„זאָגט מיר, וואָס רעדט מען דאָ וועגן מיר?" פרעגט ער פּלוצלינג.

איך ענטפער אָן סענטימענטן: „מען גלויבט אייך ניט! מען האַלט אייך פאַרן זעלבן אַמעריקאַנער ייד, ווי אַלע אַנדערע, און אַלע זענען זיי שטאַרקערע, אָדער שוואַכערע, ציוניסטן"...

ליליענטאַל איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן זענען געוואָרן רויט, זיין געזיכט — נאָך געלער און פול מיט כעס:

„נו, אויב אַזוי, זענען אַלע מיינע באַמיאונגען פאַר די אַראַבער אַרויסגע־וואָרפן... מען געטרויט מיר ניט? מיר, אויף וועמען יידן אין אַמעריקע האָבן דערקלערט אַ באָיקאָט?"...

„יאָ, אייך! ווייל אין אייער בוך רעדט איר נאָר וועגן אַמעריקאַנער יידן, וועגן זייער טובה, וועגן דעם, אַז זיי לאָזן זיך פאַרפירן פון טרומאַנען און ציוניסטן; אָבער איר רעדט ניט וועגן די ליידן פון די אַראַבער; איר רופט ניט אַמעריקע זאָל זיי צו־הילף קומען"...

„איך גלויב ניט, אז וועלכער עס־איז אמעריקאנער האט בעסער געדינט די אראבישע אינטערעסן ווי איך... און איצט דארף איך הערן אזעלכע ווערטער”...

„מעגלעך! אבער אויף מיר מאכט איר אן איינדרוק פון א מענטשן, וואס ווייס ווי אויסצונוצן געלעגנהייטן און פון זיי פראפיטירן. איר שטייט אינמיטן, אין „קיינעמס לאנד” ניט, צווישן אראבער און ציוניסטן. איר פארקויפט אייער פען פאר גרויס געלט דארט, ווו מען צאלט דערפאר... די אראבער שיסן ניט אויף אייך, ווייל איר זידלט יידן; און די יידן שיסן ניט אויף אייך ווייל איר זענט זייעריקער, און נאך אן אמעריקאנער דערצו... איר קומט אריין אין אלע אראבישע לענדער אן א וויזע, און אז איר ווילט פארן קיין ישראל, מוזט איר בעטן א ספעציעלע דערלויבעניש... זאגט מיר, איז דאס נארמאל?...”

„מיין גאט, איך ווייס שוין ניט וואס צו טאן פאר די אראבער, ווי אזוי יוצא זיין פאר זיי? איך בין פאראיינזאמט; קיינער גלויבט מיר ניט, ניט קיין מענער, ניט קיין פרויען”...

„אפילו ניט אייער אייגענע פרוי?”

„איך בין נאך א בחור”...

„אבער אז איר וואלט חתונה געהאט, צי וואלט איר גענומען א יידישקע, א מוסולמענישע, אדער א קריסטין?”

„קיין שום יידישע טאכטער וועט פאר מיר ניט חתונה האבן... מען האלט ניט פון מיר צווישן יידן, ווייל איך בין איינגאנצן פאר די אראבישע אינטערעסן. און כדי איך זאל חתונה האבן מיט א מוסולמענישער אדער קריסטין, דארף איך דאך בייטן מיין רעליגיע, דאן הערט דאך אויף מיין קראפט אלס יידישער פרא־אראבער”...

„אהא... דעמאלט הערט דאך אויף די ביזנעס צו טראגן רווחים”.

ער באליידיקט זיך און מיר געזעגענען זיך קאלט.

„ווידעראמאל זע איך ווי די אויגן זיינע לויפן. ער רעדט צו אייך און איר פילט, אז ער איז נישט מיט אייך. פאקטיש איז ער מיט קיינעם נישט, נישט מיט די אראבער, נישט מיט די יידן, נישט מיט די אמעריקאנער: ער איז מיט זיך אליין און נאר מיט זיך...”

אונטער דעם דאזיקן סענסאציאנעלן ארטיקל איז אונטערגעשריבן דער מחבר אנים מאנסור.

איך קען זיך נישט איינהאלטן צו בעטן מיין מיטשפרעכער, דעם רעדאקטאר, ער זאל דריקן די הענט פון יענעם מיטארבעטער, וואס האט דעם אינטערוויו מיט ליליענטאלן געמאכט: מען דארף האבן דרייסטקייט און וויזיע אזוי דורך־און־דורך צו זען און פארשטיין דעם דאזיקן מאדנעם פארשוין, וואס דערוועקט נישט קיין צוטרוי אין קיינעמס לאגער.

מוסטאַפאַ אַמין שמייכלט אַ ביסל ביטרע:

„איר האָט שוין איצט געדריקט די האַנט פון מחבר...״

פאַרשטיי איך, אַז ער אַליין איז דאָס דער שרייבער, וואָס האָט אויף אַזאַ געוואַגטן אופן אויסגעפּאַטשט עפּנטלעך דעם ערן־גאַסט פון פּרעזידענט נאַסער.

פאַרוואָס? זאָל דאָס זיין געמאַכט אויף אַ געהיימען באַפעל פון גאַסטגעבער אַליין? עס קאָן זיין...

פאַראַן נאָך אַ ייד אין עגיפּטן, אַ רייכער אַדוואָקאַט פון אַלעקסאַנדריע, — זאַקי אָרעבי, — וועלכער שטייט איצט איינער אַליין קעגן גאַנצן עגיפּטישן קהל און זידלט און באַרעכטיקט די צרות, וואָס שיטן זיך אויף זיי: „זאָלן זיי אַלע אַרויס! די, וואָס האָבן פראַנצויזישע, עסטרייכישע, איטאַליענישע אָדער שפּאַ־נישע פּעסער. דאָס זיינען פרעמדע! זאָלן אויך אַרויס די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין עגיפּטישע בירגערשאַפט, די שטאַטלאָזע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט איינ־געוואָרצלט אין לאַנד, כאָטש זייערע אבות לעבן דאָ זינט לאַנגע דורות...״

אַזוי דרשנט און שרייבט דער דאָזיקער לאָקאַלער עוכר ישראל, פאַר וועלכן אַלע האָבן מורא, ווייל אויך ער איז אַ פּערזענלעכער פריינט פון נאַסערן.

אַן אַנפירער פון עגיפּטישן יידנטום האָט פּרובירט ווירקן אויף דעם דאָזיקן אַדוואָקאַט און אויפווייזן אים ווי ווייט שעדלעך זיינע ווערטער זיינען אין דער איצטיקער צייט. ער האָט אים דערמאָנט, אַז אַלס אַדוואָקאַט ווייסט ער דאָך, אַז פיל טויזנטער יידן, די אַזויגערופענע שטאַטסלאָזע, האָט מען פּשוט נישט געגעבן די לעגאַלע מעגלעכקייט צו ווערן עגיפּטישע בירגער, אַז נישט מער ווי צען פּראָצענט פון די יידן באַזיצן עגיפּטישע פּעסער, און דעריבער רופט ער דאָך אַליין צו פאַרניכטן און רואינירן די איבעריקע ניינציק פּראָצענט.

אָבער זאַקי אָרעבי לאָזט זיך ניט איבערצייגן. דאָס האָט ער צוזאַמען מיט אַלפרעד ליליענטאַלן אָנגעפירט די פּרעסע־קאָנפערענץ, ווו ביידע „יידן״, דער אַמעריקאַנער און דער עגיפּטישער, האָבן דערקלערט פאַר דער עפנטלעכקייט אַז נאַסער און זיין משפּט זיינען גערעכט.

ווי געשיכטע ווידערהאָלט זיך אָפט: ווען איך בין געווען אין עגיפּטן נאָכן ערשטן קריג מיט ישראל, אין יאָר 1950, און געווען אין דער פּריוואַטער וווינונג פון חכם באַשי ר׳ חיים נחום, איז דאָרט אַריינגעקומען עפּעס אַ זעלבסטזיכערער, פּרעכער פאַרשוין מיט אַ רויטן פעז אויפן קאָפּ. די אַרומיקע האָבן זיך אַזוי ווי פאַר עפּעס דערשראָקן און דער סעקרעטאַר פון הויפּט־רב האָט מיר געראָטן זיך מיט דעם דאָזיקן מענטש נישט צו באַגעגענען און שנעל פאַרלאָזן די שטוב:

„דאָס איז דער סענאַטאָר רענע קאַטואַלי, אַ פריינט פון קעניג פאַרוק, און כאָטש אַ ייד, איז ער אַ שונא ישראל. בעתן קריג האָט ער אפילו אָרגאַניזירט

מיט אייגענע מיטלען אַן אַראַבישע מיליטערישע אָפּטיילונג און פּערזענלעך אָנגע־פירט מיט איר די אָפּטיילונג איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, און רענע קאַטואַלי, האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט. ער איז פאַרביטערט קעגן אַמעריקאַנער יידן. ס'איז בעסער זיך פאַר אים ניט צו באַווייזן..."

בין איך שנעל אַרויס פון רבס דירה. אָבער בעת מיין איצטיקן וויזיט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז רענע קאַטואַלי איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון עגיפּטן צוזאַ־מען מיט דעם מלך פאַרוק און זיין קאָרומפּירטער קליקע.

ס'האָט ניט געהאָלפן סיי זיין שנאת ישראל סיי זיין הויכע שטעלע. קיינער איז מיט קיין זאַך נישט זיכער אין די דאָזיקע לענדער, וווּ מען לעבט מיטן האַזאַרד און מען שפּילט זייער אָפט „וואַ באַנק".

ווען עס וועט קומען די רייע אויף גלות נאַסער, וועט אים מסתמא אויך נאָכלויפן זאַקי אָרעבי, אויב פאַרשטייט זיך, דאָס פאָלק וועט זיי לאָזן אַרויס־לויפן לעבעדיקערהייט...

אין דרוק:

פון קרעמל ביז די פּיראמידן

אינגיכן דערשיינט אין אונדזער פאַרלאַג
דערדאָזיקער צאַפּלדיק־פּרישער רעפּאָרטאַזש
פון ד״ר חיים שאָשקעס וועגן דער יידישער
לאַגע אין רוסלאַנד און עגיפּטן.

בילדער



א שמועס מיטן פּרעזידענט פון קאָסטאַ־ריקאַ פיגוערעז



אין די ווילדענישן פון קאָלאָמביאַ:

דער פּרעזידענט גענעראַל ראָכאַס פּינילאַ דערציילט די זשורנאַליסטן איבער די ניט אויסגעפאָרשטע „דזשאַנגלס" פון זיין לאַנד

א טיי מיט די וויכטיקסטע פירער פון ישוב אין מעקסיקא:

דער רעליגיעזער פירער פון די „מעקסיקאנער אינדיער" אדוואקאט לאאוראנא ראמירעז, באקומט פון ד״ר ח. שאשקעס די ספר־תורה פאר זיין קהילה

אַ באַגעגעניש אין ריאָ מיטן כנסת־פּרעזידענט יוסף שפּרינצאַק



מיטן פּרעזידענט פון טשילע, גענעראַל קאַרלאָס איבאַנעז

מעללאַ (געטאָ) אין טעטואַן, שפּאַניער מאַראָקאָ



די סינאַגאָגע „על טראַנסיטאָ" אין טאָלעדאָ (1357)

ד״ר שאָשקעס צווישן צוויי מיניסטאָרן פון דער רעפּובליק
„גאָלד־קאָוסט״

אויף דעם אינאַגוראַציע־באַל אין מאָנראָוויאַ (ליבעריאַ) לכבוד דער נעגרישן פּרעזידענט וויליאַם טובמאַן. אַרום טיש דער פּרעזידענט, דער מחבר, פאָרשטייער פון שכנישע רעפּובליקן און דער אַמבאַסאַדאָר פון יאַפּאַן



דער איינציקער ייד אין ליבעריאַ סימאָן סימאָנאָוויטש אין געזעלשאַפט
פון ישראל-אַמבאַסאַדאָר ד״ר דניאל לעווין און דער מחבר

אין אַ קאַלטן ווינטער פאַרטאָג אויפן יאַגד אין דזשאָנגל
(קאָנגאָ, אַפריקע)

וואַרשע, אויגוסט 1956

יונגע יידן שטופּן זיך פאר די טירן פון ישראל קאָנסולאַט כדי צו באקומען אַ וויזע...

מאָסקווע, אויגוסט, 1956

אַן עולם ייִנגערע יידן אין אַ יום־טוב טאָג שטייען פאַר די טויערן פון מאָסקווער שול.

אַ באַגעגעניש מיט יידישע שרייבערס אין מאָסקווע
(אויגוסט 1956)
אויפן בילד פון רעכטס צו לינקס — זיצן: שטערענבערג, אסתר מארקיש, ד"ר ח. שאָשקעס, אהרן ווערגעלים, רחל בוימוואל; שטייען: א. גאנטאר, י. אוילבירט, סערעברעני, לובאָמירסקי

דער מאָסקווער רב ר' שלמה שליפער דאוונט פאַרן עמוד אין מאָסקווער שול
(אויגוסט 1956)



ד״ר ח.שאָשקעס מיט די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה פון ביירוט
לבנון — דער ג.עוויקסיקער מאַן אינמיטן איז דער פאָרשטייער פון
אַנטי־ציוניסטישן דזשודאַאיזם־קאָונסיל „רב" עלמער בערגער



דורך מצרים: פּיראַמידן און ספינקס



דער עגיפּטישער אינפֿאָרמאַציע מיניסטער קוירנעל אַבדעל קאַדער האַטעם
באַגריסט ד"ר ח. שאַשקעס אין ביוראָ פֿון מיניסטעריום אין קאַירע

יידן פֿון די דערפֿער אַרום קאַירע פֿאַרשרייבן זיך פֿאַר עמיגראַציע
(קאַירע)



בר־מצוה בחורים אין קאירער איזמאַאילאַ־שול, קושן די הענט פון הויפּט־רב ר׳ חיים נחום עפענדי. לעבן אים זיצט זיין געהילף הר׳ ר׳ אברהם שועיקאַ

אויף דער בימה פון דער איזמאַאילאַ־שול אין קאַיראָ:

פון רעכטס צו לינקס: דער חזן, דער הויפּט־רב ר׳חיים נחום עפענדי, דער פּרעזידענט פון עגיפּטער יידן סאַלוואַטאָר סיקורעל, ד״ר חיים שאָשקעס, הרב אברהם שועייקאַ, יצחק פּרחי

ÊSTE LIVRO FOI COMPÔSTO E IMPRESSO EM MAIO, 1957, NOS

Estabelecimentos Gráficos "Monte Scopus" Ltda.

Rua Bittencourt Sampaio, 129

RIO DE JANEIRO — BRASIL

H. Shoskes

VIAGENS EM REDOR DO MUNDO

Rio, 1957

מסעות ר׳ חיים